STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08271

AMOL IZ GEVEN

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סאם ליפצין



אַמאָל איז געווען...

עפּיזאָדן פון סוועט־שאַפּ

בילדער פון די „גרינע" יאָרן

קאַמף פאַר טרעיד־יוניאָניזם אין אַמעריקע

פאַרלאַג „אַמכאָ"

ניו־יאָרק • 1951

ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין (אָנקל סעם):

גוט־מאָרגן
אַ פריילעכס
קאַמפסלוסטיג
קריג און זיג
לאָמיר זינגען
ניטגעדאַיגעט
אַ גוט־יאָנטעוו
הערט אַ מעשה
רויטע פעפערלעך
פאַר רויטע אָוונטן
לעבעדיג און לוסטיג
צע־לאַכ־עס די טרערן
מיט געזאַנג אין קאַמף
געקעמפט און געלאַכט
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאַך פון דער וועלט
קוועקזילבער׳ס פענשטיפערייען
„אין ספּאַיט אָוו טיערס״ (ענגליש)
שפּיל — צום ציל

אַמאָל איז געווען...

IN DAYS OF YORE

Copyright 1951, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.

גרייט צום דרוק:

1) „פאַר פרייד און פרידן״ (הומאָר און סאַטירע)
2) „נעכטיגע טעג״ (קינדער מעשה׳לעך, פאַר קליין און גרויס)
3) „לייכטע פערזן״ (רעציטאַציעס און אַפאָריזמען)

פראָמפּט פרעס, 113 — 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.
209

אינהאַלט

ענגלישע און פאַך־ווערטער פאַרטייטשט 5

אַריינפיר 7

איך פאָר אין דעם „גאָלדענעם לאַנד“ 11

משה דער לאַנגער און זיין ברייטע אידענע 17

בענדזשאַמין כאָליעריע 23

שווינדלען אויפ׳ן „חזיר־מאַרק“ 26

אַ שבת׳דיגער וועקזייגער 29

פאַרלאָרן די הויזן 33

אין אַ גענגסטער שאַפּ אויף מאלבערי סטריט 37

געווען אַ קצב און געוואָרן אַ הויט־שינדער 41

אַ „טויבער“ באַלעבאָס מיט געזונטע אויערן 45

אָפּגעשפּילט אַ חתונה אין שאַפּ 49

באַלעבאַטים ־ סאַדיסטן 53

כאָנע מילער׳ס „סאָסייעטע“ 57

וואָס פרויען־אַרבעטער האָבן אַמאָל געמעגט און וואָס ניט 60

קאָן ניט צוזען שקלאַפעריי עפנט ער אַ „קאָרפּאָרעישאָן“־שאַפּ 65

ביי אַ באָס מיט אַ כאַמסקער „אינטעליגענץ“ 69

מיין ערשטער מאַרש דעם ערשטן מאַי 73

אַ פאַרשטערטער פּסח 77

שניידער מיט פענסנע 81

אַ מאַמע אין אַ „פּיקעט־לאַין“ געגן זון 85

אַ רעסטאָראַן פאַר ראַצן און אַנדערע אַזוינע באַשעפענישן 89

קינדער־אַרבעט אין די סוועט־שעפער 93

די היים־אַרבעט אין אַמאָליגער סוועט־שאַפּ־סיסטעם 98

אַ באָסל, וואָס האָט געקראָגן אַ פאַרדינטן סוף 102

„משה פּופּיק“ און זיינע מעלות 105

אין אַ שאַפּ וואו מען האָט „גערעדט מיט די הענט“ 109

אַ ביטערער באָס מיט אַ זיסן נאָמען 112

אין אַ לאָקאַל יוניאָן פון אַמאָל 116

סוועט־שעפער מיט יוניאָן־לעיבלס 119

טשיקאַווע פאַסירונגלעך 123

ווי אַזוי הילמאַן און שלאָסבערג זיינען דערוויילט געוואָרן
אַלס ערשטע באַאַמטע פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד“ 127

אין די ערשטע יאָרן פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד“ 131

די „פּופּיקלעך פּרעסער“ צעפרעסן די יוניאָן 136

אַן „אידעאַליסט“ אַ קאָרפּאָרעישאָניק 140

טיפּן פון אַמאָליגע „וואָקינג־דעלעגאַטן“ 145

אַ סוועט־שאַפּ מיט „אימפּרואוומענטס“ 149

מאַדנע סקעבס ... 154
דער סוף פון אַ סקעב־אַגענט ... 157
אַ קאַמף פאַר מענטשלעכע טאַילעטס ... 159
ווי אַזוי פענצאַק איז געוואָרן אַ סוועט־שאַפּ קאָנטראַקטאָר ... 163
אַמאָליגע אַנטי־יוניאָן פעסטונג ... 167
חלומות פון אַנטי־יוניאָן באַלעבאַטים ... 170
מ׳הערט אונז ווי אין „טראָק“ ... 173
ווען אַ פרוי האָט איר מאַן, אַ סקעב, געפּאַקט מיט אַ געליבטער ... 177
אַ מעשה מיט אויל־קלאָט, גרעפּט און פאַלשע באַלעטס ... 180
רעקעטירער פאַראייניגן זיך ... 184
אַמאַלגאַמעישאָן און „אַלגאַמעישאָן“ ... 188
געסט אויף פסח ... 193
מיין ברודער כאַפּט קלעפּ פאַר מיר ... 197
אַ יאַריד אין אַ קליידער־שאַפּ ... 200
ווי ער „סטרייקט“ אויס צו קריגן אַ יוניאָן־ביכל ... 203
פאַרוואָס אַ „וואָקינג־דעלעגאַט“ האָט געכאַפּט קלעפּ ... 206
אַ מעשה וועגן צוויי פינגער מיט אַ פייג ... 209
ווי צוויי קאָהנס האָבן אַ קאַהאַן באַזאָרגט מיט אַ זייגערל ... 211
אַ באָס וואָס איז אַנטלאָפן מיט דער קאַסע ... 214
אַ שאַפּ אין אַ פינגערהוט ... 216
קרעפּט יוניאָניזם און גרעפּט מעטאָדן ... 219
אַ חתונה אין אַ „בוטלעג“־שאַפּ ... 223
פוילע שטיק פאַר שטיק־אַרבעט ... 225
אַ קאַמף פאַר פרויען־רעכט ... 228
מ׳נעמט זיך צו די אַריסטאָקראַטישע שעפער ... 232
יוניאָן צו פאַרקויפן ... 236
פאַרבלאָנדזשעטע סקעבס און פראָסטיטוטקעס ... 239
געהאַט צו זינגען און צו זאָגן ... 242
דער סוף פון אַ ביוראָקראַט און אַ קעמפער ... 244
לעפקע — צאָלט לעפקע־געלט ... 247
איך טראַכט פון אָנטאָן מיידלשע קליידער ... 252
שיקאַגער „גענג“ גרייט זיך צו מאַכן אַ „קידנעפּינג“ ... 255
אַ נייע אַרבעט — זוכן אַרבעט ... 257
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל ... 258
אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער האָבן געשריבן וועגן מחבר ... 261

פאָדער־בלאַט — פון זוני מאָוד.
צייכענונגען — פון וויליאַם גראָפּער און זוני מאָוד.
פאָטאָגראַפיעס — פון פאול באָרנשטיין.

ענגלישע און פאַך-ווערטער פאַרטייטשט

אינדזשאַנקשאַן — אַ געריכט דערלויבעניש צו פאַרווערן וואָס טאָן.

אַלרייט — פיין, ריכטיג.

אַמאַלגאַמעישאַן — פאַראייניגונג.

אָווערטיים — אַרבעטן איבער דער צייט.

אַפידעווייטס — געשאָוואָרענע באַווייזן.

בוטלעג — ניט געזעצלעכע געשעפטן.

בלאָף — ליגן.

בלעקליסט — שוואַרצער צעטל.

באָמס — הפקר־יונגען.

באַגראַדן — באַשניידן.

בייסטן — פאַרסטריגעווען.

בולדאָזן — סטראַשען, נעמען אויף זיכער.

בלאַפט עדזש — ניט געשטעפט.

באָטנהאָל — קנעפלעכלעך.

באַנדלס — פעקלעך אַרבעט.

באַיער — איינקויפער.

בייסטנפולער — פאַרסטריגע־ציער.

גריוונס־באָארד — אַרבעטער־געריכט.

געים — אַ שפּיל.

גרעפטער — כאַבאַרניק.

גענגסטער — באַנדעס, שלעגער.

דילס — בלאַטע אָפּמאַכן.

דזשעניטאָר — אויפפּאַסער אויף אַ הויז.

דזשאָב — אַ פּלאַץ צו דער אַרבעט.

דזשאַדזש — ריכטער.

דעפּאָזיט — האַנט־געלט, פאַרזיכערונג.

האָבי — צייט־פאַרטרייב.

העד — הויפּט.

העד־טשעק — אַ טשעק וואָס מ׳דאַרף גוטמאַכן.

וואָקינג־דעלעגאַט — יוניאָן־פאַרשטייער.

וואַטשמאַן — וועכטער.

חזיר־מאַרק — צונאָמען פון אַ בירזע פאַר די שניידער, וואו די באַלעבאַטים פלעגן קו־מען אין פאַרק זיך ריען זוכנדיג ביליגע „הענט".

טרימינג — אונטערשלאַק, פאָדים, קנעפלעך, א. אַז. וו.

טשאַריטי — צדקה, בעטל־ברויט, מעות־חיטים.

טולס — געצייג.

טים — אַ צוזאַמענאַרבעט פון אַ גרופּע.

טרואַנט־אָפיסערס — פּאָליציי פאַר קינדער.

טעמעני — אַ צונאָמען פאַר קאָרופּציע, גרעפט.

טוירנער — איבערדרייען אַרבעט.

טאַילעט — וואַשצימער.

לעיבאָר־פייקער — אַרבעטער־פאַרפירער.

לעיק — אָזערע.

מעמבערשיפּ־קאָמיטעט — קאָמיטעט אַריינצו־נעמען מיטגלידער.

מאַוטה־פּיס — אַ מויל, וואָס רעדט פאַר אַ צווייטן.

מופּט — קלייבט זיך אַרויס.

מענעדזשן — אָנפירן אַ געשעפט.

מעטשן — צופּאַסן.

סטאָפּעדזש — אָפּשטעל פון אַרבעט.

סוועט־שאַפּ — שוויץ־פאַבריק.

סקאַילאַיט — אַ צעטיילונג צווישן צוויי גע־ביידעס.

סוט — גאַרניטער.

סטראַפּ — אַ פּאַס.

סעט — אַ צוגעפּאַסטע גרופּע.

סעקיוריטי — פאַרזיכערונג.

סקים — קונצן, שווינדל.

סטאַק־רום — אַ פּלאַץ צו האַלטן סחורה.

סקעב — דער וואָס בלייבט אַרבעטן אין צייט פון סטרייק.

סלעק — אַרבעטסלאָזיגקייט.

ענעקס — אַ זייטיגע געביידע.

פּיקעטן — היטן געגן סקעבס.

פּאָון־שאַפּ — אַ פּלאַץ צו פאַר׳משכונ׳ען.

פּאווער — עלעקטרישע קראַפט.

פּול — איינפלוס פון אַ זייטיגן.

פּערעד — לייגט אויס צום פּאָר.

פּעי (פּעידעי) — שכירות, טאָג פון שכירות.

„פאָרווערטס"־באָיעס — „ווואוילע יונגען" אַרום „פאָרווערטס".

פּייערעסקעיפּ — דרויסנדיגער אַרונטערגאַנג פאַר אַ פייער.

פעלער־האַנט — אַרומנייעןביים האַנט.

פלאָר־באָי — אַ אינגל וואָס טראָגט צו די אַרבעט.

פאָרמאַן — אָנפירער פון אַרבעט אין פאַבריק.

פינישער — אַ שניידער, וואָס ענדיגט אַרויס די אַרבעט.

קיקער — איינער וואָס איז אומצופרידן, ברי־קעט זיך.

קאַטער — צושניידער.

קאָרפּאָרעישאַן — אַ פאַראייניגטער געשעפט.

רעמניצעס — רעשטלעך סחורה.

רעיז — העכערונג.

רענט — דירה־געלט.

רעקעטיר — איינער וואָס פירט אָן אונטער־וועלט געשעפטן.

אונזער האַרציגן דאַנק

דעם אַמאַלגאַמעיטעד קולטור־קלוב, אָרגאַניזאַציעס און יחידים פון ניו־יאָרק, ווי איבערן לאַנד, פאַר העלפן אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן דאָס בוך „אַמאָל איז געווען“

דר. מאַקס סילווער (ניו יאָרק)
הערי קעסלער (ניו יאָרק)
ר. און ל. אָלבערט
(מאונט ווערנאן)
נייטאַן קאהן (דעטראָיט)
דזשעני גלאַדסטאון (מיאַמי)
ה. גליקמאַן (ניו יאָרק)
פיליפ גאָלדבערג (ברוקלין, נ. י.)
דזשעק גאָלדבערג (וואַשינגטאָן)
א. גרימטשער (ברוקלין, נ. י.)
שמואל קויפמאַן (בראָנקס, נ. י.)
א. ה. לעווענסאָן (פּענ.)
דר. ל. און ט. מייזאוו (טעקסאַס)
מ. מ. (ווירדזשיניא)
א. פּעשקאָוו (ברוקלין, נ. י.)
עליע מאַרקס (נ״י)
ה. וואָלנער (נ. דזש.)

ל. און פ. פּעקער (מיאַמי ביטש)
מ. און א. ראָזען (ניו בראָנזוויק)
היימאַן סילווער (בראָנקס, נ. י.)
דזש. ס. (מיאַמי ביטש)
ה. ווינער (ניו יאָרק)
ש. ווינער (ברייטאָן, נ. י.)
מ. ז. (ניו יאָרק)
דזשאו גודמאַן
(לאָס אַנדזשעלעס)
פ. קאַרלין (שיקאַגאָ)
מ. סאָלקאָוו (באָסטאָן)
ל. ריטץ (קאָנעטיקוט)
אסתר בעקער (קענזעס סיטי)
דזש. קאָבלינץ (ניו יאָרק)
פיני פּערלמוטער (ניו יאָרק)
וואולף ווײַס (ניו יאָרק
מ. קאהן (ניו יאָרק)

מיט אַכטונג,

ליפּצין בוך-קאָמיטעט



סעם ליפּצין

אַרייַנפֿיר

אַדאַנק דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג, האָט דער אַרבעטער אין אַמע־ריקע דערלאַנגט אַ היבשן שפּאַן פֿאָראויס אין דעם לעצטן האַלבן יאָר־הונדערט.

ווען די יונגע מיטגלידער אין די טרעיד־יוניאָנס, הערן אָפּט ווי די עלטערע אַרבעטער דערציילן וועגן די „סוועט־שעפּער" פֿון די פֿריערדיגע יאָרן, וועגן די גרויסן קאַמפּן, וואָס דער אַרבעטער האָט געדאַרפֿט דורכ־גיין, די גרויסע קרבנות וואָס די פּיאָנערן פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע האָבן געבראַכט, איז דאָס פֿאַר זיי פּשוט אוממעגלעך צו גלויבן.

דאָס האָט מיך פֿאַראינטריגירט צו פֿאַרצייכענען כאָטש אַ צאָל עפּי־זאָדן, דראַמאַטישע ווי קאָמישע, וואָס דערציילן טיילווייז ווי אַמאָל איז געווען" דאָס שווידערלעכע סוועט־שאַפּ לעבן און ווי עס זיינען געווען די אַלגעמיינע באַדינגונגען פֿון די אימיגראַנטן, ספּעציעל פֿון די אידישע נאָדל־אַרבעטער, וועלכע האָבן באַוויזן צו שאַפֿן אין אַמעריקע אַזאַ גרויסע און רייכע אינדוסטריע. און דאָס וואָס איך דערצייל פֿון דעם אַמאָליגן סוועט־שאַפּ, וואו עס האָבן געאַרבעט שניידער פֿון מענער־קליידער, איז אויך אַ קאָפּיע פֿון די סוועט־שעפּער אין די אַנדערע קליידער־פֿאַכן.

גאָרניט בעסער איז אַמאָל אויך געווען די לאַגע אין די פֿאַכן, וואו די אַזוי־גערופֿענע „יענקיס" האָבן געאַרבעט. עס וועט נישט זיין איבער־טריבן, ווען איך וועל זאָגן, אַז דאָס זיינען געווען די אימיגראַנטן, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס דערמוטיגט די אַמעריקאַנער אַרבעטער צו אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָנס און דורך די יוניאָנס צו דערהויבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון די פֿאָלקס־מאַסן.

ווען עס לויפֿן ביי מיר דורך אין געדאַנק די געשעענישן, וואָס דער אַרבעטער האָט געהאַט אויסצושטיין אין דעם קאַמף מיט דעם הערשנדיקן קלאַס דאָ אין לאַנד, צו מאַכן די טרעיד־יוניאָן באַוועגונג פֿאַר אַ „בירגערין" פֿון די פֿאַראייניגטע שטאַטן — שטייען פֿאַר די אויגן די בילדער פֿון די שיקאַגער העי־מאַרקעט מאַרטירער, וועלכע מען האָט אין 1887 פֿאַר־משפּט צו הענגען, די קעמפּער מוני און בילינגס, סאקא און וואַנזעטי, יודזשין דעבס, וויליאַם ז. פֿאָסטער, בען גאָלד, אוירווינג פּאָטאַש און אַנ־דערע. עס לויפֿן דורך פֿאַר די אויגן די ציַיטונגס־קעפּ מיט העצעס, פֿריער

געגן די אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן און נאָכדעם געגן די קאָמוניסטן. עס דערמאָנט זיך אַן די סקעב־אַגענטורן, די גענגסטער און שפּיאָנען, פאַלשע עדות, שווערע געריכט־אורטיילן, העסלכע מעשים פון יוניאָן־פאַררעטער.

גאָר שווער און ביטער איז געווען צו בויען די יוניאָנס אויף דער אידישער גאַס. די נאָדל־טרעידס האָבן זיך געפונען אין די סאַמע פינצ־טערע אומסאַניטאַרישע שעפּער, דערצו די היים־אַרבעט, די לאַנגע שטונדן, דאָס שלעפּן זיך מיט די מאַשינען, אייזנס און פּעקלעך פון איין שאַפּקע אין אַ צווייטער.

די מורא׳דיגע עקספּלואַטאַציע דורך די הענט פון די קאָנטראַקטער־לעך, וועלכע זיינען אַליין עקספּלואַטירט געוואָרן פון די מאַנופעקטשורערס, די משוגענע סיסטעמען פון אַרבעט, ווי ציל־אַרבעט, שטיק־אַרבעט, סאָב־קאָנטראַקטינג — דאָס אַלץ האָט אפילו געבראַכט דערצו, אַז איין אַר־בעטער זאָל עקספּלואַטירן אַ צווייטן.

גאַנצע בענדער וואָלט מען געדאַרפט שרייבן וועגן די בלוטיגע גע־שעענישן, און זיי וואָלטן געווען געשריבן מיט בלוט און מיט טרערן פון יענעם פעריאָד, וואָס די אימיגראַנטישע אַרבעטער זיינען אויסגעשטאַנען אַלס פּרייז פאַר דעם אויפבוי פון איינער פון די רייכסטע אינדוסטריעס פון לאַנד.

אידישע דיכטער האָבן געזונגען מיט וויטאָק און טרערן פון יענער צייט. בעלעטריסטן האָבן באַנוצט טעמעס פון דעם סוועט־שאַפּ, אָבער ווי אַזוי דער סוועט־שאַפּ האָט אויסגעזען פון אינעווייניג און ווי אַזוי די שניידער־בירזע, וואָס האָט געהייסן דער „חזיר־מאַרק“, האָט אויסגעזען פון דרויסן, אויך די דעמאָלסדיגע טיפּן פון באַסעס און אַרבעטער — די אַלע זאַכן זיינען ווינציג וואָס באַרירט געוואָרן.

איך פּרוביר דעריבער אַרויסצוברענגען אַביסל בילדער און עפּיזאָדן פון יענער צייט; בילדער, וואָס איך האָב אַליין געזען און איבערגעלעבט, אויך בילדער מיט פאַקטן וואָס אַנדערע אַרבעטער פון יענער צייט האָבן מיר איבערגעגעבן. אויב איך ענדער צייטנווייז אַ נאָמען פון אַ פּערזאָן, איז דאָס נאָר צוליב פאַרשטענדלעכע אורזאַכן.

איך האָף, אַז דער לייענער וועט מיר פאַרגעבן דערפאַר, וואָס ביים דערציילן וועגן געוויסע פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, איז מיר דאָ אויסגעקומען אַריינצוברענגען דעם פּערזענלעכן עלעמענט. מיין כוונה איז דערביי ניט צו רעדן וועגן זיך, נאָר צו דערציילן די מעשה, די געשעעניש. און אויב דאָ אָדער דאָרט ווערט מיין איך אויך דערמאָנט איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל מען האָט עס ניט געקאָנט אויסלאָזן. איך פּרוביר דאָ באַ־

שרייבן בלויז אַזעלכע געשעענישן, וואָס האָבן אין זיך סיי ערנסטן און סיי הומאָריסטישן אינהאַלט.

געוויס האָבן מיר אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג נאָך אַ סך זאַכן צו פֿאַרבעסערן. מיר האָבן נאָך אַ סך צו קעמפֿן געגן די ביוראָקראַטן, פּאַראַזיטן, גענגסטעריזם און רעקעטירינג, וואָס האָט זיך איינגעווערימט אין געוויסע יוניאָנס. מען מוז נאָך אויך אַ סך קעמפֿן געגן אָפּן־שאָפּ פֿאַב־ריקאַנטן און געגן זייערע פֿאַרשטייער אויף וואָל־סטריט. עס דאַרף נאָך אויך זייער פֿיל געטאָן ווערן צו פֿאַרבעסערן דעם לעבנס־סטאַנדאַרד פֿון די אַרבעטער, אויסצונוצן פֿאַר זייער טובה די נייע דערפֿינדונגען. אָבער פֿאַר די דערגרייכונגען ביז איצט האָבן די אַרבעטער צו פֿאַרדאַנקען די קאַמפֿן פֿון אַמאָל, און זאָל דאָס זיין אַן אינספּיראַציע פֿאַר די יוגנטלעכע צו קעמפֿן פֿאַר אַלץ בעסערע באַדינגונגען און גרעסערע דערגרייכונגען.

אַ האַרציקן דאַנק פּ. יודיטש

ביי דער געלעגנהייט בין איך צופֿרידן, וואָס איך קאָן דאָ אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק דעם ליבן חבר, אַרבעטער־רעדאַקטאָר פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט", פּ. יודיטש. ער האָט מיך אַ סך דערמוטיקט אָנצושרייבן די דאָזיקע קאַפּיטלען פֿון דעם, וואָס „אַמאָל איז געווען" און וואָס ער האָט אויך רעדאַקטירט אַ טייל פֿון דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געדרוקט וועכנטלעך אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט", פֿאַר אַריבער אַ יאָר צייט.

איך בעט אַנטשולדיקונג

איך האָף, אַז דער אַלגעמיינער לייענער וועט מיר אַנטשולדיקן פֿאַר מיין באַנוצן אַנגלאַציזמען און פֿאַך־ווערטער, וואָס איך האַלט, אַז זיי זיינען דורכאויס נויטיק פֿאַר דעם כאַראַקטער פֿון די שילדערונגען אין און אַרום דעם שאָפּ.

אויף זייט 5 וועט איר געפֿינען אַ קלאָרע פֿאַרטייטשונג פֿון די אַלע ווערטער — לויטן אלף־בית.

אַ האַנטדרוק מיינע פֿריינט

אַ דאַנק און אַ האַנטדרוק אייך, אַלע מיינע פֿריינט און לייענער, פֿאַר מאַכן מעגלעך, אַז דאָס בוך זאָל קאָנען דערשיינען אין דער איצטיקער שווערער צייט.

מיט דאַנק און אַכטונג,

סאַם ליפּצין

1951

קאַפּיטל 1

איך פאָר אין דעם „גאָלדענעם לאַנד"

ווי גיך איך האָב דערהאַלטן די שיפס־קאַרטע פון דער פאַמיליע אין ניו־יאָרק, וואָס זיי האָבן גענומען פאַר מיר אויף אָפּצאָלן, איך זאָל קאָנען פאָרן צו זיי אין אַמעריקע, האָב איך זיך גענומען געזעגענען מיט דעם שניידער־טיש, וואו איך האָב געאַרבעט צייט איך בין אַלט געוואָרן ניין יאָר . . . דער טיש איז געווען די ירושה, וואָס דער טאַטע האָט געלאָזן פאַר דער יונגער מאַמען מיט די אַכט קינדער, פון וועלכע דאָס לעצטע קינד איז געבאָרן געוואָרן אין דעם זעלביקן טאָג, ווען דער טאַטע איז געשטאָרבן. דאָס קינד האָט איבערגענומען דעם טאַטנס נאָמען.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין שטעטעלע ליפּסק, טראַכטנדיק: ווער ווייס צי איך וועל דאָ נאָך אַמאָל באַטרעטן די ערד. נאָר דער מאַמען האָב איך צוגעזאָגט, אַז ווי גיך עס וועט נאָר מעגלעך זיין, וועלן מיר אַלעמען אַריבערברענגען אין אַמעריקע און צוריק פאַראייניקן די צעריסענע פאַמיליע . . .

די שיפס־קאַרטע איז געוואָרן דער דערלייזער פאַר מיר און פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. און כאָטש ס'איז געווען עטלעכע וואָכן פאַר פּסח, ווען איך בין אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָב איך אָבער געציילט די טעג, ווי אַ פרומער איד ספירה, פאָרנדיק אויף דער שיף . . .

איין פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך שוין גענומען טונקען אין די כוואַליעס פון ים, האָב איך דערהערט די בשורה, אַז די שיף איז שוין ביי די ברעגן פון ניו־יאָרק.

די זון האָט פאַר מיר ווי פון דאָס ניי אויפגעשיינט, די אויסגעצאַשענע שטראַלן האָבן זיך ווידער גענומען צינדן פאַר מיינע אויגן . . . אָט־אָט און איך וועל דריקן די הענט פון מיינע נאָענטע, פון מיין פאַמיליע, איך וועל זיין אין דעם „גאָלדענעם לאַנד" . . .

איך בין שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפן, נאָר געטראַכט פון דער פאַמיליע: ביי וועמען וועל איך עסן? וואו וועל איך שלאָפן? וואָס פאַר אַן אַרבעט וועל איך זיך נעמען לערנען?

געוואוסט האָב איך, אַז די מערסטע פון מיינע פעטערס און קאָזינס זיינען ניט קיין רייכע. די שיפס־קאַרטע האָט מען גענומען אויף אָפּצאָלן און די פאָר דאָלער, וואָס די צוויי עלטערע שוועסטער מיינע, נאָך אַליין גרינע, האָבן צוגעשיקט, איז דאָס געווען אָפּגעריסן פון דעם לעצטן.

בלויז אויף איינעם פון דער משפּחה, האָב איך עפּעס געהאַט אַ „פּאַר־דאַכט״, אַז ער מוז יאָ זיין אַ רייכער. די פאָרשטעלונג אין מיין פאַנ־טאַזיע האָב איך זיך געשאַפן פון אַ בריוו אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז ער וואוינט אויף דער ערשטער עוועניו, אויף אַ פינפטן עטאַזש . . .

געערעכנט האָב איך, אַז ווען דער פריינט וואָלט ניט זיין קיין רייכער, וואָלט ער ניט אויסגעקליבן דווקא אויף דער ערשטער עוועניו . . . אַזוי האָב איך אויך פאַרשטאַנען מיט די עטאַזשן. אַ קבצן, האָב איך געוואוסט, וואוינט אין אַ קעלער, ליגט אין דר׳ערד, אָבער איינער וואָס וואוינט אויפן פינפטן עטאַזש, מוז געוויס זיין אַ דערהויבענער מענטש . . .

ווען איך האָב פאַר זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל דורכגעלייענט די בריוו, וואו מ׳שרייבט מיר בפירוש, אַז די ערשטע צייטן, וועל איך קאָנען זיין אַ „באָרדער״, טאַקע ביי דעם דערהויבענעם פריינט אויפן פינפטן עטאַזש, בין איך געווען מער ווי גליקלעך.

אין דער פרי, מיט׳ן אויפגאַנג פון דעם מאָרגן־שטערן, בין איך שוין געווען אויפ׳ן דעק פון שיף, און מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע אויגן געקוקט אין דער ווייט צו די פאַרשפּיצטע מויערן.

ענדלעך האָב איך פונדערווייטן דערזען די פאַמיליע, די שוועסטער, פּעטערס, קאָזינס, לאַנדסלייט און פריינט, וועלכע האָבן געוואָלט זיין פון די ערשטע צו קריגן אַ גרוס פון זייערע נאָענטע. אַלע זיינען זיי געווען אויסגעפּוצט יום־טוב׳דיג. ס׳איז געווען דער צווייטער טאָג פּסח 1909. אין דעם יום־טוב פון באַפרייאונג בין איך געקומען אין אַמעריקע מיט אַ חלום פון נייע פרייע טעג . . .

צערונענע מיליאָנען . . .

איינער פון די פעטערס האָט מיך גענומען צו זיך. אויפ׳ן וועג האָב איך זיך שוין דערוואוסט, אַז די ערשטע עוועניו איז גראָדע אַן אַלטע אָפּ־געלאָזטע גאַס. ווען מיר האָבן גענומען קלעטערן אויף דעם פינפטן עטאַזש און דער פעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט עטלעכע מאָל אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָב איך זיך אָנגעשטויסן, אַז צו וואוינען אויפ׳ן פינפטן שטאָק דאַרף מען ניט זיין קיין רייכער, נאָר — אַ געזונטער מיט אַ סך כוח . . .

ווען די מומע האָט גענומען צוגרייטן צום טיש דאָס עסן פאַר מיר, האָבן ווידער גענומען טאַנצן פראַגע־צייכנס פאַר מיינע אויגן . . .

מ׳האָט מיר אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ טעלער מיט אַ גרויסן געפילטן פיש־קאָפּ, באַפּוצט מיט מערן, מיט רויטן כריין אויף אַ טעצעלע

ביי דער זייט. מ׳האָט אויך צוגעבראַכט אַ פלעשל וויין, מיט אַ גאַנצע שאַכטל מצות אויפ׳ן טיש.

איך האָב גענומען עסן די פיש, נאָר אין געדאַנק האָב איך גע־טראַכט: מיר דוכט זיך, אַז דער פעטער איז שוין גאָרניט קיין קבצן... איך האָב גלייך פּרובירט פאַר זיך איבערזאָגן דאָס אַמעריקאַנישע ווערטל, וואָס איך האָב שוין געהערט אויפ׳ן שיף, ער איז שוין גאָר „אָללרייט״...

ווי גיך די מומע האָט אָוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ גרויסן טעלער מיט מצה־פאַרפל, וואו עס האָבן זיך געטונקען ווי טויכערס, דריי גרויסע קנייד־לעך, האָב איך שוין אַ שאַץ געטאָן דעם פעטער, אַז ער איז טאַקע ניט קיין מיליאָנער, אָבער ער מוז ווערט זיין אַ פּאָר צענדליג טויזנטער — אין דעם בין איך שוין געווען זיכער...

און ווען איך האָב דערזען, ווי גלייך נאָך דעם טעלער זופּ, טראָגט מיר די מומע צו אַ גאַנץ פערטל עוף, אַ שטיקעלע קישקע מיט פיר כרעמז־לעך אָפּגעברוינט אין גאַנדזן־שמאַלץ, דערצו אויף אַ קליין טעלערל אַ זיסע בולבע מיט מערן־צימעס, האָב איך שוין ווידער צו זיך אַ זאָג געטאָן: אויב דער פעטער וואוינט דאָ אויף דער גאַס, איז דאָס געוויס דערפאַר, וואָס דאָס מוז זיין מסתמא זיין אייגן הויז... איך האָב זיך דערביי שטיל אין האַרצן געוואונטשן: הלוואי בין איך שוין אין זיין שטאַנד...

צום סוף, ווען מ׳האָט צו דער טיי איינגעלאַדן צום טיש די פאַמיליע, די לאַנדסלייט און שכנים, מ׳האָט אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן טיש אַ טאַץ מיט ניס און פּסח׳דיגן טאָרט, ווידער צוגעבראַכט נאָך אייער־מצה לרוב, בין איך, דער „גרינער״, געבליבן זיצן אַ רויטער, אַ פאַרשעמטער... ווי מ׳האָט דאָס מיר אָפּגענאַרט און פּרובירט מאַכן צו קלייניגעלט די עשירות פון מיין פעטער...

איך האָב ביי זיך אין געדאַנק אָפּגעמאַכט, אַז ווי גיך די געסט וועלן זיך צעגיין, וועל איך פּרובירן אויסגעפינען דורך די קאַזינס, וואָס אַזוינס טוט דער פעטער, פון וואָס איז ער דאָס רייך געוואָרן?... דערביי האָב איך געטראַכט, פיליכט זאָל איך זיך אויך נעמען צו דעם זעלביקן פאַך, וואָס דער פעטער...

גאָר גיך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער פעטער איז פּראָסט פּשוט אַ פּרעסער ביים שניידער־פאַך, און אַדאַנק דעם, וואָס אַלע קינדער ברענגען אַריין צו עטלעכע דאָלער, איז ווען ס׳קומט אַזאַ יום־טוב ווי פּסח, איבער־הויפּט, ווען מ׳ריכט זיך נאָך אויף געסט, קנייפּט מען די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין...

פאַרנאַכט האָט מען מיך צוגעפירט באַזוכן אַ לאַנדסמאַן. די הויז איז

געווען זייער אַ שיינע און אַ רייכע. דאָס מאָל, אַנשטאָט גיין אויף די הויכע טרעפּ, זיינען מיר גאָר געגאַנגען אַראָפּ. דער לאַנדסמאַן האָט מיט דער פאַמיליע געוואוינט אין קעלער, אין דריי צימערן באַלויכטן מיט גאַז, וואו מ׳האָט אונז גאָר פיין אויפגענומען מיט פאַרשיידענע נאַשערייען ביי אַ געדעקטן טיש.

אויפ׳ן וועג, גייענדיג האָב איך געהערט, ווי די פאַמיליע האָט גע־רעדט וועגן לאַנדסמאַן, אַז ער איז אַ „דזשעניטאָר״, נאָר די הויפּט־זאַך לעבט ער פון „טשאַריטי״. געוואונטשן האָבן זיי, הלוואי אַזאַ לעבן אויף די ראָקעפעלערס . . .

דאָ איז מיר שוין איינגעפאַלן אַ נייער געדאַנק: פיליכט זיך גאָר נע־מען צו דער אַרבעט וואָס מיין לאַנדסמאַן טוט . . .

אויף אַ באַזוך ביי אַ צווייטן פעטער, אין אָוונט נאָך דער וועטשערע, האָט מען שוין גענומען רעדן תּכלית פאַר דעם „גרינעם״, צו וואָס פאַר אַן אַרבעט איך זאָל זיך נעמען צו קאָנען מאַכן אַ לעבן . . .

ווי אַ גרינער האָב איך גענומען דערקלערן, אַז די שניידעריי איז מיר ניט זייער צום האַרצן, מ׳מאַכט ניט גענוג געלט און איך וועל ניט האָבן מיט וואָס אַראָפּצוברענגען דער מאַמען מיט די קינדער, און דאַן, מיט וואָס זיי אויפצוהאַלטן. איך האָב געהערט, זאָג איך זיי, אַז אַ קאַטער מאַכט מער געלט, אָדער פיליכט קאָן איך זיך דערשלאָגן צו מיין לאַנדסמאַנ׳ס פאַך?

דאָ האָט די פאַמיליע זיך האַרציג צעלאַכט און אַ דריטער פעטער האָט מיר גענומען דערקלערן: דו ווייסט, וואָס דער לאַנדסמאַן טוט? ער איז אַ „דזשעניטאָר״, דאָס הייסט אַ דוואָרניק, ערשט צו דעם קריגט ער נאָך „טשאַריטי״, דאָס הייסט בעטל־ברויט, פּסח קריגט ער מעות־חטים, וואָס אַ זאַטער וואַרפט צו אַ הונגעריגן און ניט אַלע מאָל . . .

אַטאָ־אָ דאָס איז דאָס „גאָלדענע לאַנד״, האָט מיר דער פעטער געגעבן די ערשטע לעקציע . . . אַ גאַנץ יאָר קאָן מען שטאַרבן פון הונגער, לעבן אויף דער גאַס, קלייבן שפּייז פון מיסט־פעסל, נאָר אַז ס׳קומט יום־טוב, ספּעציעל פּסח, גיט מען דעם קבצן אויף אָפּלעקן אַ ביינדל, ער זאָל ניט קוקן דעם רייכן אין מויל אַריין . . .

דערפאַר, האָט מיר דער פעטער אָנגעוויזן, איז די וואָך אונזער לאַנדס־מאַן אַ זאַטער. מ׳האָט מורא, ער זאָל חלילה ניט עסן קיין חמץ, האָט מען אים אַריינגעשיקט אויף דער פּסח׳דיגער וואָך; פליש, פיש, אייער, מצה און אפילו וויין מיט ניס.

איך בין געבליבן זיצן פאַרטראַכט, די „טויזנטער״ פון מיין פעטער,

די „רייכקייט" פון מיין לאַנדסמאַן, זיינען צערונען געוואָרן . . . פון דעם געשמאַקן טעם פון דעם פסח'דיגן מאַלצייט ביים פעטער, פון דער אויפנאַמע ביי דעם לאַנדסמאַן, איז מיר פאַרבליבן אַ נאָך־טעם . . . דאָס גאָלד פון דעם „גאָלדענעם לאַנד" האָט געקראָגן איינגאַנצן אַן אַנדער קאָליר אין מיינע אויגן . . .

איך באַקאָן זיך מיט אַ סוועט־שאַפּ

אין די חול־המועד טעג האָט מיר דער פעטער זלמן, אַוועקגעפירט אין אָפיס פון די „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס" און מיר געמאַכט פאַר אַ מיטגליד פון דער שניידער יוניאָן, וואו ער אַליין איז געווען אַ גוטער יוניאָנמאַן.

גייענדיק צוריק האָט ער מיר אַריינגעפירט אין עסטער פּאַרק. דער פּלאַץ איז געווען באַקאַנט צווישן די שניידער מיט'ן צונאָמען דער „חזיר־מאַרק". דאָ פלעגן קומען די אַרבעטער צו פאַרדינגען זייערע הענט . . . אויף דעם מאַרק פלעגן זיך צענויפקומען הונדערטער שניידער, ספּעציעל די גרינע, און וואַרטן אויף די באָסעס, קאָנטראַקטאָרס, סאַב־קאָנטראַקטאָרס, פאָרלייט און אויף אַגענטן, וואָס פלעגן זוכן אַרבעטער, אָפט אַפילו „סקעבס". (פון דעם נעמט זיך דער צונאָמען „חזיר־מאַרק", ווייל די באַלעבאַטים פלעגן קומען אין פּאַרק זיך ריען און זוכן ביליגע „הענט").

דאָ, ווייזט מיר דער פעטער, וועסטו צוגיין, אַז מיר'ן לעבן, שבת, ווייל שבת איז דאָ דער בעסטער טאָג צו קריגן אַרבעט.

שבת פרי, בין איך שוין מיט איינעם פון די קאָזינ'ס צוגעגאַנגען אין „חזיר־מאַרק". באַלד האָט זיך צו מיר געווענדעט אַ מאַן: „העי, גריינער, קאָנסט זיין אַ „בייסטן־פּולער"? „יאָ", זאָג איך. „און אַ „וואַטשמאַן" קאָנסטו אויך זיין?" „פאַרוואָס ניט", זאָג איך מיט זיכערקייט, ניט וויסנדיג אַפילו וואָס די ביידע אַרבעטן זיינען . . .

ער האָט מיר געגעבן דעם אַדרעס אויף פּייק סטריט, און גענומען ביי מיר דאָס שערל, וואָס איך האָב שוין געהאַט מיט זיך, אַ פאַרזיכערונג, אַז איך וועל קומען זונטאָג צו דער אַרבעט.

זונטאָג פרי בין איך געווען אין שאַפּ פון פרידזעל: אַ קליינע, פינצטערע שאַפּקע אויפ'ן פערטן עטאַזש, מיט עטלעכע מאַשינקעס, וואו די ביסל אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעדרייט, ווי זיי וואָלטן פּלאַנירט צו אַנטלויפן פון אַ משוגעים־הויז . . .

מיסטער פרידזעל, אַ נערוועז מענטשל, וועמען ס'איז געווען שווער

אַרויסצווזען אין דער געדיכט־באַוואַקסענער באָרד, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ ראַם אַרום דעם פּנים, איז ער צו מיר צוגעקומען און געפרעגט, וואָס וויל איך?

נאָכדעם, ווי איך האָב אים דערקלערט, ווער איך בין, האָט ער מיר צוגעפירט צו אַ טיש און געהייסן דעם פאָרמאַן מיר צואווייזן וואָס צו טאָן, ווי אַזוי אַרויסצוציען די פּאַסטריגעס.

דערנאָך גיט ער מיר אַ פרעג: „און דאָס האָט ער דיר געזאָגט, אַז דו וועסט אויך דאַרפן זיין אַ וואַטשמאַן" ביז דער אַלטער וועט געזונט ווערן?

„יאָ", זאָג איך, „איך ווייס".

„טאָ, געדענק," האָט מיסטער פרידזועל באַטאָנט, „זאָלסט האַלטן פאַר־מאַכט גוט די טיר, און אין דער פרי מאַכן דעם אויוון און אונטערצינדן די אייזנס."

ווען ער איז אַוועק פון מיר, האָב איך זיך גענומען דרייען דעם קאָפּ, וואָס קאָן דאָס מיינען „וואַטשמאַן"?

דורכ'ן טאָג האָב איך פּרובירט זיך דערשלאָגן צו וויסן, וואָס פאַר אַן אַרבעט דאָס איז. האָט מיר אַ שניידער געזאָגט: דו וועסט דאַרפן נעכטיגן אין שאַפּ, אַכטונג געבן, אַז גנבים זאָלן ניט אַריינקומען, אַמאָל דעם שאַפּ אויסקערן, אויך מאַכן וואַרעם, אַרויפטראָגן ביר, אַראָפּשלעפּן די זעק מיט די שמאַטעס און העלפן שלעפּן די פּעק אַרבעט צום עלעוועיטאָר.

איך האָב אָנגענומען, אַז דער אַרבעטער לאַכט דאָס אָפּ פון מיר, דעם גרינעם אינגל. געטראַכט האָב איך, ווען עס וועט קומען, אַז איך זאָל טאָן די אַרבעט פון אַ „וואַטשמאַן", וועט שוין עמיצער מיר ווייזן, פּונקט ווי דער פאָרמאַן האָט מיר געוויזן ווי צו זיין אַ „בייסטן־פּולער".

אין אָוונט זיינען אַלע צעביסלעך זיך צעקראָכן פון שאַפּ. דער באָס, מיסטער פרידזועל, איז פון בייטאָג אָן ניט געווען אין שאַפּ. דער פאָר־מאַן האָט מיר אַ זאָג געטאָן פון דער וויטן: „זאָלסט גוט פאַרמאַכן די לאָדן" און איז פאַרשוואונדן אָן אַ „גוטע נאַכט" אפילו.

ווען די פאַר פרעסער, וואָס האָבן געאַרבעט זייער שפּעט, האָבן פאַר־ענדיגט די אַרבעט, זיינען זיי אַנטלאָפן ווי פון אַ פייער. איך בין געבליבן שטיין אַליין אין דעם פאַר'חושכ'טן שאַפּ, צעשראָקן און ניט וויסנדיג וואָס צו טאָן . . . בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר און געוואָלט נאָכלויפן די פרעסער פרעגן, וואָס מיינט זיין אַ „וואַטשמאַן". איך האָב אָבער בלויז געטראָפן אין קאָרידאָר אַ מצרים־פינצטערניש . . . אַ שרעק איז מיר באַ־פאַלן, איך האָב באַשלאָסן אַוועקצולויפן, האָב איך איבערגעלאָזן דעם שאַפּ

מיט די ברענענדיגע גאַז, מיט די אָפענע פענצטער און טירן און בין אַרונטערגעלאָפן אין גאַס...

ווען איך בין אַן אַן אָטעם געקומען אַהיים צום פעטער און געפרעגט, וואָס פאַר אַן אַרבעט איז זיין אַ „וואַטשמאַן״, האָב איך שוין באַגריפן, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן, אַזוי אַז איך האָב זיך שוין געשעמט אפילו צו דערציילן דעם פעטער ווי אַזוי איך בין אַרונטערגעלאָפן פונ׳ם שאָפּ און אַלץ געלאָזן אויף הפקר...

אין דער פרי, ווען איך בין געקומען צו לויפן אין שאָפּ, זען וואָס איך קאָן טאָן צו פאַרדעקן מיין שטיקל אַרבעט, האָב איך שוין געטראָפן ביים טיר אַ פאָר אַרבעטער, וועלכע זיינען ווי אַלע טאָג גאָר פרי געקומען צו דער אַרבעט אין שאָפּ, נאָר אַ פּאָליציימאַן, וועלכער איז געשטאַנען ביים טיר, האָט זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן, געוואַרט האָט ער פאַר׳ן באַלעבאָס מיט אַ באַריכט, אַזוי ווי ס׳איז געווען ליכטיג אַ גאַנצע נאַכט אין שאָפּ, האָט עמיצער אָפּגערופן דער פּאָליציי און געלאָזט וויסן, אַז דאָרט מוזן זיין גנבים, און געטראָפן האָבן זיי טאַקע אַן אָפענע טיר, שטייט ער און היט ביז דער באַלעבאָס וועט קומען.

ווען דער באַלעבאָס, פרידזעל, איז געקומען און דערהערט, וואָס דאָ טוט זיך אַרום זיין שאָפּ, האָט ער אויף מיר געוואָרפן אַ קוק מיט אַ פּאָר אויגן פון דעם אַרומבאַוואָקסענעם פּנים מיט באָרד — ווי אַ גזלן, וואָלט זיך ווייזן, מיט אַ גלאַנציגן מעסער, צווישן געדיכטע צווייגן אין אַ וואַלד... איך בין אַרונטערגעפלויגן פון די טרעפּ פון שאָפּ מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מיר דאַכט זיך איך פלי נאָך אויך איצט...

ווען איך בין געקומען פאַר וועטשערע צום פעטער אַהיים, האָט ער מיר די ערשטע זאַך געפרעגט:

— נו, וויפיל דענקסטו צו קריגן אַ וואָך?...

קאַפּיטל 2

משה דער לאַנגער און זיין ברייטע אידענע

נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעפּרובירט אַ ריי אַרבעטן אין פאַרשידענע שעפּער, האָט מיר אַ לאַנדסמאַן אַריינגענומען אין שאָפּ פון משה דעם לאַנגן. דער שאָפּ איז אייגנטלעך געווען מער ווי אַ שאָפּ. ס׳איז געווען אַ קאָמביניאַציע פון אַ שניידער־שאָפּ, אַ רעסטאָראַן, אַ סקול פאַר לערנערס, אַ פּריזאָן און — אַ משוגעים־הויז...

דער שאַפּ האָט זיך געפונען אויף מענדזשין סטריט, אויף אַ דריטן פלאָר. דאָס איז געווען אַ סוועט־שאַפּ ווי די מערסטע שניידער־שעפּער אין יענער צייט.

משה דער לאַנגער איז געווען אַן אונגאַרישער איד מיט אַ ברוינער באָרד. ווען מ'האָט אים געזען אין שאַפּ איז ער שטענדיג געשטאַנען מיט אַ כאַלאַט אויף זיך. איבער זיינע לאַנגע הענט האָבן זיך שטענדיג געזען די מאַנזשעטן פון דער העמד; אַביסל ווייטער — די קורצע אַרבל פון אַ סוועטער; נאָך אַביסל ווייטער די נאָך קירצערע אַרבל פון דעם רעקל. די אַרבל פון כאַלאַט האָבן שוין ניט דערגרייכט ווייטער פון די עלנבויגנס.

אין שאַפּ, האָט מען אים נאָר געזען ווען ער פלעגט ברענגען אַ פּושקאַרט מיט באַנדלעך געשניטענע אַרבעט. ער פלעגט דעמאָלט אַריינקומען אין שאַפּ מיט אַ טומל, ווי ער וואָלט געראַטעוועט די מענטשהייט. ער פלעגט דערביי געבן גלייך אַן אָרדער צו די עטלעכע גרינע אינגלעך, איך איינער צווישן זיי, מען זאָל אַרויפברענגען די באַנדלעך אויפן דריטן פלאָר. קיין עלעוועיטאָר איז אין שאַפּ ניט געווען.

משה דעם לאַנגנ'ס ווייב, גוטקע, איז שטענדיק געווען אין שאַפּ. זי איז געווען די „פאָרלעידי", דער מענעדזשער, די בוכהאַלטערין און די באַלעבאָסטע. זי פלעגט אויך צאָלן די „פעידע" און קריגן פלעגט מען דאָס אַלע דינסטאָג. זי פלעגט צאָלן אין איינציגע דאָלאַר־בילס און שרייען: „זעט נאָר וואָס פאַר אַ בערג מיט געלט איר נעמט ביי מיר אַוועק איר גרינע" . . . איך פלעג ביי איר קריגן גאַנצע אַכט דאָלאַר אַ וואָך. אַ שפּראַך האָט זי גענוצט אַזעלכע, אַז אפילו אַ בורלעסק־אַקטיאָר וואָלט דערפון רויט געוואָרן.

די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן גוטקען גערופן ציגיינערקע. פאַר־וואָס מען האָט זי אַזוי גערופן ווייס איך ניט. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זי איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען איבערן שאַפּ ברייט צעגאָסן, שטענדיג מיט אַ צעכאָליעטן בוזים . . .

אַחוץ דעם וואָס זי האָט „געמענדזשעט" דעם שאַפּ און האָט געקאָנט די אַרבעט לויט יענער צייט, פלעגט זי נאָך אין שאַפּ אויך קאָכן אירע מאָלצייטן. און ניט נאָר פאַר זיך אַליין פלעגט זי קאָכן, נאָר זי האָט אויך געהאַט עטלעכע קעסט־קינדער. זי פלעגט קאָכן פאַר דעם וואַטשמאַן פון דער געביידע, פאַר עטלעכע אונגאַרישע לאַנדסלייט, פאַר אַ פּאָר לער־נערס און פאַר יעדן אַרבעטער, וואָס האָט נאָר געוואָלט האָבן אַ געקאָכטן סאַפּער אָנשטאָט צו עסן טרוקנס. ווייל נאָך סאַפּער פלעגט מען ווידער דאַרפן אַרבעטן. דער „באָס" משה דער לאַנגער פלעגט דורך דער נאַכט

„צופיטן" די אַרבעט, כדי ער זאָל קאָנען דורכן טאָג זיין אויף דער שניידער־בירזשע.

מיט אַ קאָכלעפל איבער די ביינער

אין איינעם פון די צימערן אין שאַפ (געווען זיינען דאָרט דריי באַזונדערע „אָפּטיילונגען") איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון און שטענדיג איז ער געווען צונטער רויט. דאָרט האָט ניט נאָר די באַלעבאָסטע געקאָכט אירע טעפּלעך, נאָר די פּרעסער פלעגן דאָרט אויך וואַרעמען די פּרעס־אייזנס. פון געז און עלעקטריק האָט נאָך אַזאַ סוועט־שאָפּקע ניט געוואוסט. אפילו די ביי־מאַשינען זיינען נאָך אויך געווען ווי אַן אויס־שטעלונג פון דערפינדונגען אויף דעם געביט. ביי משה דעם לאַנגן האָט מען נאָך געטראָפן מאַשינען מיט שאַרערס, מיט טרעטערס, בייסיקל־מאַשינען, שעטשקארנעס און וואָס ניט . . .

איך פלעג אין דעם שאַפ אויסשטעפּן אונטער־קאָלנערס אויף דער קענווע. פאַרשטייט זיך, אַז איך אַליין האָב געדאַרפט אויפּפּרעסן דעם נאָט פון קאָלנער.

איינמאָל, גייענדיג צום אויוון נעמען דעם גרויסן שווערן אייזן, האָב איך אַ דריי געטאָן איינעם פון די טעפּ און טעפּלעך און אַלץ וואָס איז געווען אין טאָפּ האָט זיך אויסגעגאָסן אויפן אויוון.

די פּאַרע האָט אַ שלאָג געטאָן איבערן צימער און די באַלעבאָסטע איז אַריינגעלאָפן.

ווען זי האָט דערזען וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן האָט זי געכאַפּט איר קאָכלעפל און מיט דעם מיר דערלאַנגט איבער דער פּלייצע.

אין דעם מאָמענט האָב איך געפילט ווי נעמען דעם הייסן פּרעס־אייזן און דאָס אַ שטעל טאָן אויף איר אויסגעקאָליעטן בוזים. אָבער איך האָב זיך גלייך דערמאָנט, אַז אינדערהיים האָב איך אַ גרינע מאַמע מיט נאָך זיבן קינדער וואָס ווילן עסן . . .

אַ זופּ פון חלב

אין אַ פּאָר שעה שפּעטער האָבן מיר דערהערט אַ געוואַלדעווען אי־בערן שאַפּ. די ציגיינערקע האָט זיך צעקוויטשעט און געשאָלטן מיט טויטע קללות.

אַלע זיינען אַריינגעלאָפן אין קיך און געוואָלט וויסן: וואָס איז געשען? די באַלעבאָסטע האָט דאָן אָנגעוויזן, אַז אין אַ גרויסן טאָפּ זופּ האָט

אַ שאַפּ און אַ היים — וו׳ם גראָפּער

עמיצער אָנגעוואָרפן שטיקלעך טשאַק, וואָס איז אַזאַ חלב, וועלכן די שניידער באַנוצן צו צייכענען אויף דער סחורה.

דער חלב אין דער זופּ האָט געשאַפן גרויסע „אויגן" און האָט פאַר־שטונקען דעם גאַנצן צימער . . .

קיינער פון די אַרבעטער האָט נישט געהאַט קיין באַגריף ווער עס האָט דאָס אָפּגעטאָן.

אַזוי שנעל ווי משה דער לאַנגער איז אַריין אין שאַפּ, איז ער צו־געקומען אַ דערשראָקענער און דערקלערט, אַז גוטקע האָט אים געהייסן מיך אַוועקשיקן, ווייל איך האָב דאָס איר טריף געמאַכט די טעפּ און אי־בערגעפירט אַ טאָפּ מיט זופּ . . . ער האָט צוגענומען מיין שטול און איך בין געבליבן שטיין פּרעטשמעליעט.

פאַר מיר איז יענער טאָג געווען יום־כּיפּור.

איך בין גלייך אַוועק אַ פאַרטרויערטער אין חזיר־מאַרק אויף העסטער סטריט, וואָס איז געווען אַ פּלאַץ וואו די שניידער פלעגן זיך טרעפן.

צוגענומען די „פּעידע" און אַנטלאָפן מיטן וואַטשמאַן

ווען איך בין דינסטאָג, נאָך דעם ווי איך בין אַוועקגעשיקט געוואָרן, געקומען אין שאַפּ אויפמאָנען מיינע שכירות, האָב איך געטראָפן אַלע אַרבעטער פאַרכמורעט, ווי אין אַ תשעה־באב שטימונג.

פאַרוואָס אַזוי פאַרכמורעט?

די באַלעבאָסטע, גוטקע די ציגיינערקע, האָט מיט אַ טאָג פריער צו־גענומען די שכירות, וואָס מען האָט דינסטאָג געדאַרפט אויסצאָלן צו אַלע אַרבעטער פון שאַפּ און זי איז אַנטלאָפן מיטן וואַטשמאַן.

משה דער לאַנגער האָט געהאַלטן אין איין ריידן און אַלעמאָל האָט ער זיך געוואונדערט און געשטעלט בלויז איין פראַגע:

„ווי אַזוי האָט עס זיין לאַנדסמאַן, דער וואַטשמאַן, געקאָנט אַוועקגיין און לאָזן דעם גרויסן אויוון אינגאַנצן אויף הפקר? עס האָט דאָך גע־קאָנט ווערן דער גרעסטער פייער" . . .

דערקענט דעם שאָדן

מיט 26 יאָר שפּעטער, אין 1936, בין איך אַרויף אַרבעטן אין אַ דרעס־שאַפּ, אין לאָס־אַנדזשעלעס.

די באַלעבאָסטע פון שאַפּ, אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט אַליין אויך געאַרבעט צוזאַמען מיט אַ הויכן אָפּערעיטאָר, זיינען געזעסן לעבן מיר.

קוקנדיג אויף זיי האָב איך אָפּט געטראַכט, אַז עפּעס זיינען זיי מיר ביידע באַקאַנט.

איינמאָל, מיטאָג־צייט, ווען איך בין אַרויפגעקומען איינס אַזייגער אין שאַפּ, זיינען די באַלעבאָסטע מיט דעם אָפּערעיטאָר געזעסן לעבן מיר און געגעסן זייער מאָלצייט.

די באַלעבאָסטע האָט דערביי דאָן באַמערקט, אַז שוין אַריבער 40 יאָר, ווי זי איז אין אַמעריקע און אַז ווען זי אַרבעט האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געגעסן קיין דינער ערגעץ אַנדערש, ווי נאָר אין שאַפּ.

נאָכדעם האָט זי זיך גענומען דערציילן אַ מעשה ווי אַזוי חברה האָבן אַמאָל, ווען זי האָט געהאַט אַ שאַפּ פון מענער־קליידער אין ניו־יאָרק, אַריינגעוואָרפן חלב אין איר זופּ און טריף געמאַכט אַלע טעפּ אין הויז . . .

ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך זיך שטאַרק צעלאַכט. אָט דעמאָלט האָט זי זיך שוין אויך דערוואוסט, אַז איך בין דאָס אין יענער צייט געווען דער קרבן, געקראָגן מיט איר קאָכלעפל איבער די ביינער, און נאָך אומשולדיגערהייט אויך געקראָגן אַרויסגעוואָרפן פונם שאַפּ.

איך האָב דערביי אויך דערמאָנט, אַז זי איז מיר נאָך שולדיג מיינע אַכט דאָלאַר „פּעי״, וואָס זי האָט פאַרנומען בשעת זי איז אַנטלאָפן מיטן וואַטשמאַן.

אַביסל שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דער באַקאַנטער לאַנגער אָפּערעיטאָר איז דאָס טאַקע איר מאַן. איידער זי איז אַוועק מיטן וואַטש־מאַן, האָט זי זייער ניט ליב געהאַט איר מאַנ׳ס ברוינע באָרד. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט די באָרד אָפּגעשאָרן, איז צוריק גאַנץ געוואָרן דער שידוך און משה דער לאַנגער איז צוריק געוואָרן דער מאַן פון גוטקע דער ציגיינערקע. נאָר אַנשטאָט צו האַלטן אַ סוועט־שאַפּ פון מענער־קליידער אין ניו־יאָרק, עקספּלואַטירן זיי איצט דרעסמאַכער אין לאָס־אַנדזשעלעס.

קאַפּיטל 3

בענדזשאַמין כאָליעריע

שנעל לויפן די רעדער,
ווילד קלאַפּן מאַשינען,
אין שאַפּ איז שמוציק און הייס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט,
אין די אויגן ווערט פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שווייס.
(דוד עדעלשטאַט)

צווישן די הונדערטער סוועט־שעפּער, וועלכע זיינען געוואַקסן ווי די מאַסקיטאָס אין די זומפּן, האָט זיך געפונען אויף קענאַן סטריט אַ קליידער־שאַפּ, וואָס האָט באַלאַנגט צו אַ באָס, וועלכן מען האָט גערופן „בענדזשאַמין כאָליעריע".

דער גאַנצער באָס בענדזשאַמין האָט געוואויגן אפשר הונדערט פונט, אָבער פון זיין פּיסק האָט מען געקאָנט מאַכן אַ וואָקזאַל . . .

גערופן האָט מען אים כאָליעריע דערפאַר, ווייל זיין מויל האָט זיך ניט פאַרמאַכט. פאַר אַלץ פלעגט ער שילטן, פאַר גוטס און פאַר שלעכטס. און אויב ער האָט מורא געהאַט צו שילטן דעם דעזיינער, וואָס פלעגט אַרויפקומען אין שאַפּ, האָט ער געשאָלטן זיך אַליין. און מיר פלעגן הערן איבערן שאַפּ ווי ער שרייט, „ברענען זאָל איך ווי דער ציגאַר, אויב ס'וועט ניט זיין ווי איר ווילט", האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דער דעזיינער געפינט זיך אין שאַפּ.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער אָבער געשאָלטן די אַרבעטער. איז דער אַרבל געשטאַנען ניט ריכטיג, האָט ער געשאָלטן דעם אָפּערעיטאָר: זאָל דיר דרייען די קישקעס ווי דער אַרבל דרייט זיך. האָט איינער געבעטן אַ נאָדל, האָט ער געגעבן די נאָדל און צוגעלייגט אַ קללה: נאַ דיר אַ נאָדל און ווער געשטאָכן. זומער פלעגט ער שרייען: עפן אַ פענצטער, זאָל דיר זיך עפענען אַ מכה. ווינטער פלעגט ער שרייען: פאַרמאַך די פענצטער, אַן אייז־בעג דיר אויפ'ן קאָפּ.

ווי אַ שרעטעלע פלעגט ער אַרומלויפן פון מאַשין צום טיש, און פון טיש צו די פּרעסערס, פלעגט אַ כאַפּ טאָן די אַרבעט און געוואָרפן אַ קללה גלאַט אין דער וועלט אַריין: פאַרטיג? זאָלט איר פאַרטיג ווערן.

גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין וואַש־צימער, און אויב ער האָט געטראָפן עמיצן רויכערן, האָט ער אים פּשוט אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער וואַסער. אַליין האָט ער געראַיכערט אַ ציגאַר און צום אַרבעטער האָט ער געשריען: „דו ווּעסט מיר דעם שאַפּ ניט פאַרברענען, אַ פייער דיר אין די קישקעס."

דער אומגליק פון הערשל טשעכאָטניק

מער ווי פון וועמען ניט איז, האָט ער זיך איזדעקעוועט איבער דעם קראַנקן הערשל טשעכאָטניק.

אין יענער צייט איז קיין בייעס ניט געווען, אַז אַרבעטער זאָלן זיצן אין שאַפּ מיט טובערקולאָזע לונגען און זיך שטיקן פון הוסט.

הערשל פלעגט זיין קרענק פּרובירן אויסבאַהאַלטן, פאַרשטיקן אין זיך זיין קרייענדיגן הוסט . . . ווען ער פלעגט זיך פאַרהוסטן פלעגט זיין פּנים ווערן רויט. האָט ער פּרובירט איינגראָבן זיין פּנים אין די בערג קליידער אַרום אים און ער פלעגט זיך נאָך מער פאַרהוסטן . . .

בענדזשאַמין כאַליעריע פלעגט אָבער מיט זיינע אָנעשפּיצטע אויערן דערהערן און גלייך צושיקן פון דערווייטנס אַ קללה: אַ שטיקעניש אויף דיר, הוסט זיך אויס און לאָז ניט קרעכצן דיין מאַשין, פּגר מיינער.

איין טאָג האָט דער עקזאַמענער געפונען בלוט־פלעקן אויף אַ העלן ראָק . . .

דער שאַפּ איז אַוועק כאַדזָראַם. די כאַליעריע האָט אַלעמען געשאָלטן און מער פון אַלעמען הערשל'ען.

הערשל איז געוואָרן בלאַס־טויט, דערשראָקן. זיינע הענט האָבן גע־ציטערט. וואָס מער די אַרבעטער האָבן צעשראָקענע געקוקט אויף הערש'־לען האָט בענדזשאַמין אַלץ העכער געשריגן און געשאָלטן. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט איבער'ן שאַפּ ווי אַ טיגער פון אַ צעעפנטער שטייג, צוגע־לאָפן צו הערשל'ען און גענומען שעלטן און שרייען: איך וועל דיר אַרונ־טעררעכענען צוועלף דאָלאַר, דו הערסט טשעכאָטניק. קאָנסט שפּייען מיט בלוט, אָבער ניט אויף מיינע רעק.

די אַרבעטער זיינען געבליבן זיצן דערשראָקענע, באַליידיגטע, ניט גע־וואוסט וואָס צו טאָן.

שטילערהייט האָב איך אַ זאָג געטאָן צום „העד"־אָפּערעיטאָר, מען זאָל מאַכן אַ ראַפל, גוטצומאַכן דעם שאָדן, און אויף אַזאַ אופן ראַטעווען הערשל'ען פון דער שווערער לאַגע.

דער אָפּערעיטאָר האָט דאָס גלייך געמאַכט צום פאָרשלאַג און די

אַרבעטער האָבן דאָס אָנגענומען. אַ קאָמיטע פון דריי איז נאָכדעם צוגע־גאַנגען צו בענדזשאַמינ׳ען די כאַליעריע, כדי צו קריגן אויך זיין צושטימונג.

ער האָט צוגעשטימט, נאָר מיט איין באַדינג, אַז אַנשטאָט צוועלף דאָלאַר, זאָל מען צונויפמאַכן אכצן דאָלאַר. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַנומעלטן האָט עמיצער אין שאָפּ צוגענומען אַ שטיקל לאַיינינג, וויל ער איצט דערפאַר אויך באַצאָלט, אויב ניט וועט ער אַרויסוואַרפן דעם טשע־כאָטניק אויף צוויי שפּענדלעך.

די אַרבעטער האָבן געקויפט ראַפלס, ווער איינעם און ווער צוויי, מען האָט געפּלעט דעם פאַרבלוטיגטן סוט און אַזוי געראָטעוועט דעם דזשאָב פאַר הערשל׳ען.

הערשל איז שוין אָבער מער ניט אַריינגעקומען צו דער אַרבעט. אַ שטיק צייט איז ער געלעגן קראַנק אינדערהיים, שפּעטער האָט אים אַ טשאַריטי אָרגאַניזאַציע אַוועקגעשיקט ערגעץ זיך צו דערהאָלן.

דער זעלבער הערשל, נאָר מיט אַן אַנדער פּנים

אין 1927, ווען איך בין געווען אויף אַ טור, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, צו באַזוכן אין דאָרטיגן סאַניטאָריום אַ באַקאַנטן פאָריער־אַרבעטער.

שפּאַצירנדיג איבער די צימערן צו טרעפן דעם באַקאַנטן, האָט מיך אַ „לעבעדיגער מת" אָפּגעשטעלט ביי זיין בעט און מיר געפרעגט צי בין איך דאָס ניט דער זעלביגער, וואָס האָט מיט אים צוזאַמען געאַרבעט ביי בענדזשאַמין כאַליעריע?

איך האָב אים ניט דערקענט. צופיל מת איז געלעגן אויף זיין פּנים...

ווי גיך מיר האָבן גענומען רעדן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אַמאָליגער צייט און וועגן דערמאָנטן שאָפּ, האָט ער גענומען אויפלעבן און זיך נאָכ־פרעגן אויף אַלץ אין ניו יאָרק.

איינע פון זיינע פראַגן איז געווען, צי בענדזשאַמין כאַליעריע, לעבט נאָך און צי איז ער נאָך אין זעלבן טרעיד. ווען איך האָב אים געענטפערט, אַז אַ גוטע כאַליעריע זאָל אים וויסן, האָט זיך באַוויזן אַ דין שמייכעלע אויף זיינע טרוקענע ליפּן.

ווען איך בין אַרויס פון סאַניטאַריום האָט פאַר מיינע אויגן געבלענ־דעט דער בלוט־פלעק אויף דעם ראָק אין שאָפּ און דער שאַנד־פלעק פון די סוועט־שעפּער אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

קאַפּיטל 4

שווינדלען אויפ'ן „חזיר־מאַרק"

די סוועט־שאַפּ האָט געהאַט איר איינפלוס ניט נאָר אינעווייניג אין שאַפּ, נאָר אויך אין גאַס און אין מאַרקעט. אומעטום האָט מען די „גרינע" עקספּלואַטירט שוידערלעך.

אויפ'ן „חזיר־מאַרק", וואָס איז מיט אַ האַלב יאָרהונדערט צוריק געווען דער נאָמען פון דער ניו־יאָרקער שניידער־בירזשע, פלעגן זיך שטענדיג געפינען הונדערטער אַרבעטער, די גרעסטע צאָל פון זיי גרינע אימיגראַנטן.

פלעגן זיך צווישן די שניידער אויפ'ן מאַרק אויך אַרומדרייען פאַר־שידענע שווינדלער און גנבים, וועלכע האָבן געזוכט צו באַשווינדלען די גרינע און אַרויסנאַרן זייערע אָרעמע פאַר גראָשן.

אַ צאָל פון זיי האָבן אונטערגעהאַנדלט מיט שניידער־געצייג, פאַר־קויפט שערן, מאַשין־פּיסלעך, געדזשעס, מאָסן, נאָדלען, שרויפן־ציערס. געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס פלעגן אויך אויסבייטן טשעקס, געבן געלט אויף פּראָצענט, פאַרקויפן שיפס־קאַרטן אויף אָפּצאָלן.

איין טאָג איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף אַרבעטער. אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר אַ פאַרמאַן פון אַ שאַפּ, איז אַרויף אויפ'ן „חזיר־מאַרק" און דערקלערט, אַז ער דאַרף אַ סך אַרבעטער. יעדן אַרבעטער האָט ער אָנגעגעבן אַן אַנדער נאָמען פון אַ שאַפּ מיט אַן אַדרעס, אים געהייסן גיין אַהין צו דער אַרבעט, און דער־ווייל האָט ער פון דעם אַרבעטער גענומען אַ דעפּאָזיט. דער דעפּאָזיט איז באַשטאַנען פון אַ שער, אַ מאַשין־פּיסל, אַ געדזש אָדער טאַקע אַ פּאָר דאָלער אין קעש. דער שווינדער האָט אַזוי צוגענומען ביי אַריבער פופציג שניידער אַ געוויסע סומע קעש געלט, זייערע שערן און אַנדערע געצייג. ער האָט אויך צוגענומען מיין שער, מיט וועלכער איך בין דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַרויס זוכן אַרבעט, צו ווערן אַן אַרויסהעלפער ביי פּאַקעטס.

דער שאַפּ, וואו דער שווינדלער האָט מיר געהייסן קומען, איז געווען פון קאַהען, גלאַזמאַן און שרייבער, אויף העלען סטריט.

מאַנטאָג פרי, ווען איך בין אַהין געקומען, האָב איך דאָרט געטראָפן נאָך קרבנות, וועלכע ער האָט אַהין געשיקט און וואָס זיינען געבליבן אָן שערן און אָן פּיסלעך . . .

שטייענדיק דאָרט און רעדנדיק וועגן שווינדל, האָט איינער פון די אָפּערעיטאָרס דערציילט, אַז איינמאָל האָט ער באַצאָלט אַ פּיל גרעסערן פּרייז. ער האָט געקראָגן אַ דזשאָב אין אַ סוועט־שאָפּ, וואו ער האָט גע־דאַרפט ברענגען אַן אייגענעם קעפּל, אַ זינגער־מאַשין. דער מאַן, וואָס האָט אים געדונגען צו דער אַרבעט, האָט זיך אָנגעבאָטן אים צו העלפן טראָגן דאָס קעפּל אין שאָפּ אַריין. אויפ׳ן וועג, גייענדיק, האָט אַ צווייטער אים אָפּגעשטעלט צו פרעגן כלומר׳שט אויף אַן אַדרעס. נאָר איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איז דער מאַן מיט׳ן קעפּל פאַרשוואונדן געוואָרן און ווי אין וואַסער אַריין.

אין אַ שאָפּ פון שמוץ און שימל

אין די רייד צווישן די באַשווינדלטע האָב איך זיך לעבן שאָפּ דער־וואוסט, אַז אין דעם דאָזיגן שאָפּ דאַרף מען יאָ האָבן לערנער און אַרויס־העלפער צו מאַכן קעשענעס. בין איך אַרויפגעקראָכן אויפ׳ן פינפטן פלאָר צו פּרוּוון קריגן אַ דזשאָב אַלס אַן אַרויסהעלפער.

ווען איך האָב נאָר געעפנט די טיר האָט מיך דאָרט באַלד באַגעגנט אַ נידעריק מענטשעלע, דער פאָרמאַן פונ׳ם שאָפּ. ער איז צוגעקומען און מיט אַ ציניש שמייכעלע אַ פרעג געטאָן:

— ביזט אַן אַרויסהעלפער ביי דער מאַשין? אַ נאָדל קאָנסטו פאַר־פעדעמען? אויב יאָ, האָט ער געזאָגט, זעץ זיך ביי דער מאַשין. ער האָט מיר דערביי אָוועקגעלייגט זיינע אַ שער אויפ׳ן טיש.

דער שאָפּ איז געווען פינצטער און שמוציג, די פענצטער באַדעקט מיט שטויב ווי אַן אַלטער מאַטראַץ וואָלט געשטאַנען אין אַ ראָם. די עמערס מיט וואַסער, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים טיר, לויט די רעגו־לאַציעס פון פייער־דעפּאַרטמענט, האָבן גע׳עיפּוש׳ט פון דעם געדיכטן שימל און שמוץ. פליישׁ, ביינער און שטיקער ברויט זיינען געלעגן גאַנצע בערג אַרום די מאַשינען, וואו די אַרבעטער פלעגן עסן זייער מיטאָג און אָפט זייער וועטשערע, וואָס אַ פרוי אָדער קינד פלעגט ברענגען אין שאָפּ אַריין.

צו גיין עסן אין אַ רעסטאָראַן האָט מען אין יענע צייטן זיך ניט גע־קאָנט דערלויבן. עס איז ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ מיטאָג־שעה. מען האָט געוואוסט ,אַז ווען דער פעדלער קומט אַריין מיט זיין קערבל שפּייז אויפ׳ן אָרעם, דאַרף מען עפּעס נעמען צו עסן.

אין קערבל ביים פעדלער פלעגט זיך געפינען אַ פענעץ ברויט, אַ

בולקע, אַ ביאַליסטאָקער קוכן, בייגל. אַלץ האָט מען געקאָנט קויפן פאַר אַ סענט אַ שטיק. פאַר צוויי סענט האָט מען געקאָנט קויפן אַ שטיקל הערינג, אַ שטיקל וואורשט, אַ פלעשל סאָדע. פאַר דריי סענט — אַ שנאַפּס, אַ טאָמעיטאָ־הערינג אָדער אַ שטיקל קאַבטשאַנקע. דערצו איז געווען אין קערבל עפּל, באַנאַנעס און פלוימען. פאַר פינף־זעקס סענט האָט מען אָפּגע׳פּטר׳ט אַ מאָלצייט.

די שפּייז איז געלעגן אויפ׳ן קעסטל אָדער אויף דער מאַשין. מען פלעגט געבן אַ ביס און אַ ניי, אַ ביס און אַ ניי . . .

אַ „פּראַצענטניק" מיט „טשאַק"־חשבונות

דער פעדלער, וואָס פלעגט אַריינקומען אין דעם דאָזיגן שאַפּ, האָט מען גערופן „זעליג דער פּראָטענטניק". פּראָצענטניק האָט מען אים גערופן נישט, חלילה, ווייל ער האָט גענומען פּראָצענט, נאָר פאַרקערט, פאַר צאָלן פּראָצענט, צו אַנדערע.

זיין זייגער האָט ער גענומען אויף אָפּצאָלן, אַ שיפס־קאַרטע אויף אַרונטערצוברענגען זיין ווייב — אויף אָפּצאָלן. אַחוץ דעם איז געווען נאָך עפּעס:

די אַרבעטער פלעגן ביי אים קויפן שפּייז אויף „טשאַק". דאָס האָט געמיינט, אויף באָרג, נאָר ער פלעגט עס פאַרשרייבן מיט אַ שטיקל „טשאַק" (קרייד) אויף דער שוואַרצער וואַנט פון שאַפּ. דאָס איז זייער אָפט געווען אוממעגלעך אפילו איבערצולייענען. פלעגט זעליג זיך בעטן: צאָלט מיר מזומן און נעמט אַרונטער אַ פּראָצענט . . .

מען האָט אים אָבער קיינמאָל נישט געצאָלט קיין מזומן, ווייל עס איז נישט געווען קיין צייט אַרויסצונעמען דאָס געלט און רעכענען זיך. דערצו פלעגט מען קריגן שכירות איין מאָל אין צוויי וואָכן, גאַנץ אָפט מיט אַ „העד־טשעק" (אַ וועקסל וואָס מען האָט ערשט געקאָנט אויסבייטן אין אַ צייט אַרום). פלעגט שוין זעליג אויך מוזן בייטן דעם וועקסל און דערביי אויפמאָנען זיינע עטלעכע סענטן.

„אָפּגעווישטע" חובות

זעליג פלעגט אַזוי אַלע טאָג שרייבן אויף די ווענט. די גאַנצע וועלט האָט געקאָנט זען זיין פאַרמעגן — ווייס אויף שוואַרץ . . .

נאָר איינמאָל האָט אַן אומגליק געטראָפן: פּסח, ווען דער שאַפּ האָט נאָר געאַרבעט, האָט זיך די באַלעבאָטים פאַרוואָלט אויסצוקאַלכן דעם שאַפּ.

נאָך יום־טוב, ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין שאַפּ, איז אונז ליכ־טיג געוואָרן אין די אויגן. מיר האָבן זיך געקאָנט אָנקוקן איינע די אַנ־דערע. פון נאַכט איז אונז טאָג געוואָרן.

אָבער עלף אַזייגער, ווען „זעליג פּראָצענטניק" איז אַריינגעקומען און דערזען די ווייס־געקאַלכטע ווענט, איז זיין קאַשעק מיטן שפּייז פון זיינע הענט אַרויסגעפאַלן. ער אַליין האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ לאָקס.

ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער שטאַמלנדיג געוויינט: מען האָט דאָך מיר רואינירט. מיט איין שמיר האָט מען מיר אָפּגעווישט מיין גאַנץ פאַרמעגן . . .

דער עולם האָט זיך גלייך געכאַפּט, וואָס דאָ האָט פּאַסירט. אָפּ־קאַלכנדיג די ווענט האָט מען פאַרשמירט אַלע חובות און סימנים פון זעליג'ס בוכהאַלטעריע . . .

זעליג איז דעמאָלט ווי אַ באַנקראָטירטער געשעפטסמאַן אַרומגעגאַנ־גען מיט דער אָנגעוואָרפענער שפּייז אין זיין קערבל און ע ר האָט געזוכט כאָטש וועלכע עס איז שליכטונג פאַר זיינע חובות. ער האָט געפּרואווט מיט יעדן באַזונדער שליכטן פאַר אַ געוויסן פּראָצענט, כדי כאָטש איינ־צומאָנען אַביסל מזומן פון דעם גרויסן אומגליק וואָס אים האָט געטראָפן . . .

אָט אַזוי האָט דאָס ביסל ליכטיגקייט פאַר אונז — אים פינצטער גע־מאַכט דאָס לעבן . . .

קאַפּיטל 5

אַ שבת'דיגער וועקזייגער

עס איז געווען אין יענע טעג, ווען די ריקערט־מענטשן פון דער „יו־נאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" האָבן אין ניו־יאָרק קאָנטראָלירט עטלעכע כלומר'שטע יוניאָן־שעפּער פון מענער־קליידער. די שעפּער זיי־נען געווען באַקענט אונטער'ן נאָמען „לעיבעל־שעפּער". דאָס האָט גע־מיינט אַזעלכע שעפּער, וואו די יוניאָן־באַדינגונגען באַשטייען בלויז אין דעם, וואָס מען נייט דאָרט אָן אויף די גאַרמענט ריקערטס יוניאָן־לעיבלס.

אין 99 פּראָצענט פון דעם שניידער־פאַך האָט מען דעמאָלט געאַר־בעט אונטער די שווידערלעכסטע באַדינגונגען. די סוועט־שאַפּקעלער האָבן געבליט אין שימל . . . מ'האָט געאַרבעט פון שטיק, פון ציל. מען האָט גענוצט היים־אַרבעט, קאָנטראַקטינג, סאַב־קאָנטראַקטינג, סעקשאָן־אַרבעט.

עס האָט געאַרבעט אַ „טים" פון אַן אָנטרייבער מיט אַרויסהעלפערס, לערנערס. די מאָטאָ איז געווען: „געז און פאָדים פעלט ניט". און „ווי דער זייגער קומט צו צוועלף פאָנגט ער ווידער אָן פון איינס" . . .

אין יענער צייט, איז זיבן טעג אַ וואָך און צוועלף־פערצן שעה אַ טאָג געווען די „נאָרמאַלע" צייט צו אַרבעטן . . .

אַ גאַנצע וואָך פלעגט דער „בודניק" (וועק־זייגער) יעדן פאַרטאָג מיך אויפוועקן זעקס אַזייגער צו גיין צו דער אַרבעט. שבת פלעגט אָבער אונזער וועק־זייגער האָבן רו. מיין פרומע מאַמע, וועלכע איז ניט לאַנג אָנגעקומען מיט די קינדער אין לאַנד, פלעגט אים שבת ניט לאָזן קלינגען. אָבער אַזוי ווי זי האָט געוואוסט, אַז אויב איך וועל ניט אַרבעטן שבת וועל איך פאַרלירן דעם פּלאַץ, און אַזוי ווי בויט שאַפּט געוויינלעך דערפינדונגען, האָט דעמאָלט מיין מאַמע דערפונדן אַ שבת׳דיגן „וועקער" . . .

זי פלעגט שבת אין דער פרי, זעקס אַזייגער, מיר אַ וואָרף טאָן אויף מיין געלעגער אַ העמד אָדער זאָקן און דערביי אַזוי אַ זאָג טאָן דעם „נאָדיר די העמד", אַז איך האָב שוין פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף אויפשטיין און גיין צו דער אַרבעט.

פרידמאַן דער „שמאַלץ־הערינג"

איך האָב דאַן געאַרבעט ביי גרינבערג און גאָלדשטיין, אויף דזשעקסאָן סטריט.

אין דעם דאָזיגן שאַפּ האָט מען געאַרבעט פון ציל.

די סיסטעם פון ציל האָט געמיינט, אַז אַ גרופּע אַרבעטער, אַ מין „קאָאָפּעראַטיוו", האָבן געדאַרפט מאַכן אַלע טאָג, לאָמיר זאָגן 15 מאַנטלען. די גרופּע האָט געאַרבעט בשותפות און זי האָט געהאַט עטלעכע אַרויסהעלפער, לערנער. די שותפים זיינען געווען: אַן אָפּערעיטאָר, אַ פּרעסער, אַ בעיסטער, אַ פינישער און אַ פיטער. יעדער איינער האָט געדאַרפט טאָן זיין חלק אַרבעט פאַר׳ן גאַרמענט. ווי געוויינלעך פלעגן אַרבעטן אַזעלכע „סעטס" (גרופּעס), וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן אין שנעלקייט, כדי די אַרבעט זאָל ניט בלייבן שטעקן ערגעץ אינמיטן.

ביי גרינבערג און גאָלדשטיין האָט אָבער פּאַסירט, אַז דער אָפּערעיטאָר פרידמאַן, האָט נאָך יאָרן אַרבעט, מיטאַמאָל גענומען ווערן אַזוי פעט, אַז ער פלעגט פשוט ניט קאָנען שאַרן די מאַשין. די חברה אין שאַפּ האָט אים דערפאַר געגעבן אַ צונאָמען — „שמאַלץ־הערינג".

די גרופּע האָט ניט געקאָנט אים אַרויסוואַרפן פון „סעט“ אינמיטן סעזאָן, ווייל ער איז געווען זייער אַ גוטער אַרבל־אַריינגייער, אַ ספּעץ אין פאַך. האָט מען אים ניט געוואָלט אָפּזאָגן.

אים, פרידמאַנ׳ען, האָט אָבער זייער געקרענקט, וואָס דער „סעט“ דאַרף אַלע מאָל וואַרטן אויף זיין אַרבעט. עס האָט אים ניט אַזוי גע־אַרט די לאַנגע שטונדן וואָס ער דאַרף אַרבעטן מער פון אַלעמען, ווי דאָס וואָס די אַנדערע פון „סעט“ דאַרפן אָפט זיצן און וואַרטן צוליב אים. ספּעציעל דער אונטערפּרעסער פלעגט אים דערגיין די יאָרן און אָפט שרייען: „שמאַלץ־הערינג, גיב אַ שאָקל דעם פּעמפּיק!“

פלעגט פרידמאַן פּרובירן אַריינקומען אין שאַפּ מיט אייניגע שעה פאַר דער צייט אין דער פרי און אָוועקגיין שפּעטער פון אַלעמען אין אָוונט.

אין שאַפּ איז געווען אַ וועכטער, וואָס פלעגט ביינאַכט האַלטן די טיר פאַרשלאָסן. נאָר ווען פרידמאַן פלעגט קומען אַרום פיר אַזייגער פאַר־טאָג, כדי אָנצוהייבן זיין טייל אַרבעט, פלעגט ער קלאַפּן און קלינגען אין טיר און דער וועכטער פלעגט פאַר אים עקסטראַ דאַרפן גיין עפענען די טיר און אים אַריינלאָזן.

דער וועכטער האָט אָבער גענומען פּראָטעסטירן הלמאי מען לאָזט אים קיינמאָל ניט אויסשלאָפן זיך, און ער האָט זיך פשוט אָנטזאָגט צו אויפשטיין פיר פאַרטאָג צו עפענען די טיר.

האָט פרידמאַן געפונען פאַר זיך אַ פּעטענט: די צווייטע געביידע לעבן שאַפּ איז געווען אַן אַפּאַרטמענט הויז, די זעלביגע פינף שטאָק הויך, ווי דער שאַפּ. פלעגט ער אַלע פאַרטאָג אַרויפגיין די טרעפּ פון אַפּאַרט־מענט־הויז. צווישן אָט־דער הויז און דער שאַפּ־געביידע איז געווען אַ שמאָלער „סקאַילאַיט“. האָט ער איבער די דעכער פוןביידע הייזער אַוועק־געלייגט אַן אַלטע טיר וואָס ער האָט געפונען און פלעגט אַזוי אַריבער־קריכן דעם „סקאַילאַיט“ און אַרויף אויף דער שאַפּ־געביידע. פון דאָרט פלעגט ער מיט די פייער־טרעפּ אַראָפּ אַ שטאָק נידעריגער און דורכ׳ן פענצטער זיך אַריינשפּאַרן אין שאַפּ אַריין אָנצוגרייטן עפּעס אַרבעט פאַר זיינע מיטאַרבעטער פון דער גרופּע.

אַ שווידערלעכער פאַל

אין פרימאָרגן, ווען די אַרבעטער פון „סעט“ זיינען אַריינגעקומען אין שאַפּ, האָבן זיי — ווי געוויינלעך — דערוואַרטעט שוין צו טרעפן פרידמאַנ׳ען ביי דער מאַשין. אָבער — פרידמאַן איז ניט געווען.

דער אונטערפּרעסער האָט דעמאָלט נאָך מער ווי שטענדיג אויסגע־שאָטן אויף פרידמאַנ׳ען אַ באַרג מיט קללות: „איך וועל דעם ,שמאַלץ־הערינג׳ היינט צערייסן און באַגיסן מיט „עסיג״, האָט ער זיך גע׳חכמה׳ט און געשריען.

עס איז אַזוי אַוועק אַ שעה און צוויי און פרידמאַן איז ניט געקומען. האָט שוין דער באַלעבאָס גרינבערג מורא געקראָגן, אַז די אַרבעטער זאָלן ניט אַוועק אין „חזיר־מאַרק״ זוכן אַ נייעם בעל־מלאכה צום „סעט״ אָדער אַ נייע שטעלע. האָט ער אַוועקגעלייגט אַ פּעקל קאַרטן אויפ׳ן טיש און געעפנט אַ „געים״. דאָס, האָט ער געטראַכט, וועט אפשר זיין אַ מיטל צו האַלטן דערווייל די אַרבעטער אין שאַפּ.

ערשט אַרום צען אַזייגער האָבן זיך פון גאַס דערהערט שטאַרקע געשרייען.

געמיינט האָט מען, אַז עס איז אַ פייער. זיינען אַלע אַרונטערגעלאָפן אין גאַס צו זען וואָס עס איז געשען.

האָבן זיי אויסגעפונען, אַז געשען איז אָט־וואָס:

ווען אייניגע קינדער זיינען אַריין זיך שפּילן אין יאַרד, אונטער׳ן סקאַילאַיט, האָבן זיי דערזען ליגן אויף אַלטע צעבראָכענע ברעטער אַ טויטן מענטשן מיט אַן אויפגעריסענעם קערפּער.

דער טויטער איז געווען פרידמאַן.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ווען פרידמאַן האָט אין יענעם פאַרטאָג, ווי אין אַנדערע פריערדיגע פרימאָרגנס זיך גענומען אַריבערצוגיין דעם סקאַילאַיט צום שאַפּ האָט די אַלטע טיר זיך איבערגעבראָכן און ער האָט אַזוי ביים סוועט־שאַפּ פאַרענדיגט זיין לעבן.

מיט צוויי טעג שפּעטער איז שוין ביי דער שאַרער־מאַשין געזעסן אַ צווייטער אָפּערייטאָר.

דער איז שוין געווען דאַר און איינגעשרומפּן. אים האָט שוין דער־פאַר דער אונטערפּרעסער גערופן מיט אַ נייעם צונאָמען: „אויסגעווייקטער הערינג״. צו אים פלעגט ער אָפּט שרייען: „ ,אויסגעווייקטער הערינג׳, גיב זיך אַ גליטש אויף די שאַרער!״ . . .

די צוויי באַלעבאַטים פלעגן האַרציג קוועלן פון דעם דאָזיקן „חכמה׳־דיגן״ אויסגעשריי.

קאַפּיטל 6

פאַרלאָרן די הויזן

אין די סוועט־שעפּער פון אַמאָל האָט מען קיינמאָל ניט געוואוסט ווען דער טאָג פאַנגט זיך אָן און ווען ער ענדיגט זיך. מען האָט אויך ניט געוואוסט ווען עס וועט זיין אַרבעט און ווען ניט. דער באָס האָט אָבער שטענדיג געוואָלט האָבן דעם „סעט" גרייט צו דער אַרבעט אין שאָפּ. ער פלעגט אויך מורא האָבן, טאָמער וועט אַ גוטער אָפּערעיטאָר אָדער פינישער פון דעם „סעט" זיך אַרויסכאַפּן אין „חזיר־מאַרק", וואָס האָט געמיינט אין העסטער פּאַרק, און זיך פאַרבינדן מיט אַ צווייטן „סעט". דערפאַר איז די קאָרטן־שפּיל אין די שעפּער געוואָרן אַזאַ איינגעפרעסענע מכה, וואָס האָט אָן אפילו היינט צו טאָג, ווען מיר האָבן שוין שטאַרקע יוניאָנס.

אַזוי שנעל ווי איינער פלעגט ביי דער אַרבעט אַרויספאַלן פון „סעט", דאָס הייסט, אַזוי שנעל ווי ער פלעגט זיין פאַרטיג מיט זיין טייל אַרבעט, פלעגט שוין דער באָס אָדער פאָרמאַן זען מען זאָל גלייך „פאַרפעדעמען אַ געים" פון קאָרטן. דער באָס אָדער פאָרמאַן פלעגט אַליין נעמען „אַ האַנט" אָנצוהאַלטן די „געים" ביז אַ צווייטער האָט פאַרענדיגט זיין אַר־בעט און זיך אויך צוגעזעצט זאָגן „תהילים"...

אין דעם שאָפּ פון גאָלדשטיין און פעדער אויף טשערי סטריט איז שטענדיג געווען „פאַרפעדעמט" אַ געים, אַזוי אַז אפילו אַרבעטער פון אַנ־דערע שטאָקן פון דער געביידע פלעגן אויך אַריינקומען שפּילן.

מר. פעדער פלעגט כאַפּן אַ „דיל" און צולויפן צו זיין „אָפיס", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ טישל, אַ שטול און אָנגעוואָרפענע שטיקלעך פּאַפּיר און וואָס האָט זיך געפונען אַרומגעצאַמט אין אַ ווינקל אונטער דעם טרעפּ־אַרויפגאַנג.

אין פאַרלויף פון שפּיל פלעגט ער אַלעמאָל דערמוטיגן די פאַרלוי־רענע זיי זאָלן ניט אַרויס פון דער שפּיל. ער פלעגט די אַרבעטער אויס־באָרגן געלט, ווען זיי האָבן געדאַרפט. געהייסן האָט דאָס, אַז ער גיט זיי „אָן אַקאַונט" (געצאָלט אויף די צוקונפטיגע אַרבעט). ביי די אַרבעטער לעבן קאָרטן־טיש האָט עס געהייסן „פאַרמאַרגעדזשט דעם סעזאָן".

אַחוץ די הלוואות, וואָס קאָרטן־שפּילער פלעגן אָפט נעמען ביים באָס, פלעגט מען אויך באָרגן ביים פעדלער, ביים וועכטער, און איינע ביי די

אַנדערע. וואָס אַן ערגערער שאָפּ, אַלץ גרעסערע חשבונות האָבן די אַר־בעטער געדאַרפט פירן. גאַנצע „באַנקירן" האָבן די אַרבעטער געדאַרפט זיין.

דאָס „מזל" פון „משה׳לע סאָלדאַט"

צווישן די אַרבעטער ביי גאָלדשטיין און פעדער איז געווען איינער אַ פינישער, וועמען מ׳האָט גערופן „משה׳לע סאָלדאַט".

אָט דער „משה׳לע סאָלדאַט" איז געוואָרן אַזאַ ליידנשאַפטלעכער שפּי־לער, אַז ער פלעגט פאַרשפּילן יעדע פרייע מינוט און אָפט יעדן פאַרדינטן סענט. זיין איינציג שטיקל פאַרמעגן ביי זיך איז געווען זיין גרויסע שער. האָט ער איינמאָל די שער אויך פאַרשפּילט. דער באַלעבאָס, וואָס האָט אים שוין מער ניט געוואָלט באָרגן קיין געלט, האָט פונדעסטוועגן דע־מאָלט אים ווידער געמוזט אונטערשטופּן אַ פּאָר דאָלער, כדי אויסצולייזן די שער, ער זאָל האָבן מיט וואָס צו אַרבעטן.

אַזוי שנעל ווי גאָלדשטיין און פעדער פלעגן אַריינקריגן עטלעכע זעק מיט אַרבעט און דער „סעט" פלעגט „אַריינשיסן" צווויי וואָכן מיט אַרבעט, פלעגן אַלע אַרבעטער אויסקוקן די אויגן אויפן דינסטאָג, ווען די באַלעבאַטים וועלן געבן דעם „העד־טשעק" צו קאָנען ווידער באָרגן אויפן ביכל אין שפּייז־קראָם. „משה׳לע סאָלדאַט" פלעגט אויף דעם אַרויס־קוקן מער פון אַלעמען.

איין מזל׳דיגן דינסטאָג האָט משה׳לע געקראָגן דעם „העד־טשעק", פון וועלכן דער באַלעבאָס האָט קודם־כל אַרונטערגענומען האַלב אויפן חוב, וואָס ער האָט אים אויסגעבאָרגט אין צייט פון אַרומגיין אָן אַרבעט. אויף די אַנדערע עטלעכע דאָלער פון משה׳לעס „העד־טשעק" האָבן גע־וואַרט דער פעדלער און נאָך עטלעכע אַרבעטער, וועמען „משה׳ל סאָל־דאַט" איז שולדיג געווען געלט.

משה׳לע האָט דעמאָלט געמאַכט אַ חשבון, אַז די וואָך וועט ער קיין חובות ניט צאָלן. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז ער מוז געבן דירה־געלט, ער מוז קויפן שיך, און די הויפּט־זאַך — ער מוז זיך קויפן אַ פּאָר הויזן.

מר. פעדער האָט אָבער דעמאָלט אויך פאַרגעשלאָגן צו מאַכן אַ קאָרטן־שפּיל און האָט נאָך פּרובירט אונטערהעצקען משה׳לען: „פּאַרוואָס עפּעס שיך מיט הויזן? — האָט ער צו משה׳לען גע׳טענה׳ט, — אַז גאָט וועט דיר העלפן, וועסטו נאָך (ביי די קאָרטן) מאַכן אויף אַ גאַנצן אַנצוג" . . .

דער באַלעבאָס, מר. פעדער, האָט אים דאַן אויסגעביטן דעם וועקסל

און צוזאַמען מיט אַ פּאָר אַנדערע האָט מען זיך גענומען צו שפּילן אַ פּאָקער.

אַזוי איז אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה און פון דעם זעכצן־דאָלערדיגן וועקסל איז משה׳לען ניט געבליבן קיין פּעני. ער איז נאָך ביי די קאָרטן געבליבן פונדאַסניי אַ פאַרשולדיגטער.

פעדער האָט אים נאָך דעמאָלט דערפאַר אונטערגעקיבעצט: „איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט געווינען אויף אַן אָנצוג, צום סוף האָסטו נאָך פאַרלאָרן די הויזן״...

קלעפּ פון ווייבער

אויף מאָרגן האָט מען, ווי געוויינלעך, ביים טיש און ביי דער מאַשין גערעדט וועגן אַלע איינצלהייטן פון דער נעכטיגער שפּיל. אַלע האָבן געלאַכט און ווידערהאָלט, ווי דער האָט אָפּגענאַרט, ווי יענער האָט „גע־רעיזט״, ווי דער האָט זיך באַנאַרישט מיט אַוועקוואַרפן די קאָרטן. „משה־לע סאָלדאַט״ איז דערביי געזעסן ווי אַ פרומער איד אין שבעה נאָך דאָס ליבסטע.

ווי אַלע טאָג האָט מען דעמאָלט דורכגעשטופּט די שווערע שעה׳ן אַרבעט. פאַרנאַכט האָט מר. גאָלדשטיין אָנגעזאָגט, אַז היינט וועט מען אַרבעטן ניט שפּעטער ווי ביז 6, ווייל די סאָסייעטי פון זיינע לאַנדס־לייט, וואו ער און פעדער זיינען די גלאָוונע מאַכערס, האָט היינט אַ בע־נעפיט אין טאַליע־טעאַטער, וואו אַ סך אַרבעטער פון שאַפּ האָבן בילעטן.

מר. גאָלדשטיין איז אַוועק אַהיים זיך טרעפן מיט זיין פרוי און מר. פעדער איז געבליבן אין שאַפּ צו וואַרטן אויף זיין פרוי.

איך האָב אין דעם שאַפּ געאַרבעט אַלס פּאָרער און טיקעט־ניי־ער, דערפאַר איז מיר אויסגעקומען צו זיין כמעט דער לעצטער ביי דער אַרבעט.

ווי איך שטיי אַזוי פאַרטראַכט און פּאָרע זיך אַרום די טיקעטס, עפנט זיך די טיר און אַ קאָזאַק אַ אידענע קומט אַריין מיט אַ שטיק האָלץ אין האַנט און גיט אַ געשריי:

„וואו איז ער, דער רויבער?״

איך, ניט וויסנדיג וואָס דאָ טוט זיך, און אַליין טאַקע זייענדיג אין שרעק פאַר דער אידענע מיט דער פאָלענע אין האַנט, האָב איר אָנגעוויזן אויף דעם „אָפיס״, וואו מר. פעדער איז געזעסן.

די אידענע האָט אויפגעפראַלט די טיר פון דעם אָפיס און גענומען דערלאַנגען מיטן האָלץ און שרייען:

„ביי מיין מאַן נעמט איר צו די ,פּעידע׳ און ביי מיר מיט די קינדער

דאָס שטיקל ברויט? שטעקט אָפּ די פּאַר ,טולער׳, וואָרום עס וועט זיין אַ לוויה מאָרגן! איך גיי מאָרגן און דערציייל אַלץ אייער ווייב!״

אינמיטן דעם געשלעג און געשריי איז אַריינגעקומען מר. פּעדער׳ס ווייב.

דערהערנדיג די טענות פון אַ פרוי צו איר מאַן אין אָפיס, פרעגט זי ניט קיין פראַגעס, און זי לויפט גלייך אַריין אין אָפיס, לאָזט אַראָפּ דעם מאַן צוויי פּעטש, און צו דער פרוי פון „משה׳לע דעם סאָלדאַט״ האָט זי גענומען שרייען:

„דו אויסוואורף! דו האָסט אַ שלימזל אַ מאַן, דאַרפסטו קריכן צו מיינעם?״

האָט משה׳לעס אידענע ווידער אַ כאַפּ געטאָן די פּאַלענע האָלץ און גענומען דערלאַנגען דער באַלעבאָסטע, דער מרס. פּעדער:

„אַ בראָך דיר אין די ריפּן! אַז דו האָסט אַ מאַן אַ קאַרטאָזשניק, וואָס נעמט צו ביי אַלע אַרבעטער דאָס שטיקל ברויט פון מויל, רופסטו מיר נאָך אויסוואורף?״

מיטאַמאָל האָבן אַלע דריי זיך גענומען רייסן. עס איז פון זיי אַלע־מען געוואָרן איין קנויל.

איך בין אַרויסגעלאָפן אין קאָרידאָר און גענומען שרייען. איז מען אַרונטערגעלאָפן פון די אַנדערע עטאַזשן און קוים פונאַנדערגעוויקלט דעם פליישיגן קנויל. נאָר אַלע זיינען שוין געווען באַגאָסן מיט בלוט.

משה׳לעס אידענע איז באַשטאַנען, אַז זי מוז קריגן דעם וועקסל, אויב ניט גייט זי ניט אַרויס פון שאַפּ. מר. פּעדער האָט מיט שאַנדע און לויט דעם באַפעל פון זיין ווייב אָפּגעגעבן דעם וועקסל, וועלכן ער האָט נעכטן ביי משה׳לען אָפּגעוואונען אין קאָרטן.

ווען זי האָט געהאַלטן דעם וועקסל אין האַנט האָט זי אויסגעשריען צו פּעדערן:

„ער (משה׳לע, הייסט עס), וועט שוין זיינס קריגן אין דער היים״ . . .

משה׳לע מיט אַ בלוי אויג און פּעדער מיט פּלאַסטערס

אויף מאָרגן איז אַריינגעקומען משה׳לע סאָלדאַט אין שאַפּ אַריין מיט אַ בלוי אויג און פול מיט סיניאַקעס אויפן האַלדז און אויפן פּנים. מר. פּעדער איז אַריינגעקומען שפּעטער ווי אַלע טאָג, מיט פּלאַסטערס אויפן קאָפּ און מיט עטלעכע דאָקטאָר־שטעך אויפן אויער . . .

ביידע, פּעדער און משה׳לע, האָבן זיך אָנגעקוקט ווי די העגער, און

מר. גאָלדשטיין איז געשטאַנען מיט דער דורכבי אויף אַ זייט און ניט גע־וואוסט וואָס פאַר אַ טאָן צו נעמען אין דער דאָזיגער געשיכטע.

די אַרבעטער זיינען געזעסן אויף זייערע פלעצער. נאָר אָנשטאָט, ווי געוויינלעך, צו דערציילן וואָס זיי האָבן געזען און וואָס עס האָט פאַסירט נעכטן אין טעאַטער, האָט מען דאָס מאָל מיך געהאַלטן אין איין פּאָמפּען איך זאָל זיי דערציילן וואָס עס האָט נעכטן פאַסירט אין שאַפּ . . .

אין די ווייטערדיגע טעג, ווען חברה האָט גענומען שפּילן אין קאָרטן און אַ רוף טאָן מר. פעדער׳ן צו נעמען אַ „האַנט״, פלעגט ער אינסטינק־טיוו זיך אַ כאַפּ טאָן פאַרן אויער און ענטפערן:

„ניין, איך האָב אויף דעם קיין צייט ניט!״ . . .

קאַפּיטל 7

אין אַ גענגסטער שאַפּ אויף מאַלבערי סטריט

טאָני ראַפאַעל איז געווען אַ שיינער איטאַליענישער יונגערמאַן, אַ באַרבער ביים פאַך. נאָר זיין טאַטע איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר פון אַ ביליגער סאָרט מענער־קליידער. זיין שאַפּ איז געווען אויף מאַלבערי סטריט.

ווען דער אַלטער מר. ראַפאַעל איז קראַנק געוואָרן איז זיין זון טאָני אַריינגעקומען אַכטונג צו געבן אויפן שאַפּ.

טאָני האָט כמעט גאָרנישט געוואוסט פון שניידעריי. קליינערהייט איז ער געווען אַ אַ פאַסטרינג־ציער און פלעגט קומען מיט זיין מאַמע איר העלפן טראָגן די פעק־אַרבעט צו נייען אין דער היים. אַחוץ דעם איז די מלאכה פון שניידעריי פאַר אים געווען אינגאַנצן פרעמד.

טאָני האָט אָבער געוואוסט ווי אַזוי אין שאַפּ זיך צו פאַרטשעפּען מיט די מיידלעך און ווייבלעך. צווישן די מיידלעך אין שאַפּ איז געווען אייבע, בעסי, אַ פינישערין. זי איז געווען אַ שיינע מויד, מיט שוואַרצע האָר און ברענענדיגע אויגן. איז אַזוי שנעל ווי טאָני איז אין שאַפּ געוואָרן דער באַלעבאָס האָט ער בעסי׳ן געמאַכט פאַר דער אויפזעערין פון שאַפּ.

בעסי האָט געוואוסט זיין „שוואַכקייט״, האָט זי אַלע עלטערע אי־טאַליענישע פרויען אַרויסגעשטויסן פון דער אַרבעט (קיין אידישע פי־נישערינס זיינען ניט געווען אין שאַפּ). די אַלטע פרויען האָבן בלויז געקאָנט נעמען אַרבעט אַהיים. אין שאַפּ האָט בעסי אַריינגענומען געקלי־בענע יונגע, שיינע מיידלעך.

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס טאָני האָט וויניג געוואוסט וועגן געשעפט, האָט ער פונדעסטוועגן אין אַ קורצער צייט באַוויזן צו פאַרגרעסערן דעם שאָפּ.

שטעך נישט נאָר פון נאָדלען, נאָר אויך פון מעסערס

אין דעם שאָפּ האָבן געאַרבעט בלויז עטלעכע גרינע אידן. מיט די איטאַליענער האָבן זיי געלעבט בשלום, כאָטש מען האָט זיך ניט געקאַנט צוזאַמענרעדן. צוצוקומען צום שאָפּ, אַרויפגיין די טרעפּ, איז געווען אַ לעבנס־געפאַר. ס׳איז ניט אַוועק אַ טאָג, אַז מען זאָל זיך ניט שיסן אָדער שטעכן אין דעם פינצטערן קאָרידאָר פון דעם שאָפּ.

אין שאָפּ האָבן די איטאַליענער אָפן גערעדט, אַז יעדער שטאָך און שאָס איז „פון טאָני׳ס דעזאַין״ . . .

בעסי, אַלס אויפזעערין, איז געוואָרן זייער פרעך צו די אַרבעטער. זי האָט אין שאָפּ געקאָמאַנדעוועט פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ פּריזאָן־וועכטערין. זי פלעגט אַלע טאָג אַריינגעמען און אַרויסוואַרפן אַרבעטער. אַלע פּאָר וואָכן פלעגט מען איר מוזן אונטערשטופּן פון די פאַרדינסטן אַ דאָלאַר אָדער צוויי לאַ־יחרץ־געלט.

טאָני האָט פון איר אָנגעקוואָלן און זי האָט געוואוסט ווי אים צו געפעלן . . . דערפאַר איז אָבער דערפון שוין גאָרניט געווען צופרידן איר געליבטער דזשאָני, אַ פּרעסער פון שאָפּ.

דזשאָני איז געווען אַן אָרנטלעכער האַרעפּאַשניק, אַ שיינער, געזונטער אַטלעט.

איין טאָג, ווען בעסי האָט באַליידיגט אַ פּרעסער און ער האָט איר געענטפערט אַ וואָרט, האָט זי אים אָוועקגעשיקט פון דער אַרבעט.

אויף מאָרגן איז דזשאָני געשטאַנען ביים טיש מיט די אַנדערע פּרעסער און געפאָדערט, אַז דער אָפּגעזאָגטער פּרעסער זאָל צוריקקריגן זיין שטעלע. קיין יוניאָן איז באַך דעמאָלט ניט געווען.

איז צוגעקומען טאָני, דער באַלעבאָס, און האָט אויך אָוועקגעשיקט דזשאָני׳ן. פון זיינע רייד האָט מען פאַרשטאַנען, אַז ער האָט זיך אויף דעם אויך „צונויפגערעדט״ מיט בעסי׳ן . . .

די פּרעסער האָבן דאַן, אַלע ווי איינער, באַשלאָסן אויף מאָרגן ניט צו אַרבעטן. טאָני האָט געסטראַשעט מיט שיסן און שטעכן, אָבער דזשאָני און די אַנדערע פּרעסער האָבן זיך ניט איבערגעשראָקן.

בעסי קריגט אויך איר מפּלה

אַ טאָג שפּעטער, ווען מיר זיינען געקומען צום שאָפּ אויסגעפינען וואו עס האַלט: צי מען וועט אַרבעטן אָדער מען וועט דאַרפן נעמען די געצייג און גיין צוריק אויפן „חזיר־מאַרק״, וואָס האָט געמיינט אין העסטער פּאַרק אויף דער שניידער־בירזשע, האָבן מיר לעבן שאָפּ געטראָפן אַ סך מענטשן פון גאַס. מען איז געשטאַנען אין רעדלעך און דערציילט, אַז אין קאָ־רידאָר פון שאָפּ האָט מען געפונען אַ שכור׳לעכע פרוי. איר קלייד איז געווען אַריבערגענומען איבערן קאָפּ און פאַרבונדן מיט אַ פּאַס. איר קערפּער איז געווען צעקיילט און צעביילט. ווען מען האָט אָפּגעבונדן דעם פּאַס האָט זי קוים געזשיפּעט און אַז מען האָט זי גענומען אויספרעגן ווער זי איז, האָט זי דערציילט, אַז איר נאָמען איז בעסי און אַז זי האָט געגעסן וועטשערע מיט אַ פריינט און אַביסל געטרונקען. אָבער ווען זי איז נאָך דעם געגאַנגען אין שאָפּ צו טרעפן דעם באַלעבאָס, האָט עמיצער זי צע־שלאָגן, געפּענטעט און געלאָזט ליגן אין קאָרידאָר ביז מענטשן האָבן זי אין דער פרי דערזען אין דער „אָפּן־האַרציגער פּאָזע...״

טאָני האָט דעמאָלט גלייך געשליכטעט מיט די פּרעסער. זיי און אויך מיר, די אַנדערע אַרבעטער פון שאָפּ, זיינען דאַן צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט. נאָר בעסי איז צוריק געוואָרן אַ פינישערין און אויס אויפזעערין.

ווען בעסי פלעגט פאַרגעסן איר מפּלה און אַמאָל אַן עפּן טאָן איר פּיסק צו אַ פינישערין, פלעגט מען איר גאַרניט זאָגן, נאָר אַ ווייז טאָן ווי מ׳מאַכט אַ קנופּ איבערן קאָפּ... בעסי פלעגט דאַן גלייך איינגעמען אַ שטומעניש.

דער שאָפּ איז שטענדיג געווען איינגעהילט אין געהיימנישן. און כאָטש בעסי איז שוין מער ניט געווען קיין אויפזעערין, דאָך האָט מען זיך געהיט פאַר איר. טאָני האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר זיין ראַט־געבערין. זי פלעגט אים אַלץ דערציילן, וואָס אין שאָפּ פּאַסירט.

אונזער לעבן אין שאָפּ איז דעריבער שטענדיג געווען פאַרביטערט. אַלע האָבן די אויגן אויסגעקוקט צו קריגן עפּעס אַן אַנדער שאָפּ און אַוועקגיין.

אַ צעשטערטע הוליאַנקע

פאַר ניי־יאָר האָט בעסי זיך באַרימט פאַר די מיידלעך אין שאָפּ, אַז זי גייט מיט טאָני ראַפּאַעל דעם באַלעבאָס פאַרברענגען ניי־יאָר אין אַ נאַכט־קלוב און טרינקען שאַמפּאַניער. אָבער בעסי׳ס האָפענונג פאַר אַ פריילעכן ניי־יאָר איז צעשטערט געוואָרן.

געשען איז אָט־וואָס ?

צווישן די מיידלעך אין שאָפּ איז געווען איינע אַ יונגע מיידל, מערי, אַ קנעפּל־אָנגייערין. זי איז געווען זייער אַ שיינע. נאָר זי איז שטענדיג געשטאַנען אונטער דער השגחה פון איר רעליגיעזער מאַמען. די מאַמע פלעגט זי אַלע טאָג אָפּוואַרטן אויף די טרעפּ פון שאָפּ. זי פלעגט זי לאָזן זיך אָפּשטעלן אין שאָפּ צו אַרבעטן „אָווערטאַים" (מער ווי די רעגולערע אַרבעטס־שטונדן) בלויז ווען בעסי פלעגט אַרויסגיין איר זאָגן, אַז זי אַר־בעט און אַז זי אַליין, בעסי, וועט זי נאָך דער אַרבעט צופירן צום הויז.

בעסי האָט אַזוי געקראָגן אַן איינפלוס אויף דער מיידל און דורך איר האָט טאָני מיט מעריין געקראָגן אַ גאַר „נאָענטע באַקאַנטשאַפט".

און ווען טאָני האָט געוואָלט פאַרברענגען מיט מעריין פלעגט בעסי פאַררעדן דער מאַמען די ציין, אַז מערי אַרבעט היינט „אָווערטאַים", אַז זי וועט פאַרדינען אַ סך „מאַנדזשא" (געלט)) . . .

אָבער קריסטמעס צייט, ווען מערי איז געקומען אין קלויסטער זיך מתוודה זיין אויף אירע זינד, האָט זי פאַרן גלח אַנטדעקט אַ סוד, וועלכן ער האָט איר, ווייזט אויס, געראָטן זי זאָל דאָס אויך דערציילן דעם טאַטן מיט דער מאַמען. האָבן זיך טאַטע־מאַמע אַזוי דערוואוסט, אַז זייער טעכטערל דערוואַרט צו האָבן אַ קינד; אַז טאָני איז דער טאַטע דערפון און אַז בעסי איז געווען די מעקלערין פון דעם גאַנצן עסק . . .

אַ פּאָגראָם און — אויס שאָפּ

פונקט ערב ניי־יאָר, ווען טאָני האָט געבראַכט בראָנפן פאַר זיינע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער און זיי האָבן אים געוואונטשן צו האָבן אַ גוטן סעזאָן, זיינען אין שאָפּ אַרויפגעקומען מעריס טאַטע מיט אירע צוויי ברי־דער און עס איז דאָרט געוואָרן פריילעך . . .

זיי האָבן אין שאָפּ געמאַכט אַזאַ חורבן, אַז עס איז געווען אַ שרעק צו קוקן. אַלץ איז צעריסן און צעשניטן געוואָרן. צווישן די בערג מיט אַרבעט איז טאָני אין ווינקל געבליבן ליגן מיט אַ מעסער אין זייט. בעסין האָט מען אַזוי אָוועקגעלייגט אין אַ צווייטן ווינקל.

מיר, די אַרבעטער, זיינען זיך צעלאָפן „אומפּאַרטייאיש", זיך נאָר געהיט ניט צו כאַפּן מיט אַ מעסער אין זייט.

נאָך ניי־יאָר זיינען מיר געגאַנגען זוכן נייע שטעלעס. טאָניס גענג־סטער־שאָפּ האָט זיך פאַרמאַכט.

קאַפּיטל 8

געווען אַ קצב און געוואָרן אַ הויט־שינדער

מיסטער געפען איז אין דער אַלטער היים, אין גאַליציע, געווען אַ קצב. דאָ, אין אַמעריקע, איז ער די ערשטע יאָרן געווען אַ פּרעסער. דער־נאָך איז ער אַריין אַ שותף אין אַ „קאָרפּאָרעיאָשן". זעקס אַרבעטער האָבן אויף עלען סטריט איבערגענומען אַ שניידער־שאַפּקע פון איינעם וואָס איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין גאַליציע. די „קאָרפּאָרעישאָן" איז אָבער גיך צע־קראָכן געוואָרן און געפען איז געבליבן דער איינציגער באַלעבאָס פון שאַפּקע. ער אַליין פלעגט שפּאַסן אויף זיין רעכענונג, אַז ער איז צוריק אין אַ געשעפט פון שינדן די הויט . . .

און געפען איז טאַקע געווען אַ גוטער הויט־שינדער. ער איז געווען דער ריכטיגער באַלעבאָס פאַר דער סוועט־שאַפּ סיסטעם. ביי אים אין שאַפּ איז געווען אַ מין אימיגראַציע ביוראָ. זיין שאַפּ איז געווען די ערשטע היים פאַר אַ סך גרינע, וועלכע זיינען אַרונטער פון שיף. דער שאַפּ איז געווען אַ פּלאַץ, וואו מען פלעגט טרעפן לאַנדסלייט. ווען אַ גרינער פלעגט אָנקומען פלעגט מען דאָרט באַשטימען וואָס דער גרינער זאָל זיך לערנען. ווי געוויינלעך, פלעגט דער גרינער זיך מוזן לערנען דאָס, וואָס געפען האָט געוואָלט. אויב עס האָט אים געפעלט אַן אָפּערעיטאָר אין שאַפּ, האָט דער גרינער זיך געלערנט פאַר אַן אָפּערעיטאָר, אויב אין שאַפּ האָט געפען געדאַרפט אַן אונטערפּרעסער, האָט דער גרינער זיך געמוזט לער־נען פאַר אַן אונטערפּרעסער.

אַ באָד און אַ בעדער פאַר גרינע

געפען פלעגט „אויפנעמען" אַ גרינעם מיט בראָנפן און קנאַבל־וואורשט. נאָכדעם פלעגט ער מיך הייסן נעמען דעם גרינעם אויף עלען סטריט אין מרחץ. איך האָב, הייסט עס, געדאַרפט פירן די גרינע אין באָד אַריין . . .

איך האָב זיך דאָן געלערנט צו „פּיקירן לאַפּעלס" ביים האַנט. פלעג איך אַריינשטעקן די נאָדל אין לאַץ און וואַרטנדיק אויפן גרינעם פלעג איך שוין אויך אַמאָל אַריינכאַפּן אַ באָד.

די גרינע, וואָס האָבן געהאַט פאַמיליעס, פלעגן פון שאַפּ אַוועק אַהיים

שלאָפן. אויב אָבער קיין פאַמיליע איז ניט געווען און ביי די נאָענטע קרובים איז קיין פּלאַץ ניט געווען, איז אַלע מאָל געווען אַ געלעגער אין שאַפּ. מען פלעגט אויף די טישן זיך אויסבעטן מיט די פּעקלעך געשני־טענע אַרבעט. פאַר אַ צודעק האָט מען געניצט די אָנגעוואָרפענע בערג מיט מאַנטלען.

מיסטער געפען פלעגט עקספּלואַטירן די גרינע אויף דעם שענדלעכסטן אופן. ער האָט אַריבערגעטראָגן די גאַנצע קצב־שפּראַך און קללות אויף זיינע שקלאַפן.

פון קיין באַשטימטער צייט צו אַרבעטן האָט מען דאָרט קיינמאָל ניט געוואוסט. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען עפּעס אַן אַלטער זייגער מיט איין ווייזער, ווי אַ סימבאָל פון אַ בלינדער צייט . . .

אַ גאַנצע וואָך האָט מען געאַרבעט ביז שפּעט אין אָוונט. די, וואָס זיינען געשלאָפן אין שאַפּ, פלעגן זיך נאָך אַמאָל אויפכאַפּן אינמיטן נאַכט און פּראָווען „חצות״ . . . דאָס הייסט, זיך זעצן אַריינכאַפּן אַביסל אַרבעט. בלויז פרייטאָג־נאַכט פלעגט מען פריער אויפהערן צו אַרבעטן. אָבער שבת נאָך הבדלה פלעגט מען זיך ווידער נעמען צו דער מלאכה.

די שול מיטן ארון קודש אין שאַפּ

דער שאַפּ איז פון די לאַנדסלייט אויך געניצט געוואָרן אַלס אַ שול. אין אַ ווינקל פון שאַפּ איז געשטאַנען אַ שאַפּקע מיט אַ ספר־תורה.

ווען מיסטער געפען האָט זיך געוואָלט שווערן, כדי צו באַשטעטיגן זיינעם אַ ליגן פלעגט ער זיך באַנוצן מיט דער שבועה: „ווי איר זעט אַ ריייניגקייט ביי מיר אין שאַפּ, אַז איך זאָג אייך דעם אמת״ . . .

שבת, נאָך הבדלה, פלעגן קומען לאַנדסלייט אין שאַפּ אַריין. אויפן טיש איז שטענדיג געשטאַנען אַ פלעשל בראָנפן מיט וואורשטן, ברויט און אוגערקעס. מאַנכע פלעגן זיך זעצן שפּילן אַ קערטל, און מאַנכע פלעגן אַריינכאַפּן, ווי זיי פלעגן דאָס רופן „אַ גוטע וואָך״, דאָס האָט געמיינט מאַכן אַביסל אַרבעט.

ווען ביי אַן אַרבעטער איז אַ קינד געשטאָרבן האָט ער שוין פאַרן כוועט־שאַפּ ניט געטויגט

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

דער לאַנדסמאַן הירש־ליב, דער הויפּט־אָפּערעיטאָר פון שאַפּ, האָט פאַר זיין פרוי און קינדער געקויפט שיפס־קאַרטעס אויף אָפּצוצאָלן, כדי זיי אַריבערצוברענגען קיין אַמעריקע.

עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן פון דער פאַמיליע איז קראַנק געוואָרן זיינס אַ קינד און געשטאָרבן.

די נייעס האָט הירש־לייב׳ן אינגאַנצן צעבראָכן. ער האָט זיך געשלאָגן קאָפּ אין וואַנט. ער האָט אַזוי געוויינט, אַז דער שאָפּ איז געוואָרן ווי אַ שול יום־כפור נאַכט . . . אַלע האָבן מיטגעוויינט, אַלע האָבן מיט אים מיטגעפילט.

אָבער אַזוי גיך, ווי הירש־לייב איז אַרויס פון שאָפּ צו גיין זיך זעצן שבעה ביי אַ פאַמיליע אויף פאָרסאַיט סטריט, וואו ער האָט געוואוינט, האָט געפען מיר גלייך געגעבן אַ באַפעל: „גיי אין ,חזיר־מאַרק׳ און ברענג מיט אַן אָפּערעיטאָר!“

האָב איך געבראַכט אַן אָפּערעיטאָר. און אַזוי גיך ווי ער האָט זיך נאָר געזעצט ביי דער מאַשין, איז דער באַלעבאָס געפען געשטאַנען הינטער אים און געקוואָלן: „אָט־דאָס“, האָט ער מיט זיין קצב׳ישער שפּראַך אַ זאָג געטאָן, „איז אַ געטרייבערטער זאַדיק. ער קאָן די אַרבעט“.

אַ וואָך שפּעטער, ווען הירש־לייב איז אַריינגעקומען אין שאָפּ מיט אַן איינגעריסענעם לאַץ און אויך מיט אַ צעבראָכן האַרץ, האָט געפען אים קלאָטבלוטיג אַ זאָג געטאָן, אַז ער דאַרף אַן אָפּערעיטאָר מיט אַ רואיגן קאָפּ און אַז ער, הירש־לייב, וועט ביי אים מער ניט קענען אַרבעטן.

דער קרעכץ און וויי, וואָס הירש־לייב האָט אַרויסגעשריען, איז געווען שטאַרקער ווי ווען ער האָט דערהערט די טרויעריגע נייעס פון זיין קינד׳ס טויט.

„וואָס איז מיט אייך, מר. געפען“, האָט הירש־לייב מיט אַ פּאָר דער־שראָקענע אויגן אויסגעשריען, „איצט שיקט איר מיך אַוועק? וואָס רעדט איר? איר קוילעט מיך דאָך אָן אַ מעסער!“

„איך קוילע קיינעם ניט“, האָט געפען קאַלטבלוטיג און מיט חוזק אַ זאָג געטאָן, „איך בין געווען אַמאָל אַ קצב, אָבער ניט קיין שוחט“ . . .

ווען הירש־לייב איז געשטאַנען פאַרצווייפלט ביי דער טיר, ניט ווייט פון מיר, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם מיטל, וואָס מיין טאַטע האָט אַמאָל אָנגעווענדט געגן אַ גביר אין דער אַלטער היים, אין מיין שטעטל ליפּסק. ער האָט ניט געלאָזן לייענען שבת די תורה. דאָס איז געווען אַ מין פּיקעטן דעם ארון־קודש. ער וועט ניט לאָזן לייענען ביז מען וועט אויסהערן זיינע טענות געגן גביר, האָט ער געשריען.

גיב איך מיר אַזוי אַ זאָג צו הירש־לייב׳ן: „לאָזט ניט לייענען שבת די תורה, וועלן די אַרבעטער אייך הערן און זיין מיט אייך“.

דאָס פּיקעטן דעם אָרון־קודש האָט געהאָלפן

דאָס מאָל בין איך שבת געגאַנגען צום מנין אין שאַפּ אַריין. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט זיין „פרייליך“. . . .

שבת איז הירש־לייב, ווי אַלעמאָל, געקומען צום דאַווענען; קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז דאָ וועט עפּעס פּאַסירן. אַלע האָבן אָבער געקוקט אין זיין ווינקל, וויל פון זיין ווינקל האָט זיך געטראָגן אַזאַ מאָדנער קרעכץ, גאָרניט קיין שבת׳דיגער.

ווען ס׳איז געקומען צו לייענען די תורה, האָט זיך מיטאמאָל דער־הערט אַ טומל. הירש־לייב איז געשטאַנען ביי דער שאַפקע און געשריען. מען האָט זיך געאַמפּערט, געטומלט, געוואָרפן מיט די הענט.

פּלוצלונג האָט זיך מר. געפּען צעשריען מיט די העכסטע קולות: „ווען איך זאָל אפילו דאַרפן פאַרמאַכן מיין שאַפּ, וועט ער ביי מיר מער ניט אַרבעטן. אַרויס פון דאַנען, דו כופר בעיקר! ביסט געקומען שטערן דאַוונען?“ . . .

די אידן האָבן זיך איבערגעקוקט און ווי זיך צונויפגערעדט מיט די אויגן, האָבן זיי גענומען צונויפלייגן די טליתים. מען האָט אַזוי דערקלערט אַ „סטרייק“ געגן גאָט פאַר דערלאָזן אַזאַ פאַרברעכן געגען אַ אידן אין אַזאַ טרויעריגער לאַגע.

דער נייער אָפּערייטאָר איז דאַן אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטול. אַלע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן און ער האָט אויסגעשריען: „אידן, אַלע דאַרפן זיין פאַר אחדות! איך וועל ניט ברעכן קיין סטרייק“. צו געפּען׳ען האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ זאָג געטאָן: „ברענגען זיי מיטן שאַפּ!“

געפּען איז דעמאָלט באַלד ווייכער געוואָרן:

„נו, אידן, פאַרענדיגט דאַוונען, וועלן מיר מאַכן לחיים“.

הירש־לייב׳ן האָט ער גענומען גלעטן און געגעבן זיין באַרימטע שבועה: „ווי איר זעט די ריניגקייט אין מיין שאַפּ, אַזוי האָב איך אייך ניט געוואָלט אָוועקשיקן. איך האָב נאָר געטראַכט, אַז אַזאַ איד ווי איר דאַרפט זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש“ . . .

קאַפּיטל 9

אַ „טויבער" באַלעבאָס מיט געזונטע אויערן

„מיין אַרבעט טרייבט מיך פרי אַרויס,
און ברענגט מיך שפּעט צוריק.
פרעמד איז מיר מיין אייגן לייב,
פרעמד מיין קינדס אַ בליק".

אַזוי האָט דער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד געזונגען און באַקלאָגט דעם שיקזאַל פון דעם אַרבעטער פון דעם אַמאָליגן סוועט־שאָפּ.

שלמה גאַרפּין, אַ פינישער, האָט אָבער דעם דאָזיגן שיקזאַל אַליין גע־טראָגן אויף זיינע אייגענע פּלייצעס.

געווען איז דאָס אין 1910 און שלמה האָט דעמאָלט געאַרבעט ביי יאָשקע׳ן אויף פּייק סטריט.

יאָשקע׳ן האָט מען גערופן „יאָשקע דער טויבער". ער איז אָבער ניט געווען טויב. ער האָט געהאַט אַ פּאָר געזונטע אויערן. מען וואָלט אפילו געקאָנט זאָגן, הינטישע אויערן. ער פלעגט אין שאָפּ דערהערן יעדער שאָרך. ער פלעגט אַרומלויפן שרייען און באַליידיגן. ער פלעגט אָפט אפילו אויך פּאַטשן אַרבעטער. איינמאָל האָט יאָשקע זיך אפילו דער־לויבט, ביי אַ פּרעסער אַן עלטערן אידן, אַ רייס צו טאָן די באָרד.

טויב איז יאָשקע געווען נאָר דאַן, ווען מען האָט ביי אים געבעטן געלט, שכירות. יעדער אַרבעטער אין זיין שאָפּ פלעגט קריגן באַצאָלט אין אַ באַזונדער טאָג און דערצו איינמאָל אין צוויי אָדער דריי וואָכן. חוץ דעם פלעגט ער נאָך שווינדלען ביים פאַרשרייבן די אַרבעט. טאָמער פלעגט אַן אַרבעטער וואַגן צו זאָגן אַ וואָרט געגן אַ שווינדל, פלעגט יאָשקע ענטפערן: „איך הער ניט, רעד צו דער וואַנט". און ווען אַן אַרבעטער פלעגט זיך ניט לאָזן שפּייען אין קאַשע און פלעגט טאַקע מאָנען זיינס, פלעגט זיך דאָס אין אַ סך פאַלן ענדיגן מיט פּעטש און געשלעגן.

שלמה דער פינישער איז געווען אַ געהאַרכזאַמער שקלאַף. וואָס יאָשקע דער טויבער פלעגט צו אים ניט טאָן, האָט ער קיינמאָל קיין וואָרט ניט גערעדט. אפילו זיין ביטערן זיפץ פלעגט ער ניט לאָזן הערן אין געגנוואַרט פון באָס. בלויז דעמאָלט, ווען יאָשקע דער באָס פלעגט אַוועק פון טישל, פלעגט שלמה אָפּאָטעמען און טענה׳ן צו זיך אַליין: „ביטער צו לעבן. אַ פינצטערע וועלט. שלעכט, ברידערלעך, שלעכט!"...

ביי שלמה׳ן אין דער היים האָבן געוואַרט אויף זיינע פאַרדינסטן אַ

פרוי מיט דריי קליינע קינדער. ער האָט שטענדיג גוט געדענקט די צאָל פון זיין פאַמיליע. די פרוי פלעגט אים אָפט דערמאָנען: „שלמה, ביסט אַ טאַטע פון דריי קינדער, ווי קאָן מען דורכקומען מיט דיינע טרויעריגע פאַרדינסטן״? האָט שלמה גוט געוואוסט, אַז ער האָט דריי קינדער, נאָר טעג און וואָכן פלעגט ער זיי ניט זען.

געוואוינט האָט שלמה ווייט ערגעץ אין ברוקלין, ביי אייגענע. ער פלעגט דאַרפן דריי מאָל בייטן די סטריט־קאַר, וועלכע האָט זיך געשלעפּט אַ פּאָר שעה צו דילענסי סטריט. דערפאַר האָט ער געמוזט אויפשטיין צו

אַ בילד פון היים־אַרבעט

דער אַרבעט אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג. אין אָוונט פלעגט ער קומען פון שאָפּ אַרום צען אַזייגער זיך ווידער זעצן און אַריינכאַפּן עפּעס אַרבעט.

פון פאַרטאָג ביז שפּעט ביינאַכט אין שאָפּ און נאָכדעם אויך אַרבעט אין דערהיים

זיין פרוי פלעגט זיך אָפט שעמען פאַר די שכנים, וואָס איר מאַן פירט קיינמאָל ניט קיין קינד מיט'ן וועגעלע, גייט ניט אויף אַ שפּאַציר, און מען זעט אים איבערהויפּט ניט אַמאָל מיט איר צוזאַמען. דערפאַר איז

זי געווען זייער צופרידן, וואָס שלמה האָט גענומען ברענגען אין הויז אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען פון „באַגראַדן", אַרומשניידן און אי־בערקערן „בעלטס", „לופּס", „פלעפּס" און „וועלס". דערנאָך דאָס אויס־בייסטן פאַר׳ן פּרעסער, ווייל עס איז געווען „בלאָפּט־עדזש".

פאַר שלמה׳ס פאַמיליע האָט זייער אַ סך געמיינט די עטלעכע סענטן, וואָס זיינען צוגעקומען אין הויז. מיט פרייד פלעגט שלמה׳ס פרוי אַלע אויף דער נאַכט, אַרום צען אַזייגער, נעמען דעם קינד׳ס וועגעלע און צו־גיין וואַרטן ביי דער קאַר פאַר שלמה׳ן מיט׳ן פּעקל אַרבעט. זי פלעגט אַריינוואַרפן דאָס פּעקל אינ׳ם וועגעלע, איבערדעקן דאָס און אַזוי גיין מיט שלמה׳ן צוזאַמען. מענטשן פלעגן מיינען, אַז דאָס שפּאַצירן זיי אַזוי מיט׳ן קינד . . .

אַט־דעם „ראַנדעוואו" האָבן שלמה מיט זיין פרוי אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט פון דעם ביזי סעזאָן. אין צייט פון סלעק, ווען מ׳האָט מער ניט גע־זען ביינאַכט שלמה׳ס פרוי מיט׳ן וועגעלע, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג צווישן די שכנים, אַז דאָס קליינע קינד זיינס איז געשטאָרבן. אַ גרופּע שכנים זיינען אפילו געקומען מנחם־אָבל זיין שלמה׳ן . . .

שטייענדיג שמונה־עשרה אויף אַ סטריט־קאַר

איין פרימאָרגן האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

שלמה דער פינישער איז פאַרטאָג אַרויסגעפאָרן צו דער אַרבעט מיט־נעמענדיג מיט זיך אין אַ גרויסן פּאַפּירענעם שקאַרמיץ די אַרבעט, וואָס מען האָט אויפגעמאַכט אין דערהיים. אין פּעקל איז אויך געווען אַזאַ אַרבעט, וואָס איז נאָך ניט געווען פאַרענדיגט. מען האָט נאָך געדאַרפט איבערקערן „פלעפּס" און „וועלס".

איז שלמה געזעסן אין קאַר, געדאַווענט און דערביי געקערט די „פלעפּס" אויפ׳ן שפּיץ פונ׳ם גראָבן פינגער.

אַרום מוירטל עוועניו אין שלמה׳ן אויסגעקומען צו שטעלן זיך שמונה־עשרה. האָט ער זיך אויפגעשטעלט און דאָס פּעקל אַרבעט געלאָזט אויפ׳ן זיץ־פּלאַץ. ער האָט זיך געשאָקלט אין זיין שמונה־עשרה און דערווייל אויך דעמאָלט געקערט די „פלעפּס" אויפ׳ן פינגער.

אויף אַ קאָרנער האָט זיך די קאַר אָפּגעשטעלט און עס זיינען אַריין אַ ריי פּאַסאַזשירן.

זיי פאַנגען אָן זוכן אַ זיץ־פּלאַץ. איינער שטופּט דעם צווייטן. מיט־אַמאָל גיט אַ קריסט אַ שטופּ אַוועק שלמה׳ס שקאַרמיץ אָן אַ זייט און פרו־

בירט פֿאַרכאַפּן דעם אָרט. שלמה וויל ניט מפסיק זיין. שרייט ער: „נו, נו, שמונה־עשׂרה!" דער פּאַסאַזשיר וויל אָבער פֿון גאָר ניט וויסן און גיט אויך שלמה'ן אַ שטופּ אָן אַ זייט. פּרובירט זיך שלמה ווערן. כאַפּט דער פּאַסאַזשיר דאָס פּעקל און וואַרפֿט עס אינגאַנצן אַרונטער.

אין קאַר איז געוואָרן אַ געשלעג צווישן שלמה'ן מיט'ן קריסט. עס האָבן זיך אויך אַ פּאָר אַנדערע אַריינגעמישט. אין איין מינוט איז פֿון דעם פּעקל פּלעפּס, וועלס, לופּס און בעלטס געוואָרן אַ קאַשע. פֿאַרשיי־דענע קאָלירן זיינען אויסגעמישט געוואָרן צוזאַמען מיט די תּפֿילין . . .

אויפֿ'ן וועג ביז דעלענסי סטריט, וואו שלמה האָט געדאַרפֿט אַרונ־טערגיין, האָבן די אידן אין קאַר געהאָלפֿן צונויפֿקלייבן אַלע אָנגעוואָר־פֿענע שטיקלעך און ברעקלעך פֿון שלמה'ס פּעקל אַרבעט. אָבער די קאָ־לירן זיינען געבליבן אויסגעמישט.

ווען שלמה איז מיט דעם צעפּלאָכטענעם פּעקל אַרבעט אַריינגעקומען אין שאַפּ, האָבן אַלע דערזען פֿאַר זיך אַ גרויס אומגליק. אַחוץ דעם, וואָס ביי שלמה'ן איז געווען אָפּגעריסן אַ שטיק קאָלנער, האָבן זיין אָטעם און האַרץ אויך אויסגעזען ווי זיי וואָלטן זיך פֿון אים אָפּגעריסן. ער איז גע־שטאַנען איבער'ן פּעקל אַרבעט ווי איבער אַ בר־מנן און געבראָכן מיט די הענט ניט קאָנענדיג אפֿילו דערציילן געניי, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט.

זיך זעצן צו דער אַרבעט האָבן מיר שוין ניט געקאָנט. מען האָט גע־מוזט פּריער אין שלמה'ס פּעקל אַרבעט אויסגלייכן די קאָליר, „מעטשן" איינס צו דאָס אַנדערע, פּאָרן און איבערפּאָרן.

קללות און קלעפּ

האַלב נאָך זיבן איז אַריינגעקומען דער באָס, יאַשקע דער טויבער.

אַזוי שנעל ווי ער האָט דערזען דאָס צעריסענע פּעקל מיט די שטיק־לעך און ברעקלעך, האָט ער שלמה'ן דערלאַנגט אַ זעץ מיט'ן קולאַק אין האַרצן און צוגעלייגט עטלעכע בייזע קללות.

שלמה האָט זיך אויפֿגעהויבן און קיין וואָרט ניט געזאָגט. בלויז טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון זיינע אויגן.

יאַשקע דער טויבער האָט דעמאָלט באַלד מיר און נאָך אַ פּאָר אַנ־דערע געגעבן אַ באַפֿעל:

„נעמט גלייך אַלץ אויספּאָרן. אָבער איך זאָג אייך, אַז איר וועט דער־פֿאַר קיין סענט ניט קריגן! איר הערט, גרינע!" . . .

צו די אַנדערע אַרבעטער אין שאַפּ האָט ער אַ זאָג געטאָן: „היינט וועט מען שוין ניט אַרבעטן, קומט אַלע אַריין מאָרגן פרי".

אויף מאָרגן אינדערפרי איז שלמה אַריינגעקומען ווי אַן אָבל. ביי זיין טיש האָט ער שוין אָבער געטראָפן אַ צווייטן פינישער פאַרפעדעמען די נאָדל.

איז שלמה צוגעגאַנגען צו יאָשקע'ן אַ צעדריקטער, אַ דערשלאָגענער און מיט צעשפּרייטע הענט, ווי אַ פרומער איד, וואָס שטייט פאַר גאָט און בעט מיט די אויגן, האָט שלמה זיך געבעטן און געקלאָגט: „וואָס זאָל איך טאָן? באַצאָלט מיר כאָטש מיין געלט, וואָרום גאָט" — — —

יאָשקע האָט אים אָבער ניט געלאָזט פאַרענדיקן און ער האָט אַ געשריי געטאָן: „איך פייף אויף דיר מיט גאָט אינאיינעם!" ער האָט זיך דערביי אויך גלייך אַ לאָז געטאָן אַרויסצוּוואַרפן שלמה'ן פונ'ם שאַפּ.

פון אַ לעמעלע איז געוואָרן אַ טיגער

דאָ איז פון אַ לעמעלע געוואָרן אַ טיגער. ווי אַ איד וואָס גייט אויף קידוש־השם האָט שלמה אַ ציטער געטאָן און מיט אַ מעכטיגער שטים אויסגעשריען:

„אויף גאָט אויך? — אָפּגעבראָכן זאָלסטו ווערן" . . .

ער האָט דאָ כאַפּ געטאָן אַ דריי־פוס, אויף וואָס מען שטעלט אַ פּרעס־אייזן, און האָט דערלאַנגט יאָשקע'ן איבער'ן קאָפּ.

כמעט קיינער פון די אַרבעטער פון יענעם שאַפּ האָט נאָך ניט געוואוסט וואו אַ יוניאָן געפינט זיך. אָבער אַלע ווי איינער זיינען זיי אַרונטער פון שאַפּ פאַראייניגטערהייט, נאָך איידער עס איז געקומען אַ דאָקטאָר צו פאַרבינדן ביי יאָשקע'ן די וואונדן.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָב איך יאָשקע דעם טויבן געטראָפן אין „חזיר־מאַרק". ער איז געקומען זוכן אַ דזשאָב. דער באַנדאַזש אויף זיין פּאַטעלניצע האָט אויסגעזען ווי אַ שטעמפּל מיט אַן אויפשריפט, אַז „דער הונט האָט פאַרדינט דעם שטעקן" . . .

קאַפּיטל 10

אָפּגעשפּילט אַ חתונה אין שאַפּ . . .

אין די צייטן פון אַמאָליגן סוועט־שאַפּ איז די לאַגע אין שאַפּ געווען זייער ביטער און טרויעריג פאַר די מענער־אַרבעטער, אָבער נאָך שרעק־

לעכער איז דאָס געווען פאַר דער פרוי אין שאַפ.

אַ גרויסע צאָל פון די אימיגראַנטן מענער זיינען דאָ געווען אָן די פרויען. די וועלכע האָבן שוין דאָ געהאַט אַריבערגעבראַכט זייערע פאַמיליעס האָבן זעלטן ווען געהאַט אַ געלעגנהייט צו פאַרברענגען מיט פאַמיליע, זיך אויסבייטן אין דעם היים מיט אַ צאַרט וואָרט. איז די גרעסטע באַפרידיגונג ביי אַ סך פון אָט־די אַרבעטער געווען די פאָרנאָגראַפישע שפראַך אין שאַפ.

פאַר אַן אינטעליגענטער פרוי, וואָס איז צו דעם ניט צוגעוואוינט, איז ניט געווען קיין גרעסערע פייניגונג ווי צו זיצן אין אַ שניידער־שאַפ און אויסהערן די גראָבע רייד פון די אַרומיגע מענער־אַרבעטער.

אָבער די הויפט חוצפה׳דיגע און עקלהאַפטיגע ווערטלעך פלעגן די פרויען הערן פון די באַלעבאַטים און פאָרלייט. צו דעם וואולגאַרן אַרבעטער פלעגט נאָך די פרוי אַמאָל האָבן מוט אים אָפצוענטפערן און אים גוט אַריינזאָגן דערפאַר, וואָס ער באַגייט זיך גראָב־יונגעריש. אָבער פאַר׳ן באָס און פאָרמאַן האָט מען זיך געשראָקן. פלעגן באָסעס און פאָרלייט וואַרפן ווערעמדיגע רייד און די אַרומיגע פלעגן לאַכן. אָבער די פרויען פלעגן זיך ווערגן און שווייגן. באַוואוסטזיניגע מענער אַרבעטער האָבן אַוודאי מיטגעפילט מיט זיי.



אַרום פעשע „דער רבי׳צן"

איין טאָג בין איך אַרויף אויספרובירן אַ דזשאָב ביי „פיינגאָלד און עטקינס", אויף קריסטי סטריט. האָב איך דאָרט, אַלעמאָל דערהערט אַ געלעכטער וועגן איינער וועלכע מען האָט גערופן „פעשע די רבי׳צן".

אָפאַרבעטנדיג עטלעכע שעה ביי דער מאַשין, האָב איך זיך דערוואוסט אַז דאָס לאַכט מען אויף דעם רעכענונג פון אַ מיידל אַ שיינהייט, וואָס איז געזעסן ביי אַ שמאָלן טיש און אַלעמאָל האָט אַן אַנדערער איר געוואָלט

לערנען ווי צו פֿאַרפּעדעמען אַ נאָדל, ווי צו האַלטן די שער, ווי צו פֿאַר־בייגן דעם פֿינגער און האַלטן דעם פֿינגערהוט.

דאָס מיידל פּעשע איז געווען זייער אַ פֿרומע. די פֿרומקייט איז ממש געווען אויסגעגאָסן אויף איר פּנים. ווען זי האָט געטרונקען וואַסער האָט זי געמאַכט אַ ברכה. צום עסן האָט זי זיך געוואַשן. ביי יעדער גע־לעגנהייט איז ביי איר אויף די ליפּן געלעגן גאָט׳ס נאָמען. איצט פֿאַר־שטייט זיך, אַז ווען זי האָט געדאַרפֿט הערן פֿון מענער ביי דער אַרבעט גראָבע רייד און וואולגאַרע וויצן, האָט זי זיך אָפֿט געבאָדן אין טרערן.

דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס אַלע ווײַלע פֿלעגט דער פֿאַר־מאַן אונטערקומען כלומרשט איר צו ווייזן עפּעס און דערביי ווי אַ באַכאַל איר געבן אַ קניפּ, אַ ריס, זיך אַ שאַר טאָן אַרום איר יונג־שיינעם פֿרוי־אישן קערפּער.

אַ העפּלעכע שפּיל

איין פֿאַרנאַכט האָט דער באָס מר. עטקינס זיך געשטעלט אָנצינדן אַ גאַז־לאָמפּ אויפֿ׳ן טיש. דאָס איז געווען איינער פֿון אַזעלכע בליץ־לאָמפּן, וואָס האָט אויף זיך געהאַט אַ מענטעלע איבער׳ן קנויט און אַ גרויסע גלאָז. דאָס פֿלעגט דאַרפֿן געבן ליכט פֿאַר׳ן גאַנצן טיש. ביי די מאַ־שינען זיינען געווען גאַז־רערן מיט „טיפּס" פֿאַר באַלייכטונג.

ביים אָנצינדן דעם גאַז־לאָמפּ האָט דער באָס זיך גענומען צו פּוצן די גלאָז און דערווייל האָט ער זיך אויך זייער מיאוס באַצויגן צו פּעשע׳ן.

פּעשע איז דערפֿון געוואָרן זייער צעטומלט. זי האָט זיך גענומען אָפּ־רוקן פֿונ׳ם טיש, כדי אויסצומיידן די פּאַמפּושקע פֿינגער פֿונ׳ם באָס, וועלכע האָבן זי געהאַלטן אין איין קנייפּן און רייסן. ווען זי האָט זיך אַזוי געווערט געגן אים איז אַראָפּגעפֿאַלן איר פֿינגערהוט און זי האָט עס גענומען זוכן.

ווען דער באָס האָט שוין ענדלעך אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אים אָוועקגעשטעלט אויפֿ׳ן טישל האָט ער זיך איינגעבויגן אונטער׳ן טיש, אויפֿגעהויבן דעם פֿינגערהוט און געזאָגט צו פּעשע׳ן:

— איך וועל דיר ווייזן ווי מען האַלט אַ פֿינגערהוט ער זאָל ניט אַרונטערפֿאַלן.

ווען פּעשע האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט מיט׳ן פֿינגער, האָט ער איר אָנגעטאָן דעם פֿינגערהוט און אויסגעשריגן:

„הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל".

עטלעכע פון די וואוילע יונגען אַרום טיש האָבן אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

הירשקע דער אונטערפּרעסער האָט גענומען פּראָטעסטירן און צום באָס מיסטער עטקינס אַ זאָג געטאָן: „שעמען מעגט איר זיך מיט אייער באַציאונג צו אַזאַ גרין קינד״.

האָט עמיצער ביים טיש אַ הירזשע געטאָן און דערלאַנגט אַ שפּריץ אויפ׳ן הייסן גלאָז פון לאָמפּ. האָט די גלאָז גלייך געפּלאַצט און אַרונ־טערגעפאַלן. דער פאַרמאַן, וואָס איז געשטאַנען און אָנגעקוואָלן פון דעם באָס חכמה האָט אַ געשריי געטאָן: „מזל־טוב, מזל־טוב!״

פּעשע איז גלייך פון שרעק אַראָפּגעפאַלן פונ׳ם שטול אין אַ היס־טערישן געוויין און געבליבן ליגן אין חלשות.

אַלע אין שאַפּ האָבן זיך דערשראָקן, די פרויען האָבן זי גענומען מינ־טערן, גיסן וואַסער אויף איר. מ׳האָט פּעשע׳ן אָפּגעמינטערט. אָבער מ׳האָט זי ניט געקאָנט ברענגען צו זיך. איר שלוקערצן, שרייען און וויינען, האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלע אַרומיגע.

דער באָס האָט קיין דאָקטאָר ניט געלאָזט ברענגען. בין איך אַוועק־געלאָפן און גערופן פּעשע׳ס מאַמען, וועלכע האָט געוואוינט אויף סטענ־טאָן סטריט. איך האָב איר געזאָגט, אַז איר טאָכטער פילט עפּעס ניט גוט.

די אַלטע מאַמע, וועלכע איז צוזאַמען מיט איר טאָכטער פּעשע גע־קומען קיין אַמעריקע, האָט מיר אויפ׳ן וועג דערציילט, אַז זי, די אַלטע מאַמע, איז אַן אלמנה; אַז איר מאַן, אַ גרויסער למדן, איז אין 1908, אין רוסלאַנד דערמאָרדעט געוואָרן פון פּאָגראָמשטשיקעס און אַז איר טאָכטער פּעשע קאָן גוט לערנען; אַז זי איז זייער אַן איידל קינד.

ווען איך בין מיט איר אַריין אין שאַפּ האָט פּעשע נאָך אַלץ געוויינט און זיך געריסן די האָר. ווען די אַלטע מאַמע האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך גענומען האַקן מיט די קולאַקעס אין קאָפּ און שרייען: וואָס איז דאָ געשען?

אַנווייזנדיג אויפ׳ן אָפּיס פון באָס האָט פּעשע מיט געוויין געענטפערט: „ער האָט מיך מקדש געווען״.

דאָ האָט די דראַמע זיך נאָך שטאַרקער צעשפּילט. ביידע, מאַמע און טאָכטער האָבן צוזאַמען געוויינט. הירשקע דער אונטערפּרעסער איז צו־געגאַנגען, גענומען זיי בעטן, אַז ער וועט זיי אָפּפירן אַהיים.

גע׳פּסל׳ט די חתונה

דער שאַפּ האָט שוין דעם טאָג ניט געאַרבעט.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען מיר זיינען שוין געזעסן ביי די טישן און געאַרבעט איז אַריינגעקומען אַ איד מיט אַ פיינער באָרד, מיט אַ שטעקל אין האַנט און געפרעגט אויף מיסטער עטקינס.

מיסטער עטקינס איז צוגעלאָפן אַ דערשראָקענער און דער איד האָט אים געלאָזט וויסן, אַז ער ווערט גערופן צו קומען גלייך נאָך מעריב צו אַ רב אין הויז.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט הירשקע דער אונטערפּרעסער אונז דערציילט, אַז מיסטער עטקינס איז פון פּעשע'ן מיט דער מאַמען גערופן געוואָרן צו אַ רב, אויף איסט בראָדוועי.

דער רב האָט עטקינס'ן געהייסן שווערן, אַז דער „קדושין־רינג" איז געווען אַ פינגערהוט — און ניט קיין פינגערל; אַז דאָס איז געווען פון שטאָל — און ניט פון גאָלד. ער האָט עטקינס'ן אויך געהייסן באַצאָלן די זעקס דאָלער, וואָס פּעשע האָט געקאָנט מאַכן פאַר דער וואָך אַרבעט.

דער רב האָט אים אויך גוט אויסגע'מוסר'ט הלמאי ער האָט זיך דערלויבט צו איזדעקעווען איבער אַ יתומה.

די פּרויען אין שאָפּ האָבן נאָך דעם פּאָר אַ לאַנגער צייט פריי'ער אָפּ־געאָטעמט, ניט געהערט קיין גראָבע וויצן און קיין חוזק אויף זייער רע־כענונג. נאָר פּעשע איז אין דעם שאָפּ שוין מער ניט געקומען.

קאַפּיטל 11

באַלעבאַטים־סאַדיסטן

געווען איז דאָס אינ'ם שאָפּ פון „פּאַרבער און סמיט" אויף ספּרינג סטריט.

ווען איך בין אַהין אָנגעקומען אַרבעטן האָט מען מיר אין שאָפּ דער־ציילט, אַז היינט פאַנגען אָן די אָפּערעיטאָרס צום ערשטן מאָל נייען אויף עלעקטריק־מאַשינען. די פריערדיגע שאַרע'ס זיינען שוין געשטאַנען ביי דער טיר ווי אַרעמעלייט . . . אָבער ביי די פענצטער זיינען שוין אין אַ ריי געשטאַנען אַכט נייע מאַשינען מיט אַ גרויסער קאַרעטע פון דער צווייטער זייט פון די מאַשינען, צו האָבן וואו אַריינצושאַרן די אַרבעט, וואָס ווערט געשטעפּט.

די אַכט מאַשינען זיינען געטריבן געוואָרן פון אַ מאָטאָר מיט אַ גרויסער ראָד וואו אַ לעדערנער פּאַס האָט געדרייט אַ צווייטע ראָד מיט אַ וואַל. אויפ'ן וואַל האָבן זיך געפונען קלענערע רעדלעך, וועלכע זיינען

דורך דינע לעדערנע פּאַסן געווען פאַרבונדן מיט יעדער מאַשין. דער מינדסטער באַריר מיט'ן פוס אויפ'ן טרעטער האָט געמאַכט די מאַשין צום לויפן.

„גרינע" באַלמעלאָכעס און „גרינע" מאַשינען

עטלעכע פון די אָפּערעיטאָרס אין שאַפּ האָבן שוין געוואוסט ווי זיך צו באַנוצן מיט דער עלעקטריק מאַשין; די גרינע האָבן דאָס ערשט גע־דאַרפט זיך אויסלערנען. אָבער אַלע זיינען געשטאַנען און באַוואונדערט דעם גרויסן אויפטו.

ווען עס איז אַוועק אַ פּאָר וואָכן האָבן כמעט אַלע געכאַפּט דעם שניט ווי אַזוי צו אַרבעטן אויף דער נייער עלעקטריק־מאַשין. אַן אויסנאַם איז נאָר געווען איינער, אַ בחור, וואָס האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דער מאַשין. די שרעק פלעגט אים באַזונדערס באַפאַלן ווען דער פאָרמאַן טאָני, אַ יונגער איטאַליענער, פלעגט בעמען חוזק מאַכן פון אים און די צוויי באַלעבאַטים פון שאַפּ פלעגן דאָס הערן און קוועלן.

איינמאָל איז אויף אָט־דעם בחור'ס מאַשין לויז געוואָרן דער סטראַפּ און אַרונטערגעפאַלן פונ'ם רעדל. איז דער גרינער בחור אַ צעשראָקע־נער אַרונטערגעקראָכן אונטער דער מאַשין און געפּרואווט צוריק אַרויפ־צולייגן דעם סטראַפּ אויפ'ן רעדל. די אַנדערע אַרבעטער האָבן אים — צום באַדויערן — ניט אַרויסגעוויזן קיין פריינטשאַפט און הילף. און אפשר האָבן זיי פשוט מורא געהאַט זיך צו מישן. איז צוגעקומען דער פאָרמאַן און האָט כלומרשט מיט שפּאַס אַ וואָרף־געטאָן דאָס זיץ־קישעלע אונטער דער מאַשין און צום אַרבעטער האָט ער אַ זאָג געטאָן: „נאַ, לייג זיך שלאָפן".

עס איז אַוועק פינף און צען מינוט און דער גרינער בחור האָט זיך געמאַטערט, געשוויצט און ניט געקאָנט אַרויפלייגן דעם סטראַפּ צוריק אויף דער ראָד.

אַ שוידערלעכער ברוטאַלער אַקט

דאָ איז שוין דער באָס, מר. פאַרבער, אַרויס פון די כלים און אַ זאָג געטאָן צו טאָני'ן:

— „קאַם־אָן!" שלעפּ אים אַרויס פון אונטער דער מאַשין און וואַרף אים אַרויס פון שאַפּ.

טאָני האָט לאַנג ניט געוואַרט, געכאַפּט דעם גרינעם פאַר'ן פוס און גענומען שלעפּן.

דער גרינער בחור, צעשראָקן פון דעם צי פאַר'ן פוס, האָט זיך אַ ריס געטאָ אויף צוריק.

איז דאָ זיין קוטשעראווע קאָפּ האָר אַריינגעכאַפּט געוואָרן אינ'ם רעדל און סטראַפּ פון דער צווייטער מאַשין.

אַ שרעקלעכער „אוי!" האָט פאַרהילכט דעם שאָפּ. עמיצער האָט באַוויזן גלייך אָפּצושטעלן די מאַשינען. אָבער נאָר אַדאַנק דעם כוח פון דעם גרינעם בחור, וואָס האָט טראָץ זיין ווייטאָג ניט געלאָזט זיך שלעפּן אונטער דער ראָד, איז דער סטראַפּ אַראָפּגעריסן געוואָרן פון דעם רעדל.

ווען מ'האָט אים אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דער מאַשין איז זיין קאָפּ האָר מיט דער הויט פון דעם שאַרבן געבליבן הענגען אויף איין זייט פון קאָפּ.

מען האָט דעם בחור גלייך צוגענומען אין אַ שפּיטאָל. נאָר וואָס עס האָט מיט אים ווייטער פּאַסירט האָבן שוין די אַרבעטער פון שאָפּ ניט געוואוסט. אין שאָפּ האָט מען אים מער ניט געזען.

מעטאָדן פון אַלטן סדום

אַט־די טרויעריגע געשיכטע דערמאָנט מיר אָן נאָך אַ פּאָר פון אַזעלכע פּאַסירונגען, וואָס זיינען אין די אַמאָליגע סוועט־שעפּער געווען דער רעזולטאַט פון שטענדיגן אומעט, זאָרג, עקספּלואַטאַציע און אין אַ גרויסער מאָס אומוויסנקייט.

שוידערלעכע מעטאָדן זיינען גענוצט געוואָרן, למשל, אין דעם שאָפּ פון ליוואַי און סאָן, וואָס איז געווען אויף קריסטי סטריט.

אפילו אין דער צייט פון 1910 ווען די סוועט־שעפּער זיינען געווען אין דער מאָדע איז ליוואַי'ס שאָפּ אויך געווען אָן אויסנאָם צום ערגערן.

פון קיין זייגער האָט מען דאָרט ניט געוואוסט. שכירות האָט מען געצאָלט איינמאָל אין דריי און אין פיר וואָכן. און דעמאָלט אָפט אויך ניט אינגאַנצן, נאָר צעביסלעך. די באַליידיגונגען זיינען געווען שרעקלעך. אָבער דאָס ערגסטע איז געווען דאָס, וואָס דער באָס פון דעם שאָפּ האָט געהאַט אַ סאַדיסטיש פאַרגעניגן צו דערגיין די אַרבעטער די יאָרן.

דער דאָזיגער באָס האָט איינמאָל געפּאַקט אָן אָפּערעיטאָר ווען ער האָט גערויכערט ביי דער מאַשין. האָט ער זיך פאַרשטעקט הינטן־אַרום, אַ כאַפּ געטאָן דעם סיגאַרעט און עס אויסגעלאָשן דערשטיקנדיג דעם פייער ביים אָפּערעיטאָר אויפ'ן קאַרק.

אין דעם וואַש־צימער האָט ער אַרונטערגענומען דאָס וויג־טירל כדי ער זאָל אַלעמאָל קאָנען זען צי עמיצער חלילה רויכערט ניט דאָרטן, אָדער

שפּאַרט זיך ניט צו צו דער וואַנט זיך אַביסל אָפּצורוען.

איינער פון די אַרבעטער אין שאַפּ איז געווען בעני, אַ לאַנינג-מאַ־כער. ער איז געווען אַ איד אַ חלוש. ער האָט זייער פיל געליטן פון אַ קראַנקן מאָגן. פלעגט ער דאַרפן אָפט גיין אין וואַש-צימער. פאַרשטייט זיך, אַז ווען ער איז געגאַנגען איז דאָס געווען אויף זיין אייגענער צייט, ווייל ער האָט געאַרבעט פון שטיק.

דער באָס מר. ליוואַי, איז אים אָבער דערגאַנגען די יאָרן און איינ־מאָל אים אָפּגעטאָן אַזאַ ברוטאַלן שפּיצל.

ווען בעני האָט זיך אין וואַש-צימער פאַרזאַמט אַ פּאָר מינוט צו לאַנג, האָט דער באָס גענומען אַן אויל-קען און דאָס אונטערגעשטעלט אונטער בעני'ס זיץ-קישעלע.

אַליין האָט ער זיך געשטעלט אַנטקעגן צו וואַרטן און זען וואָס עס וועט זיין.

ווען בעני איז אַרויס פון וואַש-צימער און דערזען מר. ליוואַי'ן שטיי־ענדיג ביי דער מאַשין, איז ער מיט שרעק צוגעלאָפן און האַסטיג זיך אַ זעץ געטאָן אויף זיין פּלאַץ.

אין יענער סעקונדע האָט מיסטער ליוואַי אַ הירזשע געטאָן ווי אַ פערד, אָבער בעני איז אויפגעשפרונגען מיט אַ ווילדן געשריי, רייסנדיג דאָס קישעלע מיט'ן שפּיץ פון אויל-קען, וואָס האָט נאָך געשטעקט אין זיין געזעס.

די אַנדערע אַרבעטער, הילפלאָז און דערשלאָגן, האָבן זיך גענומען צו העלפן אים אַרומוואַשן און פאַרבאַנדאַזשירן זיין וואונד. אָבער מר. ליוואַי האָט דערביי זיך נאָך אַ רייץ געטאָן און צו זיי געזאָגט: „איצט וועט ער שוין ביי דער מאַשין זיצן רואיג אין געהאַקטע וואונדן".

אויסזעצן אַן אויג איז אויך געווען אַ „חכמה"

אַן ענלעכע ברוטאַלע „חכמה" איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון דעם באָס שטריקמאַן אין זיין סוועט-שאַפּקע אויף מאַנראָו סטריט:

איינער פון די אַרבעטער, לייזער דער פינישער, האָט זיך דאָרט גע־האַט באַקלאָגט, אַז דער פאָדים איז צעפוילט און רייסט זיך אונטער די הענט.

האָט דער באָס שטריקמאַן זיך כלומרשט גענומען אויספּרובירן ווי שטאַרק עס איז די פאָדים. האָט ער זיך געצילעוועט און אַ ריס געטאָן די פאָדים מיט אַ פאַרמאַכטן קולאַק, טרעפנדיג מיט'ן קולאַק לייזער'ן גלייך אין אויג אַריין.

דאָס אויג האָט אויסגערונען פאַר אַלעמענס אויגן . . .

וואָכן שפּעטער פלעגט נאָך מיסטער שטריקמאַן לאַכן פון דעם אומ־גליקלעכן שניידער, ווען עס איז אים געווען שווער פאַרפעדימען אַ נאָדל. „נעם אַ שטיקל טשאָק און צייכן אָן אויף דער נאָדל, וועסטו טרעפן וואו דאָס לעכל איז", פלעגט ער זיך וויצלען.

אָט אַזוי האָבן סוועט־שאַפּ באַסעס געמאַכט די אַרבעטער וואונדן און נאָך געשאָטן זאַלץ אויף די וואונדן.

קאַפּיטל 12

כאַנע מילער'ס „סאָסייעטע"

אויף גאָרעק סטריט איז געווען אַ שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו אַ קאָנטראַקטאָר מיט'ן נאָמען כאַנע מילער. האָט מען דעם שאַפּ גערופן „די סאָסייעטע". איך אַרבעט ביי דער „סאָסייעטע", פלעגן שניידער זאָגן.

פאַרוואָס עפּעס „סאָסייעטע"?

איז געווען אַזאַ מעשה:

כאַנע מילער איז געקומען פון רומעניע. די לאַנדסלייט וועלכע האָבן אים געקענט פון דער היים, האָבן וועגן אים געהאַט צו דערציילן גאָרניט קיין שיינע זאַכן. דאָ איז אָבער כאַנע מילער געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער קאָנטראַקטאָר פון קינדערשע קליידער. דערצו האָט זיין פרוי געהאַט אַ טרימינג־געשעפט אויף העסטער סטריט.

אָט־דער מילער האָט צו זיך אין שאַפּ אַריינגענומען נאָר לאַנדסלייט. ווען אים האָט געפעלט אָן אַרבעטער פלעגט ער אַריינגעמען אַ פרעמדן אויך. נאָר אַזוי שנעל ווי אַ שיף האָט געבראַכט אַ לאַנדסמאַן, האָט דער „פרעמדער" געמוזט־גיין פון שאַפּ און מאַכן פּלאַץ פאַר'ן לאַנדסמאַן.

ווען די לאַנדסלייט האָבן אָרגאַניזירט אַ סאָסייעטי איז מילער געוואָרן זייער פּרעזידענט און ביי אים איז דאָס געווען די גרעסטע נקמה, וואָס שייע פונק, דער היימישער למדן, איז ביי אים אין שאַפּ אַ פּרעסער און ביי אַ מיטינג פון דער סאָסייעטי מוז שייע בעטן אַ וואָרט ביי אים, ביי מילער'ן, וועמען מ'האָט אין דער אַלטער היים גערופן „כאַנע לקחן".

צעשטערטע ליבע

מר. מילער האָט געהאַט אַ שיינע טאָכטער, וועלכע איז געווען די בוכהאַלטערין אין שאַפּ. אָשר דער צופּיטער, וואָס האָט געאַרבעט אין

שאַפּ, האָט געהאַט אַ שיינעם זון, וועמען ער האָט אַרויפגענומען אין שאַפּ צו לערנען ער זאָל אויך ווערן אַ צופּיטער.

האָט אָשר׳ס זון זיך פאַרליבט אין מילער׳ס טאָכטער. אָשר און זיין ווייב זיינען דערפון געווען זייער ניט צופרידן. זייער טענה איז געווען, אַז זייער זונ׳ס זיידע איז אין דער אַלטער היים געווען דער חזן פון שטאָט און האָט אויך געהאַט אַ שניט־קראָם. פאַר זיי, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, פּאַסט ניט זיך מתחתן צו זיין מיט כאָנע׳ן. דער זון האָט זיי אָבער ניט געהערט. און כאָנע מילער פלעגט מיט זיין נייעם יחוס זיך גרויסן פאַר די לאַנדס־לייט סיי אין שאַפּ און סיי אין דער סאָסייעטי.

אין שאַפּ האָט מען זיך שפּעטער גענומען גרייטן צו אַ חתונה. די אַרבעטער האָבן צווישן זיך דיסקוסירט וואָס זיי זאָלן קויפן אַלס דרשה־געשאַנק. אין דער שטיל האָט מען צווישן זיך געשפּאַסט און מען פלעגט אימיטירן און נאָכמאַכן ווי אַזוי כאָנע מילער וועט אויסזען אין אַ ציי־לענדער־הוט. צווישן די פּרעסער זיינען געווען אייניגע למדנים, האָבן זיי צווישן זיך געשפּאַסט, אַז אָשר וועט ביי דער חתונה מסתמא רעדן וועגן תורה און כאָנע וועט רעדן וועגן פערד . . .

מיטאַמאָל האָט זיך אָבער איבער דעם שאַפּ פאַרצויגן אַ וואָלקן. די אַרבעטער האָבן זיך דערוואוסט, אַז מילער׳ס טאָכטער האָט אין שאַפּ זיך איינמאָל געטראָפן מיט דעם דעזאַינער פון דער פירמע, פאַר וועלכער מילער מאַכט זיין אַרבעט. האָט מען זיך פאַרליבט און ווילי, אָשר׳ס זון, האָט פון דער כלה צוריקגעקראָגן דעם דימענט־רינג, וואָס ער האָט גע־האַט גענומען ביי אַ צירינג־הענדלער אויף אויסצוצאָלן.

די „סאָסייעטע" איז דאַן אַוועק כאַדאָראָם. אין שאַפּ האָט מען ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם ענין. עס האָבן זיך אויך געשאַפן צדדים.

מילער אַליין איז אָבער פון דעם נייעם שידוך אויך געווען צופרידן. אמת, ער האָט פריער זייער געוואָלט דעם שידוך מיט אָשר׳ן. ער האָט אָבער אויך אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אַ שידוך מיט׳ן דעזאַינער וועט אים אפשר געבן די מעגלעכקייט צו קריגן אַ סך אַרבעט, פאַרגרעסערן דעם שאַפּ, אפשר מיט דער צייט צו קאָנען זיך נעמען אַליין צו מאַנופעקטשורן די קינדער־קליידער צוזאַמען מיט׳ן צוקונפטיגן איידעם און ניט צו בלייבן בלויז אַ קאָנטראַקטאָר.

די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן זיך אָבער ניט באַרואיגט פון דעם צע־גאַנגענעם שידוך. די אומצופרידנקייט האָט נאָך מער געשטיגן ווען די אַרבעטער האָבן זיך דערוואוסט, אַז מילער זוכט אַריינצוקריגן אַ נייעם צופּיטער.

אין איין פרייטאָג האָט טאַקע מילער אָפּגעזאָגט אָשר'ן און זיין זון ווילי'ן פון דער אַרבעט.

אַ „סיט־דאַון" סטרייק ביי כאָנע'ן

זונטאָג ביינאַכט איז ביי אַ מיטינג פון דער סאָסייעטי געווען גאַנץ לעבעדיג. פריער האָט מען דאָרט אַרגומענטירט מיט ווערטער, אָבער דערנאָך איז עס געוואָרן מיט שטולן. צום סוף האָט אַ גרופּע אַרבעטער אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז מאָנטאָג זאָלן זיי זיך אַוועקזעצן און ניט אַרבעטן, נאָר געבן כאָנע'ן מיט דער טאָכטער אַ לעסאָן.

מאָנטאָג פרי איז אין כאָנע מילער'ס שאַפּ דורכגעפירט געוואָרן פּילייכט דער ערשטער „סיט־דאַון" סטרייק. די אַרבעטער האָבן דאָס אפילו נישט גערופן סטרייק, נאָר — „מיר אַרבעטן ניט אָן אָשר'ן מיט זיין זון!"

אַזוי איז מען אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג. פיר אַזייגער איז אַריינגעקומען דער דעזאַינער און געזאָגט די אַרבעטער, אַז מאָרגן זאָלן זיי קומען צו דער אַרבעט, צוזאַמען מיט אָשר'ן און זיין זון.

אין עטלעכע וואָכן אַרום איז פאָרגעקומען די חתונה פון מילער'ס טאָכטער מיט'ן דעזאַינער. בלויז צוויי פּרעסער פון'ם שאַפּ זיינען געווען ביי דער חתונה. און ווען מילער האָט אין שאַפּ געבראַכט בראָנפן מיט קיכל, האָבן בלויז איניגע גענומען אַ לחיים און געווונטשן גליק זיין טאָכטער מיטן דעזאַינער. די אַנדערע אַרבעטער האָבן אין דער שטיל געשיקט קללות פאַר דרשה־געשאַנק...

מילער האָט זיך גענומען זוכן צו שאַפן צווישן די לאַנדסלייט אַ בעסערע שטימונג. האָט ער צוגעזאָגט צו מאַכן אַ גרויסן יום־טוב ווען זיי וועלן האָבן וואַלן אין דער סאָסייעטי. ער האָט מורא געהאַט, אַז אפשר וועט ער נאָך דאָרטן אויך זיין טראָן פאַרלירן און ווערן אויס פּרעזידענט.

זונטאָג, אין טאָג פון די וואַלן, האָט ער ביי אַ רעסטאָראַטאָר שאַפּיראָ, אויף דער איסט סאַיד, באַשטעלט מען זאָל ברענגען צום מיטינג אין 98 פאָרסייט סטריט, ציבעלעך, פּופּיקעס, קישקע און בראָנפן. פון דער צווייטער זייט האָט אַ גרופּע פון שאַפּ געאַרבעט מעשים מען זאָל אין דער סאָסייעטי איינמאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן כאָנע'ן פאַר אויס קאַפּעלויש־מאַכער.

ווי איבעראַשט זיינען אָבער די לאַנדסלייט ביים מיטינג געוואָרן ווען זיי האָבן געטראָפן די אַלע גוטע זאַכן וואָס שאַפּיראָ האָט געבראַכט, נאָר עס איז ניט געווען וועמען צו ווינטשן אַ מזל־טוב.

אַ שפּיצל געגן „פּרעזידענט“

ווען מען איז ביים מיטינג צוגעטראָטן צו די וואַלן, איז מילער׳ס נאָמען פאַר פּרעזידענט אויסגערופן געוואָרן איינמאָל און אַ צווייטן מאָל. נאָר מילער איז ניט געווען. איז הערי גרינשטיין, דער העד־אָפּערעיטאָר, דערוויילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט און מילער איז געוואָרן אויס.

אויף מאָרגן, מאָנטאָג, האָבן זיך ערשט אַלע דערוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מילער׳ן, פאַרוואָס ער איז ניט געקומען צום מיטינג. עמיצער האָט אים אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל:

זונטאָג פרי, ווען ער האָט געדאַרפט גיין צום מיטינג האָט אים עמיצער אָנגעזאָגט, אַז מ׳האָט באַ׳גנב׳עט זיין שאַפּ. איז ער אַוועק אין שאַפּ.

דאָרט האָט ער דערזען, אַז קיין גנבה איז ניטאָ, נאָר מען האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל. האָט ער זיך געלאָזט גיין צוריק צו דער טיר. איז אָבער די טיר פון דרויסן געווען פאַרהאַקט און ער האָט ניט געקענט אַרויס. קיין טעלעפאָן אין שאַפּ האָט ער נאָך דעמאָלט ניט געהאַט. איז ער דאָרט געבליבן שרייענדיג, אַז עמיצער פון דרויסן זאָל עפענען די טיר, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן.

זיין פרוי האָט אויף אים געוואַרט אין טרימינג־סטאָר מען זאָל גיין צוזאַמען צום מיטינג. ווען עס איז אַוועק אַ שעה און צוויי און ער איז ניט געקומען איז זי אַוועקגעלאָפן צו דער טאָכטער און זיי צוזאַמען מיט׳ן איידעם זיינען אַוועק צום שאַפּ. דאָרט האָבן זיי דערהערט מילער׳ס גע־שריי: „עפנט די טיר!“ נאָר ביז זיי האָבן גערופן פאָליציי און אויפגע־ריסן דעם שלאָס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט און נאָכ׳ן מיטינג.

אין 1913 ווען עס איז פאָרגעקומען דער שניידער־סטרייק האָבן מילער מיט זיין איידעם געעפנט אַ סקעב־שאַפּ אין ניו דזשוירזי. די לאַנדסלייט האָבן אים דעמאָלט דערפאַר אויך אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פון דער סאָסייעטי.

קאַפּיטל 13

וואָס פרויען־אַרבעטער האָבן אַמאָל געמעגט און וואָס ניט

די עקספּלואַטאַציע און די באַליידיגונגען פון וועלכע מען האָט גע־ליטן אין די סוועט־שעפּער מיט יאָרן צוריק זיינען געווען זייער ביטער פאַר דעם מאַן. אָבער נאָך ביטערער איז די לאַגע געווען פאַר דער פרוי.

די פרוי פלעגט אין שאַפּ ליידן פון באַליידיגונגען ניט נאָר פון באָס, נאָר אויך פון דעם מאַן, וואָס איז אַליין אין שאַפּ באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ שקלאַף.

ביי אײן אַרבעט האָט מען די פרוי ניט צוגעלאָזט און ביי אַ צווייטער אַרבעט פלעגט זי אונטערדריקט ווערן ווי דאָס ערגסטע. אַז זי האָט געדאַרפט אַרבעטן פאַר אַ פיל ביליגערן פרייז ווי דער מאַן, דאָס איז שוין געווען נאַטירלעך. איז געווען ווייניג אַרבעט האָט די פרוי געדאַרפט זיין די ערשטע צו פאַרלאָזן דעם שאַפּ. דערצו איז געווען אַ ניט־געשריבענער געזעץ, אַז פרויען טאָרן ניט אַרבעטן ביי די מאַשינען אַלס אָפּערעיטאָרס. ביי שניידעריי האָבן זיי געטאָן געוויסע אַרבעט, וואָס די מענער האָבן באַשטימט פאַר זיי, ווי זיין אַ „פעלער־האַנט", מאַכן „באָטנהאָלס" ביים האַנט, איינגייען קנעפּלעך. אין געוויסע שעפּער פלעגט מען זיי אויך לאָזן אַריינלייגן קישעלעך אָדער אַריינבעיסטן דעם אונטערשלאַק.



אַ צאָרנדיגע איבערראַשונג

דערפאַר איז מען צווישן שניידער געוואָרן זייער איבערראַשט ווען מען האָט דערהערט אַ נייעס פון דעם שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו מעקלאַש, דעם ליטווינער, אויף טשערי סטריט.

די נייעס איז געווען, אַז ביי מעקלאַש׳ן אַרבעטן פרויען ביים מאַשין; אַז צוויי פרויען, ליטווינישע, אַרבעטן אַלס אַרויסהעלפער ביים אַריינאַרבעטן קעשענעס; אַז נאָך אַ פרוי האָט געאַרבעט צו מאַכן דעם אונטערשלאַק. אַט־די נייעס האָט צווישן די מענער־אַרבעטער אַרויסגערופן אַ ביטערע

דעבאַטע. אייניגע האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מ׳זאָל אַרויף אין שאַפּ און די פרויען אַרונטערשלעפּן פאַר די האָר. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז שולדיג זיינען נאָר די מענער, וואָס אַרבעטן מיט זיי צוזאַמען און אַז אַזעלכע מענער דאַרף מען צעברעכן די ביינער ווען זיי ווייזן זיך אין „חזיר־מאַרק״.

איינער, אַ גאָס מילער, אַ פּאַקעטמאַכער, האָט געשריען: היינט אַר־בעטן זיי אַלס אַרויסהעלפער און מאָרגן וועלן זיי אַליין אָנפירן מיט אַ „טים״.

דער פרעסער זלמן האָט געשריען: „אויב מ׳וועט שווייגן, וועלן די ווייבער נאָך ווערן פרעסערס און אונטערפרעסערס. מ׳וועט אפילו ניט קאָנען אַרונטערוואַרפן די שליקעס ביי דער אַרבעט, אָדער אויסטאָן די העמד פון זיך.

אוי וויי — אַ מיידל — אַ „בחור״!

איינער האָט שוין דערציילט אַ מעשה, אַז ביי אים אין שאַפּ האָט אַ סליוומאַכער אויסגעלערנט זיין געליבטע צו מאַכן אויף דער הויז־מאַשין — אַרבל; אַז דערנאָך האָט זיך די געליבטע שוין אינגאַנצן פאַרקליידט פאַר אַ „בחור״, און אַז אַזוי האָט ער זי אַרויפגענומען צו דער אַרבעט אין שאַפּ. דאָס מיידל אין הויזן האָט אַזוי אָפּגעאַרבעט אַ זעקס וואָכן, ביז איין טאָג האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער „סליוומאַכער״ האָט אויסגעשטאַכענע אויערן פאַר אוירינגלעך. דאָס הייסט, דער „ער״ איז גאָר אַ „זי״, און דע־מאָלט האָט זי געמוזט גלייך פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

אין יענער צייט האָט ביי גאָלוביצקי׳ן, אויף סקאַמל סטריט, געאַרבעט איינער מיט׳ן נאָמען דאַנציג, וועלכער האָט אַלס סאַב־קאָנטראַקטאָר אָנ־געפירט מיט׳ן „סעט״ אָפּערעיטאָרס.

איין טאָג האָט גאָלוביצקי אָנגעזאָגט זיין העד־אָפּערעיטאָר, אַז עס קומט צו אים אַ קוזינע פון שיקאַגאָ, וועלכע קאָן מאַכן „פּאַקעטס״, אָבער ער וועט זי אַריינזעצן מיט אַלעמען אין „סעט״ און ער וויל, אַז דאַנציג זאָל איר צאָלן די אייגענע שכירות, עלף דאָלער אַ וואָך, ווי ער צאָלט צו די אַנדערע צוויי אַרויסהעלפער.

דעם באָס׳ קוזינע, רחל, איז געקומען אין שאַפּ. זי איז געווען שיין, קלוג און פלינק ביי איר אַרבעט. גלייך דעם ערשטן טאָג האָבן די אַנדע־רע אַרויסהעלפערס דערזען, אַז רחל איז אַן ערשט־קלאַסיגע אָפּערעיטאָרין.

אַלע אין „סעט״ האָבן דאָ גענומען חשבונ׳ען, אַז דער באָס גאָלוביצקי וועט איצט מסתמא מיט דער צייט אַריינגעמען נאָך פרויען אין שאַפּ און דערמיט פּרובירן פּטור ווערן פון מאַנכע מענער אַרבעטער. אָבער אַנ־שטאָט זיך צו באַוואָרענען אויף אַ באַוואוסטזיניגן אופן, אַז דער באָס זאָל

אַ פרוי ביי דער מאַשין — ווּם. גראַפּער

ניט קאָנען שלאָגן קיין קאַפּיטאַל פֿון דעם. און ווי רחל, וועלכע איז געווען אינטעליגענט און באַוואוסטזיניג, האָט זיי אויף אַ שטילן וועג אָנגעוויזן, האָט מען זיך גענומען אָנצוטאָן רחל'ן פֿאַרשידענע צרות.

אַ קאַמף פֿאַר — קלענערע שכירות

פֿריער האָט מען זיך גענומען איר אָפּצוטאָן שפּיצלעך. למשל, איר מאַנטל האָט מען באַפֿלעקט מיט אויל; אַרויסגעוואָרפֿן איינעם פֿון אירע שיך, ווען זי האָט זיך איבערגעטאָן צו דער אַרבעט. נאָכדעם האָט דאַנציג, דער סאַב־קאָנטראַקטאָר, זיך צוזאַמענגערעדט מיט זיינע אַרויסהעלפֿערס און באַשלאָסן, אַז זי זאָל קריגן מיט צוויי דאָלער אַ וואָך ווייניגער ווי די מענער, דאָס הייסט, ניין דאָלער אַ וואָך. זייער טענה איז געווען, אַז רחל דאַרף ניט אויסהאַלטן קיין ווייב מיט קיין קינדער, און אַז דערפֿאַר טאָר זי ניט קריגן די זעלביגע שכירות, וואָס מענער קריגן פֿאַר זייער אַרבעט.

רחל, האָט זיי פּרובירן אָנווייזן, אַז מיט אַזאַ באַשלוס טוען זיי בלויז זיך אַליין שאַדן. ווען דער באָס וועט זען, אַז זי קאָן די אַרבעט בעסער פֿון זיי און קריגט ווייניגער באַצאָלט, וועט ער סוף כל סוף אַריינעמען נאָר מיידלעך צו דער אַרבעט. רחל'ס טענות זיינען אָבער געווען אומזיסט.

אַ סטרייק פֿון סאַב־קאָנטראַקטאָר — געגן קאָנטראַקטאָר

נאָך אַן אָפּפֿערן זיך אין שאַפּ עטלעכע טעג מיט'ן באָס גאָלוביצקי, און מיט רחל'ען, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי זאָלן אַלע אַרונטער אין „סטרייק". דער גאַנצער „סעט" איז אַרונטער מיט אַ וואָרנונג צום באָס, אַז זיי וועלן ניט אַרבעטן אַזוי לאַנג ווי פּרויען וועלן זיצן ביים מאַשין.

די פּרעסער מיט די שניידער זיינען געבליבן אַרבעטן. דאָס איז געווען, ערשטנס, דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען ניט געווען פֿאַרליבט אין די אָפּערעיטאָרס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר גרעסערע יחסנים אין שאַפּ; צווייטנס, האָבן גע'טענה'ט די שניידער: מיר מעגן ליידן פֿון די פּרויען ביים טיש, טאָ זאָלן די אָפּערעיטאָרס אויך פֿילן דעם טעם . . .

אויף מאָרגן אינדערפֿרי, ווען גאָלוביצקי איז געקומען צום שאַפּ, האָט ער געטראָפֿן אַלע אָפּערעיטאָרס שטיין ביי דער טיר. צווישן זיי איז אויך געשטאַנען רחל.

גאָלוביצקי האָט מיט זיי גענומען איינ'טענה'ן און געבן פֿאַרזיכערונגען. ער האָט דערביי אויך פּרובירט אַפּעלירן צו זייערע געפֿילן, אַז רחל איז אַ יתומה און אַז זי מוז האָבן יעדן סענט צו העלפֿן דער מאַמען אין דער היים. ווען זיינע רייד האָבן ניט געהאָלפֿן, האָט ער גענומען סטראַ־

שען די אָפּערעיטאָרס, אַז ער וועט אַדווערטאַיזן אין צייטונג צו קריגן אָפּערעיטאָרס, נאָר מיידלעך.

גאָלוביצקי האָט דערביי אַ נעם געטאָן רחל׳ען אונטערן אָרעם און אַ זאָג געטאָן: „קום, זעץ זיך צו דער אַרבעט!"

רחל האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן פון זיין האַנט און האָט צו אַלע־מענס איבערראַשונג געענטפערט: וואָס מיינט איר, קום? וואָס בין איך עפּעס אַ סקעב? איר זיינט מיר טאַקע אַ קאָזין, אָבער זיי זיינען מיינע ברידער... אויב זיי האַנדלען ניט ריכטיג צו מיר, וועלן מיר זיך אויס־טענה׳ן און פאַרשטענדיגן זיך, אָבער גיין סקעבן, דאָס קיינמאָל ניט!

אויף מאָרגן האָבן אַלע אָפּערעיטאָרס זיך איינגעשטעלט פאַר רחל׳ען, נאָר דער באָס גאָלוביצקי האָט זי שוין אין זיין שאַפּ מער ניט געוואָלט האָבן.

אין 1926 איז רחל געווען צווישן די בעסטע קעמפּעריגס צוריק אין שיקאַגאָ, דאָרט איז איר קאַמף געווען אין דרעס־טרעיד.

קאַפּיטל 14

קאָן נישט צוזען שקלאַפעריי עפנט ער אַ „קאָרפּאָרעישאָן"־שאַפּ

אויף ספּרינג סטריט איז געווען אַ שניידער־שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו אַ באַלעבאָס מיט׳ן נאָמען וואָלאַך.

צווישן די אַרבעטער אין דעם שאַפּ איז געווען וואַלאַכ׳ס אַ לאַנדס־מאַן, איינער אַ מיסטער באַרקין, וואָס איז אַהער אין לאַנד אין 1908 גע־קומען פון פּוילן.

האָט זיך וואַלאַכ׳ן זייער שטאַרק פאַרוואָלט צו מאַכן זיין לאַנדסמאַן באַרקינ׳ען פאַר אַ שותף אין דעם שאַפּ.

האָט וואָלאַך זיך גענומען מיט באַרקינ׳ען איינ׳טענה׳ן, אַז ער זאָל ווערן אַ שותף, נאָר באַרקין האָט פריער אַ היבשע צייט זיך געקניטשט און גע׳טענה׳ט, אַז ער האָט דערצו קיין חשק ניט.

באַרקין איז געווען אַ יונגער בונדיסט, אַ באַלייענטער בחור. ווען ער פלעגט אַריין אין „חזיר־מאַרק" (אויף דער שניידער־בירזשע אין העס־טער פּאַרק) פלעגט ער ליב האָבן צו ריידן צווישן די אַרבעטער וועגן דער ביטערער לאַגע אין די סוועט־שעפּער. דער איינדרוק פון זיינע רייד איז געווען, אַז עס טוט אים נעבעך וויי דאָס האַרץ ניט נאָר דערפאַר, וואָס ער

אַליין אַרבעט אין אַזאַ סוועט־שאַפּ, נאָר נאָך מער דערפאַר, ווייל טויזנטער אַנדערע אַרבעטער מוזן שקלאַפן אין אַזעלכע שעפּער.

נאָר איין טאָג, ווען איך בין מיט באַרקינ׳ען געגאַנגען אין פּיפּלס מוזיק האָל, אויף דער באַוערי, האָט ער גענומען צו מיר רעדן אַזוינע ווערטער, אַז איך האָב געפילט ווי עס רעדט צו מיר אַ מיסיאָנער. אַ גאַנצע איבערקערעניש איז אין אים פאָרגעקומען. ביסלעכווייז האָט ער מיר דערמאָלט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער גייט שוין טאַקע אַריין אין דער „קאָרפּאָרעישאָן״, וואָס וואַלאַך אָרגאַניזירט אין זיין שאַפּ.

באַרקינ׳ס אַרגומענטן פאַר זיין אַריינטריט אין דער קאָרפּאָרעישאָן האָבן אין מיינע אויערן געקלונגען ווי די אַרגומענטן פון יענעם פּריץ, וואָס האָט געזען ליגנדיג אין שניי נאַקעטע קינדער, האָט ער געהייסן דעם קוטשער גיכער צו טרייבן די פערד, ווייל ער קאָן ניט צוזען ווי די אָרעמע קינדער ווערן דערפראָרן פון קעלט . . .

באַרקין האָט צו מיר גע׳טענה׳ט, אַז ער ווערט אַ שותף צום שאַפּ, ווייל ער קאָן מער ניט צוקוקן ווי די אַרבעטער „זיינען אומוויסנדיג״ און ווי „זיי לאָזן זיך עקספּלואַטירן״.

אַן אידעאַליסטישער זייגער

ווען באַרקין איז אין שאַפּ געוואָרן אַ באַלעבאָס האָט לאַנג ניט גענומען און ער האָט אָנגעהויבן באַווייזן וואָס ער קאָן. ער איז אַוועק פון שניידער־טיש און געוואָרן דער באַלעבאָס אויפ׳ן פלאָר. ער האָט גענומען איינפירן אין שאַפּ נייע פאָראַנדקעס. קיינער פון דער קאָרפּאָרעישאָן האָט אים ניט געשטערט, זיי האָבן געוואוסט, אַז מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן אויף אים...

איין טאָג האָבן די אַרבעטער אין שאַפּ באַמערקט, אַז דער זייגער גייט עפּעס ניט ריכטיג. האָבן חברה געשפּאַסט, אַז דאָס איז אַ צייכן פון עלטער . . . האָט מען אָבער אויך באַמערקט, אַז אין געוויסע צייטן פון טאָג לויפט דער זייגער. האָבן די זעלביגע חברה ווידער געשפּאַסט, אַז דאָס לויפט ער אַזוי, ווייל ער וויל אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר שעה „אָווערטאַים״.

שפּעטער האָט מען זיך אָבער געכאַפּט, אַז דאָס איז אַ „דערפינדונג״, וואָס שטאַמט פון מר. באַרקינ׳ען:

אין דער פרי פלעגט ער אונטערדרוקן דעם זייגער, איז ער געלאָפן אין צען מינוט. מיטאָג צייט פלעגט ער דעם זייגער רוקן אויף צוריק אַזוי, אַז ער פלעגט שוין זיין איינגעהאַלטן אויף אַ פופצן מינוט.

די פרעסער, וועלכע האָבן געאַרבעט פון וואָך, האָבן שטילערהייט גענומען פּראָטעסטירן געגן דעם, וואָס זיי דאַרפן אַרבעטן אַזוי פיל אומ־

זיסטע צייט. זיי האָבן גענומען פּאָדערן אַ נייעם זייגער אין שאָפּ.

האָט באַרקין זיך גענומען ווּיצלען, אַז דער זייגער איז גוט, נאָר אַ זייגער, האָט ער זיך גע׳חכמה׳ט, איז ווי אַ מענטש. עס קאָן פּאַסירן, אַז אין פאַרלויף פון טאָג זאָל ער אַמאָל ניט פּילן גוט און זיך פוילן צו שלאָגן אין צייט.

די פּרעסער זיינען אָבער פון דער חכמה ניט געווען צופרידן. האָבן זיי צווישן זיך שטילערהייט אָפּגעמאַכט, אַז אַלס פּראָטעסט געגן באַרקינ׳ס זייגער־פּראַקטיק זאָל יעדער פּרעסער אָפּפּרעסן בלויז צען רעק אַ טאָג אָנשטאָט די זיבעצן און אַכצן, וואָס מען פלעגט פּרעסן.

אַזוי איז אַוועק צוויי טעג, ביז מר. באַרקין האָט זיך געכאַפּט און מיט רוגזה צוגעלאָפן צו זיין שותף וואַלאַך און זיך צעשריען אַזוי, אַז אַלע זאָלן דאָס הערן:

— מר. וואַלאַך, נעמט אַרונטער פון אַלע פּרעסער פון זייערע שכירות פאַר יעדן ראָק וואָס עס וועט פעלן צווישן די געפּרעסטע. און אויב זיי וועלן דאָס ניט וועלן ליידן טאָ זאָלן זיי גיין!

„אויב אַ זייגער איז ווי אַ מענטש, איז אַ מענטש ווי אַ זייגער״

צווישן די פּרעסער איז געווען אַ יאַנקל קאַפּושניק. ער איז געווען אַ גוטער און שנעלער פּרעסער און אַזעלכער וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט גע־שראָקן צו זאָגן, וואָס ער וויל. האָט ער אַ שטעל געטאָן דעם אייזן, אַ וואָרף געטאָן דעם ראָק אינמיטן פּרעסן און צוגעלאָפן צו מר. באַרקינ׳ען.

דער גאַנצער שאָפּ האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, געמיינט האָט מען, אַז אָט ווערט אַ געשלעג. נאָר יאַנקל קאַפּושניק האָט זיך צעלאַכט און זייענדיג אַביסל אַ זאַהיקע האָט ער מיט אַ טיילווייז היקעוואַטן לשון גענומען רעדן צו באַרקינ׳ען און וואַלאַכ׳ן:

— איר פאַרשטייט, אַ מענטש איז ווי אַ זייגער. אין דער פרי איז ער פריש און שטאַרק, אַרבעט ער שנעלער. נאָכמיטאָג, פּילט ער ניט גוט, ווערט פויל, פּרעסט זיך ניט . . .

דער גאַנצער שאָפּ איז אַוועק כאָדאָאָם. אפילו וואַלאַך און באַרקין האָבן זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן.

דערפאַר איז שוין גאָר ניט געווען קיין געלעכטער פון דער פאַל־גענדער פּאַסירונג אין דעם זעלביגן שאָפּ:

צווישן די פינישערס אין שאָפּ איז געווען אַ שוואַנגערדיגע פרוי מיט׳ן נאָמען ראָזע. די ראָזע איז שוין געווען אין די מיטעלע יאָרן. דער־

פֿאַר איז זי געווען אויסער זיך פֿון פֿרייד, וואָס נאָך זעכצן יאָר זיין פֿאַר־הייראַט וועט זי ענדלעך ווערן אַ מאַמע.

ווען ראָזע האָט אַריינגעשפּאַנט אין די הויכע חדשים, איז די אַרבעט איר געפֿאַלן זייער שווער. זי האָט אָבער די אַרבעט ניט אויפֿגעגעבן טראָץ דעם, וואָס די קיבעצער אַרום טיש פֿלעגן איר דערגיין די יאָרן. איינער האָט זיך געוויצלט, אַז „דאָס אינגעלע קאָן שוין זיין אַ פּאַסטרינע־ציער". אַ צווייטער האָט זיך געוויצלט, אַז „דאָס מיידעלע שפּילט זיך שוין מיט קנעפּלעך". מר. וואַלאַך פֿלעגט איר צוטראָגן אַ שטיקל זויערע אַו־גערקע ווען ער פֿלעגט עסן און איר זאָגן: „נאַ דיר אַ שטיקל אוגערקע, נאָר ניי ניט מיט קיין זויערן פּנים".

ראָזע פֿלעגט גוטמוטיק לאַכן. זי האָט געוואוסט, אַז אין הויז וואַרטן איר מאַן און איר מאַמע אויף אירע פֿאַרדינסטן. די מאַמע איז געווען אַן עלטערע פֿרוי און איר מאַן איז געווען פֿון די קליינע פֿאַרדינער, דערצו האָט ער נאָך ניט געהאַט קיין דזשאַב.

אַ קימפּעט אין שאַפּ

איין טאָג, ווען ראָזע איז אַריינגעקומען צו דער אַרבעט האָט זי גאָר ניט גוט געפֿילט. זי האָט איבערגערעדט, אַז ווען היינט וואָלט ניט געווען קיין „פּעי־דעי" וואָלט זי ניט אַריינגעקומען. זי האָט אַליין ניט געפֿילט ווי זי האָט ביים טישל אַרויסגעשריען אירע ווייען . . .

מיט יעדער מינוט זיינען אירע ווייען געוואָרן שטאַרקער. האָבן די אַנדערע פֿרויען איר אָנגעהויבן זאָגן, אַז זי זאָל בעסער צו לאַנג ניט וואַרטן, נאָר גיין אַהיים און שיקן נאָכ'ן דאָקטאָר.

ראָזע האָט אַרונטערגענומען דעם פֿאַרטוך פֿון זיך און גענומען איינ־פּאַקן אירע זאַכן. אָבער ווען כּאַרקין האָט עס דערזען איז ער צוגעלאָפֿן ווילד ווי אַ חיה און גענומען שרייען: „דו מוזט פֿינישן דעם באַנדל, איך מוז היינט אַרויסשיקן די אַרבעט, ווען ניט וועט זיין מכות, ניט קיין „פּעי".

ער האָט צוריק אויף איר אַרויפֿגעוואָרפֿן דעם פֿאַרטוך און אונטער־געשטופּט אַ פּעקל אַרבעט: „דאָס מוז איך גלייך האָבן", — האָט ער אויסגעשריען.

ראָזע האָט אַרויפֿגעטאָן דעם פֿינגערהוט און אָנגעפֿאַנגען צו נייען. נאָר אירע קראַמפּן האָבן געשטיגן מיט יעדער מינוט. אירע גוואַלדן זיינען נאָכדעם מיטאַמאָל געוואָרן די סאַמע שרעקלעכסטע.

אַן אַלטע איטאַליענישע פֿרוי איז צוגעלאָפֿן צום טיש פֿון צופּיטער,

אויסגעבעט פון שמאַטעס אַ געלעגער, פאַרהאַנגען מיט אַ שטיק קאַנווע און מען האָט ראָזע׳ן צוגעפירט און זי אַוועקגעלייגט.

מען האָט גלייך געלאָזט וויסן איר מאַן און ער איז געקומען מיט אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט אַלעמען אַפּגעשטופּט אַן אַ זייט און ער האָט זיך גענומען עפּעס צו טאָן אַרום ראָזע׳ן. נאָר איידער וואָס־ווען האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ראָזע האָט געבוירן אַ טויט קינד.

די אַלטע איטאַליענישע פרוי האָט אַרויסגעשאָסן אַ געוויין און גע־טייטלט מיט׳ן פינגער צו באַרקינ׳ען: „יו אַר נאָ גוד, יו קילד דהי בעיבי״ (דו ביסט ניט גוט, דו ביסט שולדיג פאַר׳ן טויט פונ׳ם קינד).

קאַפּיטל 15

ביי אַ באָס מיט אַ כאַמסקער „אינטעליגענץ״

אין יענע יאָרן איז אויף מאַנראָ סטריט אין ניו־יאָרק געווען אַ קאָנ־טראַקטינג שאַפּ פון אַ ביליגן לאַין מענער־קליידער, און דער שאַפּ האָט געהערט צו איינעם אַ מיסטער פּעשקין.

דער מר. פּעשקין האָט ניט געקאָנט אונטערשרייבן זיין נאָמען, ניט געקאָנט דורכלייענען אַ שורה. דאָך האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אינטעליגענטן מענטשן, ער האָט אין זיך געהאַט נאַטירלעכע שטריכן פון אַ קלוגן און באַלעזנדיגן מענטשן. ער האָט געוואוסט ווען און ווי אַזוי צו פאַרדעקן זיין פּראַסטקייט.

איינמאָל האָט מר. שווייצער, איינער פון די פירער פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״, אַריינגערופן צו זיך דעם מר. פּעשקין און ער האָט צו אים גע׳טענה׳ט:

— סטייטש, ווי קומט עס, אַז אַזאַ אינטעליגענטער מענטש ווי איר זאָלט ניט לאָזן מאַכן אין אייער שאַפּ די אַרבעטער פאַר יוניאָן־לייט? ווי קאָנט איר צוזען ווי עס פּייניגן זיך ביי אייך אַזוי פיל אידן מיט בערד, למדנים?

האָט פּעשקין אים גלייך אַ זאָג געטאָן מעשה חכם:

— האָב איך זיי דען געבעטן צו ווערן פּרעסערס אָדער שניידער? פון מיינטוועגן האָבן זיי געקאָנט ווערן מלמדים. און אויב זיי טראָגן בערד זאָל איך זיי דערפאַר צאָלן עקסטראַ? האַלט איך זיי דען פאַר די בערד און לאָז זיי ניט אָפּשערן?

מיסטער פּעשקין פלעגט זיך דערביי אַוועקלאָזן אין חכמה׳נען:

— הערט איר, מר. שוויצער, די סאָציאַליסטן דאַרפן מיר דאַנקען. ווען איך וואָלט מיינע אַרבעטער באַהאַנדלט גוט וואָלטן די סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אַ רעוואָלוציע. אָבער אויב עס וועט אַמאָל זיין אַ רעוואָלוציע, וועט דאָס זיין אַדאַנק מיר און נאָך אַזעלכע ווי איך . . .

פּעשקין׳ס אַרבעטער האָבן זיך אָבער אַזוי לאַנג געלאָזט עקספּלואַטירן ביז מ׳האָט צווישן זיך אָנגעהויבן רעדן וועגן שטעלן פאָדערונגען פאַר וואָך־אַרבעט, קירצערע שטונדן און די הויפּט־זאַך, אַז מר. פּעשקין זאָל רעדן צו די אַרבעטער ווי צו מענטשן און ניט באַליידיגן זיי ביי יעדער געלעגנהייט.

געפּאַקט אַ „רעוואָלוציאָנער"

איין פרימאָרגן האָט זיך דער באַלעבאָס דערוואוסט, אַז אין שאַפּ און אין דרויסן לעבן שאַפּ ווערן פאַרטיילט ליפלעטס, וואו מען רופט די אַרבעטער צו סטרייקן.

האָט ער אויף מאָרגן אינדערפרי זיך פאַרשטעקט אַריבערן וועג ביי אַ כינעזער אין אַ לאָנדרי און געוואַרט אויסצוגעפינען און פאַקן דעם חברה־מאַן וואָס פאַרשפּרייט די ליפלעטס.

עס האָט לאַנג ניט גענומען, און מיסטער פּעשקין האָט דורכ׳ן פענצטער דערזען ווי אַ אינגל שטייט מיט אַ פּאַק ליפלעטס און פאַרטיילט זיי צווישן די אַרבעטער, וועלכע גייען אַרויף אין שאַפּ. האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט פון לאָנדרי, אַ נעם געטאָן דעם אינגל פאַר די אויערן, צוגערופן אַ פּאָליס־מאַן און געלאָזן אים אַרעסטירן.

דאָס אינגל איז נאָכדעם געבראַכט געוואָרן אין אַ געריכט און פּעשקין האָט אַהין געבראַכט זיינע אַ פּאָר אַדיוטאַנטן פון שאַפּ זיי זאָלן עדות זאָגן, אַז מען האָט געשפּרייט שרעקלעכע ליפלעטס.

ער אַליין האָט זיך פאַר׳ן ריכטער צעלאָזן ווי אַן אַקטיאָר און גענומען דראַמאַטעווען: „יור האָנאָר, איר זעט אָט־דעם אינגל, דאָס איז אַ סאָציאַליסט, וואָס וויל מאַכן אַ רעוואָלוציע. איר זעט אָט־דעם ליפלעט? דאָ ווערט געזאָגט וועגן מיר און מיין שאַפּ דאָס ערגסטע. מען זאָגט מיר, אַז זיי ריידן אפילו וועגן דער׳הרג׳ענען מיך".

דאָס צוועלף־יאָריגע אינגל איז געשטאַנען שטאַרק צעטומלט, ניט געוואוסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך.

פּלוצלינג גיט אים דער ריכטער אַ פרעג:

— קריגסטו באַצאָלט פאַר פאַרטיילן די ליפלעטס?

— יאָ, ענטפערט דאָס אינגל, — איך קריג 50 סענט אַ טאָג.
— ווער האָט עס דיר געגעבן צו פאַרשפּרייטן?
דאָס אינגל האָט געגעבן דעם נאָמען און אַדרעס פון אַ דעליקאַטעסן סטאָר, וואָס איז געעפנט געוואָרן ניט ווייט פון שאַפּ.

אַ „רעוואָלוציע" פון סענדוויטשעס און סאָדע־וואַסער

דער ריכטער האָט דאַן געהייסן מר. פעשקינ׳ען צו לייענען דעם ליפ־לעט פאַר אים. האָט פעשקין געדרייט דעם ליפלעט אַהער און אַהין און זיך אַנטשולדיגט פאַר׳ן ריכטער, אַז ער קאָן ניט לייענען קיין אידיש. האָט דער ריכטער געבעטן איינעם פון פעשקינ׳ס עדות צו לייענען דעם ליפלעט. האָט ער גענומען לייענען און אין געריכט האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

דער ליפלעט איז געווען אַן אַדווערטעיזמענט פון דער דעליקאַטעסן סטאָר, אַז אַ גאַנצע וואָך פון דער דערעפענונג פון דער סטאָר ווערט געגעבן פריי אַ פלעשל סאָדע־וואַסער פאַר יעדן סענדוויטש, וואָס מען וועט דאָרט קויפן.

דער באַלעבאָס פעשקין איז פון געריכט אַרויס אַ פאַרשעמטער. און מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען ער האָט דערזען ווי לעבן שאַפּ טיילט מען ליפלעטס אין וועלכע מען האָט שוין גראָדע גערופן צו אַ סטרייק אין זיין שאַפּ, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום מאַן, וואָס האָט אים דערלאַנגט אַ ליפלעט:

— שוין ווידער פרייע סאָדע? ברענגט מיר אַרויף אין שאַפּ אַ פּאָר סענדוויטשעס מיט סאָדע.

אַ ליטווישער פּאָליסמאַן

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק אין פּעש־קינ׳ס שאַפּ. כמעט אַלע אַרבעטער זיינען אַרונטער אין סטרייק. עטלעכע זיינען אָבער פאַרבליבן סקעבן און זיי האָבן אויך געהאָלפן אַריינברענגען אַנדערע סקעבס.

אַ פּאָליסמאַן, וואָס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אָפּצוהיטן די אָרדנונג אַרום שאַפּ, איז איינמאָל אַרויפגערופן געוואָרן פון פעשקינ׳ען אין שאַפּ אַריין און נאָך אַ גוטן טרונק, האָט ער אים געבעטן ער זאָל אַלע טאָג אָפּירן די סקעבס איינציקווייז פון דעם שאַפּ. ער האָט צוגעזאָגט דעם פּאָ־ליסמאַן, אַז ער וועט אים דערפאַר גוט באַלוינען.
אין טאָג רופט מיך צו דער פּאָליסמאַן און נעמט מיך פירן פאַר דער

האַנט. איך און אַזוי אַלע אַרום האָבן געמיינט, אַז ער אַרעסטירט מיך און פירט מיך אין פּאָליס־סטעישאָן. אויפ׳ן וועג גייענדיג, זאָגט ער מיר:

— ווייסט איר, אַז אין שאַפּ אַרבעטן אַכט מענטשן?

— געוויס ווייסן מיר.

ער האָט באַכדעם זיך אָפּגעשטעלט און גענומען טענה׳ן:

— איך וויל אייך העלפן. נאָר איר וועט דאַרפן פאַרשטיין ווי אַזוי צו רעאַגירן. פון שאַפּ גייען אַרויס פאַרשיידענע מענטשן, אַזוי אַז איר קאָנט קיינמאָל ניט וויסן ווער עס איז דער סקעב און ווער ניט. מאַך איך אָפּ מיט אייך אַזוי: ווען עס וועט אַרויס פון שאַפּ אַ סקעב, וועל איך אים גוט־ברודעריש אַ פּאַטש טאָן אין פּלייצע און צופירן צום קאָרנער פון ראָג. זעט דאָרטן צו האָבן צוגעגרייט אַ קאָמיטע, וואָס זאָל מיט אים ריידן און פּרואוון אויפקלערן ער זאָל ווערן אַ מענטש און נישט זיין מער קיין טכויר...

מיר האָבן ניט געוואָלט גלויבן אונזערע אויערן. אונזער ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז דער פּאָליסמאַן פּלאַנירט עפּעס געגן אונז.

מיר האָבן גלייך דעם זעלביגן אָוונט זיך איבערצייגט, אַז דער פּאָליסמאַן נאַרט אונז ניט. די אַלע וועמען ער האָט גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, זיינען טאַקע געווען סקעבס. ער פּלעגט זיי איבערלאָזן פאַר אונז און מיר פּלעגן צו זיי ריידן.

דער פּאָליסמאַן פּלעגט אַלע טאָג אונז אויך באַריכטן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין שאַפּ.

אויסגעזאָגט דעם סוד

אין עטלעכע טעג אַרום האָט די שאַפּ־קאָמיטע באַשלאָסן צו געבן עפּעס דעם פּאָליסמאַן אַ מתנה. איינער פון דער קאָמיטע האָט אים דערלאַנגט אַ צענערל אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט.

איז דער פּאָליסמאַן געוואָרן אין כעס און זיך צעבייזערט:

— וואָס מיינט איר ביך איך, אַ סקעב? — ער האָט זיך האַרציג צעלאַכט און צוריקגעשטופּט דעם קאָנווערט. ער האָט אונז דאַן אויסגעזאָגט דעם סוד פאַרוואָס ער איז אַזוי גוט:

— איך בין טאַקע אַ פּאָליסמאַן, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איך נעם ניט קיין גרעפט. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל איך בין גדליה דעם פּרעסער׳ס זון.

ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען אַ פּינפּערל און געזאָגט:

— נאַט, וועט איר האָבן צושטייער פאַר אייער אַרבעט. זעט איר,

ביי אייער באָס, ביי מיסטער פּעשקינ׳ען, וועל איך נעמען וויפיל איך וועל נאָר קאָנען קריגן. איך גיב אים דאָך „פּראָטעקציע״...

קאַפּיטל 16

מיין ערשטער מאַרש דעם ערשטן מאַי

אין 1912 בין איך אַרויף אַרבעטן אין גאָלדפאַרב׳ס שאַפּ אויף מעדיסאָן און דזשעקסאָן סטריטס.

דאָס איז פּאַקטיש געווען מיין ערשטער גרויסער שאַפּ וואו מען האָט שוין געאַרבעט אויף אַ מאָדערנעם אופן. צוזאַמען מיט מיר האָט דאָרט אין דעם „סעט״ פון פּאַקעטמאַכער געאַרבעט נאָך אַכט אַרבעטער.

פון קיין יוניאָן האָט מען אין דעם שאַפּ ניט געוואוסט. נאָך מער, די אַרבעטער פלעגן דערציילן, אַז איינמאָל, ווען מען האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו אָרגאַניזירן דעם שאַפּ, און ווען אַ טייל אַרבעטער זיינען אַרונ־טער אין אַ סטרייק, האָט מען פון די פענצטער געוואָרפן פלעשער מיט הייסע וואַסער אויף די סטרייקער.

דער באָס, גאָלדפאַרב, האָט געהאַט אַ פאָרמאַן, בלומענטאַל. איז דאָס געווען אַן אויסנאַם אַן עקספּלואַטאַטאָר. און ער איז דווקא אויך געווען אַ „סאָציאַליסט״. אויסערן שאַפּ האָט מען אים גערופן געגאַסע בלומענטאַל.

דער הויפּט פון דעם סעט פּאַקעטמאַכער איז געווען איינער וועמען מען האָט גערופן „דער משוגענער קאָהן״. די צווייטע האַנט איז געווען איינער אַ מיסיאָנער, וואָס האָט אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט אין שאַפּ און שבת האָט ער פּרובירט כאַפּן נשמות פאַר זיין גאָט. איך בין געווען די דריטע האַנט און האָב פאַרדינט גאַנצע עלף דאָלער אַ וואָך.

אין יענער צייט האָט די „יונאַיטעד בראָדערהוד אָוו טעילאָרס״, אַ דעמאָלסדיגער טייל פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״, זיך גענומען צו אָרגאַניזירן דעם טרעיד און מען האָט גערעדט וועגן רופן אַ גענעראַל־סטרייק.

די באַדינגונגען אין גאָלדפאַרב׳ס שאַפּ זיינען געווען שרעקלעך. די לאַנגע שעה׳ן אַרבעט, דער טעראָר פון פאָרמאַן געגן די אַרבעטער, די קליינע פאַרדינסטן האָבן געבראַכט צו אַ באַשלוס, אַז די קאָנצענטראַציע פון דער אָרגאַניזיר־קאַמפּאַניע פון דער יוניאָן זאָל זיין אַרום גאָלדפאַרב׳ס שאַפּ, וועלן די קלענערע, די „קאַקערוטש באָסעס״, ווי מ׳האָט זיי גערופן, אויך מוזן ווערן יוניאָניזירט.

איך בין שוין געווען אין יענער צייט אַ יוניאַן־מאַן, אַ מיטגליד פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס". אין גאָלדפּאַרב׳ס שאַפּ האָב איך דאָס אָבער ניט געטאָרט דערמאָנען.

אַ מוסטער פון אַ יוניאָן־אָרגאַנאַיזער

איין פאַרטאָג האָט מיך אָפּגעוואַרט אייק גאָלדשטיין, אַ פינישער. ער האָט אויף זיך דעמאָלט גענומען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן די שניידער.

גאָלדשטיין צוזאַמען מיט דוד אשינסקי זיינען פון די שניידער באַטראַכט געוואָרן ווי די טאַטעס פון דער שניידער־יוניאָן.

דער דאָזיגער גאָלדשטיין איז געווען אַן אינטערעסאַנטער טיפּ. ער איז געקומען, ווי מיר דאַכט זיך, פון דובראָווע. אין דער היים איז ער געווען אַ משורר ביי אַ חזן. דאָ איז ער געוואָרן אַנאַרכיסטיש געשטימט. ער פלעגט אין אַן אָוונט הערן אַ רעדע פון יאַנאָווסקי׳ן, אָדער פון עמיצן אַנדערש און אויף מאָרגן פלעגט ער שוין ביי די שניידער האַלטן אַ בעסערע און אינטערעסאַנטערע רעדע ווי די וואָס ער האָט געהערט.

אייק גאָלדשטיין האָט געקאָנט ווייניג לייענען און שרייבן. איז ער דאָס געקומען מיך בעטן, איך זאָל צוזאַמען מיט אים אָנשרייבן אַ ליפלעט פאַר די אַרבעטער פון גאָלדפּאַרב׳ס שאַפּ.

אין קלינטאָן האָל, אין אַ קליין צימערל, האָט ער פאַר מיר געהאַלטן אַ רעדע און איך האָב געשריבן. אין עטלעכע טעג שפּעטער האָט ער מיר שוין איבערגעגעבן אַ ליפלעט פאַרטיג אַריינצושמוגלען אין שאַפּ.

אין שאַפּ האָבן מיר געהאַט אַזאַ מעטאָדע פון פאַרשפּרייטן ליפלעטס: איך פלעג דעם ליפלעט אַריינרוקן אין די באַנדלעך געשניטענע אַרבעט. אַזוי גיך ווי דער צופּיטער אָדער עמיצער אַנדערש פלעגט פאַרנאַנדערבינדן דעם באַנדל, פלעגן די ליפלעטס אַרויספאַלן און מען פלעגט אין באַהאַלטעניש זיי לייענען אָדער זיך איינער דעם אַנדערן איבערגעבן וואָס אין ליפלעט זאָגט זיך.

וואָס מער מ׳האָט גערעדט וועגן יוניאָן אַלץ חוצפה׳דיגער איז געוואָרן בלומענטאַל דער פאָרמאַן, און ער האָט געזוכט דעם פאַרשפּרייטער פון די ליפלעטס.

ווען דער ערשטער מאַי איז געקומען

ווען מ׳האָט זיך גענומען גרייטן פאַר׳ן ערשטן מאַי, 1912, איז בלומענטאַל געווען ווילד ווי אַ חיה. ער האָט געסטראַשעט און געוואָרנט, אַז

דער וואָס וועט ניט אַריינקומען צו דער אַרבעט דעם ערשטן מאַי וועט מער ניט קאָנען אַרבעטן.

אין פרימאָרגן פון ערשטן מאַי זיינען מיר ווי אַלע טאָג געקומען איג־דערפרי צו דער אַרבעט. אָבער גאָלדפּארב און בלומענטאַל זיינען יענעם פרימאָרגן געווען אין שאַפּ נאָך פריער פון אונז.

די אַרבעטער האָבן צווישן זיך געַרעדט, וואָס דער און יענער האָט אַליך דערציילט וועגן דעם וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן אין די גאַסן. איך האָב נאָך ניט געוואוסט די באַדייטונג פון דעם ערשטן מאַי. אָבער דאָס וואָס איך האָב געהערט וועגן ערשטן מאַי, איז מיר זייער געווען געפעלן.

ווי אַלע טאָג איז מען דעמאָלט פּאַרטיפּט געוואָרן אין דער אַרבעט ביי דער מאַשין. מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן צו די אויערן דער בראַזג פון אַן אָרקעסטער, דאָס שפּיל און געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע. דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן צום טאַקט, נאָר די פיס האָבן געדריקט דעם טרעטער פון דער מאַשין און צעשטערט די האַרמאָנישקייט . . .

בלומענטאַל האָט גענומען אַרומלויפן מיט אַ גרויסן שטעקן און גע־נומען פאַרמאַכן פענצטער נאָך פענצטער. דער געגאַסע בלומענטאַל האָט געוואָלט פאַרטויבן דעם קאַמפּס־רוף . . .

אין דער צייט וואָס ער איז אַרומגעלאָפן מיטן שטעקן האָב איך זיך אָפּגעריסן פון מאַשין, צוגעלאָפן צום פענצטער זען דאָס פּנים פון דעם ערשטן מאַי.

מיטאַמאָל גיט מיר מאָריס נידל, דער לאַינינגמאַכער, אַ צי פאַר׳ן העמד מיט אַ וואָרנונג: דער פאַרמאַן גייט!

ווען איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ, האָב איך שוין געטראָפן בלו־מענטאַל׳ן שטייענדיג ביי מיין מאַשין. איך בין צוגעלאָפן און געוואָלט זיך אַוועקזעצן. בלומענטאַל האָט אָבער אַרונטערגעריסן די שפּול פאָדעם פון מאַשין און מיט רציחה אַ געשריי געטאָן: „דו ווילסט „מאַרטשן״? — מאַרש פון שאַפּ!״

איך בין אַרונטער פון די טרעפּ אַ צעבראָכענער, אַ דערשלאָגענער, וויסנדיג, אַז אין הויז וואַרט מיין מאַמע, אַן אלמנה, אַ גרינע און אַ הילפּ־לאָזע, מיט אַכט קינדער, צווישן זיי אַ קליין קינד אויפ׳ן האַנט. דער אַראָפּגאַנג פון די זעקס פלאָר טרעפּ איז געווען פאַר מיר אַ שאול תחתיה. איך האָב געפילט, אַז אַלץ זינקט אונטער מיר . . .

ווען איך האָב אָבער דערזען די גאַס מיט דעם גרויסן יום־טוב איז צוריק גאַנץ געוואָרן מיין וועלט . . . ערשט אין גאַס האָב איך באַגריפן

וואָס עס מיינט דער ערשטער מאַי, דער אַרבעטער יום־טוב, דער קאַמף פאַר באַפרייאונג.

איך האָב געהערט צענדליגע אָרקעסטערס שפּילן, מענטשן האָבן געזונגען אין די גאַסן. פירער פון יוניאָנס, אויסגעפּוצט מיט רויטע לענטעס, האָבן געריטן אויף ווייסע פערד. די בעקער־אַרבעטער האָבן געטראָגן אַ חלה, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע גאַס די לענג, מיט אַ לאָזונג: „מיר פאָדערן ברויט צו זאַט פאַר די אַרבעטער". די היטלמאַכער האָבן געטראָגן אַ גרויסן היטל ווי אַ חופּה אויף פיר שטאַנגען, מיט אַ לאָזונג: „מיר ווילן האָבן אַ דאַך איבער׳ן קאָפּ". אַזוי זיינען געווען פאַרשידענע פאַכן, מיט פאַרשידענע פאָדערונגען, נאָר יעדער פּלאַקאַט האָט גערעדט אַזוי קלוג, פאָדערנדיג גערעכטע זאַכן פאַר די אָרעמע מאַסן.

אין אָוונט בין איך געקומען אַ מידער אין הויז. איך האָב דער מאַמען קיין זאַך ניט דערציילט. אויף מאָרגן, פאַרטאָג, בין איך שוין ווידער געשטאַנען אין „חזיר־מאַרק" און געזוכט אַ דזשאָב.

עס זיינען אַוועק אַ פּאָר וואָכן. איך בין געלאָפן פון איין שאַפּקע צו אַ צווייטן, נאָר קיין ריכטיגער דזשאָב האָט זיך ניט געמאַכט.

זיך „איבערגעבעטן"

איין טאָג האָב איך זיך געטראָפן מיט אַן אַרבעטער, האָט ער מיך געזאָגט, אַז מ׳קאָן ניט קריגן קיין פּאַסיגן פּאַקעטמאַכער צו פאַרנעמען מיין פּלאַץ ביי דער מאַשין. ער האָט געהערט זאָגן, האָט ער מיר דערציילט, אַז ווען איך וואָלט געטראָפן דעם פאָרמאַן בלומענטאַל׳ן און אים געבעטן, וואָלט ער מיך צוריק אַרויפגענומען צו דער אַרבעט.

איך האָב געוואוסט, אַז געוויסע בלומענטאַל עסט אין אַ אידישן רעסטאָראַן אויף איסט בראָדוועי.

אַרום איינס אַזייגער בייטאָג האָב איך זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַרום רעסטאָראַן, ביז בלומענטאַל האָט מיך דערזען.

אָן שום קונצן, האָט ער גראָדע מיך אַ פרעג געטאָן, צי איך אַרבעט און מיר גלייך גענומען מיט זיך צוריק אין שאַפּ אַריין.

איך בין אַריין אין שאַפּ אַרבעטן כמעט מיט אַ שבועה אין האַרצן, אַז גאָלדפאַרב׳ס שאַפּ מוז ווערן אַ יוניאָן שאַפּ. אויך גאָלדשטיין, דער אָרגאַנאַיזער, האָט נאָך מיט מער ענערגיע זיך אַ נעם געטאָן צו דעם שאַפּ, ביז מען האָט די אַרבעטער אַרונטערגענומען אין סטרייק.

גאָלדפאַרב האָט דעם שאַפּ אַריבערגעמופט אויף האוסטאָן סטריט, מיט

דער האָפענונג צו קריגן אַהין סקעבס און צו ברעכן דעם סטרייק, אָבער מיר האָבן אים דאָרט אויך אויסגעפונען.

דער שאַפּ האָט זיך סוף־כּל־סוף פאַרמאַכט און בלומענטאַל איז גע־וואָרן אַ קאָנטראַקטאָר פאַר זיך, געסעטלט מיט דער יוניאָן און געהאָלפן אָרגאַניזירן די קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיעישאָן.

אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען מען האָט געפירט אַ סטרייק געגן די קאָנטראַקטאָרס, בין איך געווען דער טשערמאַן פון דער סעטלמענט קאָ־מיטע פון דער דזשאָינט באָאַרד. גענאָסע בלומענטאַל איז געוואָרן דער מענעדזשער פון דער קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיעישאָן.

ביי דער ערשטער קאָנפערענץ, ווען איך בין געזעסן מיט מיין קאָ־מיטע און בלומענטאַל איז אַריינגעקומען, האָט ער מיר גלייך אונטער־געטראָגן אַ גראָבן ציגאַר. איך האָב אים געענטפערט בקול: „אונזער קאַמף ברענט און רויכערן זאָל ער אַליין!...“

קאַפּיטל 17

אַ פאַרשטערטער פּסח

דאָס איז געווען ערב פּסח.

אויף מענדזשין סטריט, פון דער ניו־יאָרקער איסט סאַיד איז געווען אַ שניידערשער קאָנטראַקטינג־שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו גאָלדשטיין און לאַטאָוו.

די פרילינג־זון האָט דעמאָלט געשיינט און געוואַרעמט איבער אַלע דעכער. דאָרט וואו די בוימער און גראָזן האָבן נאָך געהאַט גענוג פריי־הייט, לופט און זון־שיין, האָבן זיי זיך צעגרינט. אין דרויסן האָט זיך געפילט דער ערב יום־טוב, דער פּסח.

די פּושקאַרטס אויף די גאַסן אַרום גאָלדשטיינ׳ס און לאַטאָוו׳ס שאַפּ זיינען געווען אָנגעפילט מיט פּסח׳דיגע חפצים, אויך מיט הגדות, וואָס די דעמאָלסדיגע „יאַרמאָלאָווסקי באַנק“ פון איסט בראָדוועי האָט אָפּגע־דרוקט פאַר אירע „דעפּאָזיטאָרס“, און די פּעדלערס האָבן דאָס פאַרקויפט אַ סענט אַ שטיק.

אין דער הגדה האָבן פרומע אידן איבערדערציילט די מעשיות, וואָס „אַמאָל איז געווען“ אונטער די פּרעה׳ס אין מצרים, וואו מענטשלעכע לעבנס זיינען געווען הפקר.

ביי גאָלדשטיין און לאַטאָוו׳ן אין שאַפּ זיינען געזעסן שניידער, פּרע־

סערס, אָפּערעיטאָרס און געוואָרט פאַר׳ן פּסח. נאָר געווען איז דאָרט זייער חמצ׳דיג. די ווענט זיינען נישט געווען געקאַלכט זינט די געביידע איז דערעפנט געוואָרן. דער שאָפּ איז געווען אויף אַזוי פיל אויפגעראַמט, אויף וויפיל דער „רעגס"־ (שמאַטע) קלייבער, האָט אַריינגעשאַרט דעם אָפּפאַל, די אָפּשניטלעך אין זאַק אַריין. דער שטויב אויף טיש, בענק, פּאָליצעס און פענצטער איז שוין געווען פאַרהאַרטעוועט אין שטיין.

דער וואַטשמאַן, וואָס פלעגט שלאָפן אין שאָפּ, האָט געהאַט זיין אייגענע „דערפינדונג" געגן מייז זיי זאָלן ניט צעפרעסן די סחורות, ספּעציעל דאָס, וואָס איז געווען געקראַכמאַלעט. ער פלעגט זיי אָנגרייטן אין געוויסע פלעצער האַרטן ברויט, וואָס די אַרבעטער פלעגן איבערלאָזן אויף די טישן פון מיטאָג.

די שטאַנגען, שטריק און הענגערס אויפצוהענגען די פאַרטיגע אַרבעט האָבן פאַרשטעלט יעדן פּאָס ליכט אָדער לופטצוג. יעדער אַרבעטער איז געווען איינגעוועבט אין זיין פינצטער ווינקל מיט אַרבעט אַרום זיך ווי אַ פליג אין אַ שפּין־געוועב . . .

נאָך מיט וואָכן פריער, איידער דער פּסח איז געקומען, זיינען די פּרעסערס אין גאָלדשטיינ׳ס און לאַטאָור׳ס שאָפּ געשטאַנען און געמאַכט חשבונות וואָס זיי וועלן טאָן אין די אַכט טעג יום־טוב . . . ביים שניידער־טיש האָט קלמן דער „עדזשבעיסטער", וועלכער איז געווען אַ שטיקל מנגן, אויסגעזונגען דעם „עבדים היינו", און אַלטער דער „קעפּלבעיסטער" האָט אונטערגעבורטשעט:

— אַ פאַרגלייך אַביסל! אַמאָל, ביי פּרעה׳ן, די ערד זאָל אים ליב האָבן, איז דאָך געווען אַ גאָלדענע צייט אין פאַרגלייך מיט׳ן היינט. אַמאָל האָט מען געטראָגן שטרוי צום בויען, היינט דאַרף מען אין שאָפּ אַליין טראָגן „קעפּלעך" (מאַשין־קעפּלעך) צום נייען . . .

דאָך האָבן אַלע, פרומע און ניט־פרומע אידן פון שאָפּ געוואָרט פאַר׳ן פּסח. געוואָרט צו אויסרוען די מידע ביינער, זיך אָנזעטיגן ביים סדר־טיש מיט בליקן אויף ווייב און קינד. די טאַטעס האָבן דאָך זעלטן ווען געקאָנט געדענקען דעם קאָליר פון קינד׳ס האָר און אויגן; זעלטן ווען האָבן זיי געזען די ווייבער אין אַ יום־טוב קלייד מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווען עס איז דאָ וואָס צו סערווירן צום טיש.

די פרייד איז ביי די אַרבעטער פון שאָפּ אין דעם ערב יום־טוב, געווען אויך דערמיט, וואָס אין די לעצטע פאַר וואָכן איז אין שאָפּ געווען אַ סך אַרבעט. אמת, מ׳האָט געאַרבעט שווער און ביטער, טאָג און נאַכט, אָבער אין די פאַר וואָכן האָט זיך ביי גאָלדשטיין און לאַטאָור׳ן אָנגעקליבן אַביסל

אַ גרעסערע „פעידע". די פרויען האָבן אויף דעם רעכענונג „געמאַכט" פסח. די שניידער, פרעסער און אָפּערעיטאָרס האָבן זיך ניט נאָר „גענייט אַ בייטל" פאַר'ן געלט, נאָר טאַקע אויך געקויפט ביים פעדלער שטיקלעך סחורה, אויף אָפּצוצאָלן, צו נייען זיך אַ מאַנטל, אַ לעטניק, אַ פּאָר הויזן.

פאַרשוואונדן דער באָס, פאַר שוואונדן די „פעידע"

דער טאָג פון דער ערב־פסח'דיגער „פעי" איז געווען אין אַ מיטוואָך. יעדער איינער האָט אין זיין ווינקל אין יענעם פרימאָרגן פאַרענדיגט עפּעס אַן אַרבעט. איינינגע האָבן פאַרענדיגט עפּעס נייען פאַר זיך. קלמן האָט געמאַכט די לעצטע פראָבן מיט „מרור זה שאנו אוכלים". אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלן מיט'ן „מה נשתנה". אויפ'ן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש גאָלדבערג'ס „יין שרף כשר לפסח". אַלע האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף לאַטאָוו'ן, וועלכער איז אַוועק צו דער הויפּט־פירמע זיך אָפּרעכענען און ברענגען טשעקס פאַר די אַרבעטער. אָבער לאַטאָוו האָט זיך ניט באַוויזן.

עלף אַזייגער זיינען אַלע געוואָרן זייער אומרואיג. לאַטאָוו'ס שותף, גאָלדשטיין, איז אַלע ווײַלע צוגעלאָפן צום טיש, אַ כאַפּ געטאָן אַ קיכעלע פון שקארמיץ, וואָס איז געלעגן אויפ'ן טיש צום פאַרבייסן און צוגעלאָפן צום פענצטער, פּרובירנדיג אויסווישן אַ ווינקל צו קאָנען אַרונטערקוקן אין גאַס.

די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן פרעגן, וואו איז עפּעס אַזוי לאַנג מיסטער לאַטאָוו?

ווען דער זייגער איז געוואָרן צוועלף, האָבן זיך אַלע אַרבעטער נאָך מיט מער אומגעדולד ווי פריער זיך צוזאַמענגעקליבן אַרום טיש און אָנגעהויבן פרעגן: וואָס האָט עס דאָך פּאַסירט מיט מיסטער לאַטאָוו'ן?

מיסטער גאָלדשטיין האָט זיי פּרובירט באַרואיגן און געעפנט די פלאַש בראָנפן.

די אַרבעטער האָבן זיך אָבער צום בראָנפן ניט געוואָלט צורירן. עס האָט זיך דערהערט איין טענה: מיר ווילן אונזער געלט! מיר דאַרפן באַצאָלן דעם קצב, דעם גראָסערימאַן.

גאָלדשטיין האָט זיך גענומען זיי איינצורעדן, אַז אויב ניט היינט וועלן זיי קריגן דאָס געלט נאָך פסח. האָבן אַלע זיך צעשריען: אייך איז גוט צו רעדן, איר זענט אַלע מאָל זיכער, איר האָט דעם שאָפּ, די מאַשינען און די אַרבעט אין שאָפּ. אָבער אונזער פאַרמעגן איז די פאַר דאָלער וואָס איר קומט אונז.

אַ קאָמיטע פון דריי איז גלייך אַוועקגעלאָפן אין ווערהויז אויסצוגעפינען וואָס עס איז געשען מיט מיסטער לאַטאָוו׳ן. האָט דאָרט די קאָמיטע אויסגעפונען, אַז צען אינדערפרי האָט לאַטאָוו אָפּגענומען איין טשעק פאַר אַלעמען און ניט קיין באַזונדערע טשעקס, ווי ער פלעגט אַלע מאָל נעמען פאַר די אַרבעטער. געזאָגט האָט ער, אַז ער גיט די אַרבעטער אַ „טריט״ אין סאַלון און אַז ער וועט שוין דאָרטן אויך בייטן דעם טשעק.

די אַרבעטער זיינען אַוועק אין סאַלון. דאָרטן האָבן זיי אויסגעפונען, אַז לאַטאָוו האָט טאַקע געביטן אַ טשעק אויף אַריבער זעקס הונדערט דאָלער, געמאַכט אַ שנאַפּס און אַוועק.

ווען די קאָמיטע איז צוריקגעקומען אין שאַפּ איז שוין אַלץ געגאַנגען כּאַדאָראַם. גאָלדשטיין האָט זיך געיאָגט צו גיין גיכער אַהיים העלפן דער ווייב זיך צוגרייטן צום סדר. די אַרבעטער האָבן אָבער ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון׳ם שאַפּ. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז צוויי, וועלכע האָבן אַליין וואָלונטירט, זאָלן בלייבן אין שאַפּ צו היטן די באַנדלעך מען זאָל זיי ניט אַרויסנעמען איידער מען באַצאָלט זיי זייערע שווער פאַרהאָרעוועטע דאָלאַר.

ווען גאָלדשטיין איז אַרויס פון שאַפּ, האָט דער וואָטשמאַן פאַרטרויט צו איינעם פון די אַרבעטער אַ סוד, אַז ער האָט געהערט ווי לאַטאָוו האָט שטילערהייט געזאָגט גאָלדשטיינ׳ען, אַז ער וועט זיינע סדרים פּראַוּוען ביי זיין שווער.

דעם אָוונט פון דעם ערשטן סדר האָבן זיך די אַרבעטער אַרויסגעלאָזט צווישן די לאַנדסלייט אין די שולן אויסצוגעפינען ווער און וואו עס איז לאַטאָוו׳ס שווער. און אין אַ שול אויף איסט בראָדוויי האָבן זיי דאָס אויסגעפינען.

אַן אומגעבעטענער אליהו הנביא

צום צווייטן סדר, ווען לאַטאָוו איז מיט דער הגדה אין האַנט געזעסן מיט זיין פרוי און קינדער ביים שווער אויף אַטוירני סטריט, איז אַ גרופּע אַרבעטער געקומען, און ניט וואַרטנדיג ביז מ׳וועט עפענען די טיר פאַר אליהו הנביא, זיינען זיי אַריין אין הויז און זיך צעשטעלט אַרום טיש.

לאַטאָוו האָט פאַרלאָרן דאָס לשון. די מיסעס לאַטאָוו, וואָס האָט דערקאַנט אייניגע אַרבעטער פון שאַפּ, איז צוגעקומען און מיט אַן אומשולדיג פּנים אַ פרעג געטאָן: וואָס איז געשען, אידן, וואָס טוט איר דאָ?

איינער פון די פּרעסער, איטשע גאַרבער, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן ביים האַלדז, וואו זי האָט געטראָגן אַ האַלדז־באַנד. ער האָט דאָס אַראָפּ־

געריסן. ער האָט גענומען אויך רייסן די אויערינגלעך פון די אויערן.

די פרוי האָט זיך צעשריען, די קינדער האָבן גענומען געוואַלדעווען. דער שווער איז אַרונטערגעקראָכן מיט׳ן קיטל פון היסב־בעט.

דאָ האָט שוין לאַטאָוו גענומען שטאַמלען: אידן, ברידערלעך, אַן אומגליק איז געשען. ווי איך בין אַרונטער פון ווערהויז, זיינען מיך באַפאַלן גנבים, רויבער און צוגענומען אַלע טשעקס. אָבער אַז מיר׳ן לעבן נאָך יום־טוב — — —

— נאָך יום־טוב? — האָט איטשע גאַרבער ניט אָפּגעלאָזט. — אַהער די געלט! די חד־גדיא דערצייל דיין שווער! דו גיב גלייך געלט, ווען ניט קריגסטו אַלע צען מכות אָט דאָ אויפ׳ן אָרט. דו וועסט מער ניט מאַכן די זעלביגע קונץ ווי פאַר דריי־יאָרן.

שכנים האָבן גענומען אַריינקומען, געוואָלט רופן פּאָליציי. אָבער לאַטאָוו האָט אַ דערשראָקענער זיך גענומען בעטן און טענה׳ן:

— נו, שאַ, נו, אָט נאָט אייך וויפיל איך האָב.

ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טייסטער און דערלאַנגט דריי הונדערט דאָלאַר. דאָס איבעריגע, האָט ער זיך געשוואָרן, וועט זיין שותף גאָלדשטיין אויסצאָלן חול־המועד פסח.

חול־המועד פסח האָט מען אָבער גאָלדשטיינ׳ען שוין ניט געקענט טרעפן. נאָך יום־טוב, ווען די אַרבעטער זיינען אַריינגעקומען אין שאָפּ, האָט מען געטראָפן מיסטער לאַטאָוו׳ן. ער איז אַרומגעלאָפן און זיך גע־ריסן די האָר: גאָלדשטיין האָט אים אַליין אויך אָפּגענאַרט, באַשווינדלט. ער האָט צוגענומען אַ העלפט פון די אַריבער זעקס הונדערט דאָלאַר, פאַר־קויפט די קעפּלעך פון די מאַשינען, אויך פּרעס־אייזנס, און ניט געסטייעט.

אָט אַזוי האָבן זיי זיך אַליין באַשווינדלט און רואינירט די אַרבעטער.

קאַפּיטל 18

שניידער מיט פּענסנע

אויף דער באָוערי איז אַמאָל געווען אַ שניידער־שאָפּ, וואו דער באַ־לעבאָס האָט געהייסן קאָוואַלסקי.

האָט איינמאָל אַ רב פון אַ שול אויף פאָרסאַיט סטריט צוגעשיקט צו קאָוואַלסקי׳ן אַ בריוו מיט אַ בקשה, מ׳זאָל אין שאָפּ אַרויפנעמען צו לערנען אַן אַרבעט צוויי יונגע בחורים, לאַנדסלייט.

דער רב האָט באַטאָנט, אַז די צוויי בחורים „קומען פון פיינע עלטערן״.

ווען קאַוואַלסקי האָט די בקשה אָנגענומען זיינען אַרויפגעקומען צוויי יונגעלייט און אָנגעגעבן זייערע נעמען: דאַוויד און יאַקאָב.

אַלע אין שאַפּ האָבן גענומען קוקן אין זייער ריכטונג. ביידע האָבן געטראָגן פּענסנע, ווייסע קראַגנס מיט אויסגעביגדענע שוואַרצע שלייפן, די פּעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר פאַרוואָרפן איבער די אויערן.

די פּרויען, פיגישערס, האָבן צעעפנט מויל און אויגן. די מענער האָבן אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער. און מער פון אַלעם האָט געלאַכט מיסטער קאַוואַלסקי. ער האָט דערביי צו די צוויי אַ זאָג געטאָן:

— אונזער רב, האָט געוויס געמאַכט אַ טעות. ער וויל אייך מסתמא לערנען פאַר שוחטים, נאָר געשיקט האָט ער אייך צו מיר — דעם ריכטיגן רבי׳ן...

איינער פון די צוויי האָט גענומען דערקלערן ווער זיי זיינען און אַז אין דער היים האָבן זיי געאַרבעט ביי חיים דעם שניידער. איצט ווילן זיי דאָ אין אַמעריקע זיך אויסלערנען אויף דער זינגער־ביי־מאַשין. דער צווייטער האָט באַטאָנט, אַז דער רב פון דער שול וואו קאַוואַלסקי דאַוונט איז זייער פעטער.

קאַוואַלסקי האָט דאַן געהייסן די צוויי יונגעלייט, אַז זיי זאָלן אויף מאָרגן אַרויפקומען צו דער אַרבעט. אין שאַפּ האָט ער געבעטן אַלע אָפּע־רעיטאָרס מען זאָל די צוויי „כּבֿיאַקעס" (ווי ער האָט זיי אָנגערופן) לערנען אויף דער מאַשין.

„דער מטורף" און „דער בדחן"

אין שאַפּ האָט מען די צוויי בחורים גלייך געקרוינט מיט צונעמען. דאַווידין האָט מען גערופן דער „מטורף". עס איז דעמאָלט געווען פּאָפּולער אויף דער אידישער בינע „דער מטורף" פון יעקב גאָרדין. איז אַזוי ווי דאַוויד האָט זיך געהאַט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ דערקלערונג, אַז ער וויל אַרבעטן אין שאַפּ און צו דער זעלביגער צייט שטודירן פאַר אַן אינזשעניר, האָט מען אים דערפאַר געגעבן דעם נאָמען „מטורף".

יאַקאָב׳ן האָט מען גערופן „לייזער־בדחן", אַ נאָמען פון יעקב גאָרדינ׳ס אַ טיפּ אין „גאָט, מענטש און טייוול". יאַקאָב האָט זיך איינמאָל דערלויבט צו לייענען זיינס אַ געדיכט פאַר אַ מיידל אין שאַפּ, האָט ער דערפאַר געקראָגן דעם צונאָמען „לייזער־בדחן".

ביידע פלעגן אַלע טאָג אַריינקומען אין שאַפּ מיט ביכער אונטערן אָרעם. און ביכער אין אַ שאַפּ זיינען אין יענער צייט געווען טריף. ביי

אַ סך באַלעבאַטים איז געווען אַנגענומען, אַז אַלע ביכער רופן מסתמא צו סטאַטשקעס און רעוואָלוציעס.

איינמאָל איז דאַוויד אַריינגעקומען מיט אַ בוך און עמיצער אין שאַפּ זאָל האָבן באַמערקט אַז אויפ׳ן רוקן איז דער נאָמען פון בוך געווען „דער קעניג און דער בעטלער" (אפשר עפּעס ענלעכעס, וואָס איז מיר איצט שווער זיך צו דערמאָנען).

עמיצער האָט דאָס באַלד דערטראָגן צו קאַוואַלסקי׳ן. איז ער צוגע־לאָפן צו דאַווידֹ׳ן בלאָס ווי די וואַנט און זיך צעשריען: „דו וועסט ביי מיר זיך ניט וואַרפן מיט קיין קייסאַרים, איך וואַרף דיר באַלד אַראָפּ פון אַלע טרעפּ אין דר׳ערד אַריין!

פון דאַן אָן זיינען שוין ביידע, דאַוויד און יאַקאַב, געווען זייער פאַר־זיכטיג מיט אַ בוך.

אין שאַפּ געלערנט איין זאַך און אין דער היים — אַ צווייטע זאַך

ביידע, סיי יאַקאַב און סיי דאַוויד, האָבן זיך אין שאַפּ געלערנט פאַר אַפּערעיטאָרס און אין דער היים האָבן זיי געשטודירט און געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

איין טאָג האָט דער פאָרמאַן, מיסטער קראָל, געבראַכט אַ מסירה צום באָס, אַז דזשעק, יאַקאַב, דער „לייזער בדחן", האַלט פאַרבאַהאַלטן אין זיין קערבל מיט אַרבעט — אַ בוך.

איז קאַוואַלסקי צוגעקומען און גענומען מאַכן אַ רעוויזיע אין קערבל, געוואָלט נאָכזוכן וואָס דזשעק „דער קליינער" לייענט.

אויך קראָל איז צוגעלאָפן, זיך גענומען זוכן אין קערבל, נאָר זיי האָבן גאָרניט געפונען.

מיטאַמאָל גיט זיך דער פאָרמאַן אַ כאַפּ, ווי ער וואָלט געפּאַקט אַ גנב: אָט איז דאָס! ער האָט אָנגעוויזן, אַז דזשעק „דער קליינער", זיצט אויפ׳ן בוך...

קאַוואַלסקי האָט דזשעק׳ן דערלאַנגט אַ שטופּ אַראָפּ פון שטול און אים שיעור אומגעוואָרפן און ער האָט אַרויסגעכאַפּט דעם בוך פון אונ־טערן געזעס. דער בוך איז געווען איבערגעדעקט מיט אַ קישעלע געמאַכט פון שמאַטעס.

ווען קאַוואַלסקי האָט גענומען מישן דעם בוך האָבן אַלע אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער. עס איז געווען אַ בוך פון סטאַילס, פּעטראַנס און סעמפּל־גודס. דזשעק דער קליינער האָט עס געהאַט אונטערגעלייגט אויף זיין שטול, עס זאָל אים מאַכן העכער און באַקוועמער צו דערגרייכן די מאַשין.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט יאַקאָב פּלוצלינג אינגאַנצן ניט געסטייעט פון שאַפּ. אייניגע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן צוריק אין פּוילן שפּילן טעאַטער. אָבער דאַוויד, דער „מטורף", איז פאַרבליבן אין שאַפּ. בייטאָג האָט ער געאַרבעט און ביינאַכט געלערנט. קיינער האָט ניט געוואוסט געגוי וואָס ער לערנט און וואו ער לערנט, אָבער מען האָט געוואוסט, אַז ער לערנט.

אין שאַפּ זיינען געווען אייניגע אַזעלכע ציניקער און אומוויסנדיגע, וואָס פּלעגן זיך אַמוזירן אויף דאַוויד'ס רעכענונג. ווען דאַוויד פּלעגט זיצן און עפּעס טראַכטן, פּלעגט אים אָפּט פליען אין קאָפּ אַ נאַסע שמאַטע, אַ שפּול, אַ באַנדל אָדער אַ קישעלע.

פון אַ שניידער — אַ דאָקטאָר

איינמאָל האָט מען געבראַכט אין שאַפּ בייעס פון „חזיר־מאַרק", אַז ביי קאָוואַלסקי'ן אַרבעט אַן אָפּערעיטאָר וואָס לערנט זיך פאַר אַ דאָקטאָר.

מ'האָט אָנגעפאַנגען צו פאָרשן און נאָכפרעגן ביז דאַוויד האָט זיך „מודה" געווען, אַז אַנשטאָט צו לערנען זיך פאַר אַן אינזשעניר לערנט ער זיך צו ווערן אַ דאָקטאָר.

מער האָט מען ניט געדאַרפט. מען האָט געשאָטן מיט חוזק אויף דאַוויד'ס רעכענונג. איינער האָט געהאַלטן אַ שמאַטע און געשפּאָסט: „הער דאָקטאָר, פאַרבאַנדאַזשירט מיר אַ פינגער!" דער באָס, מיסטער קאָוואַלסקי אַליין פלעגט צוקומען מיט אַ גומענע קישקע פון גאַז־אייזן און זאָגן: „דאָקטאָר לעבן, הערט מיך אויס". דער פאָרמאַן, פלעגט צוקומען מיט אַ שטיק טשאָק און שפּאַסן: „ליבער דאָקטאָר, פאַרשרייבט מיר אַ רעצעפּט."

דאַוויד איז אָבער אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט און שטודיום, און סוף־כל־סוף איז ער אַוועק פון שאַפּ. קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַוועק אַרבעטן און וואָס ער טוט.

אַזוי איז אַוועק אַ פאָר יאָר. „דהי בראָדערהוד אָוו טעילאָרס", האָט זיך גענומען צו אָרגאַניזירן דעם טרעיד. אויך ביי קאָוואַלסקי'ן זיינען די אַרבעטער קליגער געוואָרן און גענומען טראַכטן וועגן אַ יוניאָן.

ווען דער באָס קאָוואַלסקי האָט זיך דערוואוסט, אַז עלי דער פּרעסער איז שוין אַ יוניאָן־מאַן און אַז ער זוכט זיך אַנדערע פּרעסער אויך אַריינצונעמען אין דער יוניאָן, איז ער צוגעלאָפן אַ בייזער צום פּרעסער־טיש, אַרונטערגעריסן די פּייפּ פון פּרעסאייזן און געהייסן עלי'ן גלייך פאַרלאָזן דעם שאַפּ.

די אַנדערע פּרעסער האָבן זיך אַריינגעמישט און עס האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג, אַזוי אַז עטלעכע האָבן געקראָגן צעהאַקטע קעפּ. דעם פּאָרמאַן האָט מען צעבראָכן אַ האַנט. קאָוואַלסקי אַליין האָט געקראָגן אַ פּאָר בלויע אויגן און אַ צעשפּאָלטענע ליפּ.

שוירלי, די בוכהאַלטערין, האָט גלייך גערופן פּאָליציי און אויך אַן אַמבולאַנס.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דערהערט דער געקלאַנג פון אַ פלינק־לויפנדיקן אַמבולאַנס און אַ פּלוצלינגדיקן אָפּשטעל ביים שאַפּ.

עס איז אַריין אַ יונגער דאָקטאָר מיט אַ סעטשעלע אין האַנט, גלייך אַרויסגעכאַפּט די אינסטרומענטן און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ געשריי איבער׳ן שאַפּ: זעט נאָר ווער דאָס איז, דאָס איז דאָך דאַוויד דער „מטורף״.

יאָ, דאַוויד „דער מטורף״, איז שוין דעמאָלט געווען „דאָקטאָר דעוויד פרידמאַן״. ער האָט פאַרבאַנדאַזשירט אַלעמען די וואונדן. און ווען ער האָט פאַרענדיגט מיט קאָוואַלסקי׳ן האָט ער צו קאָוואַלסקי׳ן געזאָגט: „וואַרט אַ ווײַלע״.

ער איז צוגעגאַנגען צו אַ פּרעסאייזן, אַ נעם געטאָן די גומענע קישקע אין האַנט און מיט שפּאַס צוגעלייגט צו קאָוואַלסקי׳ס ברוסט־קאַסטן: „איצט, האָט ער אַ זאָג געטאָן, וויל איך אויסהערן צי עס קלאַפּט נאָך אייער האַרץ״.

דר. דעיוו פרידמאַן האָט שפּעטער געעפנט אַן אָפיס אויף הענרי סטריט. ער פלעגט זעלטן ווען נעמען באַצאָלט פון אַ שניידער פאַר אַ וויזיט.

קאַפּיטל 19

אַ מאַמע אין אַ „פּיקעט־לאַין״ געגן זון

צווישן די שניידער־באַסעס איז אַמאָל געווען איינער, אַ מיסטער גרין און זיין שאַפּ האָט ער געהאַט אויף גרין סטריט. איז ווען מען פלעגט אין „חזיר־מאַרק״ דערמאָנען דעם נאָמען „גרין פון גרין סטריט״ פלעגט ביי די שניידער דורכגיין אַ סקרוך איבערן לייב.

גרין האָט געוואוינט אַריבערן בריק אין ברוקלין אין אַן אייגענער פּריוואַטער הויז. ווען עס פלעגט קומען דער פרילינג פלעגן גרינ׳ס אַרבעטער, אין צייט פון סלעק אָדער נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, דאַרפן קומען צו אים און העלפן באַאַרבעטן דעם גאָרטן.

ווינטער־צייט, ווען מיסטער און מיסעס גרין פלעגן וועלן גיין אין

טעאַטער אָדער צו אַ קאָנצערט, האָט איינע פון זיינע „פינישערינס״ גע־מוזט קומען גלייך נאָך וועטשערע צו זיי און זיין מיט זייערע קליינע קינ־דער אין הויז, אַ „בעיבי סיטער״.

די פּרעסער אין שאַפּ האָבן געמוזט אַלע טאָג, נאָכ׳ן בעקסט, אַריינ־קומען אַביסל פריער אויסקלאַפּן דעם אַש פון אויוון און אים אונטערהייצן עס זאָל זיין וואַרעם אין שאַפּ צו אַרבעטן.

אַזוי שנעל ווי איינער האָט פּרובירט אויסדריקן פּראָטעסט, איז ער שוין ניט געווען זיכער מיט׳ן שטול אין שאַפּ.

גרין האָט איינמאָל אָוועקגעגעבן זיינעם אַן אַלטן גאַרניטער צו איינעם פון די גרינע אַרבעטער. און זעקס חדשים שפּעטער, האָט דער גרינער געקראָגן אַ בעסערן דזשאָב און ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט גרין פאַר אַלעמענס אויגן אין שאַפּ אַרונטערגעריסן פון אים דעם מאַנטל און מיט אַ שער דאָס צעשניטן אויף שטיקלעך.

די „גרינע משפּחה״ ביי גרינ׳ען אויף גרין סטריט

איין טאָג איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ פינצטערע כמאַרע איבערן שאַפּ. מיסטער גרין האָט אַריבערגעבראַכט פון איראָפּע זיין מאַמען, עטלעכע ברידער און שוועסטער, אַ שוואָגער און אַ פּאָר קאָזינס. די אַרבעטער האָבן געוואוסט, אַז ער קאָן די שאַפּקע ניט פאַרגרעסערן און אויב ער וועט אָט־די אַלע גרינע אַריינבנעמען צו זיך אין שאַפּ, וועט דאָס זיין אויף זייער קאָפּ. און אַזוי איז דאָס געווען:

איינעם נאָך איינעם האָט ער פון דער משפּחה אַריינגענומען אין שאַפּ. די אַרבעטער האָבן זיי געמוזט לערנען די אַרבעט, און ווי גיך איינער האָט זיך אויסגעלערנט, פלעגט דער פריערדיגער אַרבעטער ווערן אַרויס־געוואָרפן.

אין אַ משך פון עטלעכע חדשים האָט שוין געאַרבעט די גאַנצע פאַמיליע אין שאַפּ. עס זיינען פאַרבליבן בלויז אַ פּאָר פון די אַלטע אַרבעטער.

אין שאַפּ האָבן די אַרבעטער ניט געוואוסט פון קיין שטונדן. די שכירות זיינען געווען נישטיגע. גרין איז אָבער צו אַלע זיינע אַרבעטער געווען „אומפּאַרטייאיש״. די מענטשן פון זיין פאַמיליע האָבן ניט גע־קראָגן בעסער באַצאָלט ווי די פרעמדע אַרבעטער.

די גרינע „גרינען זיך אוים״

מאַקס גרין, דער איינגערער ברודער פון באָס, איז איינמאָל צופעליג

פאַרבייגעגאַנגען אַ האָל אויף קלינטאָן סטריט וואו שניידער זיינען געשטאַנען און גערעדט וועגן יוניאָן. איז אים געפעלן געוואָרן זייערע רייד. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס וועט אין עטלעכע טעג אַרום זיין אַ מיטינג וועגן אָרגאַניזירן אַ יוניאָן (דאָס האָט מען זיך שוין געגרייט פאַר'ן 1913 סטרייק פון די שניידער אין ניו־יאָרק), האָט ער דאָס אויך געלאָזט וויסן אַ צווייטן ברודער און אַ קאָזין.

קומענדיג צום מיטינג זיינען זיי איבערראַשט געוואָרן ווען זיי האָבן דאָרט אויך געטראָפן איינע פון די שוועסטער מיט אַ צווייטן קאָזין. די פאַמיליע האָט זיך צוזאַמענגערעדט און אַלע ווי איינער האָבן זיך פאַרשריבן אַריינצוגיין אין דער יוניאָן.

אינדערפרי, ווען די אַרבעטער זיינען אַריינגעקומען אין שאָפּ, האָבן זיי שוין געטראָפן מיסטער גרין'ען בייז און ביטער. ער איז אַרומגעלאָפן איבער די אָנגעוואָרפענע שטיקער אַרבעט אַהין און צוריק, נאָר ווי גיך ער האָט דערזען אַריינקומען זיין שוועסטער מירל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען פּאַכען מיט די קולאַקעס, געשאָלטן און געשריען: „דערטרונקען האָט איר געדאַרפט ווערן אויפ'ן וועג פאַרנדיג אַהער. אויף דעם האָב איך אייך געשיקט שיפס־קאַרטן, געבראַכט אין אַמעריקע, געלערנט אייך די אַרבעט? אַ יוניאָן ווילט איר מיר מאַכן?"

די שטילע מירל האָט דאָס מאָל געעפנט איר מויל: „אויף דעם האָסטו אונז געבראַכט, מיר זאָלן דאָ זיין ביי דיר פּאַכאָלקעס? דו ביזט ניט קיין ברודער. דו ביזט אַ פּרעה, וואָס וויל אונז איינשפּאַנען צו בויען אַ פּיסום ורעמסס. אָבער עס וועט ניט גיין. מיר האָבן פאַר צאַר ניקאָלאַי דאָס ניט געוואָלט טאָן און מיר וועלן דאָס אויך פאַר דיר ניט טאָן".

„מען רייסט זיך שוין ביי די האָר"

דאָ, איז מיסטער גרין געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער: „איך בין ביי דיר אַ צאַר ניקאָלאַי? דו חצופה איינע!" ער איז צוגעלאָפן און איר אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און גענומען רייסן.

אין אַ סעקונדע איז געוואָרן אַ קנויל פון דער פאַמיליע. די ברידער, די קאָזינס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אָפּצורייסן איינעם פון צווייטן. אָבער ביז וואָס ווען, האָט ביי אַ פּאָר געבלוטיגט די נעזער. מיסטער גרין אַליין איז געשטאַנען אין דער צעריסענער העמד און זיך געהאַלטן פאַר'ן עלנבויגן, וואו ער האָט צעקלאַפּט זיך ראַנגלענדיג מיט דער פאַמיליע.

ווען ס'איז שטיל געוואָרן האָבן אַלע זיך איבערגעקוקט און ניט אַרויסרעדנדיג קיין וואָרט האָט מען זיך גענומען אָנטאָן די רעקלעך.

מיסטער גרין, דער באָס, וועלכער איז צוגעגאַנגען צום קראַן נעמען קאַלטע וואַסער און צולייגן צום עלנבויגן, האָט פּלוצלינג גענומען ווידער שרייען: „פינישט״ אַרויס די אַרבעט, וואָרום איר וועט קיין סענט ניט קריגן באַצאָלט.

קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זיין שרייען. די פאַמיליע, ווי די פרעמדע, מיט דער אויסנאַם פון דזשוליוס׳ן דעם „פאַרער״, זיינען אַלע אַרונטער אין גאַס, באַשטימענדיג זיך צו טרעפן אויף מאָרגן 9 פרי אין „חזיר־מאַרק״ (העסטער־פּאַרק).

די מאַמע דערקלערט אַ קאַמף געגן זון

אין אָוונט, ניט צוזאַמענגערעדט זיך, האָט די פאַמיליע זיך געטראָפן ביי דער מאַמען אין דער היים. די מאַמע, דערוויסנדיג זיך וואָס עס האָט פּאַסירט, איז געוועזן אויסער זיך פון דעם, וואָס דאָס זונעלע, דער באָס, האָט געריסן ביי מירעלע׳ן די האָר פון קאָפּ.

ווען אַלע זיינען אַזוי געזעסן אַרום טיש און דיסקוטירט וועגן דער טרויעריגער לאַגע, האָט מען דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און עס איז אַריינגעקומען דער באָס, מיסטער גרין.

ער איז געשטאַנען אַ ווילע אין פאַרלעגנהייט, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך, ביז די מאַמע האָט אים אַריינגעפירט אין קיך.

די מאַמע האָט מיט אים געשמועסט אין קיך און אין פאַרנט־רום איז געזעסן די פאַמיליע און אַרומגערעדט זייער פינצטערע מערכה.



מיטאַמאָל האָט די פאַמיליע דערהערט אַ יאָמער און געוויין פון דער מאַמען: „אַרויס פון הויז, משומד איינער! מיין מירלע׳ן וועסטו רופן אַזעלכע נעמען? דו ביזט דאָך ניט ווערט איר מינדעסטן נאָגל! איך וויל דיך ניט קענען מיט דיינע דריי דאָלער. איך וועל בעסער גיין אויף סאָפּאָלק סטריט פאַרקויפן בייגל מיט קוכנס איידער אָנקומען צו דיר״.

ווען די יוניאָן האָט דערקלערט דעם שאַפּ אין סטרייק, איז די מאַמע

געזעסן גאַנצענע טעג אויף די טרעפּ צום אַרויסגאַנג פונ׳ם שאַפּ און קיי־נעם ניט געלאָזן אַרויפגיין.

איין טאָג, ווען דער פּאָליציימאַן האָט זי געפרעגט צוליב וואָס זי זיצט גאַנצע טעג אויף די טרעפּ, האָט זי אַרויסגענומען אַ פאַמיליע בילד, גע־וויזן און דערביי אין פשוט׳ן אידיש אים דערקלערט, אַז דער באָס איז איר זון, און זי גיט דאָס אויף אים אַזוי אַכטונג, אַז קיין בייז זאָל אים חלילה ניט געשען . . .

אין די אָוונטן, פלעגט אַרומגיין די מאַמע ביי די מיטינגען פון די סטרייקער אין די האָלס און פלעגט פאַרקויפן בייגל, שאָקאָלאַד און סעמעשקעס.

קאַפּיטל 20

אַ רעסטאָראַן פאַר ראַצן און אַנדערע אַזוינע באַשעפעניש ן

געווען אַמאָל צוויי שניידער באַלעבאַטים וואולף און בלינקי, וואָס האָבן געהאַט אַ שאַפּ אויף גרענד סטריט.

דער גאַנצער שאַפּ האָט אויסגעזען ווי אַ שטאַל, נאָר — אַביסל שמו־ציגער, ווייל אַ שטאַל ריינִיגט מען פון צייט צו צייט, מ׳פירט אַרויס דאָס מיסט. אָבער אין דעם שניידער־שאַפּ פלעגט זיך מר. וואולף גרויסן, אַז ביי אים אַרבעט מען שטענדיג. אַלס אַ סימן פלעגט ער אָנגעבן דעם פאַקט, אַז פון 1906, ווען ער האָט דעם שאַפּ געעפנט, האָט ער ביז 1913, נאָך ניט געהאַט די געלעגנהייט אויסצוקערן דעם פלאָר . . .

אונטער די טישן זיינען געלעגן שטיקלעך ברויט, ביינער און אַנדערע „שפּייזן״, וואָס אפילו די מייז און קאַקערוטשעס, וואָס זיינען דאָרט פול געווען, האָבן דאָס שוין אויך ניט געקאָנט עסן. זיי פלעגן לויפן איבער די טישן און זוכן עפּעס בעסערס . . .

מר. בלינקי איז געווען אַ שטילער מענטש. ער פלעגט שטיין ביים טיש און עקזאַמינירן די אַרבעט, שטענדיג פאַרטיפט אין זיך אַליין. די אַרבעטער אַרום זיין טיש האָבן זיך געפילט פריי צו רעדן אַ וואָרט אָדער כאַפּן אַ ביס ביי דער אַרבעט. און עסן ביי דער אַרבעט האָט געמיינט פאַרנעמען אַ סך צייט. ווייל ווען מען פלעגט נאָר אָוועקלייגן אַ שטיקל ברויט אָדער עפּעס אַנדערש פלעגן זיך גלייך יאָווען פליגן, מוראַשקעס

און קאַקערוטשעס אין די טויזנטער. יעדן ביס וואָס מען האָט געוואָלט אַריינלייגן אין מויל פלעגט מען פריער מוזן גוט אָפּשלאָגן פון דעם שונא׳ס אַטאַקע . . .

ווען מר. בלינקי אַליין פלעגט אין שאָפּ עסן אַ מיטאָג, וואָס זיין ווייב פלעגט אים ברענגען, האָט זי געמוזט שטיין די גאַנצע צייט ביים טיש און קעמפן מיט די קאַקערוטשעס. זיי האָבן נאָר געוואָלט אַריינקריכן אין טעלער פון דער סמעטענע מיט קעז, אָדער זופּ. זי האָט פאַרטיידיגט די טעלער ווי אַ גוטער סאָלדאַט אַ פּאָזיציע. אָבער פאַר אַ נויט האָבן זיי די קאַקערוטשעס, געפונען גענוג ברעקלעך אויפ׳ן טיש אַרום דעם טעלער . . .

אַ באָס, וואָס האָט געשפּילן מיט „דאַימס״ און „קוואָדערס״

גאַנץ אַנדערש איז שוין געווען מר. וואולף. ער איז פאַקטיש געווען דער גאַנצער באַלעבאָס. ער פלעגט שוין אַרונטערגיין עסן אין אַ רעסטאַ־ראַן. און אין דער האַלבער שעה וואָס ער איז ניט געווען אין שאָפּ, פלעגן די אַרבעטער און אויך זיין שותף אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אַ גאַנצן טאָג פלעגט מר. וואולף, אָדער ווי די אַרבעטער האָבן אים גערופן, דער „שפּייער״, אַרומלויפן טאָקע ווי אַ וואָלף. אינמיטן פון שאָפּ איז געשטאַנען אַ גרויסער אויוון. יעדער מאָל וואָס ער איז דורכגעלאָפן פלעגט ער אַ שפּיי טאָן וואויל־יונגעריש דורך זיינע ציין. דער אויוון איז געווען, ווי די אַרבעטער פלעגן זאָגן, באַדעקט מיט „דאַימס״. נאָר ווען וואולף איז געווען אין כעס פלעגט ער שוין אַרומלויפן און שפּייען וואו עס האָט זיך געלאָזן און ניט קיין „דאַימס״, נאָר גאַנצע „קוואָדערס״, די גרויס פון אַ שפּיי . . .

מר. וואולף פלעגט ווערן אין כעס פאַר יעדער קלייניקייט. זיין צאָרן פלעגט זיך צעפלאַקערן באַזונדערס ווען ער פלעגט פאַקן אַן אַרבעטער אַריינקומען אַ פאַר מינוט צו שפּעט אָדער ווען ער פלעגט הערן עמיצן רעדן אַ וואָרט ביי דער אַרבעט.

דער שאָפּ איז פאַקטיש געווען זיין ערשטע היים. פון האַלב נאָך זעקס אין דער פרי פלעגט ער זיין אין שאָפּ. ביז אַ פערטל צו זיבן פלעגט ער שטיין ווי אַ פּאָרטער ביי דער טיר און פלעגט באַגריסן אָדער ענטפערן אַ גוט־מאָרגן יעדן אַרבעטער וואָס פלעגט אַריינקומען. אָבער ווען עמיצער איז אַריינגעקומען נאָך אַ פערטל צו זיבן פלעגט ער שוין „באַגריסן״ מיט אַ קללה און אַ שפּיי טאָן גליך אַנטקעגן אַ „קוואָדער״ אויפ׳ן פלאָר . . . אַזוי איז אויך געווען אין דער מיטאָג שטונדע. ער אַליין פלעגט אַרונ־

טערגיין עסן פריער. דערנאָך פלעגט ער שטיין ביי דער טיר און אָפּ־וואַרטן אַט־די אַרבעטער, וואָס פלעגן ניט עסן אין שאַפּ, נאָר אַרונטערגיין „כאַפּן זייער ביים".

איינמאָל ווען ער איז אַזוי געשטאַנען ביי דער טיר און געוואַרט אויף זיינע קרבנות איז אַרויסגעקומען אַ פּייערמאַן אין ציווילע קליידער נאָכ־צוקוקן דעם פּייער־עסקעיפּ. מיסטער וואולף האָט זיך ניט געכאַפּט ווער דאָס איז און אַנגעמענדיג אים פאַר אַ נייעם אַרבעטער, האָט ער אים גלייך דערלאַנגט אַ ברוך־הבא און פאַרענדיגט מיט אַ שפּיי אַרויס אַ „קוואָדער", כמעט גלייך אין פּנים אַריין.

דער פייערמאַן האָט אים גלייך געוויזן זיין „בעדזש" און אים אַריינ־גערופן אין אָפיס. זיין שותף בלינקי האָט נאָכדעם געלאַכט און דערציילט, אַז דער שפּיי מיט׳ן פאַלשן „קוואָדער" האָט דעם מר. וואולף געקאָסט אַן אמת׳דיגן פינפערל . . .

אַ שווינדל מיט אַ גלעזערנעם „דימענט"

אין דעם שאַפּ האָט איינמאָל פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

געווען דאָרט איינע, לינאַ, אַ פינישערין, וועלכע האָט דאָרט געאַר־בעט פון דעם ערשטן טאָג זינט וואולף און בלינקי האָבן געעפנט זייער שאַפּ.

אין שאַפּ האָט לינאַ זיך באַקענט מיט בעני לאַפּידוס, אַ לאַיינינג־מאַכער. בעני האָט ביים פּעדלער גענומען אַ דימענט־רינג אויף אָפּ־צאָלן, דאָס געגעבן צו לינאַ׳ן און זיי האָבן שוין אַראַנזשירט אַ דאַטע ווען צו פּראַווען אַ חתונה.

אין אינדערפרי, ווען לינאַ איז געלאָפן צו דער אַרבעט האָט אַ חברה־מאַן זי אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואו עס געפינט זיך אַ פּאָון־שאַפּ. ער האָט איר גענומען דערציילן אַ מעשה, אַז ער מוז צען אַזייגער אָפּפאָרן צו אַ לוויה אין קאַליפאָרניע. נאָר איינמיטן האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט צו ווייניג געלט. זיין לאַגע איז פאַרצווייפלט און זיין איינציגע האָפּע־נונג איז צו קריגן געלט פאַר׳ן דימענט, וואָס ער האָט אויפ׳ן פינגער. ער איז גרייט צו פאַר׳משכנ׳ען אָדער פאַרקויפן פאַר וועלכן ניט איז פּרייז, ווייל די לוויה צו אַטענדן איז ביי אים וויכטיגער ווי אַלץ אין דער וועלט.

אין די רייד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ צווייטער מאַן. דער חברה־מאַן מיט׳ן רינג אויפ׳ן פינגער האָט אויך יענעם כלומרשט אַ פרעג געטאָן וועגן אַ פּאָון־שאַפּ און אים געוויזן דעם רינג. דער צווייטער האָט זיך גלייך אָפּגעשטעלט און געפרעגט לינאַ׳ן צי זי פאַרשטייט פּויליש. נאָכדעם האָט ער איר אין פּויליש דערקלערט, אַז אויב זי וויל וועט ער מיט איר

צוזאַמען אָפּקויפן דעם רינג. נאָר ער האָט ביי זיך בלויז אַכציק דאָלאַר קעש און דאָס, האָט ער געזאָגט, איז „ניט גענוג". נאָר אויב זי האָט ביי זיך אויך עפּעס קעש וועט ער זי אָננעמען פאַר אַ שותף צום מסחר.

לינאַ האָט אָן עפּן געטאָן דעם טייסטער און אָפּגעציילט פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר, וואָס זי האָט צונויפגעקליבן איינצוצאָלן פאַר אַ שיפס־קאַרטע, וואָס זי האָט געוואָלט נעמען פאַר אַ ברודער אַראָפּצוברענגען.

דער צווייטער מאַן האָט גלייך פאַרגעשלאָגן צו לינאַ'ן, אַז אַזוי ווי דער רינג, וואָס דער חברה־מאַן האָלט האָט לויט „זיינע מבינות" די ווערט אַרום אַכט הונדערט דאָלאַר, און אַזוי ווי איר רינגל קאָסט אַרום הונדערט דאָלאַר, זאָל זי געבן איר רינגל מיט די פינף־און־צוואַנציק דאָלאַר, און ער וועט געבן די אַכציק דאָלאַר. זי זאָל נאָכדעם נעמען דעם שותפות'דיגן רינג צו זיך. ער וועט זיין ביי איר אין אָוונט און דאָרט וועלן זיי זיך שוין אויסגלייכן.

דער חברה־מאַן האָט אַ נעם געטאָן די קעש מיט איר רינגל, דער־לאַנגט איר זיין „באָמבע", דעם גרויסן רינג, אַ קוק געטאָן אויפ'ן זייגער מיט „גרויס זאָרג", אַז עס איז שוין שפּעט און אַז ער דאַרף שוין לויפן. דער צווייטער מאַן האָט אים געוואונטשן אַ גוטן וועג, ער זאָל שוין מער פון קיין צרות ניט וויסן. לינאַ, וועלכע האָט געהאַט מיט זיך אַ פּעקל עסן פאַר מיטאָג האָט פון צעטומלעניש אים אַריינגעשטופּט דעם פּעקל שפּייז ער זאָל האָבן וואָס צו עסן פאַרנדיג אויף דער באַן „צו דער לוויה".

דער צווייטער מאַן האָט געבעטן לינאַ'ן צו וואַרטן אַ ווײַלע. ער גייט נאָר אַריין אין קענדי־סטאָר קריגן אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער צו פאַרשרייבן איר אַדרעס. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן און נעלם גע־וואָרן פאַר אירע אויגן.

אוים דימענט, אוים חתן און אוים דזשאָב

לינאַ האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז עפּעס איז ניט גלאַט. זי איז אַוועק־געלאָפן מיט'ן רינג אין פּאָון־שאָפּ פרעגן וויפיל עס האָט די ווערט.

אין פּאָון־שאָפּ האָט דער מאַן זי אָנגעקוקט:

— וואו האָט איר דאָס גענומען דעם רינג?

— לינאַ האָט קיין סך נישט געטראַכט און געענטפערט:

— דאָס האָט מיר געגעבן מיין חתן . . .

דער מאַן אין פּאָון־שאָפּ האָט זיך צעלאַכט:

— איר קאָנט נעמען דאָס שטיקל גלאָז און גיין מיט אייער חתן שלאָפן.

לינאַ האָט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ און אַוועקגעלאָפן אין שאָפּ דערציילן איר חתן וואָס עס האָט פּאַסירט.

אַריינקומענדיג אין שאָפּ, האָט זי באַגעגנט דער מיסטער וואולף און ניט לאָזנדיג איר רעדן אַ וואָרט האָט ער גענומען שרייען, שעלטן און שפּייען מיט זיינע „דאַימס" און „קוואָדערס". נאָכדעם האָט ער איר ערשט דערקלערט, אַז זי קאָן שוין ביי אים אין שאָפּ מער ניט אַרבעטן, ווייל ער האָט שוין אַ צווייטע אויף איר פּלאַץ.

זי האָט געוואָרט פאַר איר חתן, נאָר ווען ער איז געקומען און זי האָט אים דערציילט וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, האָט ער איר גלייך געלאָזט וויסן, אַז דער שידוך איז אויך אויס, און אַז ער וויל זי מער ניט קענען.

אַ דעשלאָגענע איז לינאַ אַרונטער פון שאָפּ. אין איין טאָג האָט זי פאַרלאָרן דעם רינג, דעם חתן און דעם דזשאָב. זי האָט געהאַט די לויה און ניט דער שווינדלער...

קאַפּיטל 21

קינדער־אַרבעט אין די סוועט־שעפּער

שווער און ביטער זיינען געווען די טעג פאַר די גרינע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אין די יאָרן פון דער אַמאָליגער סוועט־שאָפּ סיסטעם אַריין צו דער אַרבעט אין די שעפּער.

די גרעסטע צאָל אידישע אימיגראַנטן זיינען אַריינגעשוואומען אין די נאָדל־טרעידס. און אַריין איז מען ניט נאָר אַליין — נאָר מיט'ן גאַנצן הויז־געזינט.

צו לינדערן די גרויסע נויט און אָרעמקייט, צו צאָלן חובות פאַר די שיפסקאַרטן, איז ניט געווען געגנוג דאָס אַריינגעמען אין די רומקעס באָר־דערס און באָרדערקעס, מען האָט דערצו אויך געמוזט איינשפּאַנען די נאָך גאָר יונגע קינדער אין שקלאַפעריי, אַריינשטופּן זיי אין סוועט־שאָפּ.

עס איז טאַקע געווען אַ געזעץ געגן אַרבעט פון קינדער. צו 16 יאָר האָט מען געדאַרפט קריגן אַרבעטס־פּאַפּירן פאַר די וועלכע זיינען דאָ גע־גאַנגען אין סקול. אָבער די אימיגראַנטן האָבן נאָך אין דער אַלטער היים געוואוסט ווי אַזוי זיך צו „באַוואָרענען", אַז דאָס קינד זאָל וואָס פריער קאָנען אָנפאַנגען צו שקלאָפן. מ'האָט פּשוט זיי אַרויפגעשרויפט אַ פּאָר יאָר עלטער און אַזוי זיינען די 12 און 14־יאָריגע אינגלעך און מיידלעך ראוי געוואָרן צו ווערן שקלאָפן אין סוועט־שאָפּ...

אין די יאָרן פון 1910־1912 איז צווישן די אימיגראַנטן אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל: אַי, ווען איך האָב אַ צען, צוועלף קינדער, וואָלט איך דאָך גע־קאָנט אַליין עפענען פאַר זיך אַ שטיקל שאַפּקע...

באַבריק׳ס „קינדער־גאָרטן״

אויף עלען סטריט איז געווען אַ שניידער־שאַפּ, וואָס זיין באַלעבאָס איז געווען איינער אַ מר. באַבריק.

איז דער דאָזיגער באַבריק געווען פון די „גליקלעכע״. ער האָט גע־האַט אַן אייגענע אַרמיי פון 9 קינדער. בלויז זיבן יאָר איז געווען דער אונ־טערשייד אין דעם עלטער פון דעם איינגסטן ביז דעם עלטסטן קינד, ווייל צווישן זיי זיינען געווען צוויי צווילינגס. אַלע, מיט דער אויסנאַם פון איינעם, וואָס איז געווען געקריפּלט אויף אַ הענטל, האָבן געאַרבעט מיט׳ן טאַטן אין שאַפּ. און אפילו דאָס אינגעלע מיט׳ן פאַרקריפּלטן הענטל האָט אויך עפּעס פאַרדינט אין שאַפּ. ער פלעגט אַרונטערגיין ברענגען פאַר די פּרעסער ביר און טאָן אַנדערע שליחות.

דעם שאַפּ פלעגט מר. באַבריק האַלטן שטענדיק פאַרשפּאַרט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז די סקול שיקט אַרויס די „טרואַנט אָפיסערס״ צו כאַפּן אין די שעפּער און היימען די קינדער, וועלכע טאָרן נאָך ניט אַר־בעטן לויט׳ן געזעץ. באַבריק האָט שוין געגוג באַצאָלט שטראָף פאַר דעם, אויך געגעבן „שווייג־געלט״ צו איניגע אָפיסערס. אָבער צום בעסטן, האָט ער אויסגעפונען, איז צו האַלטן פאַרשלאָסן פון אינעווייניג דעם שאַפּ.

גאַנץ אָפט האָבן איבער דעם פּאַסירט אַזעלכע טראַגי־קאָמישע שפּאַסן:

איינמאָל האָט איינער פון זיינע קינדער־אַרבעטער אַרויסגעקוקט דורכ׳ן פענצטער און גלייך אַ געשריי געטאָן: „פּאַ, מען גייט!״

באַבריק האָט אויף שנעל פאַרהאַקט דעם שאַפּ ביז זיין „קינדער־גאָרטן״ האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די מייז־לעכער פונ׳ם שאַפּ. ווען ער האָט ענדלעך געעפנט די טיר, האָט ער גאָר דערזען פאַר זיך אַ פייער־מאַן. האָט עס אים שוין געקאָסט אַ שיינע פאַר דאָלער שטראָף פאַר האַלטן פאַרשלאָסן די טיר פון שאַפּ, וואָס דאָס איז קעגן געזעץ פון פייער־דעפּאַרטמענט.

אין אַ צווייטן פאַל איז דאָס געווען דער עקזאַמינער פון דער פירמע פאַר וועלכער באַבריק האָט געמאַכט זיין אַרבעט. דער עקזאַמינער האָט געקלאַפּט אין טיר און ווען מ׳האָט אים אַזוי גיך ניט געעפנט, איז ער אַוועק צוריק. דאָס האָט שוין געקאָסט באַבריק׳ן אַ שיינע עטלעכע באַנד־לעך מיט אַרבעט, וואָס דער עקזאַמינער האָט נאָכדעם אַוועקגעגעבן צו

קינדער־אַרבעטער
— ווּם. גראָפּער



אַ צווייטן קאָנטראַקטאָר, ניט קאָנענדיג זיך צוזאַמענרעדן מיט באַבריק׳ן.

עס איז אויך געווען אַזאַ פּאַסירונג: עמיצער האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן אין שאַפּ, אַז עס גייט אַן אַפּיסער. האָט מען גיך פאַרמאַכט די טיר. פון דרויסן האָט מען אַ פּאָר מאָל אַ קלאַפּ געטאָן און מען איז אַוועק. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען אַ טעלעגראַם־מעסענדזשער, וועלכער האָט געבראַכט אַ טעלעגראַמע פון באַבריק׳ס טאַטן אין פילאַדעלפיע, אָנזאָגנדיג באַבריק׳ן, ער זאָל קומען צו דער לוויה פון זיין מאַמען.

באַבריק האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט ערשט מיט צוויי טעג שפּעטער, נאָך דער לוויה, ווען עמיצער האָט געפונען די טעלעגראַמע אין פינצטערן קאָרידאָר, איז ער דעמאָלט אַוועקגעפאָרן צו באַזוכן דעם טאַטן, איז דווקא דעמאָלט יאָ געקומען אַן אַפּיסער און גראָדע דאָס מאָל יאָ געטראָפן אָפן די טיר. דער אַפּיסער האָט דאַן אַרעסטירט פינף פון באַבריק׳ס קינדער און אויך אַ צענדליג אַנדערע קינדער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר באַבריק׳ן.

ביי אַ באַס אַ וועוועריקל

אַ גאַר קאָמישע פּאַסירונג האָט זיך אָפּגעשפּילט אין שאַפּ פון טעדי לאַנדיס, אויף וואָטער סטריט.

די לאַנדסלייט און שאַפּ־אַרבעטער פלעגן טעדי׳ן רופן טעדי מילב.

ער, טעדי, איז געווען אַ קליינגעוויקסיגער, נאָר אַ זשיוואַווער יונגערמאַנטשיק. אויך אַ טאַטע פון צוויי קינדער, וועלכע פלעגן אים שוין העלפן אין שאַפּ ביי דער אַרבעט.

ווען טעדי האָט געאַרבעט ביים טיש איז אַלע מאָל געשטאַנען אַ קעסטל אויף זיין שטול, ער זאָל קאָנען דערגרייכן דעם טיש פון די פינישערס.

איבער׳ן שאַפּ פלעגט ער שפּאַנען ווי אַ קינד און גאַנץ אָפט זיך פאַרטשעפּען און פאַלן איבער די אָנגעוואָרפענע שמאַטעס. ניט איינמאָל זיינען וועגן אים אַרויסגעקומען מיספאַרשטענדענישן, פון וועלכע די אַרבעטער פלעגן שטאַרק לאַכן.

טעדי איז איינמאָל אַריין אין „חזיר־מאַרק“ (אין העסטער פּאַרק) בעת שניידער זיינען געשטאַנען און זיך דערציילט פּעפּערדיגע וויצן. איז אַזוי שנעל ווי טעדי מילב איז צוגעקומען האָט מען אויפגעהערט צו רעדן. איינער האָט דעם צווייטן אַ טורקע געטאָן: „שוויג שטיל, אַ קינד שטייט דערביי“ . . . אויך אין שאַפּ איז געווען גענוג שפּאַס אויף זיין רעכענונג.

ווען עס פלעגט אין שאַפּ אַריינקומען אַ נייער מענטש פלעגט טעדי,

ווי אַ וועוורינקל, צולויפן פרעגן וואָס ער וויל. פלעגט דער מענטש געווײנלעך ענטפערן, אַז ער וויל זען דעם באָס. פלעגט טעדי מיט גאווה אַרײַנשטעקן צוויי פינגערלעך אין דער וועסטל און ענטפערן: „איך בין דער באָס“.

אײנמאָל איז אַ נײַער עקספּרעסמאַן געקומען נעמען די אַרבעט, איז ווען טעדי מילב האָט אים אַ זאָג געטאָן: „איך בין דער באָס“, האָט דער עקספּרעסמאַן אים אַ נעם געטאָן אויף די קני און אַ זאָג געטאָן: „איך וועל דיר באַלד ווײַזן ווי צו זײַן אַ באָס...“

ניט אײנמאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען טעדי מילב איז צוזאַמען מיט אַנדערע שנײַדער־קאָנטראַקטאָרס אַרײַן אין אַ סאַלון האָט מען זיך אָנטזאָגט אים צו סערווירן בראָנפן.

טאַקע אַ קלײן באָסעלע, נאָר אַ גרויסער עקספּלואַטאַטאָר

אָבער ווי קלײנגעוויקסיג טעדי לאַנדיס איז ניט געווען, איז ער אָבער געווען אַ גרויסער עקספּלואַטאַטאָר. ער האָט געוואוסט ווי צו פאַרשקלאַפן די עלטערע אַרבעטער און נאָך מער די יונגוואַרג, די קינדער לערנערס אין זײַן שאַפּ. גאַנץ אָפט פלעגן זאָגן די אַרבעטער: ס׳איז אַ שטיקל גליק וואָס די הענט און פיס זײַנען אים צו־קורץ.

אײן טאָג איז אין שאַפּ אַרײַנגעקומען אַ סקול־אָפיסער. איז אַזוי גיך ווי די קינדער האָבן אים דערזען, האָבן זײ זיך גענומען צעלויפן. טעדי מילב איז געשטאַנען אינמיטן פון שאַפּ און זײ אָנגעוויזן וואו צו באַהאַלטן זיך.

דער אָפיסער איז אָבער צוגעלאָפן צו טעדי׳ן און אים אַלײן אַ כאַפּ געטאָן אונטערן אָרעם און געפרעגט: „וואו זײַנען דײַנע אַרבעטס־פּאַפּירן? פאַרוואָס גײסטו ניט אין סקול?“

טעדי לאַנדיס האָט זיך גענומען רײַסן און שרײַען ווי אַלע מאָל: „איך בין דער באָס“. דער אָפיסער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און גענומען אים טראָגן אויף די הענט צום אַרויסגאַנג פון שאַפּ. דאָ זײַנען שוין פון אַ באַהעלטעניש אַרויסגעלאָפן טעדי׳ס צוויי קינדער און זיך צעשריִען און צעוויינט: „פּאַפּאַ! פּאַפּאַ!“

דער אָפיסער איז צעטומלט געוואָרן און נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך.

עטלעכע אַרבעטער זײַנען דאַן צוגעקומען און דערקלערט דעם אָפיסער, אַז טעדי איז טאַקע דער באָס.

דער אַפּיסער האָט אים דעמאָלט אָפּגעמאָסטן מיט די אויגן, אים גוט באַטראַכט און דאַן אַ זאָג געטאָן:

— אויב דו ביזט יאָ דער באָס, טאָ קום אַריין אין אָפיס.

ווען טעדי איז פון דאָרט אַרויס האָט ער דערקלערט:

— נו, קינדערלעך, שוין אַלץ „אויסגעפּרעסט". איר קאָנט שוין צו־ריקגיין צו אייער אַרבעט . . .

קאַפּיטל 22

די היים־אַרבעט אין אַמאָליגער סוועט־שאַפּ־סיסטעם

איינע פון די גרעסטע קללות פון וועלכער אַ סך אַרבעטער־פאַמיליעס ליידן נאָך איצט, איז די קללה פון היים־אַרבעט, די אַרבעט וואָס ווערט אין באַנדלעך אַוועקגענומען פון שאַפּ און וואָס מען מאַכט אויף אין די קיכן און אין די שלאָף־צימערן פון ענגע אַרבעטער־וואוינונגען.

אָבער ווען מען באַקענט זיך מיט דער איצטיגער היים־אַרבעט איז מען נאָך זייער ווייט פון קריגן אַ באַגריף, וואָס די היים־אַרבעט האָט גע־מיינט אין דער צייט פון דער אַמאָליגער סוועט־שאַפּ־סיסטעם.

איך וויל דאָ דעריבער איצט געבן כאָטש אַ פּאָר קליינע בילדלעך פון דער אַמאָליגער היים־אַרבעט.

קודם־כל דאַרף מען פאַר זיך האָבן אַ בילד וועגן די מערסטע נאָדל־טרעידס שעפּער פון יענער צייט, וואָס זיינען געווען איינע פון די אורזאַכן, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן די קללה פון היים־אַרבעט.

די מערסטע שעפּער זיינען געווען שאַפּקעלעך, קליין און שמוציג. די מאַשינעריע באַשרענקט. „הענט" האָט מען געדאַרפט דריי אָדער פיר מאָל אַזוי פיל ווי היינט צו טאָג. מ'האָט „געפעלט" ביים האַנט, געמאַכט לעכלעך „באַטנהאָלס) ביים האַנט, קנעפּלעך איינגענייט ביים האַנט, גע־פרעסט אַלץ מיט האַנט־אייזנס, „געבעיסט" (פאַסטריגעוועט) ביים האַנט, הענגערס צוגענייט ביים האַנט, „טעקס" (פאַרמאַצעווען) ביים האַנט, „פי־קירן" (אויסטריגעווען) די לאַצן ביים האַנט. פופציג פּראָצענט פון דער אַרבעט וואָס מען מאַכט איצט מיט מאַשינען האָט מען דעמאָלט געמאַכט מיט די הענט. דאָס האָט פאַר אַ סך פרויען געמאַכט מעגלעכער צו נעמען

אַרבעט אַהיים, דאָרט איינצושפּאַנען זיך און דאָס גאַנצע הויז־געזינט צו טאָן די אַרבעט.

היים־אַרבעט — זוני מאָוד

די מערסטע פרויען, וועלכע האָבן גענומען היים־אַרבעט, זיינען געווען איטאַליענישע. עס זיינען אויך געווען אַ היבש ביסל אידישע פרויען וואָס האָבן גענומען היים־אַרבעט. נאָר אַ סך פון זיי האָבן זיך דערמיט אַביסל געשעמט. זיי האָבן זיך ניט געקאָנט צופּאַסן באַזונדערס צו אַזאַ זאַך ווי דאָס טראָגן די פּעקלעך אַרבעט אויפ'ן קאָפּ פון און צום שאָפּ. ווען אַ אידישע פרוי האָט גענומען אַרבעט אַהיים האָט מען אין אַ סך פאַלן געמוזט ברענגען פאַר איר די אַרבעט. אין די מערסטע פאַלן פלעגט דער מאַן ברענגען די אַרבעט אין אָוונט און דאָס אַוועקטראָגן צוריק אין דער פרי גייענדיג אין שאַפּ. די פרויען און קינדער האָבן געטאָן זייער אַרבעט אונטער פאַרמאַכטע טירן. שוידערלעך זיינען געווען די אומשטענדן אונטער וועלכע די פרויען און קינדער האָבן געאַרבעט אין די היימען.

ווען איר זענט דורכגעגאַנגען דעם איטאַליענישן קוואַרטאַל האָט איר דאָרט געטראָפן הונדערטער פרויען מיט שווערע באַנדלעך אַרבעט „אויסגעבעט" אַזוי, אַז עס זאָל זיך האַלטן אויפ'ן קאָפּ. אין די הענט האָט די פרוי געהאַלטן אָדער אַ קינד אָדער עטלעכע פּעקלעך מיט שפּייז. אַזוי פלעגט די פרוי שפּרייזן אַ צענדליג גאַסן און מער, טרעפּ־אַרויף און אַראָפּ

פון די שעפער, און דאַן אין מערסטע פאַלן אויף הויכע טרעפּ אין די טענעמענט־הייזער.

די סאַב־שאַפּקעס פון די סוועט־שעפער

אין די הייזער מיט גאַז־באַלייכטונג, אין ענגשאַפט פון גרויסע פאַמיליעס אין 3 אָדער 4 צימערן, פלעגן אָט־די צימערן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „מאַסטערסקאַי״. יעדער סוועט־שאַפּ האָט געהאַט עטלעכע סאַב־שאַפּקעלעך אין די פּריוואַטע היימען.

אין די ערשטע יאָרן, ווען איך האָב גענומען אַרבעטן אַלס פּאַסטריגעציער און פאַרער איז מיר אָפט אויסגעקומען צו גיין אָפּנעמען פון די היימען ספּעציעלע אַרבעט. האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו זען פאַר זיך בילדער, שווידערלעכע בילדער פון נויט, אָרעמקייט און אומצוכט.

אויף די אויוונס האָבן זיך געקאָכט און געבראָטן טעפּלעך מיט שפּייזן. די שווערע ריחות פון די פאַרשידענע אוילן און געווירצן האָבן געריסן די נאָז־לעכער און געשאַפן אַ ביטערקייט אין די אויגן. אויף דער פּאָדלאָגע זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן די מאַנטלען, שפּולן פאָדים, שערן און אַלע אַנדערע געציייגן, וואָס מען האָט גענוצט ביי דער אַרבעט. אַרום דעם באַרג מיט מאַנטלען, הויזן אָדער וועסטן, זיינען געזעסן אַ גרופּע קינדער, אייגענע און פון שכנים. יעדער קינד האָט עפּעס געטאָן, לויט דעם עלטער און פיייִקייט. אויך פּיצלעך זויג־קינדער האָבן זיך געוואַלגערט און געוואַרעמט אין די שמאַטעס אויף דער פּאָדלאָגע.

ווען די מאַמע האָט געדאַרפט ברענגען אָדער אָוועקטראָגן דעם גרויסן פּאַק מיט אַרבעט, פלעגט זי דאָס עופ׳עלע איבערלאָזן אונטער דער אויפזיכט פון אַנדערע קליינע קינדער. די מאַמע פלעגט אָנוואַרפן שפּייז אויף דער שמוציגער פּאָדלאָגע פון בלאָטע און שטויב, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט די שטיקלעך אָפּשניטלעך, פּונקט ווי מ׳וואָלט דאָס עסן אָנגעוואָרפן פאַר הינער אָדער קעצלעך און הינטלעך.

אין אַ ווינקל איז אַזוי אויך געשטאַנען אַ שיסל מיט וואַסער פאַר די קינדער צו טרינקען. ניט ווייט פון דעם האָט מען געקאָנט זען אַ ליידיגע כּלי פאַר די קינדערשע באַדערפעניש, ווייל דער טאָילעט איז געווען אין קאָרידאָר און ווען די מאַמע פלעגט אָוועקגיין, פלעגט זי די קינדער איינשליסן אין הויז . . .

שווידערלעכע סצענעס

אַלס אַ רעזולטאַט פון אַזאַ צושטאַנד פלעגן פּאַסירן פאַרשידענע טראַגעדיעס. אַ פּאָר פון זיי, וואָס זיינען געבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון זיינען די פאָלגענדע:

פון אַ שאָפּ ביי גאַרעליק׳ן אויף בליקער סטריט פלעגט אַנדזשעלאַ אַרויסנעמען היים־אַרבעט.

אַנדזשעלאַ איז געווען אַ מאַמע פון פיר קינדערלעך. דאָס עלטסטע איז געווען פינף יאָר. איר מאַן האָט געאַרבעט ביי ברוקירן גאַסן.

איין טאָג, ווען אַנדזשעלאַ האָט געטראָגן פונ׳ם שאָפּ דעם גרויסן פּאַק מיט אַרבעט אויסגעבעט איבער איר קאָפּ איז אָנגעפאָרן אַ מאַשין, וועלכע האָט געטרובעט און אָנגעזאָגט אַ געפאַר. אַנדזשעלאַ האָט אָבער צוליב דעם שווערן „באַנדל״, ניט באַוויזן זיך אָפּצוקערן אין צייט, האָט די מאַשין זי אומגעוואָרפן און שרעקלעך פאַרוואונדעט. מ׳האָט זי צו־גענומען אין שפּיטאָל אַ באַוואוסטלאָזע.

אין דער היים זיינען די קינדערלעך געווען הונגעריק. אַרויסגיין האָבן זיי ניט געקאָנט. ווייזט אויס, אַז דאָס עלטסטע קינד האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו קריגן עפּעס עסן אויפ׳ן אויוון און נישט ווילנדיג האָט עס אויפ־געדרייט די גאַז.

אַנשטאָט זיך צו זעטיגן מיט געקעכץ, זיינען אַלע פיר קינדערלעך אָנגעפּילט געוואָרן מיט גאַז. זיי זיינען איינגעשלאָפן איינע אויף די אַנ־דערע, ווי קעצעלעך איינגענאָרעט, נאָר — מיט אַן אייביגן שלאָף ...

מיט עטלעכע שעה שפּעטער, ווען די פּאָליציי האָט לויט די „לעיבלס״ פון די גאַרמענטס זיך דערוואוסט וועמ עס איז די פאַרוואונדעטע פרוי און איר אַדרעס, איז שוין אַלץ געווען צו שפּעט. אין שפּיטאָל איז די מאַמע אַנדזשעלאַ געשטאָרבן פון די וואונדן. אין הויז האָט מען געפּילט גאַז, אָבער ניט מער קיין אָטעם פון אַ קינד ...

איר קאָנט זיך געוויס פאָרשטעלן, ווי עס האָט געפּילט אַנדזשעלאַ׳ס מאַן, ווען ער, דער אָרעמער ברוקירער איז אַריין אין הויז, וואָס ער האָט געהערט און וואָס ער האָט דערזען פאַר זיך איז נישט מעגלעך צו באַשרייבן ...

אַ צווייטע סצענע:

געווען אַן איטאַליענישע פינישערין בעטי.

זי האָט געאַרבעט ביי אַן איטאַליענישן באָס פרענק ראַמאַני אויף בליקער סטריט. אַלע טאָג פלעגט זי נעמען נאָך דער אַרבעט אַ פּאַק

אַרבעט פאַר זיך און דער מאַמען צו פיגישן דאָס אין דער היים. אין דער פרי פלעגט זי דאָס ברענגען צוריק אין שאַפּ אַריין.

ביים נעמען די אַרבעט און דעם צוריקברענגען פלעגן די פאַרלייט פאַרשרייבן אין אַ קליין ביכעלע וואָס די פינישערין פלעגט האָבן מיט זיך.

דער באָס אָדער דער פאָרמאַן האָט אָבער אָפט געשריבן ווי ער האָט געוואָלט און וואָס עס האָט זיך פאַר אים צום בעסטן געלוינט.

איין טאָג האָט פרענק, דער באָס, גענומען מאָנען ביי בעטי׳ן נאָך אַ גאַרמענט. זיין טענה איז געווען אַז אין באַנדל, וואָס ער האָט איר געגעבן זיינען געווען צוועלף מאַנטלען. בעטי האָט אָבער געשריען און געוויינט, אַז עס זיינען נאָר געווען עלף. זי איז גלייך געלאָפן אין הויז נאָכגעזוכט און נאָכגעפאָרשט, נאָר עס איז פאַרט ניט געווען מער.

די מאַמע האָט איר אָבער דערקלערט, אַז דאָס איז שוין אַן אַלטער טריק פון געוויסע באַלעבאַטים. מען ציילט אָפּ צוועלף און אין פעקל פאַר־בינדט מען עלף. אַזוי בלייבט איין גאַרמענט אין שאַפּ אויפ׳ן פלאָר. נאָר שפּעטער צווינגט מען די פרוי, צו באַצאָלן פאַר אַ גאַרמענט און מען טענה׳ט, אַז זי האָט דעם צוועלפטן גאַרמענט מסתמא פאַרלאָרן טראָגנדיג דאָס באַנדל.

בעטי איז צוריקגעקומען אין שאַפּ אַן אויפגעקאָכטע און געפאָדערט אירע שכירות. האָט פרענק ראַמאַני ווידער גענומען אויף איר שרייען, אַז זי דאַרף באַצאָלן פאַר אַ מאַנטל. האָט זי אין אויפרעגונג אַ כאַפּ געטאָן אַזאַ שפּיציגן ביינדל, וואָס ווערט באַנוצט אויסצוקוילעכן דעם באָטנהאָל און זי האָט עס אים אַריינגעשטאָכן אין באַק אַריין.

בעטי האָט באַלד נאָכדעם באַוויזן צו אַנטלויפן פון שאַפּ. נאָר די אַרבעטער פון שאַפּ האָבן סוף וואָך געמוזט גוט מאַכן פרענק׳ן פאַר אַ מאַנטל און אפילו אויך פאַר׳ן געלט, וואָס ער האָט באַצאָלט דעם דאָקטאָר פאַר פאַרלאָטן זיין באַק.

קאַפּיטל 23

אַ באָסל, וואָס האָט געקראָגן אַ פאַרדינטן סוף

אויף ספּרינג סטריט איז געווען אַ שניידער־שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו שיינקער און סאָן. מיסטער אַרי שיינקער איז געווען אַן עלטערער פרומער איד, מיט אַ שפּיציג בערדל. ווען ער האָט גערעדט פלעגט ער אָפט אַריינוואַרפן אַ תורה־ווערטל אָדער אַ מגיד׳ישן משל.

מר. שײנקער האָט געהאַט אַן אײן־אײנציקן זון. איז דאָס געװען אַ װילדע חיה, אַ בורלאַק. אויף דער איסט־סײַד האָט מען אים גוט געקענט אַלס „דזשאָ פּעני״. דעם נאָמען האָט מען אים געגעבן, װײל בײ אים איז געװען רעכט צו אָפּװאַרטן קינדער בײ קענדי־סטאָרס און בײ זײ צונעמען יעדן סענט.

װען ער איז עלטער געװאָרן און לערנען האָט ער ניט געװאָלט, האָט אים דער טאַטע, אַרי שײנקער, אַרײנגענומען צו זיך אין שאָפּ און גענו־מען אים לערנען פֿאַר אַ פּלאָר־באָי (שיק־אינגל).

אין שאָפּ האָבן אַלע אַרבעטער פֿאַר אים מורא געהאַט. ער פֿלעגט באַרגן בײ זײ געלט, װיפֿיל עס האָט זיך געלאָזט, אַ ניקל, אַ קװאָדער, אַ דאָלער, נאָר ער האָט דאָס כּמעט קײנמאָל צוריק ניט אָפּגעגעבן.

װען אַרי שײנקער האָט זיך דערפֿילט אַלט, מיד און דערצו נאָך זיך אַביסל אײנגעריסן מיטן געזונט, האָט ער באַשלאָסן צו געבן דעם זון דזשאָו אַביסל מער פֿאַראַנטװאָרטלעכקײט אין שאָפּ. ער האָט דעם פֿלאָר־באָי דזשאָו אַ נאָמען געגעבן „פֿאָרמאַן״.

זײענדיג אַ פֿאָרמאַן, האָט ער שױן גענומען „באָרגן״ פֿון די אַרבעטער — מיט גוטן און מיט בײזן — גרעסערע סומען פֿון זײערע קלאָגלעכע פֿאַר־דינסטן. יעדן סענט פֿלעגט ער פֿאַרגעמבלען און פֿאַרטרינקען.

דערצו האָט ער געהאַט אַ טבע צו פֿאַרטשעפּען זיך מיט די פֿרויען פֿינישערינס. און ניט נאָר מיט די פֿינישערינס פֿון זײן טאַטענ׳ס שאָפּ, נאָר אויך מיט אַנדערע פֿרויען פֿון בילדינג. אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאָג האָט ער געהאַט קאָורט־קײסעס מיט אַרעסטן. ער פֿלעגט אָפֿט קומען מיט בלויע אויגן פֿון די געמבלינג הײזער. אין שאָפּ װידער פֿלעגן אַ סך אַר־בעטער אַרומגײן מיט בלויע אויגן פֿון אים . . .

דער טאַטע פֿלעגט זיך אָפֿט באַהאַלטן פֿון שאַנדע, הערנדיג װאָס מענטשן רעדן װעגן זײן זונ׳ס שײנע מעשים. אָבער װען די אַרבעטער אין שאָפּ פֿלעגן זיך אַמאָל באַקלאָגן אויף זײן בוליגאַנסטװאָ, פֿלעגט דער טאַטע פֿונדעסטװעגן געבן גערעכט זײן זון.

אײן מאָל איז אָבער דער אַלטער שײנקער אַרויס פֿון די כּלים און זיך צעשריען אויף זײן בן־יחיד׳ל, אין געגנװאַרט פֿון אַלע אַרבעטער אין שאָפּ:

— גיהינום מײנער, פֿאַרװאָס קומט דאָס מיר? איך האָב דיך אויס־געהאָדעװעט, געװאָלט דיך לערנען, האָסטו ניט געװאָלט. האָב איך דיך אַרײנגענומען אין שאָפּ, געמאַכט דיך פֿאַר אַ פֿאָרמאַן. צאָל דיר פֿאַר דרײ. איך האַלט אַן אַ לאַיער נאָר פֿאַר דיר, פֿאַר דײנע אומגליקן װאָס דו לײגסט אויף מײן אַלטן קאָפּ. װאו איז כּיבוד־אָב? װאו איז רעספּעקט? װאו איז

דיין טאַטע דער באָס? ווי פרעגסטו מיך ניט אַזאַ זאַך? גייסט אַוועק צו דער פירמע בעטן מען זאָל דיר געבן אַרבעט און דו וועסט אַליין עפענען אַ שאַפּ. דאָס הייסט, דו ווילסט קאָנקורירן מיט דיין טאַטן. און פאַר וועמען האַלט איך דעם שאַפּ? איך וועל דאָס נעמען אין קבר? דאָס איז דאָך פאַר דיר, פון דיינטוועגן.

דאָס זונעלע, דזשאָו, האָט דעמאָלט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, נאָר גלייך אויסגעלאָזט כל־חמתו צו די אַרבעטער.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דאָס זונעלע ניט אַריינגעקומען אין שאַפּ. דער אַלטער שיינקער האָט געבעטן איינעם פון די אַרבעטער אַכטונג געבן אויפ׳ן פלאָר, ווייל דזשאָו, האָט ער דערקעלרט, האָט געלאָזט וויסן, אַז „ער איז קראַנק״ און קאָן ניט אַריינקומען.

טאַקע אַ באַסעלע פון אַ שאַפּ, אָבער —

איבער׳ן שאַפּ האָט מען געמורמלט, אַז דזשאָו האָט אַן ערנסטע „קרענק״. חוץ דער קלאָגע וואָס איז געהאַנגען איבער זיין קאָפּ פאַר פאַרפירן אַ מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך געהאַט באַקענט אין אַ טאַנץ־שולע, ווערט דזשאָו אויך באַשולדיגט ווי אַ מיטהעלפער אין אַ „האָלד־אַפּ״, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער בילדינג פון שיינקער׳ס שאַפּ. מען האָט ביי אַ בוכהאַלטערין אין דער זעלבער געביידע, פון ראַטנערס דרעס־שאַפּ צוגענומען אַרום 500 דאָלאַר, ווען זי האָט דאָס געלט געטראָגן פון דער באַנק דורך דעם פינצטערן קאָרידאָר אין שאַפּ אַריין.

דערוואוסט האָט מען זיך דערפון, ווייל איינעם פון די האָלד־אַפּניקעס האָט מען געכאַפּט און ער האָט דערציילט, ווי אַזוי דאָס איז אויספּלאַנירט געוואָרן און אַז דזשאָו האָט עס געגעבן דעם „טיפּ״ צו די באַיעס וועגן דער צייט ווען די בוכהאַלטערין גייט פון באַנק און אומגעפער וויפיל געלט זי טראָגט מיט זיך. ער איז אויך געווען דער, וואָס האָט פאַר דעם האָלד־אַפּ פאַרלאָשן דאָס קליינע געז־רערל וואָס פלעגט ברענען אויף די טרעפּ.

אין אָוונט איז דזשאָו אַריינגעקומען אין שאַפּ, דערשלאָגן און בלאַס ווי די וואַנט. און אָט־דעמאָלט האָט ער שוין אויך דעם טאַטן צוגעטיילט אָנערקענונג און ביי אים געזוכט „אַן עצה״.

— פּאַפּאַ, — האָט ער אַ זאָג געטאָן צום אַלטן שיינקער, וועלכער איז געשטאַנען ביים „צופּיטערס״ טיש — פּאַפּע, איך וויל זיך מיט דיר מישב זיין. האָסט צייט אַ מינוט?

אַרי שיינקער האָט זיך אויסגעגלייכט און מיט פרייד אויף זיין אַלטן

פּנים האָט ער אַ וואונק געטאָן צו פּיליפּ׳ן דעם „פּיטער״:

— איר זעט, אַז איך האָב אים אויסגע׳מוסר׳ט, איז ער געוואָרן גאָר אַן אַנדער קינד. — און צו דזשאָו׳ן האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואַרט אַ ווײַלע, זונעלע, איך גיי באַלד אַרײַן מיט דיר אין אָפּיס.

אין די רייד האָט זיך אָבער באַוויזן אַ דעטעקטיוו און געפרעגט אויף דזשאָו שיינקער׳ן. ער האָט געוויזן זיין בעדזש און האָט שיינקער׳ס זונדל דערקלערט אונטער אַרעסט.

ווען אַרי שיינקער האָט געגומען שרייען און וויינען, פרעגנדיג וואָס דאָ קומט פאָר, האָט אים דער דעטעקטיוו דערקלערט, אַז שוין דריי טעג ווי ער וואַרט אויף אים ביי דער בילדינג, ווייל אין זיין צימער האָט ער אים ניט געטראָפן. ער האָט אויך דערקלערט בקיצור פאַרוואָס דזשאָו פעני ווערט אַרעסטירט.

דער אַלטער שיינקער האָט פּרובירט טענה׳ן, אַז זיין זון מאַכט „אַן אָנשטענדיגן לעבן״, אַז ער איז „פאָרמאַן״ אין שאַפּ.

דער דעטעקטיוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט: „דאָס ווענסטו אַלץ זאָגן דעם ריכטער״, און ער איז אַוועק מיט דזשאָו׳ן.

דער אַלטער אַרי שיינקער האָט צוזאַמענגעבראָכן. מ׳האָט אים אַוועקגעפירט אַ דערשלאָגענעם אַהיים.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מר. שיינקער פאַרקויפט דעם שאַפּ צו צוויי אַרבעטער, אַליין אַוועק אין שפּיטאָל, און זיין בן־יחיד, דזשאָו פעני, איז אַוועק אין טורמע.

קאַפּיטל 24

„משה פּופּיק״ און זיינע מעלות...

נאָך דעם ווי עס איז שוין געווען איינגעשטעלט אַ שטיקל יוניאָן פון די שניידער, איז אָבער די לאַגע נאָך אַלץ געווען אַ ביטערע און די סוועט־שאַפּ־באַדינגונגען זיינען נאָך ווייט ניט אינגאַנצן געווען באַזייטיגט.

די שניידער זיינען דעמאָלט נאָך אויך געווען זייער ווייט פון האָבן צוטרוי צו דער „באַיבל הויז״, ווי מען האָט דעמאָלט גערופן די „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן״, געגן וועלכער די שניידער האָבן אַביסל שפּעטער רעוואָלטירט און אָרגאַניזירט די „אַמאַלגאַמעיטעד״.

אין יענער צייט איז אויך אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע קאָנקורענץ צווישן

די שניידערשע קאָנטראַקטינג־שעפער פון ניו־יאָרק און פון ברוקלין און בראָנזוויל. ניו־יאָרקער שניידער פלעגן זיך אַרומטראָגן מיט אַ כעס געגן ברוקלינער און דאָס זעלביגע פאַרקערט — ברוקלינער האָבן געקוקט קרום אויף די ניו־יאָרקער.

איז דעמאָלט אויף פיט סטריט געווען אַ שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו איינעם, וועלכן מען האָט גערופן משה פופיק.

דעם נאָמען האָט מען אים געגעבן דערפאַר, ווייל אַלס כלל האָט ער געהאַט לאַנגע הענט, וואָס האָבן ליב געהאַט צו שלאָגן. אַחוץ דעם האָט ער אָבער אויך זייער שטאַרק ליב געהאַט צו מאַכן אַ לחיים און דערהויפּט צו פאַרבייסן מיט אַ פופיקל.

איינמאָל האָט אַן אַרבעטער פון שאַפּ גראָדע אים אַזוי פאַרפאָרן, אַז ער האָט אים אויסגעהאַקט עטלעכע ציין. זיינען די אַנדערע אַרבעטער געווען זיכער, אַז משה פופיק וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען און אים געוויס אַרויסוואַרפן פון שאַפּ.

דער אַרבעטער איז אָבער גלייך אַוועק אין אַ רומענישן רעסטאָראַן, געבראַכט פון דאָרטן אַ פלעשל וויין מיט אַ פאַלומעסיק פופיקלעך און דאָס האָט געבראַכט צו אַ שלום.

משה פופיק האָט געקריצט מיט די ציין וואָס מען האָט געפּרוּוט אים און דעם אַרבעטער צונויפפירן, אַז זיי זאָלן זיך געבן די הענט. אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט אויפגעדעקט דעם פאַלומעסעק און משה האָט דערזען די פופיקלעך האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל אויף זיין פנים. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ פופיק אין מויל אַריין און מיט שווערינקייט פּרובירט קייען צווישן די אויסגעהאַקטע ציין. אָבער ער האָט דאָך דעם פאַלומיסעק מיט די פופיקלעך צורעכט געמאַכט.

אַט־דער משה פופיק האָט זיך געשראָקן פאַר אַ יוניאָן.

צו זיינע נאָענטע אין שאַפּ פלעגט ער טענה׳ן:

— מער ווי דאָס פעלט מיר ניט ווי נאָך האָבן אַ יוניאָן אויף זיך. ניט קאָנען אפילו אַראָפּלאָזן אַן אַרבעטער אַ פּאַטש ווען מ׳דאַרף . . .

משה פופיק׳ס עיר־המקלט

איינמאָל, אין אַ שטילן ביינאַכט, האָט משה פופיק געכאַפּט און אַריבערגעפירט זיינע עטלעכע מאַשינען אין אַ ברוקלינער שאַפּ אויף סיגל סטריט, דאָרט האָט ער זיך פאַראייניגט מיט אַ צווייטן קאָנטראַקטאָר, מיט׳ן נאָמען טישלער.

משה האָט אויסגעקליבן עטלעכע אַרבעטער פון זיין ניו־יאָרקער

שאַפּקע און טישלער האָט אויסגעקליבן עטלעכע אַרבעטער פון זיין ברוק־לינער שאַפּ. די אַנדערע אַרבעטער האָט מען אָפּגעזאָגט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה:

די ניו־יאָרקער אַרבעטער האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זיי זאָלן ניט אַרבעטן מיט די ברוקלינער. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז עס איז אַ ניו־יאָרקער שאַפּ און אַז אַלע אַרבעטער פון דעם שאַפּ אויף פּיט סטריט מוזן אַרבעטן צוזאַמען.

די ברוקלינער אַרבעטער ווידער האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דער שאַפּ אויף סיגל סטריט איז זייערער; אַז זיי אַרבעטן שוין פאַר טישלער׳ן פון יאָרן און זיי וועלן ניט דערלאָזן די ניו־יאָרקער אַריינשטעלן אַ פוס אין זייער ברוקלינער שאַפּ.

די באַלעבאַטים, משה פּופּיק און טישלער, האָבן שטילערהייט גע־נומען אונטערהאַנדלען מיט די אַרבעטער פון ברוקלין, אַז זיי זאָלן אַרונ־טערלאָזן פון די פּרייזן. דערפאַר וועלן בלייבן אַרבעטן אַלע ברוקלינער און זיי, די באַלעבאַטים, וועלן אויך קאָנען אַריינקריגן אַלע באַנדלעך.

אַ גרופּע אַרבעטער פון דעם ניו־יאָרקער שאַפּ האָט אין דער זעלבי־גער צייט זיך גענומען פאַרהאַנדלען מיט׳ן עקזאַמינער פון דער פירמע ביי וועלכער מען האָט גענומען די אַרבעט, צו עפענען אַ קאָרפּערעישאָן־שאַפּ אין ניו־יאָרק און צו מאַכן די אַרבעט אויף נאָך ביליגערע פּרייזן ווי אין ברוקלין.

די הויפּט־אָנפירער פון דעם „סעט" האָבן צוזאַמענגעלייגט אַ פּאָר הונדערט דאָלער אויף איינשטעלן דעם שאַפּ. נעיטן גאָדיק האָט פאַר־משכנ׳ט זיין ווייב׳ס רינגל; הערי לעף — זיין זייגער און קייטל; אַנדערע האָבן געבאָרגט געלט ביי פריינט און זיי האָבן געעפנט אַ שאַפּקע אויף פּאַיק סטריט.

אַ שיינע עטלעכע וואָכן איז אָנגעגאַנגען אַ קאָנקורענץ צווישן ברוקלין און ניו־יאָרק. די מאַנופעקטשורערס האָבן מאַנעווורירט דורך זייערע מענטשן אין ביידע קאָנטראַקטינג שעפּער, אַז זיי זאָלן קריגן צוביסלעך אַרבעט און אַלע מאָל זאָל איינער שניידן די פּרייזן צו להכעיס דעם צווייטנ׳ס שאַפּ.

איין שבת בייטאָג האָט אַ ברוקלינער אַרבעטער פון משה פּופּיק׳ס שאַפּ זיך געטראָפן אין „חזיר־מאַרק" מיט אַן אַרבעטער פון דעם ניו־יאָרקער קאָרפּערעישאָן שאַפּ. האָבן זיי גענומען רעדן איינער צום אַנדערן ווי „מען שניידט זיך די העלדזער", ווי „מען טרייבערט די קישקעס איינער דעם אַנדערן". ביידע זיינען געקומען צו אַ פּלאַן מען זאָל פאַרלייגן פאַר

די אַנדערע אַרבעטער, אַז עס זאָל זיך צוזאַמענקומען אַ קאָמיטע פוןביידע שעפּער און אויסאַרבעטן איין פּרייז פאַר די גאַרמענטס און פון דער פירמע זאָל מען פאָדערן, אַז זי זאָל טיילן די אַרבעט גלייך פאַר ביידע שעפּער.

דער געדאַנק איז נאָך דעם אויך געפעלן געוואָרן אַנדערע אַרבעטער, סיי אין דעם קאָרפּערעישאַן שאַפּ פון ניו־יאָרק און סיי פון משה פּופּיק'ס און טישלער'ס שאַפּ פון ברוקלין.

אַ „גרויסע פּראָבלעם" איז אָבער געווען וואו די קאָמיטע זאָל זיך טרעפן. די ברוקלינער האָבן געוואָלט, אַז די ניו־יאָרקער זאָלן קומען ערגעץ אין אַ סאַלון אויף מוירטל עוועניו אין ברוקלין. די ניו־יאָרקער האָבן געוואָלט, אַז די ברוקלינער זאָלן קומען אין אַ וויין־קעלער אויף ריווינגטאָן סטריט אין ניו־יאָרק.

אַ „שלום־קאָנפערענץ" אויף ברוקלין בריק

אַ פּאָר וואָכן האָט זיך איבער דעם געשלעפּט פאַרהאַנדלונגען, ביז מ'איז געקומען צו אַ באַשלוס צו האָבן דעם צוזאַמענקונפט אויף אַ „נייט־ראַלן" פּלאַץ, וואו קיין צד זאָל זיך ניט פילן „באַליידיגט". מען האָט באַשטימט, אַז דער נייטראַלער פּלאַץ זאָל זיין אויף ברוקלין בריק.

ביידע גרופּן האָבן אָפּגעמאַכט, אַז שבת, צוויי בייטאָג, זאָלן די ברוקלינער גיין אויפ'ן בריק פון ברוקלין זייט און די ניו־יאָרקער זאָלן פּונקט אין דער זעלבער צייט אָנפאַנגען צו גיין פון דער ניו־יאָרקער זייט, און דאָרטן וואו זיי וועלן זיך באַגעגענען אויפ'ן בריק, זאָל מען זיך אָפּשטעלן און פאַרהאַנדלען וואָס צו טאָן.

אינמיטן פון בריק האָבן ביידע צדדים זיך געטראָפן. מ'האָט זיך געדריקט די הענט און דערביי געמאָסטן מיט די אויגן איינע די אַנדערע צי מ'וועט זיך חלילה ניט אָפּנאַרן.

אינמיטן האָט זיך איינער פון דער ניו־יאָרקער קאָמיטע געכאַפּט, אַז איר צד האָט דאָ בלויז דריי אַרבעטער, ווען די ברוקלינער קאָמיטע באַשטייט פון פיר.

האָט זיך איינער פון די ברוקלינער באַלד פרייוויליג צוריקגעצויגן און איז אַוועק ווייטער איבער'ן בריק צו זען אַ לאַנדסמאַן, וואָס איז יענע וואָך אָנגעקומען פון אייראָפּע.

צווישן די ברוקלינער האָט זיך אין דער קאָמיטע געפונען איינער אַ ליוואַי, וואָס האָט שוין עפּעס געהערט וועגן סאָציאַליזם. האָט ער ביי דער געלעגנהייט אויסגענוצט זיין וויסן און אָראַטאָרישע פיאיגקייט. ער

האָט גענומען האַלטן אַ גאַנצע רעדע אויף׳ן הויכן קול, אַז אויך זייטיגע האָבן זיך אַרומגעשטעלט איינצוהערן זיינע רייד. ער האָט גערעדט:

„ברידער! מיר מוזן זיין פאַראייניגט, ניט נאָר איבער דער וועלט, נאָר אויך אין ברוקלין, בראַנזוויל און ניו־יאָרק״.

נאָך די רעדעס האָט מען באַשלאָסן צו פאָדערן פון דער פירמע, אַז זי זאָל פאַר אירע שעפער שליסן אַ יוניאָן־סעטלמענט.ביידע שעפער זאָלן האַנדלען האַרמאָניש, מ׳זאָל אַרבעטן רעגעלע שטונדן און קריגן אַ העכער־רונג אין שכירות. אויב די פירמע וועט ניט נאָכגעבן זאָל מען אין ביידע שעפער דערקלערן אַ סטרייק.

אַז ביידע קאָמיטעס האָבן געמיינט ערנסט מיט דעם פּלאַן פון איי־ניקייט האָט נאָכדעם באַוויזן דער פאָלגענדער פאַקט:

ווען די ניו־יאָרקער קאָמיטע האָט פאָרגעשלאָגן, אַז אַלע זאָלן אַריינ־גיין מאַכן אַ לחיים אין רומענישן רעסטאָראַן, אויף ריווינגטאָן סטריט, איז דאָס פון אַלעמען, אָן שום דעבאַטעס, גוטגעהייסן געוואָרן.

ביים טישל אין רעסטאָראַן האָט איינער מיט אַ גלעזל אין האַנט זיך און אַלע אַנדערע באַגריסט מיט אַן אויסרוף:

„זאָל לעבן דער בריק פון אייניגקייט צווישן ניו־יאָרק און ברוקלין״.

קאַפּיטל 25

אין אַ שאַפּ וואו מען האָט „גערעדט מיט די הענט״

אויף העסטער סטריט איז געווען אַ שניידער קאָנטראַקטינג־שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו קויפמאַן „מעקעקי״.

דעם נאָמען „מעקעקי״ האָט מען דעם דאָזיגן באַלעבאָס געגעבן דער־פאַר, ווייל ער איז געווען אַ האַלב־שטומער.

האָבן די אַרבעטער אין קויפמאַן מעקעקי׳ס שאַפּ געהאַט געברענטע צרות, אָבער דערפאַר האָבן זיי דאָרט אָפט אויך געהאַט אַ היבש ביסל שפּאַס.

כאָטש קויפמאַן מעקעקי איז געווען בלויז האַלב־שטום, האָט ער שוין אָבער געקאָנט „רעדן״ ווען ער פלעגט ווערן אין כעס. און אין כעס פלעגט ער ווערן פון דער ערשטער מינוט אָן וואָס ער פלעגט נאָר אַריינקומען אין שאַפּ. זיין טאָכטער איז געווען די בוכהאַלטערין אין שאַפּ און אויך די „טאָלמאַטשערין״ זיינע.

מיט די פֿאָרשטייער פֿון דער אינסאַיד־פירמע, מיט׳ן עקזעמינער אָדער דעזאַינער, פֿלעגט רעדן די טאָכטער. מיט די אַרבעטער פֿלעגט קויפמאַן מעקעקי אַליין רעדן . . . נאָר גאַנץ אָפֿט מיט די הענט . . .

די אַרבעטער אין מאַרקעט האָבן קיינמאָל קיין חשק ניט געהאַט אַרויפצוגיין אין מעקעקי׳ס שאָפּ. יעדער איינער פֿלעגט דערציילן עפּעס אַ דערפֿאַרונג וואָס ער האָט געהאַט מיט קויפמאַן מעקעקי. איינעם האָט ער געשלאָגן, אַ צווייטן ניט באַצאָלט, אַ דריטן האָט ער פֿון די טרעפּ אַראָפּגעוואָרפֿן. ווען ער האָט איינמאָל דערזען זיינעם אַ פּרעסער פֿונ׳ם שאָפּ צוזאַמען מיט וואַקסמאַנ׳ען, אַ פֿירער פֿון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן״, אין אַ סאַלון, איז ער אַריין אינעווייניג און צעבראָכן אַ „סקונער״ אויפ׳ן פּרעסער׳ס קאָפּ. אין זיינע קוויטשעס האָט מען פֿאַרשטאַנען, אַז ער וויל ניט, אַז זיינע אַרבעטער זאָלן האָבן וועלכן עס איז שייכות מיט דער יוניאָן.

אין שאָפּ האָט ער איינמאָל אַ פֿינישער אַזוי צעשלאָגן פֿאַר ניט מאַכן די אַרבעט, ווי ער האָט געוואָלט, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז דער פֿינישער איז שוין טויט. די שקלאַפֿעריי איז אָבער געווען אַזעלכע, אַז ווען מען האָט דעם פֿינישער אַביסל אָפּגעמינטערט און ער איז געקומען צו זיך איז ער, דער פֿינישער, די ערשטע זאַך אַריינגעקראָכן אין אָפֿיס, האַלטנדיג דעם פֿאַרבלוטיגטן נאָז אין האַנט, און ער האָט געבעטן ביי מעקעקי׳ס טאָכטער, אַז זי זאָל רעדן מיט׳ן טאַטן, מ׳זאָל אים חלילה ניט אַוועקשיקן פֿון דער אַרבעט.

קויפמאַן „מעקעקי״ אין אַ מלחמה מיט מאַשקע דעם גרויסן

אַ טראַגיש־קאָמישע פּאַסירונג, וואָס האָט זיך איינמאָל אָפּגעשפּילט אין שאָפּ איז געווען די פֿאָלגענדע:

ביי קויפמאַן מעקעקי אין שאָפּ האָט מען געדאַרפֿט נאָך אַ אָפּערעיטאָר. זיינען די אַרבעטער אַרויס שבת אין „חזיר־מאַרק״ און גענומען זוכן אַ בעל־מלאכה.

אין מאַרקעט האָט זיך דאַן אַרומגעדרייט „מאַשקע דער גרויסער״, וועלכן מען האָט גערופֿן „שטומע ליאַלע״. מאַשקע איז געווען גרויס, געזונט, אַ גוטער אַרבעטער, נאָר צום באַדויערן, איז ער אויך געווען אַ האַלב שטומער.

איך ווייס ניט צי דאָס איז געווען אַ ריינער צופֿאַל, אָדער עמיצער האָט דאָס אבזיכטלעך געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל קויפמאַן מעקעקי און גע־

געבן צו מאַשקע׳ן דעם אַדרעס ער זאָל אַהין אַרויפקומען זונטאָג צו דער אַרבעט.

זונטאָג פרי, ווען מעקעקי איז געשטאַנען ביים אָפּיס, איז מאַשקע דער גרויסער אַרויפגעקומען צו דער אַרבעט. קויפמאַן מעקעקי איז צוגעקומען און האָט מיט זיינע שטומע האַוואַיעס און פינגער־צייכן גענומען פרעגן ביי מאַשקע׳ן, וואָס פאַר אַן אַרבעטער ער איז און וואו ער האָט פריער געאַרבעט.

האָט מאַשקע דער גרויסער גענומען מאַכן האַוואַיעס אויף זיין וועג און גענומען מיט צייכנס פון די פינגער ענטפערן אויף מעקעקי׳ס פראַגן.

קויפמאַן האָט ניט אַנדערש געדענקט ווי נאָר, אַז מאַשקע מאַכט פון אים חוזק. איז ער שוין געוואָרן בייז און גענומען קוויטשען און שרייען. מאַשקע דער גרויסער האָט דאָס ווידער אָנגענומען, אַז קויפמאַן, דער באָס, לאַכט דאָס פון אים און פּרובירט אים אימיטירן. איז ער זייער בייז געוואָרן און גענומען סטראַשען קויפמאַנ׳ען מיט די קולאַקעס.

קויפמאַן מעקעקי איז אָבער נישט געווען געוואוינט, אַז עמיצער זאָל אויף אים הויבן אַ האַנט. האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק אייזן וואָס איז געלעגן ביים צופּיטער אויפ׳ן טיש און זיך גענומען שלאָגן.

דאָ האָט זיך שוין מאַשקע דער גרויסער צעלאָזן מיט זיינע הענט. ער האָט אַריינגענומען קויפמאַנ׳ען אונטער׳ן אָרעם און געקלאַפּט מיט׳ן קולאַק ווי אין אַ סטופּע.

ביידע האָבן געשריען, נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס. די אַר־בעטער האָבן זיך צוגעקוקט און מורא געהאַט זיך אַריינצומישן ביז קויפמאַן איז געבליבן ליגן ווי אַ סנאָפּ אויסגעצויגן אויף דער ערד.

ווען די טאָכטער איז אַריינגעקומען האָט זי דעם טאַטן אַרומגעוואַשן, פאַרבאַנדאַזשירט די וואונדן און אים אַוועקגעלייגט אין אָפּיס אויף אַ באַנק.

מאַשקע דער גרויסער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל פונ׳ם שאַפּ און זיך ניט גערירט פון אָרט. ווען די טאָכטער איז פאַרטיג געוואָרן מיט׳ן טאַטן איז ער צוגעגאַנגען צו איר און אויף זיין שטום־לשון איר געלאָזט וויסן, אַז זי דאַרף אים באַצאָלן פאַר אַ האַלבן טאָג, וואָס ער האָט אין שאַפּ צע׳הרג׳עט צוזאַמען מיט איר טאַטן. אויב ניט, האָט ער איר געוויזן, וועט זיין נאָך קלעפּ. פון מיר מאַכט מען ניט קיין שפּאַס, האָט ער איר אָנגעוויזן.

זי איז אַריין אין אָפּיס און אים אַרויסגעבראַכט צוויי דאָלאַר.

נאָך דער דאָזיגער פּאַסירונג האָט שוין קויפמאַן מער ניט געוואָגט צו הויבן אַ האַנט אויף אַן אַרבעטער.

קאַפּיטל 26

אַ ביטערער באָס מיט אַ זיסן נאָמען

„יאָסע טשוקערקע" איז געווען אַ באַלעבאָס, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ שאַפּקעלע אויף קעטרין סטריט.

זיין ריכטיגער נאָמען איז געווען יאָשע סלאָבאָדין. אָבער זיין, גאָסי די ליטוואַטשקע, האָט אים געמאַכט פאַר אַ באַלעבאָס פון דעם שאַפּ און ביי איר האָט ער דאָס אויך געקראָגן דעם נאָמען „יאָסע טשוקערקע".

גאָסי איז פאַר די חתונה מיט „יאָסע'ן" געווען אַן אלמנה מיט אַ ירושה פון איר מאַן. אין דער ירושה איז אַריין דאָס שאַפּקעלע און אַלץ וואָס איז געווען אין שאַפּ. זי אַליין האָט גוט געוואוסט ווי צו פירן די געשעפטן פון שאַפּ. זי האָט אָבער חתונה געהאַט מיט יאָשע סלאָבאָדין, אַ בעיסטער, אים געמאַכט פאַר'ן באַלעבאָס און זי האָט ווידער אָנגעפירט מיט'ן שאַפּ.

יאָשע סלאָבאָדין איז געווען אַ מענטשל, אַ פּאַמפּושקע, אַזוי ברייט ווי לאַנג. ער האָט געליטן פון אַ שווערע אַסטמע. פלעגט ער שטיין אַ גאַנצן טאָג מיט אַ סיגאַרעטל אין מויל, פּיפּקען און הוסטן, הוסטן און פּיפּקען. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אַזוי פאַרגיין אין אַ הוסטן, פייפן און פירכען, אַז די ווענט האָבן, דאַכט זיך, געציטערט.

האָט אים גאָסי, די נייע ווייב זיינע, פאַרזאָרגט מיט אַ מיטל. זי פלעגט ברענגען מיט זיך אַ הויפן צוקערקעס און אים אַריינגעוואָרפן אין קעשענע פון דעם ברייטן פאַרטוך, וואָס ער האָט שטענדיג געטראָגן אויף זיך ביים עקזאַמענירן די אַרבעט. און אַזוי גיך ווי יאָשע פלעגט זיך צעהוסטן, פלעגט זי נעמען שרייען: „יאָסע, יאָסע, נעם אַריין אַ טשוקערקע אין מויל!"

איינמאָל האָט ער אַריינגעכאַפּט אין מויל אָנשטאָט אַ צוקערקע, אַ שטיק טשאָק, וואָס ער האָט געהאַלטן אין קעשענע פון פאַרטוך. האָט ער מיט דעם זיך שיעור דערוואָרגן. אין שאַפּ און אין מאַרקעט איז זיין נאָמען יעדנפאַלס געוואָרן באַוואוסט אַלס „יאָסע טשוקערקע".

אין זיין שאַפּקע זיינען די באַדינגונגען געווען אַזעלכע, אַז די אַרבעטער האָבן דאָרט געהאַט אויסגעריסענע יאָרן. עס איז ניט געווען אין וואָך אין סעזאָן, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך דערשלאָגן צו אַ גאַנצער וואָך שכירות.

טאָג ווי נאַכט פלעגן ליגן די אַרבעטער אין שאַפּ צו דערוואַרטן זיך אויף אַ שטאָך אַרבעט. אין דער צווישן־צייט פלעגן זיך איניגע פון די אַרבעטער פאַרווילן ביי די טישן מיט קאָרטן. די מיטאָגן, וואָס די אַר־

בעטער פלעגן ברענגען מיט זיך האָט מען געגעסן קאָלעקטיוו: איינער האָט אויסגעלייגט די ברויט מיט רעטאַך, אַ צווייטער די הערינג, אַ דריטער די אוגערקעס. דערצו האָט מען זיך צוזאַמענגעלייגט צו סענט און נאָך אַרויפגעבראַכט אַ פיטשער ביר. יעדער איינער פלעגט אַ בלאָז טאָן דעם שוים פון אַן אַנדער זייט און אַ זופּ טאָן פונ׳ם בלעכענעם קעסעלע.

אַי גוואַלד — אַ גזרה!

עטלעכע חדשים נאָך דעם גרויסן שניידער־סטרייק אין 1913 איז אַלטער, דער פּרעסער פון שאַפּ, געקומען מיט אַ נייעס: ער האָט געהערט אין גאַס, אַז די יוניאָן וועט נאָר סעטלען מיט אַזוינע שעפּער, וועלכע האָבן אַמווייניגסטן צען מאַשינען. די אַנדערע קלענערע שעפּער וועלן באַטראַכט ווערן פאַר סוועט־שעפּער און די יוניאָן וועט זיי ניט אַנערקענען. „יאַסע׳ס" און גאָסי׳ס שאַפּקע האָט אָבער געהאַט בלויז אַכט מאַשינען.

איז אין שאַפּ געוואָרן אַ גערודער. טראָץ די שלעכטע באַדינגונגען זיינען נאָך געווען אַזוינע אַרבעטער וועלכע זיינען בכלל ניט געווען פאַרליבט אין אַ יוניאָן און אין רעגולאַציעס פון אַ יוניאָן. איינער, אַ טשאַרלי דער פיגישער, האָט געשריען: „וואָס איז דער יוניאָנ׳ס חזיר׳שע ביזנעס וויפיל מאַשינען עס זיינען דאָ אין שאַפּ?" אַ צווייטער פיגישער, היימי קאַפּיטריך, אַ ציניקער, האָט נאָך מער אָנגעצויגן טשאַרלי׳ן: דאָס איז נאָך גאָרנישט, האָט ער געכיכיקעט, די יוניאָן וועט אונז נאָך באַלד זאָגן וויפיל קינדער מיר זאָלן האָבן, און צי עס זאָל זיין אַ אינגל צי אַ מיידל.

יאַסע טשוקערקע האָט אָנגעקוואָלן פון די רייד, אָבער צווישן אים מיט גאָסי׳ן איז געוואָרן גאָרנישט פריילעך. גאָסי האָט גע׳טענה׳ט, מען זאָל צושטעלן אין שאַפּ נאָך צוויי מאַשינען און זי וועט קריגן צוויי „גרינע אוגערקעס", וואָס וועלן זיך לערנען אויף זיי. דערווייל וועט די יוניאָן אַנערקענען זייער שאַפּ און זיי וועלן ניט האָבן קיין טראָבל. יאַסע טשוקערקע האָט ווידער גע׳טענה׳ט: מיט אַ יוניאָן איז אַ געפאַר זיך אָנצופאַנגען, מען וועט אירע מענטשן געבן אַ פינגער וועלן זיי וועלן די האַנט. מען וועט דאַרפן מאַכן אַ קאָנטראַקט, געבן סעקיוריטי, דערנאָך אָפּהיטן שטונדן, צאָלן שכירות אין צייט, און וואָס ווייסטו, האָט ער פאַרבראָכן די הענט אויף זיין קירבעס בויך, מען זאָגט, אַז די יוניאָן וויל אָפּשאַפן דעם „חזיר־מאַרק" און איינפירן אַזאַ פלאַץ וואו מען זאָל מוזן נעמען אַרבעטער ביי דער יוניאָן. גאָסי־לעבן, פאָלג מיך, האָט ער זיך געבעטן, לאָמיר בעסער אַרויסמופן דעם שאַפּ פון דאַנען. מיר וועלן אויסקלייבן אַ סעט און מיר׳ן פייפן אויף זיי.

אַ שטאַל פון פערד איז געוואָרן יאַסע׳ס „רפואה“

נו, מילא, האָט גאָסי צוגעשטימט.

אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס האָבן יאָסי און גאָסי איינגעפּאַקט די מאַשי־נען, די אייזנס, די באַנדלעך מיט אַרבעט און זיך אַרויסגעקליבן אין אַ שאַפּקע אויף אַ טאָפּ־פלאָר איבער אַ פערד־שטאַל אויף מאַנראָו סטריט.

אין עטלעכע טעג האָט יאַסע טשוקערקע איינגעשטעלט דעם שאַפּ און שטילערהייט אָנגעזאָגט צו מאַנכע אַרבעטער ווען זיי זאָלן קומען אין שאַפּ.

צווישן די אָפּגעזאָגטע האָט זיך געפונען איינער רובין, אַ פּרעסער, וועלכער איז שטילערהייט שוין געווען אַ מיטגליד פון דער יוניאָן. איז ער געווען פאַראינטערעסירט, אַז יאַסע טשוקערקע זאָל סעטלען מיט דער יוניאָן.

זיינען אָבער אַוועק עטלעכע וואָכן אויף זוכן דעם שאַפּ און מ׳האָט אים ניט געקאָנט געפינען. ערשט נאָכדעם האָבן איניגע אַרבעטער אי־בערגעגעבן, אַז זיי האָבן געהערט אַ סלוך, אַז דער שאַפּ געפינט זיך ערגעץ איבער אַ שטאַל אויף מאַנראָו סטריט.

ווען מיר זיינען אַהין צוגעקומען זוכן דעם שאַפּ האָבן מיר געטראָפן אַ האַלב גע׳פּגר׳טן פערדל מיט אַ וואָגן דזשאַנק, אויף פּושקאַרטס איינע אויף די אַנדערע, נאָר ניט קיין שאַפּ.

מיר האָבן אָנגענומען, אַז חברה האָבן דאָס אונז עקסטרע אַזוי אָפּ־גענאַרט און געפירט אין באָד אַריין, דאָס הייסט — אין סטעיבל אַריין . . .

מיר האָבן באַשלאָסן צו פּרואוון אַ צווייטן מיטל.

איך און אַ צווייטער אַרבעטער האָבן זיך באַזאָרגט מיט באַיסיקלס. מיר האָבן אָפּגעוואַרט דעם עקספּרעסמאַן מיט זיין פערד און וואָגן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער 9טער גאַס לעבן דער פירמע, וואו מ׳האָט די אַרבעט געשניטן און צעשיקט צו די קאָקערוטש שאַפּקעס, איינגעשלאָסן אויך יאַסע טשוקערקע׳ס שאַפּקע. מיר זיינען נאָכגעפאָרן דעם וואָגן פון סוועט־שאַפּ צו סוועט־שאַפּ, פאַרצייכנט די אַדרעסן ביז ענדלעך מיר האָבן דערזען ווי דער וואָגן האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט לעבן סטעיבל.

דער עקספּרעסמאַן האָט אַרונטערגענומען אַ פּאָר באַנדלעך מיט אַר־בעט, אַריינגעטראָגן אין שטאַל און איז דאָרט פאַרשוואונדן.

ווען מיר זייען שוין געווען זיכער, אַז יאַסע טשוקערקע האָט דאָ זיין שאַפּ, האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ גרעסערע קאָמיטע און באַשלאָסן צו באַ־זוכן דעם שאַפּ אינעווייניג.

אַ מאָנטאָג אינדערפרי זיינען מיר געשטאַנען פון פינף אַזייגער פאַר־טאָג ביים שאַפּ און געוואַרט. זעקס אַזייגער האָבן זיך גענומען יאָוען די אַרבעטער. מיר האָבן דערקענט עטלעכע פון זיי און גענומען צו זיי רעדן.

די אַרבעטער האָבן זיך פאַרענטפערט און געבעטן: „ווי גאָט איז אייך ליב, מאַכט אונז פאַר אַ יוניאָן. פריער זיינען מיר געווען פערד אין אַ שאַפּ, איצט זיינען מיר פערד אין אַ שטאַל..."

אוים פערד און אוים שטאַל

מיר האָבן גענומען זיי נאָכגיין אין שאַפּ אַריין. מיר זיינען אַריין מיט זיי אין שטאַל. דער אַרויפגאַנג איז געווען אַן איינפאַכער לייטער צום בוידעם. אויפן בוידעם איז געווען אַ נידעריגע טירל, וואו מ'האָט געדאַרפט איינבויגן דעם קאָפּ דורכצוגיין, דאָן איז מען דורך אַ פינצטערן קאָרי־דאָרל ווידער אַרויף אויף אַ טרעפּ, וואָס האָט געבראַכט אין שאַפּ אַריין.

מיר האָבן אַזוי געוואַרט אין שאַפּ אַרום אַ שעה, באַטראַכט דעם לע־בעדיגן קבר, שוין געזען אַלע אַרבעטער, די אַלטע און די נייע. נאָך זיבן אַזייגער האָבן זיך באַוויזן יאַסע מיט דער אידענע. אין דעם מאָמענט איז ביי מיר געווען דער גרעסטער וואונדער ווי אַזוי אָט־דער פּאַמפּושקע קריכט עס אַרויף דעם לייטער און ווי אַזוי ער שטופּט זיך דורך דער טירל אויפ'ן בוידעם.

ווי גיך זיי האָבן אונז דערזען, האָט גאָסי אַ קוויטשע געטאָן: „נו, יאַסע, וואָס האָב איך דיר געזאָגט? אָט האָבן מיר שוין די יוני!"

יאַסע, ניט קאָנענדיג אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון קריכן אויף די טרעפּ, האָט זיך שרעקלעך צעהוסט. ער איז געוואָרן רויט ווי אַ בוריק און גע־סאָפּעט ווי אַ גאַנז.

גאָסי האָט זיך צעשריען איבער'ן גאַנצן שטאַל: „יאַסע, נעם אַ טשו־קערקע אין מויל אַריין."

רובין דער פּרעסער האָט צוגעלייגט: „פריער נעמט אין מויל אַריין אַ צוקערקע און דערנאָך וועלן מיר רעדן ביזנעס מיט אייך."

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע פאָדערונג איז געווען עס זאָל זיין אַ שאַפּ ניט קיין שטאַל און דער באַלעבאָס זאָל וויסן, אַז אַרבעטער זיינען מענטשן ניט קיין פערד.

קאַפּיטל 27

אין אַ לאָקאַל יוניאָן פון אַמאָל

מיט צוויי יאָר פריער ווי עס האָט זיך אָרגאַניזירט די „אַמאַלגאַמעי־טעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן", זיינען צווישן די שעפּער פון מענער־קליידער אין ניו־יאָרק שוין געווען אַ צאָל אַזוינע שעפּער, וואָס האָבן געהאַט קאָנטראַקטן מיט דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן". פאַרמעל האָבן זיי געהייסן יוניאָן־שעפּער, נאָר גערופן האָט מען זיי „לעיבל־שעפּער". דער יוניאָניזם פון אַט־די שעפּער איז באַשטאַנען כמעט בלויז אין דעם, וואָס די באַלעבאַטים פון די דאָזיגע שעפּער פלעגן דאַרפן קויפן „לעיבלס" אין דער „באַיבל־הויז", וואו די גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן האָט געהאַט איר אָפיס און די „לעיבלס" האָט מען אָנגעניי־ט אויף די גאַרמענטס.

איינער פון אַזוינע שעפּער איז געווען שניידער'ס אַ שאָפּ אויף האוסטאָן סטריט.

דער דאָזיגער שאָפּ איז שוין געווען איינער פון די גרעסערע סוועט־שעפּער. אין דעם שאָפּ האָבן זיך שוין געפונען מאַשינען וואָס זיינען גע־טריבן געוואָרן מיט סטים. אַ גרויסער ברייטער לעדערנער פּאַס האָט געדרייט די מאַשינען. די פּרעס־אייזנס זיינען שוין געוואָרעמט געוואָרן דורך געז. דער שאָפּ אַליין האָט אָבער אויסגעזען ווי אַ שוויץ־באָד. די פענצטער פאַרצויגן מיט רויך, די גומענע קישקעס פון די פּרעס־אייזנס האָבן אויסגעזען ווי די אַרויסגעלאָזטע געדערים פון אַ געשאָכטענעם אָקס אין אַ שלאַכטהויז.

דער באָס, מר. שניידער, איז געווען אַ בייזער און אַ שלעכטער. די שקלאַפעריי אין שאָפּ איז געווען גרויס. און דאָס האָט אין יענער צייט געדאַרפט הייסן אַ יוניאָן־שאָפּ.

מיין אָנקל זלמן, אַ פּרעסער, וואָס האָט מיך אַרויפגענומען אין יענעם שאָפּ צו לערנען זיך פאַר אַ סליוו־מאַכער, און מיר אויך געהאָלפן צו קריגן אַ ביכל, ווערן אַ יוניאָן־מאַן. ער האָט מיר דערביי אויפגעקלערט, אַז איינע פון די בעסערע באַצאָלטע אַרבעטן ביי שניידערן איז אַ פּאַקעט־מאַכער. און אַזוי ווי איך בין אַ שניידער פון דער היים וועל איך אפשר מיט דער צייט קאָנען ווערן אַ גוט־באַצאָלטער אַרבעטער.

אַ זעץ אין פּיסק פאַר אַ קוק אויף אַרבעט

איינמאָל, ווען איך האָב ניט געהאַט קיין אַרבעט צו דער האַנט, האָב

איך זיך דערלויבט צוצוגיין אַ קוק טאָן ביי די מאַשינען וואו די פּאַקעט־מאַכער זיינען געזעסן. געאַרבעט האָט אַ „סעט" אונטער דער האַנט פון איינעם, וועלכער איז געווען באַקאַנט אין טרעיד אַלס „באַפּאַלאָ־ביל". ער איז געווען אַ הויכער, געזונטער בחור. ווי איך בין אַזוי געשטאַנען פאַר־טראַכט און געקוקט ווי איינער אַרבעט איז ער מיר פאַרפאַרן אַ זעץ אין פּנים און מיר צעבלוטיגט פאַר דערלויבן זיך צוקוקן ווי זיי אַרבעטן.

איך בין אַ דערשלאָגענער און צעשלאָגענער אַוועק אַהיים מיט אַ באַ־שלוס, אַז איך מוז ווערן אַ פּאַקעטמאַכער.

אין שאַפּ האָבן מיר די אַרבעטער געהייסן גיין פאַרקלאָגן דעם „באַ־פאַלאָ־ביל" צו מיין לאָקאַל 156. די מיטינגען פון דעם לאָקאַל פלעגן גע־האַלטן ווערן אין „פאָרווערטס"־בילדינג.

ווען איך בין אַריינגעקומען דעם ערשטן מאָל צו אַ מיטינג, האָב איך זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין. דער טשערמאַן פון לאָקאַל איז געווען איינער אַ שיכור, אַ ריי שטאַרקע האָבן געוועלטיגט. ווען איינער אַ איד, סילבערבערג, מיט אַ זילבער־ווייסן קאָפּ, האָט זיך אויפגעשטעלט צו רעדן וועגן די ליידן פון די שניידער און גענומען שילדערן די צרות אין די שעפּער איז מען גלייך צוגעגאַנגען צו אים, גענומען שרייען: זעץ זיך אַוועק, און מ'האָט אים אַראָפּגעצויגן דעם קאַפּעליוש איבער די אויגן.

איך בין געוואָרן אַזוי אויפגערעגט פון דער סצענע, אַז איך האָב גע־נומען שרייען: „ברידער, וואָס שוויגט איר?"

ווי אָרגאַניזירט איז דער עולם אויפגעשפּרונגען און גענומען שרייען: „לאָזט אים רעדן, לאָזט אים רעדן!"

דאָס האָט מיך דערמוטיגט, אַז איך זאָל בעטן אַ וואָרט. דער טשער־מאַן, צעשראָקן פון דער סצענע, האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט. איך האָב ביי דער געלעגנהייט מיט אַ ציטערדיגער שטימע זיך אַראָפּגערעדט דאָס גאַנצע ביטערקייט פון מיין האַרץ און געפרעגט די אַרבעטער, פאַרוואָס דערלאָזט מען דאָס, אַז אין שאַפּ זאָלן די שטאַרקע געוועלטיגן און שלאָגן, קומט מען אין דער יוניאָן איז ווידער דאָס אייגענע.

אַלע שטאַרקע האָבן זיך איבערגעקוקט און געפרעגט מיט די אויגן איינע ביי די אַנדערע: ווער איז דאָס דער שנעק?

נאָכן זעץ אין שאַפּ — אַ פּאָר בלויע אויגן אין דער יוניאָן

פון מיטינג בין איך שוין אויך אַוועק מיט אַ באַשלוס צו קומען אַלע וואָך צו די מיטינגען. ווען איך בין געקומען צום נעקסטן מיטינג האָט מיך לעבן „פאָרווערטס"־האָל אָפּגעוואַרט איינער, וועמען מען האָט גערופן

„לואיקע באָם" און מיר געמאַכט אַ פּאָר בלויע אויגן (דער זעלבער לואי איז גראָדע איצט געוואָרן אַן אָנשטענדיגער אַרבעטער און ווען ער זעט מיך, באַדויערט ער דאָס, וואָס ער פלעגט טאָן אין יענע צייטן).

די בלויע אויגן, קאָן איך איצט זאָגן, האָבן מיר דעמאָלט געעפנט די אויגן. איך האָב זיך ניט איבערגעשראָקן, נאָר אַריין צום מיטינג און אויפ־גענומען אַ קאַמף מיטן טשערמאַן און זיינע אַדיוטאַנטן.

דעם זעלביגן אָוונט איז געווען נאָמינאַציע פאַר באַאַמטע און די אָפּערעיטאָרס האָבן כמעט אַלע ווי איינער מיך נאָמינירט. ווי איבער־ראַשט בין איך געוואָרן ווען אין אַ וואָך שפּעטער, טראָץ אַלע שווינדלען און גנבות איז באַריכטעט געוואָרן, אַז איך בין דערווילט אין דער עק־זעקוטיווע פון לאָקאַל 156.

אין דער עקזעקוטיווע בין איך אויסדערווילט געוואָרן פאַר טשער־מאַן פון דער „גריוועַנס קאָמיטע".

דער טשערמאַן פון לאָקאַל האָט דעמאָלט גלייך שלום געמאַכט מיט'ן געדאַנק, אַז ער מוז זיך בויגן פאַר'ן כוח פון פאָלק.

„באַפּאַלאָ ביל" דער ערשטער אָנגעקלאָגטער

צום ערשטן מיטינג, ווען איך האָב איבערגענומען דעם שטול אַלס פאָרזיצער פון דער „גריוועַנס באָארד", האָט מען צו מיין איבערראַשונג אַריינגעפירט „באַפּאַלאָ ביל" אויף אַ קלאַגע פאַר אַרבעטן ביינאַכט.

ווען דער גרויסער „באַפּאַלאָ ביל" האָט מיך, דעם קליינעם גרינעם איינגל דערזען אויף דעם הויכן שטול פון פאָרזיצער, האָט ער זיך אַראָפּ־געלאָזט און כמעט ווי געכומען חלש'ן.

דערוואַרט האָט ער, אַז איצט וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט אים פאַר'ן זעץ וואָס ער האָט מיר געגעבן. ער איז אָבער שטאַרק איבערראַשט געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט ווי איך האָב ביי דער „גריוועַנס באָארד" געפירט אַ קאַמף געגן געלט־שטראָפן, מיט וועלכע בויאָנעס פלעגן שיכור'ן אין די סאַלונען פון 56 אָרטשאַרד סטריט אָדער אין 98 פאָרסייט סטריט.

איך האָב פאָרגעשלאָגן, אַז דער „באַפּאַלאָ־ביל" זאָל באַשטראָפט ווערן מיט דעם, ער זאָל דאַרפן קומען זעקס חדשים צו די יוניאָן־מיטינגען אַלע וואָך.

אַזוי איז „באַפּאַלאָ־ביל" געוואָרן שפּעטער אַ גוטער יוניאָן־מאַן.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען די שעפּער פון די שניידער זיינען שוין גע־שטאַנען אונטערן קאָנטראָל פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד", איז דער זעלביגער „באַפּאַלאָ־ביל" אַריין אין אַ קאָרפּאָרעישאָן שאָפּ. די יוניאָן האָט געמאַכט

אַ פאַרזוך דעם שאַפּ צו אָרגאַניזירן און עס איז אײַן שאַפּ פאַרגעקומען אַ געשלעג, וואו דער „באַפּאַלאָ ביל" איז שטאַרק פאַרוואונדעט געוואָרן. ער האָט דעמאָלט די יוניאָן און עטלעכע אַרבעטער אָנגעקלאָגט פאַר דעם אָנפאַל.

ווען די אַרבעטער האָבן זיך צו אים געווענדעט ער זאָל צוריקציען די קלאָגע און אים דערפאַר אָנגעבאָטן צו פאַרגיטיגן פאַר זײַנע אויסגאַבן אויף דאָקטאָר און מעדיצין, האָט ער פאַרגעשלאָגן, אַז איך זאָל זײַן דער פאַר־מיטלער. אויב איך וועל אים זאָגן נישט צו גיין אין קאורט, האָט ער גע־זאָגט, וועט ער אָננעמען מײַן מיינונג.

איך בין שוין דאַן געווען אויסגעשלאָסן פון דער יוניאָן דורך דער בעקערמאַן־גענג. נאָר ווען פיני פּעסיקאָף, וועלכער איז דאַן געווען אין דעם אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטמענט פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד", האָט זיך צו מיר געווענדעט, האָב איך אָנגענומען די אויפגאַבע צו רעדן מיט „באַ־פאַלאָ־ביל" און ער האָט די קלאָגע צוריקגעצויגן. ביז היינט צו טאָג איז ער דאַנקבאַר פאַר דער עצה און ער אַרבעט אָרנטלעך פאַר זײַן ברויט און פּוטער אין שאַפּ.

קאַפּיטל 28

סוועט־שעפּער מיט יוניאָן־לעיבלס

אין די בילדלעך פון די שנײַדערשע סוועט־שעפּער פון אַמאָל איז מיר ביז איצט אויסגעקומען צו דערציילן כמעט בלויז פון אַזעלכע שעפּער, וואו קיין יוניאָן קאָנטראַקטן זײַנען נאָך ניט געווען.

עס זײַנען אָבער אויך געווען אַזעלכע סוועט־שעפּער, וואָס האָבן שוין אויף זיך געהאַט „יוניאָן לעיבלס". געווען סוועט־שעפּער, וואו מען האָט געאַרבעט אונטער קאָנטראַקטן פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", אין וועלכער עס איז אויך געווען אָנגעשלאָסן די אַמאָליגע „בראָ־דערהוד אָוו טעילאָרס", און עס זײַנען געווען גענוג שעפּער מיט סוועט־שאָפּ באַדינגונגען אויך אין די ערשטע יאָרן נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָר־גאַניזירט די איצטיקע „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן".

די בראָדערהוד אָוו טעילאָרס האָט זיך אָרגאַניזירט אין 1889. זי האָט אין זיך אײַנגעשלאָסן די אידישע „פאַראייניגטע שנײַדער יוניאָן", וועלכע האָט זיך געהאַט אָרגאַניזירט נאָך אַזוי לאַנג צוריק ווי אין 1886.

אין 1897 איז די בראָדערהוד אָוו טעילאָרס געוואָרן אַ טייל פון דער יונאַיטעד גאַרמענט וואָריקערס יוניאָן.

די דאָזיגע יוניאָן איז געווען אַזאַ, אַז די שניידער האָבן פון איר קיין סך נחת ניט געהאַט. דער נאַציאָנאַלער אָפּיס פון דער יוניאָן איז געווען אין דער „באַיבל־הויז״, לעבן קופּער־יוניאָן, איז די גאַנצע יוניאָן צווישן די שניידער געוואָרן באַוואוסט אונטערן נאָמען די „באַיבל־הויז״.

די פּראַקטיק פון דער דאָזיגער יוניאָן איז געווען אַזעלכע, אַז איר גאַנצער יוניאָניזם איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס זי האָט פאַר־קויפט יוניאָן־לעיבלס צו די באַלעבאַטים און געהיט, אַז מען זאָל דאָס אַריינניייען אין די בוזעם־קעשענעס פון די גאַרמענטס, אָבער וועגן אַר־בעט־באַדינגונגען אין די שעפּער האָט מען זיך ווייניג געזאָרגט.

די באַציאונגען פון די הויפּט־באַאַמטע צו די ניו־יאָרקער שניידער, וואו די מערהייט איז באַשטאַנען פון אימיגראַנטן, איז געווען אַ באַציאונג פון פאַראַכטונג. דער גענעראַל־פּרעזידענט פון דער יוניאָן איז דעמאָלט געווען טאָם ריקערט, דער גענעראַל־סעקרעטאַר איז געווען לאַדזשער. איינציגע פון די הויפּט־באַאַמטע זיינען אפילו אַליין געווען אידן, אָבער אויף די אידישע שניידער האָט מען געקוקט ווי אויף אַ באַנדע „גרינ־האָרנס״. קיין איבעריגע ליבע האָט מען צו זיי ניט געהאַט.

אָט־די יוניאָן האָט אין אַ סך סוועט־שעפּער געשלאָסן קאָנטראַקטן, וואָס האָבן די סוועט־שאַפּ־באַדינגונגען ניט באַזייטיגט. אַלץ וואָס די באַ־אַמטע פון דער יוניאָן האָבן געזוכט צו קאָנטראָלירן, איז נאָר געווען — צי די שעפּער, וואָס האָבן אירע קאָנטראַקטן נייען אין אירע יוניאָן־לעיבלס אויף די גאַרמענטס.

אַן אומגליק איבער אַ נייעם מאַנטל

אָט, למשל, איז אַ פאַל וואָס האָט געטראָפן אין אַ שאַפּ, וואָס האָט גע־הערט צו מאָו ליוואַי.

איינער פון די אָפּערעיטאָרס פון דעם דאָזיגן שאַפּ איז איין פרימאָרגן געקומען צו דער אַרבעט מיט אַ נייעם ווינטער־מאַנטל.

איז אַ ביזנעס־אַגענט (זיין נאָמען איז, דאַכט זיך, געווען פעדער) אַריין אין שאַפּ און דערזען דעם נייעם מאַנטל פון דעם אַרבעטער. איז ער צו־געלאָפן צום מאַנטל, געכאַפּט אַ קוק אין בוזעם־קעשענע, צי דער מאַנטל האָט אויף זיך אַן אָנגענייטן לעיבל.

האָט ער דערזען, אַז קיין לעיבל איז דאָרט ניטאָ. איז ער צוגעגאַנגען צו דעם אָפּערעיטאָר, אָרונטערגעריסן פון זיין מאַשין דעם פאָדעם, און האָט

צום אַרבעטער אויסגעשריען:

„סקעב, אַרויס פון שאַפּ! דו אַרבעטסט אין אַ לעיבל־שאַפּ און אַליין ביסטו געקומען מיט אַ מאַנטל אָן אַ לעיבל״.

האָט דער אָפּערעיטאָר דערקלערט, אַז דעם מאַנטל האָט ער אין ערגעץ ניט געקויפט, נאָר דאָס אַליין, אין זיין פרייער צייט, פאַר זיך אויפגעניייט. ער איז געווען גרייט צו ברענגען עדות און באַווייזן, אַז דעם מאַנטל האָט ער פאַר זיך אַליין געמאַכט. זיינע טענות האָבן אָבער ניט געהאָלפן. דער באַפעל פון דעם ביזנעס־אַגענט איז געווען, אַז דער דאָזיגער אָפּערעיטאָר זאָל גלייך אַרונטער פון שאַפּ און עס האָט לאַנג ניט געדויערט און די „באַיבל הויז״ האָט אַרויפגעשיקט אַן אַנדערן צו פאַרנעמען זיין פּלאַץ.

אין אַ שאַפּ אויף האוסטאָן סטריט האָבן מיר אין יענע יאָרן אויך געזען אַזאַ ביישפּיל, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם לעיבל־יוניאָניזם פון דער יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן:

אין דעם דאָזיגן שאַפּ פלעגט אָפט, באַזונדערס אין סלעק צייט, אַרויפ־קומען אַן אָרגאַנאַיזער פון דער „באַיבל־הויז״ צו שפּילן אין קאָרטן.

האָט ער זיך דאָרט איינמאָל אַזוי צעשפּילט, אַז ער האָט פאַרלאָרן יעדן סענט, וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך. ער האָט דאָך אָבער געוואָלט ווייטער שפּילן האָט ער געליען געלט ביים באַלעבאָס פון שאַפּ און ווייטער געשפּילט.

אויף מאָרגן האָט ער אָפּגעבראַכט דעם חוב. געבראַכט האָט ער אָבער ניט קיין געלט, נאָר אַ פּעקל לעיבלס.

דער באַלעבאָס איז דעמאָלט געוואָרן בייז און זיך צעשריען פאַר׳ן גאַנצן שאַפּ:

„ווי געפעלט אייך אַזאַ ביזנעס? וועגן דער אַרבעט זעט ער, אַז מען זאָל דאָס שיקן צו זוסמאַנ׳ען, אָבער מיר צאָלט ער אַ חוב דווקא נאָר מיט לעיבלס״.

די סוועט־שאַפּ מעטאָדן פון די פירער פון דער גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן זיינען געווען אַזעלכע, אַז די אומצופרידנקייט צווישן די שניידער מיט דער „באַיבל־הויז״ האָט געהאַלטן אין איין שטייגן.

דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז צוויי לאָקאַלן, דער לאָקאַל 2 און דער לאָקאַל 156 האָבן אין 1911 געגרופּן, אין פילאַדעלפיע, אַ קאָנפערענץ פון פּראָגרעסיווע שניידער־לאָקאַלן פון לאַנד, כדי צו באַטראַכטן וואָס צו טאָן וועגן דער לאַגע. ביי יענער קאָנפערענץ האָט מען אָרגאַניזירט אַ שניידער־קאָונסיל, און מען האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פאַר דער אָר־גאַניזירונג פון די שניידער.

מאַקס פּיין, וואָס איז פון צייט צו צייט געווען אין קידער־ווידער באַציאונגען מיטן „פאָרווערטס", האָט אין יענער צייט אָנגענומען צו זיין אַן אָרגאַנאַיזער פון די „רעבעלן". ער, אויך אייק גאָלדשטיין און דוד אשינסקי, וואָס איז נאָך איצט אויך אַ פּיינער פּראָגרעסיווער מענטש, כאָטש שוין שוואַך אין געזונט, האָבן דעמאָלט צוזאַמען מיט אַ צאָל אַנדערע טוער זיך גענומען צו מאַכן צוגרייטונגען פאַר דעם ערשטן גרויסן ניו־יאָרקער שניידער־סטרייק, וואָס איז נאָך דעם פאָרגעקומען אין 1913.

יענער סטרייק האָט אויפגערודערט די גאַנצע ניו־יאָרקער באַפעלקערונג.

נאָך 9 וואָכן סטרייקן זיינען די ריקערטס און די לאַדזשערס אָוועק און געשלאָסן מיט די באָסעס אַ סעטלמענט, אַז די אַרבעטס־וואָך זאָל זיין 52 שעה אַ וואָך. די אַנדערע באַדינגונגען, וואָס זיי האָבן אָנגענומען זיינען אויך ניט געווען צו־גוטע.

דער „פאָרווערטס", וואָס האָט זיך שטענדיג געהאַלטן ביים כלל, אַז מען דאַרף שטיצן אַלץ וואָס די פירער טוען און ניט, וואָס די רענק און פאַיל וויל האָבן, איז דעמאָלט אַרויס מיט אַ הורא, אַז דער אָפּמאַך איז אַ זיג און ער האָט געגעבן זיין ברכה צום אָפּמאַך.

די שניידער האָבן אָבער אויף דעם געענטפערט מיט אַ פּראָטעסט־מיטינג און דעמאָנסטראַציע אויף ראַטגערס סקווער. זיי האָבן זיך אָנט־זאָגט אָנצונעמען דעם אַגרימענט. און אַזוי ווי אויפ'ן סקווער זיינען דע־מאָלט געלעגן ציגל מיט וועלכע מען האָט געהאַלטן אין פאַרריכטן דעם דאָרטיגן פאָונטאַן, האָבן די שניידער גענומען די ציגל און זיי אויך גענוצט אויף ברעכן די שויבן פון דער „פאָרווערטס"־געביידע.

דער סטרייק איז נאָך דעם ווייטער פאָרגעזעצט געוואָרן און אין צוויי וואָכן אַרום האָט מען געקראָגן אַ סעטלמענט, וואָס האָט שוין באַשטימט אַ 50־שטונדיגע אַרבעטס־וואָך אַנשטאָט 52. דער נייער סעטלמענט האָט אויך באַשטימט אַ העכערונג אויף די שכירות.

נאָך דעם סטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג צו בויען אַ גע־זונטע שניידער־יוניאָן.

די „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן" האָט אין 1914 געדאַרפט אָפּהאַלטן אַ קאָנווענשאַן. האָבן די ניו־יאָרקער שניידער געפאָדערט, אַז די קאָנווענשאַן זאָל פאָרקומען ערגעץ וואו דאָ אין דער איסט, כדי עס זאָל זיין מעגלעך פאַר אַלע לאָקאַלן פון דער יוניאָן צו שיקן צו דער קאָנ־ווענשאַן זייער פולע צאָל דעלעגאַטן. די „באַיבל הויז" האָט אָבער באַ־שלאָסן צו אָנטלויפן מיט דער קאָנווענשאַן פון די „גרינע". די ריקערטס

האָבן באַשטימט צו האַלטן די קאָנווענשאָן אין נעשוויל, טענעסי. ניו־יאָרקער שניידער האָבן דאָס גערופן „אין דע ר ערד איפ׳ן דעק״.

די ניו־יאָרקער לאָקאַלן האָבן אָבער געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו שיקן צו דער קאָנווענשאָן אַ פולע צאָל דעלעגאַטן.

דאָרטן האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף, וואָס האָט געבראַכט צו דער אָר־גאַניזירונג פון דער איצטיגער „אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יו־ניאָן אָוו אַמעריקע״. אָבער די סוועט־שאָפּ באַדינגונגען זיינען דערמיט אַליין אין אַ סך שעפּער פון יענער צייט נאָך אויך ניט געבליבן באַזייטיגט.

קאַפּיטל 29

טשיקאַווע פּאַסירונגלעך

נאָך דעם גרויסן שניידער־סטרייק אין 1913 זיינען די מערסטע שניי־דער־שעפּער אין ניו־יאָרק געוואָרן יוניאָן־שעפּער. נאָר אין אַ סך שעפּער האָט די ענדערונג אין געוויסע פּרטים אַריינגעטראָגן אַ מין דור־הפּלגה.

די אורזאַך דערפון איז געווען, ווייל די באַלעבאַטים און אויך אַ היבשע צאָל פון די אַרבעטער האָבן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיט׳ן געדאַנק, אַז די יוניאָן איז טאַקע געקומען צום לעבן.

געווען אַזוינע אַרבעטער וואָס האָבן ניט געקאָנט באַנעמען דאָס וואָס די יוניאָן, וואָס וויל פאַרבעסערן דעם אַרבעטער׳ס לעבן קומט גאָר און זאָגט, אַז מ׳טאָר ניט אַרבעטן קיין „אָווערטאַים״, אַז מ׳טאָר ניט אַריינקומען שבת אָדער זונטאָג.

די באַלעבאַטים ווידער, די קליינע ווי די גרויסע, האָבן געוואוסט פון פריערדיגע דערפאַרונגען, אַז אַ יוניאָן ווערט געגרינדעט פאַר עטלעכע וואָכן און אַז דערנאָך ווערט זי צעקראָכן. אַ סך פון די באַלעבאַטים האָבן אָבער אפילו אויף אַ פאַר וואָכן ניט געוואָלט אָנערקענען קיין יוניאָן. אַ גרויסע צאָל פון די קליינע קאָנטראַקטאָרלעך, אָדער ווי מ׳האָט זיי גע־רופן „קאָקערוטש־באָסעס״, האָבן אָנגעפירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט נישט צו סעטלען מיט דער יוניאָן.

אין דער יוניאָן האָבן מיר אין יענער צייט געהאַט אַ סך אידעאַליסטן, אָבער זייער ווייניג פּראַקטישע טוער. דערצו האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַ צאָל גרעפּטערלעך און דזשאַב־זוכער צו שלאָגן קאַפּיטאַל פון דער יוניאָן. אין אַ ריי שעפּער האָבן זיך פאַר שאַפּ־טשערלייט אויך אַריינגעכאַפּט אַזוינע

מענטשן, וואָס זיינען געווען פאַרקויפטע נשמות צום באַלעבאָס, געאַרבעט מיט אים האַנט־אין־האַנט געגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

קיין יוניאָן וויל ער ניט, נאָר איר סטרייק־בענעפיט וויל ער יאָ

זיינען אין יענער צייט פאָרגעקומען אַ ריי פּאַסירונגלעך פון וועלכע עס איז כדאי צו דערמאָנען כאָטש אייניגע פון זיי.

אין אַ שאַפּ פון בעז און גאַרדען אויף גאַרעק סטריט האָבן די באַלע־באַטים געזען, אַז איינער, בעני ראָזענטאַל, זייערער אַ דריטער שטילער שותף, זאָל ווערן דער טשערמאַן פון שאַפּ. פאַרשטייט זיך, אַז דער בעני האָט געטאָן אַלץ וואָס איז גוט פאַר די באָסעס און שלעכט פאַר דער יוניאָן.

אינ׳ם שאַפּ האָבן געאַרבעט אַ פּאָר אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך ניט געוואָלט אָנשליסן אָן דער יוניאָן. פאַר עטלעכע וואָכן האָט ער זיי אַזוי אויסגעהיט, אַז קיינער האָט ניט געוואוסט וועגן דעם, ער פלעגט ביי זיי ניט בעטן קיין דיוס און זיי האָבן ניט געצאָלט.

דורך אַ צופאַל האָט עמיצער פון די אַרבעטער זיך דאָס דערוואוסט און באַריכטעט אין דער יוניאָן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אַרויפגעקומען דער ביזנעס־אַגענט גאָלדבערג און געוואָלט רופן די אַרבעטער צו אַ מי־טינג. האָט דער באַלעבאָס מר. בעז פריי געלאָזט זיינע הענט און פאַרנומען זיך צו וואַרפן דעם ביזנעס־אַגענט פון שאַפּ.

גאָלדבערג׳ן איז געלונגען אַ פייף צו טאָן צו די אַרבעטער זיי זאָלן אָפּשטעלן די אַרבעט און אַרונטערגיין אין דער יוניאָן צו אַ מיטינג.

בעני, דער שאַפּ־טשערמאַן, האָט זיך געקווענקלט אָפּצושטעלן די „פּאַוער", נאָר זעענדיג די שטימונג פון די אַרבעטער האָט ער פאַרמאַכט די עלעקטריק און איז צוזאַמען מיט זיי אַרונטער צום מיטינג.

ביים שאַפּ־מיטינג האָט מען בעני׳ן אַרונטערגעוואָרפן אַלס שאַפּ־טשערמאַן און מ׳האָט באַשלאָסן צו סטרייקן ביז מען וועט פון שאַפּ אַרונ־טערשיקן די וועלכע זיינען ניט קיין יוניאָן־לייט און אויך באַצאָלן 50 דאָלאַר שטראָף פאַר כאַפּן זיך שלאָגן אַ יוניאָן פאַרשטייער.

ווען עס איז אַוועק אַ וואָך צייט, האָט דער ביזנעס־אַגענט געלאָזט וויסן, אַז די יוניאָן וועט געבן אַלע סטרייקער פינף און זעקס דאָלאַר סטרייק־בענעפיט. אַלע אַרבעטער זיינען אויף מאָרגן געקומען אין אָפיס פון דער יוניאָן און זיך צעשטעלט אין לאַין וואַרטנדיג פאַר׳ן געלט.

אין מיטן דערינען כאַפּט זיך הערי, דער נייער שאַפּ־טשערמאַן, אַז צווישן די סטרייקערס שטייען אין לאַין אויך די צוויי אַרבעטער, וועלכע ווילן ניט באַלאַנגען צו דער יוניאָן און איבער וועלכע עס איז אַרויסגע־

קומען דער סטרייק.

— וואָס טוט איר דאָ אין לאַין? — גיט הערי זיי אַ פרעג, — אויב איר ווילט ווערן מיטגלידער אין דער יוניאָן דאַרפט איר גיין צו דער מעמבער־שיפּ־קאָמיטע.

ניין, — ענטפערט איינער פון זיי, — מיר וואַרטן בלויז פאַר סטרייק־בענעפיט. מיר אַרבעטן דאָך נישט אַזוי ווי איר. טאָ וואָס ווילט איר, מיר זאָלן שטאַרבן פון הונגער? . . .

געסטלט פאַר אַ „צלמ׳ל"

אין איין שאָפּ האָט זיך אַ בעלעבאָס געשוואָרן ביי ווייב און קינד, אַז ער וועט בעסער פאַרמאַכן דעם שאָפּ איידער אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן.

— מילא, האָט ער גע׳טענה׳ט, — זיי ווילן „סעקיוריטי", פאַרשטיי איך. צווינגען מיך אונטערצושרייבן מיין נאָמען? נאָ, סער, ניט אין זייער לעבן!

נאָך עטלעכע טעג סטרייקן האָט מען זיך געכאַפּט, אַז דער „קאָ־קערוטש־באָסל" קאָן פשוט ניט האַלטן קיין פּען אין האַנט.

נו, האָט אים די יוניאָן דאָס מאָל געמוזט נאָכגעבן, אַז ער זאָל זיין נאָמען אויף אַן אַגרימענט ניט אונטערשרייבן און מען האָט מיט אים געסעטלט פאַר אַ „צלמ׳ל" . . .

שעלט און צאָלט . . .

אַ שיינער שפּאַס איז אויך געווען ביי דער „סעטלמענט־קאָמיטע", ווען מ׳האָט איינעם אַ באָס גאָלדמאַנקע געוואָרנט, אַז ער וועט שווער באַ־שטראָפט ווערן, אויב ער וועט וואַגן צו שילטן אָדער באַליידיגן די אַרבעטער.

ער האָט אַ וואָרף געטאָן די פּען און זיך צעשריען: אין פאַרשטיי קירצערע שטונדן, אַ העכערונג אין שכירות, צאָלן אַלע וואָך „פּעי" און אין קעש, אָבער ניט טאָרן שילטן, ניט טאָרן שרייען, ניט טאָרן אָנגעמען איינעם פאַר׳ן וואָראָטניק און אַרויסוואַרפן פון שאָפּ, האָב איך אייך אין דר׳ערד מיט אַזאַ יוניאָן . . .

ווען גאָלדמאַנקע איז אויף מאָרגן ווידער געקומען „סעטלען", האָט ער פאַר׳ן שילטן דער יוניאָן, באַצאָלט שטראָף — פינף־און־צוואַנציג דאָלער . . . ער האָט זיך געקאָכט און געשריען: דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן — — —

אָבער ניט דאָס לעצטע, האָט אונטערגעכאַפּט איינער פון דער סעטל־מענט קאָמיטע.

— וואָס? — האָט גאָלדמאַנקע פאַרשטימעט מיט די ציין, — איר וועט דאָס ניט דערלעבן, אַז איך זאָל אייך נאָך אַמאָל שעלטן און איר זאָלט קריגן מיין געלט . . .

אַ דעטעקטיוו מעשה

ביי גרינבערג׳ן אין שאָפּ אויף ברום סטריט האָט ווידער פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

שבת פלעגן זיך אַריינ׳גנב׳ענען אין שאָפּ עטלעכע אַרבעטער און אַרבעטן אָן אַ דערלויבעניש פון דער יוניאָן.

איינמאָל איז פון דער יוניאָן אַרויסגעשיקט געוואָרן אַ קאָמיטע צו פּאַקן די „סקעבאַטשעס", ווי מען פלעגט דעמאָלט רופן אַזוינע וואָס האָבן גע־אַרבעט „אָווערטאַים" אָדער שבת.

די קאָמיטע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון שאָפּ און ווען מ׳האָט גע־עפנט די טיר, האָבן זיי געטראָפן דעם באָס, מר. גרינפעלד, דעם פאָרמאַן און אַ פּאָר פרעמדע שפּילן אין קאָרטן. אַזוי ווי זיי האָבן קיינעם ניט געטראָפן אַרבעטן, איז דאָך אַלץ כשר. האָבן די צוויי פון דער קאָמיטע אַרויסגענומען קליינגעלט פון קעשענע און זיך אויך געזעצט צום טיש „נעמען אַ האַנט".

דער באָס מיט׳ן פאָרמאַן האָבן זיך איבערגעקוקט און דער פאָרמאַן איז פאַרשוואונדן ערגעץ אין אַ ווינקל פון שאָפּ. באַלד איז ער צוריקגעקו־מען מיט אַ דערקלערונג, אַז ער וויל פאַרשליסן דעם שאָפּ און אַז ווער עס וויל שפּילן, זאָל אַריינגיין אונטן אין סאַלון.

מר. גרינפעלד האָט באַלד איינגעפּאַקט די קאָרטן און אַלעמען אַרונ־טערגערופן אין סאַלון. ווי גיך זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט שפּילן און גע־טרונקען ביר, איז אַריינגעלאָפן דער באַרטענדער און געזאָגט גרינפעלד׳ן, אַז פּאָליציי האָט ערשט אַרעסטירט דריי גנבים ביי אים אין שאָפּ. זיינען אַלע אַרויסגעלאָפן פון סאַלון און געטראָפן האָט מען צוויי פּאָליסלייט, האַלטנדיג דריי אָפּערעיטאָרס פון גרינפעלד׳ס שאָפּ פאַר די קעלנער.

וואָס איז געשען? האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס פאָלגנדע: ווען די קאָמיטע האָט געהאַט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון שאָפּ, זיינען טאַקע די דריי אָפּערעיטאָרס געווען אין שאָפּ ביי דער אַרבעט. נאָר דער באָס האָט זיי געהייסן זיך צו באַהאַלטן אין טאַילעט.

דער פאָרמאַן איז צו זיי נאָך דעם צוגעקומען און אונטערגעזאָגט, אַז

אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן זיי זיך קאָנען אַרויס׳גנב׳ענען פון׳ם שאַפּ.

האָבן זיי אים אָבער שלעכט פאַרשטאַנען. און זייענדיג דערשראָקן וואַרטנדיג צו לאַנג אין טאַילעט, האָבן זיי אָנשטאָט גיין צום טיר, זיך אַרויסגעכאַפּט דורך אַ פענצטער און פּרובירט אַרונטערגיין מיט׳ן פייער־עסקעיפּ אין גאַס אַרויס. זיינען עס דעמאָלט אונטערגעקומען די פּאָליסלייט און זיי אַרעסטירט אַלס גנבים.

אינטערעסאַנט איז נאָך דעם געווען זייער פאַרטיידיגונג ביי דער „גריוועגס־באָארד”:

ווען די קאָמיטע פון צוויי האָט גענומען דערציילן ווי אַזוי זיי האָבן געפּאַקט די דריי אַרבעטער אַרבעטן אום שבת, האָבן די דריי דערקלערט, אַז ווען זיי זייענען געגאַנגען אין שאַפּ מיט׳ן פייער־עסקעיפּ האָבן זיי געוואָלט פּאַקן די קאָמיטע פון צוויי שפּילן אין קאָרטן מיט׳ן באַלעבאָס. דער פּאַקט איז, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, אַז זיי האָט קיינער ניט געזען אַרבעטן, אָבער אַז די קאָמיטע האָט געטרונקען מיט׳ן באָס ביר און צוזאַמען געשפּילט אין קאָרטן, דאָס האָט דאָך די קאָמיטע אַליין צוגעגעבן.

קאַפּיטל 30

ווי אַזוי הילמאַן און שלאָסבערג זיינען דערוויילט געוואָרן אַלס ערשטע באַאַמטע פון דער „אַמאַלגעמעיטעד”

נאָכ׳ן גרויסן שניידער־סטרייק פון 1913 אין ניו־יאָרק און נאָך דער נעשוויל־קאָנווענשאָן פון דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן” האָט מען ביי אַ ספּעציעלער שניידער־קאָנווענשאָן אין וועבסטער האָל אין ניו־יאָרק געגרינדעט די איצטיגע „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן”.

אַן ערנסטע פראַגע, וואָס איז פאַר יענער קאָנווענשאָן געשטאַנען איז געווען וועגן קריגן פּאַסיגע באַאַמטע פאַר דער נייער יוניאָן.

האָט מען זיך קודם כל דערטראַכט צו מאַכן פאַר׳ן סעקרעטאַר־טרעזשורער יוסף שלאָסבערג׳ן. ווי מיר דאַכט, איז דער פאָרשלאַג דעמאָלט געקומען פון דזש. גאָלד, איצטיגער מענעדזשער פון דעם ניו־יאָרקער „קאוט־דעפּאַרטמענט” פון דער אַמאַלגאַמעיטעד.

יוסף שלאָסבערג האָט דאַן געהאַט אַ סך אָנזען אויף דער אידישער

גאַס. ער איז געווען באַקאַנט אַלס דער אידישער דעניעל דעליאָן, וואָס האָט רעדאַקטירט די אידישע וועכנטלעכע ס. ל. פּ. צייטונג „דער אַרבעטער".

שלאָסבערג איז צווישן די אַרבעטער, ספּעציעל צווישן די שניידער אין יענער צייט, געאַכטעט געוואָרן באַזונדערס פאַר זיין קאַמף געגן „פאָרווערטס". ער פלעגט קעמפן געגן דעם „פאָרווערטס" פאַר זיין שונד און פאַר זיין פאַרוואָסערטן סאָציאַליזם.

אַ סך אַרבעטער און מענטשן פון אַנדערע קרייזן האָבן אין יענער צייט אויף שלאָסבערג׳ן געקוקט ווי אויף אַ מוסטער פון ריינקייט און ערלעכקייט צווישן פירער אויף דער אַרבעטער־גאַס. ער האָט דערפאַר אויך געקראָגן דעם צונאָמען „די מזוזה". אמת, אין שפּעטערדיגע יאָרן האָט „די מזוזה" זיך זייער שטאַרק געענדערט און געקראָגן אַ געלן קאָליר. אָבער אין דער צייט ווען מען האָט אים געמאַכט פאַר סעקרעטאַר פון דער אַמאָלגאַמעיטעד האָבן אפילו סאָציאַליסטן פון „פאָרווערטס"־חדר אויף אים אויך אַרויפגעקוקט מיט אַ סך דרך־ארץ.

מיין אייגענע ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט שלאָסבערג׳ן אין פאַרגעקומען אויף אַזאַ אופן: איין טאָג רופט מיר אָפּ אַן אַקטיווער טוער פון לאָקאַל 156 מיט׳ן נאָמען ב. רייניש, צו גיין זיך באַקענען מיט יוסף שלאָסבערג׳ן. געררופן האָט ער מיך צו גיין אין אַ דרוקעריי אויף דער איסט־סאַיד, וואו י. שלאָסבערג פלעגט צוזאַמענשטעלן זיין צייטונג.

איך האָב יענע איינלאַדונג מיט פאַרגעניגן אָנגענומען.

ווען כ׳בין אַריין מיט רייניש׳ן אין דרוקעריי האָב איך דערזען פאַר זיך אַ מענטש מיט אַ הדרת־פּנים פון אַ קינסטלער, אַ קאָפּ מיט געדיכטע שוואַרצע, האַרטע האָר. זיין האַלטונג איז געווען טרוקן און צוריקגעהאַלטן, עפּעס ווי פון אַ בראָנז אויסגעגאָסענע געשטאַלט.

אַ פירער אין אָפּגעקראָכענע הויזן פון אַ „פרינץ אַלבערט"

געטראָגן האָט ער אַ פּאָר שוואַרצע אָפּגעקראָכענע, גלאַנציגע הויזן, פון אַ פרינץ־אַלבערט סוט מיט צעדריבלטע לאַמפּאַסן ביי די זייטן און אַ פּאָר צעדרייטע שיך.

רייניש׳ן האָט ער געקענט פון דער ס. ל. פּ. אָבער וועגן מיר האָט ער ביי רייניש׳ן שטיל אַ פרעג געטאָן: „ווער איז דאָס דער יונגערמאַן?" האָט רייניש מיך גלייך פאַרגעשטעלט פאַר אים ווי אַן אַקטיוון טוער אין דער יוניאָן, זיין בעסטן פריינט. נאָר איין חסרון האָב איך, האָט ער אים געזאָגט: אַנשטאָט צו זיין אַ מיטגליד אין דער ס. ל. פּ. בין איך גאָר אַ מיטגליד אין דער ס. פּ.

שלאָסבערג האָט מיך גלייך געוומען פרעגן וועגן די באַדינגונגען אין די שעפּער; וואָס איז דער אונטערשייד אין די באַדינגונגען פון סוועט־שעפּער ביז די יוניאָן־שעפּער, און צי איך גלויב אין אינדוסטריעלן יוניאָניזם.

ער האָט גלייך גענומען רעדן צו אונז ביידן, אַז דער קאַמף פאַר דער „אַמאַלגאַמעיטעד" וועט זיין אַ שווערער, ניט מיט דער „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן", נאָר מיט עמיצן אַנדערש. דער הויפּט־קאַמף, האָט ער דערמאָלט פאַראויסגעזאָגט, וועט זיין מיט'ן „פאָרווערטס", מיט די געווערקשאַפטן און מיט שלעזינגער'ן, וואָס וועט זיכער העלפן גאָמפּערס'ן שטיצן די גאַרמענט וואָירקערס און קעמפן געגן דער נייער שניידער־יוניאָן.

מיט חדשים שפּעטער איז טאַקע שלאָסבערג'ן אַליין אויסגעקומען צו פאַרטיידיגן די אַמאַלגאַמעיטעד ביי אַ מיטינג פון די געווערקשאַפטן און צו פירן דאָרט אַ קאַמף אין אַ דעבאַטע מיט גאָמפּערס'ן.

האָט דאָרט שלאָסבערג אין אַן ענטפער אויף גאָמפּערס'עס אַ באַמערקונג אויסגערופן מיט ביטערן סאַרקאַזם:

— אויב איך זאָל היינט שטאַרבן שטעל איך אָפּ פאַר מיינע קינדער בלויז מיין ערלעכן נאָמען, און ווי וועט זיין צו דעם וואָס וועט וואַגן מיין נאָמען צו באַשמוצן!

ער אַליין האָט אָבער זיין נאָמען שפּעטער ניט זייער גוט אָפּגעהיט.

הילמאַנ'ס ערשטע געגנער

ווען עס איז פאַר דער גרינדונג פון דער אַמאַלגאַמעיטעד געווען באַשטימט, אַז שלאָסבערג זאָל ווערן דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער נייער יוניאָן איז נאָך יעדנפאַלס געבליבן אַ פראַגע: וואו נעמט מען אַ פאַסיגן גענעראַל פרעזידענט.

איז געקומען צו הילף אַ „פאָרווערטס"־מענטש און פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל פאַר דעם אַמט באַשטימען סידני הילמאַנ'ען.

אים, הילמאַנ'ען, האָט מען דערמאָלט געהאַט געבראַכט פון שיקאַגאָ צו פאַרנעמען אין דער ניו־יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן דעם אַמט אַלס „טשיף קלוירק", וואָס איז אַנגעהאַלטן געוואָרן פון פּראָפעסאָר יצחק אייזיק הורוויץ.

הילמאַן איז פאַר דעם אַמט רעקאָמענדירט געוואָרן פון אַ ריי פּראָמינענטע פערזאָנען פון שיקאַגאָ, וואו הילמאַן האָט פאַר זיך געהאַט געקראָגן אַ נאָמען פון אַ פייאיגן יוניאָן־פירער.

אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו־יאָרק האָט ער באַלד אַרום זיך

געקראָגן אַזאַ קרייז, וואָס האָט פון אים חווזק געמאַכט און אים אָנגעהויבן צו דערגיין די יאָרן. זייער פיל האָבן אין דעם אַרויסגעהאָלפן געוויסע גע־נאָסן פון „פאָרווערטס" און פון די געווערקשאַפטן. מאַטיוו, און זייער ניט קיין ריינע, זיינען דערביי געווען פאַרשידענע. מען האָט פון הילמאַן׳ען חוזק געמאַכט אין מיאוסע קאַרטונס. איין קאַרטון איז געווען ווי נישטיג הילמאַן קוקט אויס אין יצחק אייזיק הורוויץ׳עס מאַנטל און שטיוול. און אַ צווייטן קאַרטון האָט מען הילמאַנ׳ען געמאָלן ווי אַן אינזעקט, וואָס בלאָנ־דזשעט אַרום צווישן די האָר פון הורוויץ׳עס פוטער־מאַנטל. מען האָט אפילו אָפּגעלאַכט פון זיין ליטווישן אַקצענט.

דאָס האָט הילמאַנ׳ען אַוודאי ניט זייער גוט געשמעקט. ער האָט זיך געפילט פאַרביטערט.

דער „פאָרווערטס"־געגנאָסע, וואָס האָט פאָרגעשלאָגן מען זאָל אים איבערנעמען פאַר׳ן אַמט פון פרעזידענט אין דער אַמאַלגאַמעיטעד, האָט עס מסתמא געטאָן צוליב אַ צינישן מאָטיוו. ער האָט פריער פון אַלץ גע־וואָלט מען זאָל אים אָוועקנעמען פון די קלאָוקמאַכער. אָבער דער פאָר־שלאָג איז יעדנפאַלס אויפגענומען געוואָרן זייער ערנסט.

ווען אַ קאָמיטע האָט זיך געווענדעט צו הילמאַנ׳ען, אַז ער זאָל ווערן דער פרעזידענט פון דער נייער שניידער יוניאָן, האָט ער גלייך געענט־פערט, יאָ!

סידני הילמאַן האָט געהאַט אַ רייכע פאַנטאַזיע און ער האָט גלייך אָנ־געוויזן אַ פּלאַן פון אַרבעט. מיר האָבן אים אויסגעהערט. נאָר ווען ער איז אַרויס, האָבן אייניגע ציניקער זיך צעלאַכט: מיר און ניט די קלאָוקמאַכער וועלן נאָך דאַרפן קויפן אַ בילעט אויף אָפּצושיקן אים צוריק קיין שיקאַגאָ.

דער „פאָרווערטס" האָט געגומען ציען דראָטן, ערשטנס, מ׳זאָל גאָר אינגאַנצן אויפגעבן דעם פּלאַן פון אָרגאַניזירן די נייע יוניאָן; צווייטנס, אויב שוין יאָ, זאָל עס נישט זיין מיט סידני הילמאַנ׳ען, דעם „שיקאַגער אינגל".

הילמאַנ׳ען צו הילף זיינען אָבער געקומען זיינע לאַנדסלייט פון שי־קאַגאָ, ספּעציעל דער קאַטערס לאָקאַל, וואָס איז באַשטאַנען אויף דעם, אַז הילמאַן זאָל ווערן דער פרעזידענט.

אין די „פאָרווערטס"־קרייזן האָט מען דעמאָלט אפילו פּרובירט פאַר־שפּרייטן אַ העצע, אַז הילמאַן איז אַ געפאַר פאַר די ניו־יאָרקער שניידער, ווייל אַלס פרעזידענט וועט ער זען, אַז די גאַנצע אַרבעט זאָל אַריינקומען אין שיקאַגאָ.

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אין דעצעמבער 1914, זיינען הילמאַן

און שלאָסבערג ביי דער ערשטער קאָנווענשאָן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד אָפיציעל דערוויילט געוואָרן אַלס די צוויי הויפּט־באַאַמטע, גענעראַל־פּרעזידענט און גענעראַל סעקרעטאַר־טרעזשורער.

קאַפּיטל 31

אין די ערשטע יאָרן פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד"

אין 1914, ווען סידני הילמאַן איז דערוויילט געוואָרן אַלס ערשטער פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמעיטעד, האָט ער זיך גענומען זייער ענערגיש גוטצומאַכן זיין ראָל אַלס הויפּט־פירער פון דער יוניאָן.

הילמאַן האָט געוואוסט, אַז די מענטשן, וואָס הערשן אין „פאָרווערטס", זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אים צו דיסקרעדיטירן אַלס יוניאָן־פירער. הילמאַן האָט אָבער אין זיך פאַרמאָגט די עקשנות פון אַ קעמפער און ער האָט זיך פאַרמאָסטן צוריק צו שלאָגן די פאַרזוכן צו צעשטערן זיין פירערשאַפט.

איינער פון די מיטלען צו וועלכע ער האָט זיך צוליב דעם גענומען איז געווען, ווי ער האָט זיך וועגן דעם אויסגעדריקט, צו רייסן באַק־ציינער פון דעם „פאָרווערטס". דאָס האָט געמיינט אַריבערצוקריגן אַ צאָל פון זיינע מאַשין־פירער, אַז זיי זאָלן אַרבעטן אין דער אַמאַלגאַמעיטעד. אב. קאַהאַנ'ען און אייניגע הויפּט־מאַכער פון „פאָרווערטס" האָט ער געפּרוואוט איגנאָנצן איגנאָרירן.

אַ צווייטער מיטל, וואָס הילמאַן האָט גענוצט איז געווען, צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך, כדי צו געווינען דעם צוטרוי און מיטאַרבעטערשאַפט פון די פּראָגרעסיווע רענק־און־פאַילער, וואָס זיינען געווען אין דער יוניאָן.

קיין קאָמוניסטישע פּאַרטיי און קיין פּראָגרעסיווע צייטונג אַזעלכע ווי די „מאָרגן־פרייהייט" איז נאָך דעמאָלט ניט געווען. די אַמאַלגאַמעיטעד האָט אָבער צווישן אירע מיטגלידער דאָך געהאַט אַ פיינע גרופּע פּראָגרע־סיווע שניידער, וואָס זיינען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו היטן ווי ווייט נאָר מעגלעך, אַז די אַמאַלגאַמעיטעד זאָל חלילה ניט ווערן דאָס זעל־ביגע ווי די „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס", פון וועלכע די שניידער האָבן זיך אין 1914 אָפּגעריסן.

די פּראָגרעסיווע און די „פּופּעקלעך־פּרעסער“

אין 1916, ווען די אַמאַלגאַמעיטעד האָט זיך גענומען גרייטן צו איר ערשטער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַל־טימאָר, האָבן פּראָגרעסיווע שניידער אין דעם ניו־יאָרקער לאָקאַל 156, וואָס איז אין יענער צייט געווען דער פּראָגרעסיווסטער לאָקאַל פון די שניי־דער, פאָרגעלייגט אַ צאָל רעזאָלוציעס, וואָס זאָלן געבראַכט ווערן צו דער קאָנווענשאָן.

אייניגע פון זיי האָבן אין זיך געהאַט אַזעלכע פאָרשלאָגן, וועלכע איך האָב אַלס דעלעגאַט, מיטגעפירט צו דער קאָנווענשאָן אין באַלטימאָר.

ווען אַ באַאַמטער פון דער יוניאָן גייט אַוועק פון אַמט און ווערט אַ באַלעבאָס, זאָל אים די יוניאָן ניט אָנערקענען און ניט פאַרהאַנדלען מיט אים וועגן קיין אַגרימענט. און ווען אַ באָס ווערט אַן אַרבעטער און קומט אַריין אין דער יוניאָן זאָל ער ניט קענען ווערן קיין יוניאָן־באַאַמטער, סיידן ער אַרבעט פריער וויניגסטנס צוויי יאָר אין שאַפּ און עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַז זיין רעקאָרד איז גוט.

וועגן שכירות פאַר באַאַמטע האָבן די זעלביגע שניידער געהאַט פאָר־געשלאָגן, אַז די שכירות זאָלן זיין בלויז עטוואָס העכער ווי דער לוין פון אַ גוטן אַרבעטער אין שאַפּ. דער פאָרשלאָג האָט ווייטער געזאָגט, אַז ווען באַאַמטע פון דער יוניאָן מוזן איינגיין אויף אַ שניט אין שכירות פון די שאַפּ־אַרבעטער, זאָל דאָס אויך מיינען אַ שניט אין זייערע אייגענע שכירות.

הילמאַן האָט פאַר דער דערמאָנטער קאָנווענשאָן געהאַט אַ קאָנפערענץ מיט אייניגע פון די פּראָגרעסיווע מיטגלידער פון דערמאָנטן לאָקאַל און ער האָט דערקלערט, אַז ער שטימט איינגאַנצן איין מיט די דערמאָנטע רעזאָלוציעס.

גרויסע שכירות פאַר באַאַמטע, האָט ער דעמאָלט געזאָגט, ברענגט צו אַ צעלאָזנקייט פון פירער און עס דעמאָראַליזירט זיי. אַנשטאָט צו זיין אידעאַליסטן און קעמפער פאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, פאַרנעמען זיי מיט דער צייט די ראָל פון לאָיערס אָדער פון ענלעכע אַנדערע מענטשן, וועלכע מען דינגט פאַר גרויסע סומען געלט צו טאָן אַן אַרבעט פאַר דעם אָדער יענעם.

צווישן די אָנפירנדיגע מענטשן אין דער אַמאַלגאַמעיטעד זיינען אין יענער צייט געווען אַ צאָל אַזעלכע פירער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט דער דערמאָנטער גרופּע פּראָגרעסיווע מיטגלידער געחלומ׳ט וועגן מאַכן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד אַ ריזיגע שיינע און פּראָגרעסיווע יוניאָן.

איינער פון זיי איז געווען אייק גאָלדשטיין, אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַנאַי־זער אין דער יוניאָן. אַ צווייטער איז געווען דוד אשינסקי, דער ערשטער מענעדזשער פון דער נייער יוניאָן. אַ סך גלויבן און האָפענונג האָט מען אין יענער צייט געלייגט אויף שלאָסבערג'ן. אַלעקס קאָהען האָט זיך דעמאָלט אויך געהאַלטן פאַר אַ פּראָגרעסיוון טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען באַקאַנט אַלס אַנאַרכיסט.

אין דער יוניאָן זיינען אָבער געווען אַ צאָל אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם „באַגאַזש" פון „אָלד טאַימערס", וועלכע האָבן צו דער יוניאָן אַריבערגעקומען פון דער גאַרמענט וואָירקערס „באַיבל האוז".

די דאָזיגע מענטשן האָבן צווישן די שניידער געקראָגן אַ נאָמען פון „פּופּעקלעך־פּרעסער". דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן אינזינען געהאַט בלויז זיך, פלעגן צו זיצן אין די רעסטאָראַנען, דאָרט גאַנץ פיין אַריינעסן און אַריינהוליען. קיין גרויסער שטאָלץ פאַר דער יוניאָן זיינען זיי ניט געווען.

אָט־די מענטשן האָבן פון אָנהויב אָן זיך גענומען צו פירן אַ קאַמף געגן די פּראָגרעסיווע טוער. און אין דער „פאָרווערטס"־בילדינג, וואו די אַמאַלגאַמעיטעד דזשאָינט באָארד פלעגט שבת האַלטן אירע מיטינגען, פלעגן אָפט פאָרקומען גאַנץ שטאַרקע מלחמות צווישן די „פּופּיק־פּרעסער" און די פּראָגרעסיווע.

דער „גענגסטער" לוניץ און זיין „באָדיגאָרד"

אַ טשיקאָווע פּאַסירונג האָט אין יענער צייט געטראָפן מיט אַלעקסאַנ־דער ביטעלמאַן און מאיר לוניץ.

געשען איז אָט־וואָס:

איך און אַ צאָל אַנדערע פּראָגרעסיווע טוער פון דער אַמאַלגאַמעיטעד פלעגן זיך אָפט טרעפן אין אַ רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוועי. דאָרט האָב איך אויך געהאַט דעם כבוד צו באַקענען זיך צום ערשטן מאָל מיט ביטעל־מאַנ'ען, וואָס איז שוין אין יענער צייט אַ סך מענטשן געווען באַוואוסט אַלס אַ קענער און טעאָרעטיקער אין פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פראַגן.

אין אַ שמועס, וואָס מיר האָבן אין יענעם רעסטאָראַן געהאַט, האָבן מיר זיך געגרויסט און באַרימט מיט אונזער אַמאַלגאַמעיטעד, אַז זי איז די בעסטע יוניאָן און אַז זי וועט נאָך ערשט ווערן פיל גרעסער און אַנדערש פון אַנדערע יוניאָנס.

מיר האָבן אים געוויזן די פּרינציפּן־דערקלערונג אין אונזערע יוניאָן־

ביכלעך וואָס האָט זיך אַזוי געלייענט:

(איבערגעדרוקט פון מיין אַלטן יוניאָן־ביכל, אין 1916, לויט דעם פּאַרפאָסער׳ס שפּראַך און אָטאָגראַפיע פון יענער צייט).

פּרינציפּען־ערקלערונג פון די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדהינג וואָירקערס אָוו אַמעריקאַ

די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון די אַרבייטער איז געשאַפען געוואָרען דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציאָנס־סיסטעם, אונטער וועלכן די צוטיילונג צווישען דער הערשענדער קלאַסע און דער אונטערדריקטער קלאַסע איז בעגרינדעט אויף דעם אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די קלאַסע וואָס בעזיצט דיעזע מיטלען איז די קלאַסע וואָס הערשט; די קלאַסע, וואָס בעזיצט גאָרנישט אויסער איהר אַרבייטס־קראַפט, וועלכע געפינט זיך שטענדיג אויפ׳ן מאַרק צום פערקויפען, איז די וואָס ווערט אונטערדריקט.

אַ שטענדיגער און ניט אויפהערענדיגער קאַמפּף געהט אָן צווישן די צוויי קלאַסען.

אין דיעזען קאַמפּף איז די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָן פון די אַרבייטער, די יוניאָן, אַ נאַטירלילעכע וואַפע פאַר אַנגריף און פערטיידיגונג אין די הענד פון דער אַרבייטער קלאַסע.

אָבער כדי צו זיין אַ ניצליכע וואַפע, און טיכטיג דיענען איהר צוועק, מוז די יוניאָן אין איהר אייגענעם בנין זיך צופּאַסען צו דעם יעצטיגען אופן ווי די אינדוסטריע איז אָרגאַניזירט.

די מאָדערנע אינדוסטריעלע מעטהאָדען מעקען גיך אָב אַלע פאַך־גרעניצען, און דאַדורך ווערען געשאַפען בעדינגונגען, וואָס צווינגען די אַרבייטער זיך צו אָרגאַניזירען אינדוסטריעל.

די געשיכטע פון דעם קלאַסענקאַמפּף אין דיעזען לאַנד פאַר די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהרען בעווייזט גאַנץ גענוג די נוצלאָזיגקייט פון דער פאָרם, די מעטהאָדען און דעם גייסט פון פאַך־יוניאָניזם. דאָס בעווייזט אויך, ווי טייער די אַרבייטער קלאַסע האָט בעצאָהלט דערפאַר, וואָס זי איז אין איהר אָרגאַניזירען זיך געבליבען היטנערשטעליג הינטער דער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג.

די אַרבייטער קלאַסע מוז אָננעהמען די פּרינציפּען פון אינדוסטריעלען יוניאָניזמוס, ווען ניט וועט זי בלייבען אייביג מאַכטלאָז.

דיזעלביגע כוחות וואָס טרייבען צום אינדוסטריעלען יוניאָניזם, טרייבען אויך דערצו, אַז די אַרבעטערקלאַסע זאָל זיך פעראייניגען אינטער־אינדוסטריעל, ד. ה., עס זאָל עקזיסטירען אַן ענגע פערבינדונג צווישען די פערשיעדענע אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָנען.

דיעזער אונפערמיידליכער פּראָצעס וועט סוף כל סוף פיהרען צו אַן אַל־געמיינער אָרגאַניזאַציאָן פון דער אַרבייטער קלאַסע, וועלכע וועט זיין פעראייניגט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש איבער דער גאַנצער ליניע פון דעם קלאַסענקאַמפּף, אָנשטאָט דעם וואָס זי איז יעצט צושפּאָלטען און צוריסען דורך די אַלטמאָדישע לעהרען און מעטאָדען.

אום דיעזען גרויסען ציעל צו ערגרייכען, איז די אויפקלערונג פון דער

> אַרבייטער קלאַסע אַן אונבעדינגטע נויטווענדיגקייט. דאָס מוז דעריבער זיין אַ זעהר וויכטיגער טייל פון דער מיסיאָן פון דער אַרבייטער באַוועגונג.
>
> יעדע אונטערדריקטע קלאַסע אין דער געשיכטע האָט זיך דערשלאָגען צו איהר בעפרייאונג נאָר דאַן, ווען זי האָט דערגרייכט די עקאָנאָמישע איבערמאַכט. דאָס זעלבע געזעץ גילט אויך אין דעם קאַמפף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט.
>
> די אינדוסטריעלע און אינטער־אינדוסטריעלע אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז געבויט אויף דעם פעסטען באָדען פון אויפקלערונג אין קלאַסענבעוואוסטזיין, וועט איבערגעבען צו דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער קלאַסע די קאָנטראָלע איבער דער פּראָדוקציאָן, און די אַרבייטער קלאַסע וועט דאַן זיין פערטיג אויפצוטרעטען אַלס די אמת׳ע בעל הבית׳טע דערפון.

ביטעלמאַן האָט זיך אין דעם פאַראינטערעסירט און ער האָט דערביי אויסגעדריקט אַ וואונטש צו קענען זיין ביי איינעם פון אונזערע מיטינגען, כדי צו זען ווי אַזוי עס קוקט אויס אונזער יוניאָן.

האָב איך אים דערקלערט, אַז מען קען דאָס זייער לייכט אויספירן און פאַר איינעם פון די מיטינגען, וואָס די שאַפּ־טשערלייט האָבן געדאַרפט אָפּהאַלטן, בין איך אַריין אין רעסטאָראַן און איינגעלאַדן ביטעלמאַנ׳ען ער זאָל גיין צום מיטינג. און אַזוי ווי מיט אים צוזאַמען איז דעמאָלט אויך געזעסן מאיר לונין, האָב איך אויך אים איינגעלאַדן. איך האָב פאַר זיי געקראָגן קאַרטלעך, אַז זיי זאָלן קענען אַריינגיין.

זיינען זיי געקומען, זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט און געוואָלט זען און הערן וואָס עס טוט זיך ביי אַזאַ מיטינג.

צווישן אַ סך פון די אָנוועזנדע אין האָל איז אָבער באַלד געוואָרן אַ שטיקל גערודער און אַן אומרואיגקייט. אייניגע האָבן אָנגעהויבן אָנווייזן אויף לונינ׳ען מיט די פינגער און זיך געשושקעט.

לונין איז הויך געוואָקסן. ער האָט אויסגעזען ווי אַ ריז. ער איז אין יענער צייט געווען באַשעפטיגט אַלס אינזשעניר און האָט געאַרבעט פאַר דער שטאָטישער באָארד אָוו טראַנספּאָרטעישאָן.

האָבן אָבער אייניגע פון די אַלטע יוניאָן־פּאָליטישאָנס אָנגענומען, אַז לונין מוז מסתמא זיין אַ גענגסטער. האָט זיך אָנגעהויבן אַ שושקעריי, אַז מסתמא דערוואַרט מען דאָביים מיטינג טראָבל.

אייניגע פון די פּראָגרעסיווע שאַפּ־טשערלייט זיינען צו מיר צוגעקומען און מיר געוואָרנט, אַז איך זאָל זיך היטן. מען האָט מיר אָנגעוויזן, אַז דאָרט אין אַ ווינקל זיצט אַ „געפערלעכער גענגסטער". דער צווייטער (ביטעלמאַן", וואָס זיצט לעבן אים, האָט מען מיך געוואָרנט, זעט עפּעס אויך ניט אויס ווי קיין שניידער . . .

די דאָזיגע שניידער שאַפּ־טשערלייט און אויך אַנדערע האָבן זיך אָבער באַרואיקט נאָך דעם ווי איך האָב זיי דערקלערט, אַזביידע זיינען ניט קיין גענגסטערס. איך האָב פאַרזיכערט, אַז איך קאָן זייביידן און איך האָב דערקלערט, אַז עס איז נישטאָ פאַרוואָס מורא צו האָבן, זיי זיינען כשר׳ע יוניאָנלייט.

קאַפּיטל 32

די „פּופּיקלעך פּרעסער" צעפּרעסן די יוניאָן

די „יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס" זיינען גאַר גיך צעשמעטערט געוואָרן אין זייער קאַמף געגן דער אַמאַלגאַמעיטעד. זיי האָבן פאַרלאָרן יעדן וויכטיגן קאָנטאַקט מיט די שניידער. הילמאַן האָט אַריבערגעקראָגן אַלע וויכטיגע טוער. די פירער האָבן שוין אפילו אַביסל צופיל געשטראָמט צו דער אַמאַלגאַמעיטעד, וואו זיי האָבן גענומען שפּילן אַ דאָפּלטע ראָלע. זיי האָבן דערזען פאַר זיך אַ גוטע צוקונפט זייענדיג פירער אין דער יוניאָן און גוטע פריינט מיט די באַלעבאַטים . . .

די גרעסטע צאָל פון זיי זיינען געווען צעפּוילטע, קאָרופּטע, דורכגע־פּרעסענע ביליגע פּאָליטישנס און „פּופּיקלעך פּרעסער", ווי די שניידער פלעגן זיי רופן. די חברה פלעגן נאָר לעבן אין די סאַלונס פון 56 אָרטשאַרד סטריט און 98 פאָרסייט סטריט.

די פּראָגרעסיווע שניידער האָבן גלייך דערזען די געפאַר פאַר דער נייער יוניאָן. נאָר הילמאַן האָט אונז פּרובירט באַרואיגן, אַז ווי גיך, די יוניאָן וועט זיך נאָר איינשטעלן, וועט מען אויסרייניגן די שמוץ. יוסף שלאָסבערג פלעגט פאַרגלאָצן די אויגן: מיר וועלן ניט דערלויבן צו פירן אונזערע יוניאָן־געשעפטן אין סאַלונען.

סידני הילמאַן, וועלכער האָט אַלעמאָל געשפּילט „גרויס־פּאָליטיק", האָט די לאָקאַלע אַרבעט געלאָזן צו די לאָקאַלע פּאָליטישנס.

אויף הילמאַן׳ען האָט מען דאַן געזאָגט, אַז ער איז אַ גוטער געשעפטס־מאַן. ער קויפט אויף מאַרך אַ קוואָדער אַ פונט און פאַרקויפט דאָס צו דאָלער אַ פונט . . .

הילמאַן האָט זיך פאַרבונדן מיט דער „אויבערוועלט", מיט אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי פּראָפעסאָר רידלי, פּראָפעסאָר פראַנקפורטער, דר. וואָלמאַן און נאָך אַנדערע פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַלער, געזעלשאַפט־

לעכער און קולטורעלער פּני, וואָס דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַרבעטער־גאַס, ווען מ׳האָט געזען ווי די „אויבערשטע פון שטייסל״ שטיצן די אַמאַלגאַמעיטעד. פון דער צווייטער זייט, האָבן די בעקערמאַנס, די האַלענדערס, דייוויד וואולפס, הערי קאָהנס און אַנדערע געגומען אויסקויפן די „אונטערוועלט״ פון די באַלעבאַטים, וועלכע איז געווען אַ גרויסער כוח ביי זיי. אַנשטאָט דעם גענגסטעריזם באַקעמפן און פאַרניכטן, האָט מען זיי גאַר געגעבן אַ נייעם מאַרקעט . . .

נאָך שטילע אונטערהאַנדלונגען מיט מאַקס פּיין, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ ברוגז מיט׳ן „פאָרווערטס״, האָט איינמאָל סידני הילמאַן אונז אַריינגערופן און דערקלערט פאַר אונז, פּראָגרעסיווע טוער, אַז דער בעסטער וועג צו זיין זיכער מיט אַ הונט, ער זאָל ניט בייסן, איז אַרויסרייסן אים די ציין״ . . . דאַן איז ער געקומען מיט אַ פאָרשלאָג: די „אַמאַלגאַמעיטעד״ זאָל אָנשטעלן פאַר פירער, לאָיערס, אָרגאַנאַיזערס, אַדווייזערס די „פאָרווערטס״־באַיעס און דאַן, אַנשטאָט די יוניאָן זאָל פירן אַ קאַמף מיט קאַהאַנ׳ען און דעם „פאָרווערטס״, וועלן שוין די „פאָרווערטס״־מענטשן דאָס טאָן אַליין, און דער „פאָרווערטס״ אַסאָסיעישאָן וועט פאַרטיידיגן די אַמאַלגאַמעיטעד געגן די געווערקשאַפטן און אויך געגן ב. שלעזינגער׳ן, וועלכער האָט שטילערהייט געגעבן „נאָדלען״ דער שניידער־יוניאָן.

אַזוי האָט מען אָנגעשטעלט דזשעיקאָב פענקינ׳ען און מאיר לאָנדאָנ׳ען פאַר לאָיערס. מ׳האָט געשאַפן „דזשאָבס״ פאַר מאַקס גאָלדפאַרב, הלל ראָגאָף, טש. אוירווין, י. ב. סאַלוצקי, שיפּלאַקאָוו, שפּעטער אויך העלד׳ן, און מיט זיי זיינען אַריינגעשוואומען אַ גאַנצע כאָפּטע געווערקשאַפטן „באַיעס״, וואו די אַמאַלגאַמעיטעד האָט זיך שטענדיג געפונען אין שרעק פאַר אַ הויף־אויפשטאַנד . . . אויב דעם „פאָרווערטס״ איז דאָך ניט געלונגען, איז בלויז דערפאַר, ווייל הילמאַן איז געווען אַ קלוגער און כיטרער „באַיער״ . . . סיי צווישן די באַלעבאַטים, סיי צווישן דער קאָרופּטער גרופּע אַרום „פאָרווערטס״ . . . ער האָט געוואוסט וועמען און ווי אַזוי מ׳קאָן קויפן . . .

אַ רעזולטאַט פון דער לאַגע איז אָבער געווען, אַז אַנשטאָט איבערצובויען די שניידער־יוניאָן פון פונדאַמענט ביז׳ן דאַך און קוימען, האָט מען די הויז בלויז איבערגעפאַרבט און אויפגעהאָנגען אַ נייע שילד „אַמאַלגאַמעיטעד״. אָבער אַדאַנק דעם וואָס טויזנטער שניידער, האָבן דורך דער צייט פון דעם אינערלעכן קאַמף געהאַט צוטרויען און האָפענונג, איז מיט געוואַלד זיי געלונגען אַ סך אויפצוטאָן און פאַרבעסערן דעם עקאָנאָמישן

לעבן אין קאַמף געגן סוועט־שעפּער, היים־אַרבעט, פאַר קירצערע שטונדן און בעסערע שכירות.

דער צוטרויען האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן, ווייל דער יסוד פון דער יוניאָן האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן צו זיין פאַלש און צע־פוילט. די „פּאָרוועטס“־באָיעס האָבן איינגעשלונגען די „אַמאַלגאַמעיטעד“ און ניט הילמאַן זיי. פּאָליטיש האָט ער געהאַט די מאַכט, עקאָנאָמיש — זיי.

אָט צום ביישפּיל, איינער פון די הויפּט־לאָזונגען פון דער נייער אַמאַלגאַמעיטעד איז געווען, אָרגאַניזירן די ניט־אָרגאַניזירטע, אַלע שניי־דער זאָלן אַריינגענומען ווערן אין דער יוניאָן, אָפּשטעלן די קאָנקורענץ צווישן ניו־יאָרק, ברוקלין און בראָנזוויל און אוט־אָוו־טאון. האָט מען אין „פּרינציפּ“ אָנגענומען שטאַרקע באַשלוסן פאַר דעם, נאָר אין דער אמת׳ן זיינען די באַשלוסן געווען אויסגערעכנטע „טריקס“, ווי צו אַרויספּרעסן וואָס מער גרעפט און פאַרשטאַרקן די קאָרופּציע. די הויפּט־פירער האָבן גוט געוואוסט פון דעם, נאָר אַנשטאָט גיין צו די מאַסן, האָט מען בעסער פּרובירט לאַטען און לאַטען . . .

מאַנכע „מאַכערס“ אין די לאָקאַלן, האָבן אויך כלומרשט אין נאָמען פון „פּרינציפּ“ און מיט דעמאַגאָגישע פראַזן אָנגענומען באַשלוסן ביי די לאָקאַלן און קאָנווענשאָנס, ניט צו דערלאָזן די נייע אַנטוויקלונג פון מאַ־שינעריע אין די שעפּער. אָנשטאָט אָוועקשטעלן דעם טראָפּ אויף אָפּ־שאַפן דעם סוועט־שאָפּ, איינפירן קורצערע אַרבעטס־שטונדן, אויסנוצן די נייע דערפינדונגען פאַר׳ן געזונט, האָבן זיי געפירט אַ קאַמפּאַניע, מ׳זאָל צעברעכן די נייע פּרעס־מאַשינען, בעיסטינג־מאַשינען, קאַטינג־מאַשי־נען א. אַז. וו.

און אָט ווי אַזוי זיי האָבן זייערע „פּרינציפּן“ פאַרווירקלעכט: ווען די פירער, אַזעלכע ווי דייוויד וואולף, הערי קאָהן, מענדעלע יודעלעוויטש, קליינמאַן, בעקערמאַן, האָלענדער און אַנדערע, צווישן זיי אַ צאָל אי־טאַליענישע פירער, האָבן זיי אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּאַניע צו אָרגאַניזירן אַ פירמע אָדער אַן אוט־אָוו־טאון שאָפּ, איז דאָס געטאָן געוואָרן גלייך מיט אַן אויג, וויפיל מ׳וועט קאָנען מאַכן פון דעם פּאַרראַט. צי דאָס איז געקו־מען פון דער יוניאָן־קאַסע צי פון דער פירמע, וואו זיי האָבן כלומרשט געוואָלט אָרגאַניזירן.

זייערע קליינע אונטערשטיפער אין די לאָקאַלן, האָבן געהאַט אַ באַ־זונדער איינקונפט. פון איין זייט האָט מען געשריגן און גערופן: „אַרבע־טער שליסט זיך אָן אין דער יוניאָן“. נאָר ווען דער אַרבעטער איז געקומען אין דער יוניאָן איז געווען אַ שווערע צאָם. מ׳האָט אים געטריבן פון איין

לאָקאַל צום צווייטן, פון ניו־יאָרק אין ברוקלין, דער סוף איז געווען, אַז ער האָט געמוזט אונטערהאַנדלען הינטער דער יוניאָן, צאָלן גרעפט, „טריטן" די „באָיעס" און דאַן — איז ער געוואָרן אַ יוניאָן־מאַן. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט מ׳זאָל ערגעץ סטרייקן, דאַן אַלס „סקעבס", פלעגט מען זיי אַריינגעמען אָן שוועריגקייטן און פאַר אַ קליינעם פּרייז.

אַזוי האָט מען אויך געמאַכט געלט פון אָפּשטעלן די קאָנקורענץ צווישן ניו־יאָרק און אוט־אָוו־טאַון.

מ׳האָט גענומען גרעפט ביי דער פירמע פאַר דערלויבן די יוניאָן־קאַטערס צו שניידן און אַרויסשיקן די אַרבעט אין סקעב־שעפּער, דערנאָך פון די קאָנטראַקטאָרס, וואו די אַרבעט איז אָנגעקומען. מ׳פלעגט ברענגען אין פּאַסעיק אָדער אין אַן אַנדער שטעטל, אַ טראָק מיט געשניטענע אַר־בעט, צוזאַמענרופן די קאָנטראַקטאָרס און מאַכן אַ „לעציטאַציע", ווער פון די קאָנטראַקטאָרס גיט מער גרעפט דער קריגט די אַרבעט. פאַרשטייט זיך, אַז דער קאָנטראַקטאָר האָט דאָס געלט געגעבן אויפ׳ן רעכענונג פון די אויסגעהונגערטע שניידער, וועלכע האָבן זיך געוואָלט „אָפּרעכענען" מיט אַ צווייטן שאַפּ, וועלכע האָט „אויסקאָנקורירט" די „לאַט" אַרבעט מיט אַ וואָך פריער. אָט אַזוי האָט מען געמאַכט, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך שניידן די העלדזער איינע די אַנדערע און די פאַרפירער זאָלן קאָנען רייסן גרעפט פון אַלע זייטן.

אַזוינע קונצן האָט מען אויך דורכגעפירט אין די לאָקאַלן ווען די „שטאַרקע מאַכערס" אין פּרעסער לאָקאַל 3 פלעגן ביי די מיטינגען קערן אַ וועלט געגן די פּרעס־מאַשינען, באַשלאָסן האָבן זיי, אַז בלויז די גרויסע אינסייד־שעפּער קאָנען נוצן די נייע מאַשינען, און שטילערהייט האָט מען אָרגאַניזירט אַ גרויסן „רעקעט". איינער פון די ביזנעס־אַגענטן אין דער יוניאָן איז געוואָרן דער „סעילסמאַן„ ביי דער האָפמאַן פּרעס־מאַשין קאָמ־פּאַני. ווען די קליינע קאָנטראַקטאָרס האָבן געוואָלט האָבן ביי זיך אין שאַפּ די פּרעס־מאַשינען, האָבן זיי שוין געמוזט צאָלן גרעפט פאַר יעדער מאַשין, וואָס מ׳האָט זיי דערלויבט אַריינצושטעלן און פאַר׳ן פּטור ווערן פון די איבעריגע פּרעסערס אין שאַפּ.

געאַרבעט אָט דאָס אַזוי: אין אַ שאַפּ וואו ס׳האָבן געאַרבעט צוועלף פּרעסערס און דער קאָנטראַקטאָר האָט געוואָלט אַריינשטעלן די מאַשינען, פלעגן קומען די לאָקאַלע פּאָליטישנס און פאַרהאַנדלען אין געהיים מיט אַכט פון די פּרעסער, פאַרזיכערט האָט מען זיי דעם „דזשאַב" און דערצו נאָך אַ פּאָר דאָלער אַ העכערונג אין די שכירות, אויב זיי וועלן שטימען

צו פאַרקלענערן דעם „סעט", טאָמער ניט — האָט מען זיי געסטראַשעט, „מופט" אַרויס דער שאַפּ „אוט־אָו־טאון" און מ'וועט שוין גאַרנישט קאָנען טאָן.

די אָרעמע פּרעסער האָבן גוט פאַרשטאַנען דעם שווינדל, אָבער זיי האָבן גאָרניט זיך געקאָנט העלפן צוליב'ן טעראָר, און געשטימט אַרויסצוּוואַרפן פיר פון זייערע ברידער. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז מען געקומען אין שאַפּ און רעאָרגאַניזירט פון דאָס ניי די אַכט. דאָס מאָל האָט מען געמאַכט אַ „דיל" מיט פינף געגן דריי, ווייל דער קאָנטראַקטאָר האָט גע־טענה'ט, אַז ער האָט צופיל פּרעסער און ער וויל אַז די פינף זאָלן האָבן פולע וואָכן אַרבעט. האָבן די פינף אַרבעטער צוגעשטימט אַרויסצוּוואַרפן נאָך דריי פון זייערע ברידער.

געוויס האָבן די פּראָגרעסיווע אַרבעטער געהאַט אַ לייזונג צו דער אַנטוויקלונג פון דער מאַשינעריע. מיר האָבן אָנגעוויזן, אַז דער איינציקער וועג צו פאַרמיידן אַ גרעסערע אַרבעטסלאָזיגקייט, אַ רעזולטאַט פון די נייע דערפינדונגען, דאַרף די יוניאָן באַשטימען, אַז מיר זיינען ניט געגן דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פּראָגרעס, נאָר פאַרקערט — מיר דאַרפן אויסנוצן די מאַשין צו פאַרגרינגערן דעם אַרבעטער. דער איינציקער וועג איז, אַז דאָרט וואו אַ באַלעבאָס שטעלט אַריין מאַשינען דאַרפן די אַרבעטער, צי דאָס איז אויף פּרעס־מאַשינען, צי בעיסטינג־מאַשינען, טעק־מאַשינען, און אַלע אַנדערע מאַשינען — אַרבעטן קירצערע שטונדן. דאָס וועט פאַרזיכערן, אַז אַרבעטער זאָלן ניט ווערן אַרויס־געוואָרפן אין מאַרקעט און ווערן שקלאַפן פאַר קאָנקורענץ.

די פּאַליטשנס אין לאָקאַל 2 ביי די שניידער, ווי אין לאָקאַל 3 ביי די פּרעסער, אַזוי ביי די אַנדערע לאָקאַלן, האָבן געהאַט איין זאַך אינזינען: זיך צו פאַרזיכערן מיט אַ צוקונפט אויפ'ן חשבון פון די פאַרשקלאַפטע שניידער.

קאַפּיטל 33

אַן „אידעאַליסט" אַ קאָרפּאָרעישאָניק

אַ צייט איז אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס געוואָרן פּאָפּולער די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג. מען האָט גערעדט וועגן בויען קאָאָפּעראַטיווע רעסטאָראַנען, אַפּאַרטמענטס, זומער־פּלעצער, בעקערייען. עס פלעגן זיך אָרגאַניזירן גרופּן צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונגען.

האָב איך זיך אין יענער צייט באַקאַנט מיט איינעם אַ שניידער, וועל־כער האָט געאַרבעט אין אַ קליינינג־סטאָר אויף מאָנראָ סטריט. זיין נאָמען איז געווען אַשור. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז עקסטראַ געקומען פון שיקאַגאָ קיין ניו־יאָרק צו ווערן דאָ אַקטיוו אין דער „קאָאָפּעראַטיווער" באַוועגונג.

אַ שטיקל צייט שפּעטער טרעפט ער מיך אין „חזיר־מאַרק" און פרעגט מיר צי וויל איך אַרויפגיין צו אים אין שאַפּ אַרבעטן.

— צו דיר? — פרעג איך פאַרוואונדערט, — ביסט געוואָרן אַ באָס?

— איך אַ באָס? — ענטפערט ער, — ניט אין ראָקעפעלער׳ס לעבן. מיר האָבן געמאַכט אַ קאָאָפּעראַטיוו, מיר אַרבעטן פאַר דער געזעלשאַפט.

אין די רייד קומט צו אים צו איינער, אַן אַנאַרכיסט, און צעשרייט זיך: אַ בראָך צו דיר אַשור, וואָס פון דיר איז געוואָרן. דו אַ באָס?

און אשור ענטפערט ווידער: איך אַ באָס? ראָקעפעלער וועט דאָס ניט דערלעבן.

טאָ וואָס דען? פאַנגט אשור אָן צו דערציילן, ווי אַזוי ער האָט „ענד־לעך פאַרווירקלעכט זיין אידעאַל צו אַרבעטן פאַר דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג":

— איך און מעלזאַק מיט גאָסינ׳ען, — האָט ער דערקלערט, — האָבן געעפנט אַ קאָאָפּערעישאָן שאַפּ. איצט האָבן מיר שוין נאָך פיר שטילע פאַרטנערס, און איך האָף, זאָגט ער מיט שטאָלץ, אַז אונזער אידעאַל וועט וואַקסן . . .

זיין פריינט דער אַנאַרכיסט, האָט אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטער: מאַכן קאָרפּערעישאָן שעפּער, איז ביי דיר אַן אידעאַל? עס איז דאָך אַ שאַנדע!

האָט אַשור זיך צעלאַכט און צעשריען:

— דו „איגנאָראַנט", וואָס דו ביזט! דער אידעאַל הייסט מאַכן קאָ־אָפּעראַטיוון, קומסטו און זאָגסט מיר אַ שאַנדע?

ווען דער פריינט, דער אַנאַרכיסט, האָט אים דערקלערט, אַז אַ קאָ־אָפּעראַטיוו איז ניט קיין קאָרפּאָרעישאָן, איז אַשור געבליבן שטיין אַ פאַר־צווייפלטער. ער האָט זיין גאַנץ פאַרמעגן פון הונדערט און פערציג דאָלער אַריינגעבראַכט אין דעם „אידעאַל" און איצט איז דאָס גאָרניט קיין „קאָ־אָפּעראַטיוו" נאָר אַ „קאָרפּאָרעישאָן".

נאָך דעם האָט ער מיך פונדעסטוועגן געבעטן, אַז איך זאָל גיין מיט אים אין שאַפּ און אַז איך זאָל דאָרט ווערן איינער פון די אַרבעטער. וועגן אים אַליין האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט בעטן די פאַרטנער מעלזאַק און

גאָסין, זיי זאָלן אים אויסצאָלן זיין געלט און ער זאָל אויך בלייבן אין שאָפּ אַ כשר׳ער אַרבעטער.

טאַקע ניט קיין ראַקעטעלער, נאָר אַ סוועט־שאָפּ עקספּלואַטאַטאָר

אַרויפקומענדיג אין שאָפּ האָב איך דערזען, אַז אשור איז שוין אַ פּאַרטיגער באָס, ער האָט גיך אויפגעכאַפּט אַלע שטיק פון אַן עקספּלואַטאַטאָר.

אין זיין קליינעם שאָפּ אויף פּאַיק סטריט, האָבן אַלע באַלעבאַטים פון דער קאָרפּאָרעישאָן, די אָפּענע און די שטילע, זיך געמישט אין דער אַרבעט. אַלע האָבן זיך אַרומגעדרייט און געפאַלן איינע איבער די אַנדערע. האָט איינער געזאָגט טאָג האָט אַ צווייטער געזאָגט נאַכט. זיי האָבן זיך ניט געגלויבט איינע די אַנדערע. יעדער איינער פון זיי האָט געשריען, אַז דער צווייטער טוט גאָרניט. העכער פון אַלע האָט געשריען אשור אויף די „פּאַראַזיטן". ווען ניט ער, האָט ער גע׳טענה׳ט, וואָלטן שוין אַלע געווען אין „חזיר־מאַרק".

איין טאָג, ווען אַ וועגל האָט געבראַכט באַנדלעך אַרבעט האָט דער עקספּרעסמאַן אַרויפגעשריען: „מיסטער אשור, מיסטער אשור!"

האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אַלע באַלעבאַטים, די שותּפים אין „אַ סטרייק" און ניט געוואָלט אַרונטערגיין אַרויפברענגען די „באַנדלעך". זייער טענה איז געווען: אויב דער „עקספּרעסמאַן" אַנערקענט נאָר מיסטער אשור׳ן פאַר׳ן באָס, טאָ זאָל אשור שלעפּן די באַנדלעך.

אינדרויסן האָט געפּליוכעט אַ רעגן, די באַנדלעך האָבן זיך געוויקט, דער עקספּרעסמאַן האָט געשריען „מיסטער אשור" און קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

די עטלעכע אמת׳ע אַרבעטער אין שאָפּ, האָבן געזען, אַז עס וועט אויסגיין צו זייער קאָפּ, ווען זיי וועלן פאַרלירן דאָס ביסל אַרבעט, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט איינע מיט די אַנדערע, אַרונטער אין גאַס און אַרויפגעשלעפּט די נאַסע פּעק אַרבעט אין שאָפּ אַריין.

אַ פינישער מיט אַ שלעכטן פיניש

איינמאָל האָט פּאַסירט אַזאַ פאַל:

אַ גרינער איד האָט אָנגענומען אַ דזשאָב אַלס פינישער ביי אַ באָס, וואָס האָט געהאַט זיין סוועט־שאָפּקע אין דער זעלביגער געביידע אויף פּאַיק סטריט. דער באַלעבאָס פון דעם שאָפּ האָט ביים גרינעם אידן גענומען אַ האַלבן דאָלער אַלס פאַרזיכערונג, אַז ער וועט קומען אויפ׳ן דזשאָב.

די געבײדע האָט געהאַט פיר שטאָק. די טרעפּ אין קאָרידאָר האָבן געסקריפּעט און זיך געוויגט ווי אַ מין „לופּ־דע־לופּ". דאָס קלײנע ברעט־נערל אויף אײנעם פון די פלאָרס האָט געצאַנקט ווי אַ חלב־ליכטל בײם אויסגײן.

ווען דער גרינער איד איז געקומען זוכן זײן דזשאָב, וואו ער האָט געהאַט זײן האַלבן דאָלער „סעקיוריטי", האָט ער פאַרבלאָנדזשעט. אָנ־שטאָט צו גײן אין שאָפּ אויפ׳ן פערטן פלאָר, איז ער אַרײן אין שאָפּ פון אשור, מעלזאַק און גאָסין.

דער איד האָט אָן עפּן געטאָן די טיר, און אײנער פון די באַלעבאַטים האָט אים אַ פרעג געטאָן: וואָס וויל אַ איד?

— איך בין דער פיבישער, — זאָגט דער איד מיט זיכערקײט, מײנענ־דיג, אַז דאָס איז דער שאָפּ, וואו ער האָט זײן „סעקיוריטי".

גיט אַ געשרײ אײן באָס צום צווײטן:

— אַ פיבישער!

גײט צו דער פיבישער צום צווײטן באָס און ווידער דאָס אײגענע:

— וואָס ווילט איר?

— איך בין דער פיבישער.

ווײזט אים דער דאָזיגער באָס אָן דעם טיש וואו ער דאַרף זיך זעצן אַרבעטן. ער, אָט דער באָס, האָט געמײנט, אַז דער ערשטער האָט אים געבראַכט פון „חזיר־מאַרק" צו דער אַרבעט און אַז מען דאַרף אין שאָפּ אַ פיבישער.

דער איד האָט אויסגעטאָן זײן רעקל, אָנגעטאָן דעם פאַרטוך און זיך געזעצט מיט די אַנדערע פיבישערס צו דער אַרבעט. דער איד האָט זיך געפלײסט „אַרײנצושיסן" נאָך מער ווי דער נויטיגער „ציל" איז געווען.

באַלד נאָך זעקס אין אָוונט, גײט צו דער פיבישער צו מיסטער אשור׳ן רעדן וועגן פרײז און צוריקקריגן דעם האַלבן דאָלער „סעקיוריטי", וואָס ער האָט געגעבן.

האָט אים אשור אָנגעקוקט און זיך ציביש צעלאַכט: ר׳ איד, ווער זײנט איר און וואָס ווילט איר? איר ווילט דרײען אַ קאַפּטור, גײט צו מײן פּאַרטנער.

ווערט דער איד אָפּגעגאָסן מיט שווײס און גײט צו צו גאָסינ׳ען.

גאָסין הערט אים אויס, און גיט אַ זאָג אָפּ:

— איך דינג ניט קײן הענט, מסתמא האָט מעלזאַק אײך געדונגען. אָט איז ער, גײט און רעדט צו אים.

מעלזאַק האָט אויסגעהערט דעם אידן און שיקט אים ווידער צו אשור׳ן.

האָט זיך אשור צעלאַכט אויפ׳ן קול: וואָס מיר פינישער, ווער מיר פינישער, מיסטער, אויב איר וועט זיך דאָ אַרומדרייען צופיל וועט מען אייך נאָך איבערפאָרן.

— אויב איר דאַרפט מיך ניט, — האָט זיך דער איד אָנגעהויבן בעטן, — באַצאָלט מיר פאַר׳ן האַלבן טאָג און גיט מיר אָפּ מיין האַלבן דאָלער „דעפּאָזיט״.

ניט קיין דזשאָב, ניט קיין שכירות און ניט קיין האַלבער דאָלער „דעפּאָזיט״

אשר האָט זיך צעשריען: מעלזאַק וואַרף אַרויס דעם משוגענעם, וואָרום איך וועל אים דאָ דערלאַנגען מיט אַ שער אין קאָפּ.

דער איד האָט ווידער גענומען טענה׳ן און נעמט אַרויס דעם פאַר־שריבענעם אַדרעס פון קעשענע.

ווען מעלזאַק האָט דערזען דעם טעות וואָס דער איד האָט געמאַכט איז ער צוגעגאַנגען צו אשור׳ן ער זאָל געבן דעם אידן אַ פּאָר סענט פאַר דער אַרבעט.

האָט זיך אשור צעלאַכט: הער אַ מעשה, ער גייט אַרבעטן ביי קאַרפּ׳ן זאָל איך אים צאָלן „פּעי״.

דער איד איז געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך געבראָכן די פינגער און איז אַוועק מיט פאַרלאָפענע אויגן צו קאַרפּ׳ן אין שאָפּ.

אויף מאָרגן האָט קאַרפּ וועגן דעם זיך גע׳חכמה׳ט מיט אַ טענה צו אשור׳ן:

— הער אַ געשיכטע, אַ איד גיט מיר אַ האַלבן דאָלער אַ דעפּאָזיט, אַז ער וועט קומען צו דער אַרבעט, וואַרט איך אַ גאַנצן טאָג און ער קומט ניט. דורך אַ טעות איז ער אַוועק אַרבעטן ביי עמיצן אַנדערש. האָט ער נאָך די חוצפּה צו קומען בעטן צוריק דעם האַלבן דאָלער ביי מיר.

— איז וואָס האָסטו געטאָן? — פרעגט אים אשור.

— וואָס הייסט, וואָס? — ענטפערט קאַרפּ, — איך האָב אים אַרויס־געוואָרפן אויף צוויי שפּענדלעך.

ווען אשור האָט דערציילט קאַרפּ׳ן, אַז דער איד האָט טאַקע ביי אים געאַרבעט דעם האַלבן טאָג און ער האָט אים אפילו ניט באַצאָלט האָבן ביידע אַרויסגעשאָסן אַ ווילד געלעכטער.

קאַפּיטל 34

טיפּן פון אַמאָליגע „וואָקינג־דעלעגאַטן"

צוויי יאָר נאָך דעם ווי די איצטיקע אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן האָט אָנגעהויבן איר עקזיסטענץ, זיינען צווישן די אַרבעטער נאָך אַלץ געווען אַ סך אַזוינע, וואָס האָבן געצווייפלט אין דעם, צי די אַמאַלגאַמעיטעד וועט קאָנען בייקומען אַט־די אַלע שוועריגקייטן, וואָס זי האָט פאַר זיך געהאַט.

דאָס אַליין האָט אוודאי אויך קיין געזונט ניט צוגעגעבן. דאָס האָט געמאַכט נאָך שווערער איינצושטעלן די אַרבעט סיי אין דער יוניאָן און סיי אין די שניידער־שעפּער.

די פירער און אַגענטן פון דער יונאַיטעד גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, פון וועלכער די אַמאַלגאַמעיטעד האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּאָלטן האָבן אין זייער קאַמף געגן דער נייער יוניאָן ניט געזוכט צו קאָנקורירן מיט איר דורך דער אָרגאַניזירונג פון אַרבעטער. זיי האָבן אָבער יאָ קאָאָפּע־רירט מיט באַלעבאַטים און דורך זיי, דורך די באַלעבאַטים, האָבן זיי געזוכט צו צערייסן די איינגקייט פון די שניידער און אָנצומאַכן דער אַמאַל־גאַמעיטעד אַלע מעגלעכע צרות.

די גרויסע באַלעבאַטים האָבן זיך גלייך גענומען צו באַנוצן געגן דער אַמאַלגאַמעיטעד טעראָר און גענגסטעריזם. די באַלעבאַטים פון די קליינע סוועט־שעפּער האָבן זיך אויך ניט זייער לייכט געוואָלט אונטערגעבן דעם קאָנטראָל און די באַדינגונגען פון דער יוניאָן. אויב קיין געדונגענע גענגסטערס האָבן זיי ניט באַשעפטיגט, האָבן זיי זיך אָבער באַנוצט מיט פריינט און פאַמיליעס אין שאַפּ, מיט אונטערקויפן געוויסע טיפּן וואָס זיינען אַלעמאָל גרייט זיך צו פאַרקויפן פאַר אַ דאָלער אָדער אַ שנאַפּס.

די ביזנעס־אַגענטן אין יענער צייט זיינען געווען — אָדער די „פּור־פּיקלעך־פּרעסער", וואָס האָבן זיך אַריבערגעקליבן פון דער „באַיבל־הויז", אָדער שאַפּ־שניידער, וואָס האָבן געהאַט זייער וויניג דערפאַרונג אין דער אַרבעט פון איינשטעלן אַ יוניאָן. אייניגע פון זיי האָבן אפילו ניט געקאָנט אין קיין שפּראַך לייענען און שרייבן.

אַ מעשה מיט פאַלשע און פאַרביטענע זייגערס

איינער אַזאַ ביזנעס־אַגענט איז געווען אַ מאַן מיט'ן נאָמען קלמן פרידמאַן.

אַט־דער פרידמאַן האָט איינמאָל געקראָגן אַ קלאַגע, אַז אין גאָלדמאַנ'ס

שאַפּ אויף קענאַן סטריט, ווערט דורכ׳ן פאָרמאַן ניט אָפּגעהיט ריכטיג די אַרבעטס־צייט. די קלאַגע איז געווען, אַז דער פאָרמאַן מאַנעווורירט אַזוי מיט׳ן זייגער, אַז ער נאַרט אַריין אַ שעה אַ טאָג אומזיסטיגע אַרבעט.

איז פרידמאַן אַוועק אין שאַפּ צו מאַכן אַ סוף פון דער דרייעניש מיט׳ן זייגער.

סעם מאלבון, אַן אַלטער טיפּ שניידער פון פריערדיגן דור

גאָלדמאַנ׳ס שאַפּ איז אין דער דערמאָנטער געבײדע געווען אויפ׳ן דריטן פלאָר. נאָר אַזוי ווי קלמן פרידמאַן האָט ניט געקאָנט לייענען, איז ער דורך אַ טעות אַרויף אויפ׳ן פערטן פלאָר און דאָרט אָפּגעשטעלט אַ שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו אַ באַלעבאָס מיט׳ן נאָמען גראַדזשאַנסקי.

ווען פרידמאַן האָט דערקלערט פאַרוואָס ער שטעלט אָפּ דעם שאַפּ, האָט דער באַלעבאָס גראַדזשאַנסקי (ניט ווייסנדיג וועגן טעות), צוגעגעבן,

אַז עס איז אמת, אַז דער זייגער זיינער איז טאַקע ניט מיט אַלעמען ... און אַז ער טראַכט שוין אפילו וועגן קויפן אַ נייעם זייגער. ער האָט אָבער געוואָלט וויסן, ווער פון די אַרבעטער עס האָט געהאַט די חוצפה צו גיין און דאָס דערציילן אין דער יוניאָן.

אַז קלמן פרידמאַן האָט שוין אייגגעזען, אַז ער האָט „פאַרבלאָנ־דזשעט", כאָטש בלויז מיט'ן פלאָר און ניט מיט'ן זייגער, האָט ער מיט גראַדזשאַנסקי'ן גלייך געסעטלט, אַז ער, דער באָס, זאָל מאָרגן אַריינ־שטעלן אין שאַפּ אַ נייעם זייגער. נאָך דעם איז ער גלייך אַרונטער צו גאָלדמאַנ'ען אין שאַפּ אויפ'ן דריטן פלאָר, כדי אויך דאָרטן עפּעס צו טאָן וועגן זייגער.

אויף מאָרגן האָט גראַדזשאַנסקי אָפּגעזאָגט אַן אַרבעטער אויף וועמען ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז ער זאָל דאָס האָבן דערציילט אין דער יוניאָן וועגן פאַלשן זייגער. האָט מען זיין שאַפּ ווידער אָפּגעשטעלט.

ביי שאַפּ־מיטינגען, אין קאָלומביא האָל, האָט מען נאָך דעם אויסגע־פונען, אַז די צוויי באַלעבאַטים האָבן קיין נייע זייגערס ניט געקויפט, נאָר גאָלדמאַן און גראַדזשאַנסקי האָבן זיך געביטן מיט זייערע זייגערס, וועלכע האָבן אויסגעזען אַנדערש. דאָס אַליין, האָבן זיי געדענקט, וועט שוין מאַכן גלויבן די אַרבעטער, אַז איצט וועלן זיי שוין היטן די ריכטיגע צייט.

די צוויי באַלעבאַטים זיינען באַשטראָפט געוואָרן צו פינף־און־צוואַנציג דאָלער, און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די שאַפּ־טשערלייט זאָלן קויפן אייגענע זייגערס, זיי האַלטן ביי זיך אין די מאַשין־קעסטלעך, און פייפן צו דער אַרבעט לויט דער אייגענער צייט.

אַ געשלעג און אַ משפט איבער אַ נעקטאַי

אַ טראַגי־קאָמישע פאַסירונג איז פאָרגעקומען מיט אַ צווייטן ביזנעס־אַגענט, מיט'ן נאָמען לעאָן באַראַש.

באַראַש איז געווען אַ מיטליאָריגער שניידער, היבש אָפּגעלאָזן. ביי די מיטינגען פלעגן פאָרקומען אַ סך שפּאַסן מיט אים. ער האָט געהאַט אַ טבע צו אַנטשלאָפן ווערן אַזוי שנעל ווי ער פלעגט זיך נאָר אַוועקזעצן אויפ'ן ביינקל. פון צייט צו צייט, ווען ער האָט דרעמלענדיג געהערט עפּעס אַ גוטן פאָרשלאָג, האָט ער אַ בורטשע געטאָן מיט פאַרמאַכטע אויגן: „איך מאַך דאָס צום פאָרשלאָג!" ...

איינמאָל, ביי אַ וויכטיגער דיסקוסיע, איז ער איינגעשלאָפן און גע־נומען שטאַרק כראָפּען. האָט דער פאָרזיצער גענומען קלאַפּן מיט'ן האַמער

און שרייען: „ברודער באַראַש, אויב איר ווילט שלאָפן, גייט אין אַ טער־קישער באַד".

האָט באַראַש אויך דעמאָלט זיך אַ טשוכע געטאָן און געענטפערט: „ברודער טשערמאַן, איך מאַך דאָס צום פאַרשלאַג."

איינמאָל האָט זיך דער דאָזיגער ביזנעס־אַגענט דערוואוסט, אַז אין אַ סוועט־שאַפּקע פון מייקלסאָן אויף דילענסי סטריט, האָט דער שאַפּ־טשער־מאַן אָפּגעמאַכט מיט׳ן באַלעבאָס, אַז ער, דער שאַפּ־טשערמאַן, זאָל לאָזן אַ צאָל אַרבעטער, וועלכע האָבן אַרויסגענומען יוניאָן־ביכלעך צו אַרבעטן, ניט צאָלנדיג קיין דיוס.

איינער פון די אַרבעטער, ראָזען, אַ פּאַקעט־מאַכער, האָט זיך אפילו באַרימט ביי די מאַשינען און אַלעמען געוויזן זיין ביכל, אַז ער האָט אויף דעם בלויז איין סטעמפּ און אַז די גאַנצע יוניאָן איז אַ בלאָף, אַ סימן, אַז מען ווייסט סיי ווי ניט, ווער עס צאָלט דיוס און ווער ניט.

אין די רייד איז אַריינגעקומען באַראַש און געוואָלט קאָנטראָלירן די ביכלעך.

ווען ער איז צוגעקומען צו ראָזענ׳ען און פאַרלאַנגט זיין ביכל, האָט ראָזען פּרובירט דערציילן אַ מעשה, אַז ער האָט ניט דאָס ביכל מיט זיך, אַז ער האָט דאָס איבערגעלאָזט אין דער היים.

איינער פון די אָפּערעיטאָרס האָט אָבער אַ וואַנק געטאָן צו באַראַש׳ן און אים אָנגעוויזן, אַז דאָס ביכל ליגט אין בוזים־קעשענע פון זיין ראָק, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, הינטער דער מאַשין.

איז באַראַש צוגעגאַנגען צום ראָק און אַרויסגענומען דאָס ביכל.

דאָ איז אויפגעשפּרונגען ראָזען פון דער מאַשין און געוואָלט צוריק־כאַפּן דאָס ביכל. האָט זיך צווישן זיי פאַרוויקלט אַ ראַנגלעניש. ביידע זיינען אומגעפאַלן און עס איז געוואָרן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

אינמיטן פון ראַנגלעניש האָט ראָזען אָנגעכאַפּט באַראַש׳ן פאַר׳ן נעק־טאַי און האָט אים אַזוי שטאַרק פאַרצויגן, אַז באַראַש איז געבליבן ליגן מיט׳ן צונג אינדרויסן.

ווען דזשעק סיימאָן, אַן אָפּערעיטאָר, האָט דערזען, אַז באַראַש האַלט ביים דערשטיקט ווערן, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ שער און איבערגעשאַרן דעם נעקטאַי ביים טייל וואָס ראָזען האָט געהאַלטן אין האַנט.

באַראַש האָט זיך דאַן אויפגעכאַפּט „זיגרייך" מיט׳ן ביכל אין האַנט, נאָר ווען די אַרבעטער האָבן אים דערזען מיט׳ן אָפּגעשאַרנעם שניפּס האָבן זיי זיך צעלאַכט.

האָט באַראַש גלייך אַ פרעג געטאָן: ווער האָט דאָס צעהאַקט מיין טאַי?

דער אָפּערעיטאָר, וואָס האָט זיך געפּילט שטאָלץ מיט זיין טאַט, איז צוגעלאָפן צו באַראַש'ן און מיט צופרידנקייט אַ זאָג געטאָן: דאָס האָב איך אייך געראַטעוועט אַפּהאָקנדיג דעם נעקטאַי.

אַ שטראָף פאַר שניידן דעם שניפּס

באַראַש האָט אויף אים בייז אַ קוק געטאָן און אויסגעשריען: מאָנ־טאָג זאָלט איר קומען צו דער „גריוועגס־באָארד", וועל איך אייך וויזן ווי צו מאַכן חוזק פון אַ „וואָקינג־דעלעגאַט".

מאָנטאָג האָט מען דער אָפּערעיטאָר ביי דער „גריוועגס־באָארד" באַ־שטראָפט מיט פינף דאָלער, און ראָזען, דעם פּאַקעט־מאַכער, האָט מען באַטראָפט, אַז ער זאָל באַצאָלן די דיוס וואָס ער איז שולדיג און אויך פאַר דריי חדשים אין פאָראויס.

נאָך דעם ווי דער אָפּערעיטאָר האָט אַפּעלירט געגן דער שטראָף פון פינף דאָלער, האָט ער מיט באַראַש'ן געסעטלט, אַז ער, דער אָפּערעיטאָר, זאָל פאַר באַראַש'ן קויפן אַ נייעם שניפּס. ער האָט עס געטאָן און גע־קויפט אַ שניפּס, אַ זיידענעם, פאַר אַ גאַנצן קוואָדער.

קאַפּיטל 35

אַ סוועט־שאַפּ מיט „אימפּרואוומענטס"

צווישן די אַרבעטער און די באַלעבאַטים פון די קליינע סוועט־שעפּער, וואָס די אַמאַלגאַמייטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן האָט יוניאָניזירט אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ, האָט מען אָפט געהערט באַמער־קונגען: אויך מיר אַ קונץ! אָרגאַניזירן שעפּער פון ברום סטריט און קענאַן סטריט איז קיין קונץ ניט. אָט זאָלן די פירער פון דער יוניאָן וויזן אַ קונץ און אָרגאַניזירן בראָדוועי.

מיט'ן וואָרט „בראָדוועי" האָט מען געמיינט די גרויסע און באַרימטע קליידער־פירמע קאהן און לענג, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ צען־פּלאָרי־גער געביידע אויף בראָדוועי און 6טע סטריט.

די דאָזיגע פירמע איז געווען באַרימט ניט נאָר דערפאַר, וואָס זי איז געווען איינע פון די גרעסטע אין לאַנד, נאָר אויך פאַר די מעטאָדן וואָס זי האָט באַנוצט אין אירע ביזנעס און אין קאַמף געגן דער אָרגאַניזירונג פון אירע אַרבעטער.

די צוויי באַלעבאַטים, דעם איד קאהן און דעם דייטש לענג, האָט מען

א מאַדערנער שאַפּ מיט אַלטע סוועט־שאַפּ מעטאָדן — וו"ם גראָפּער.

זעלטן ווען געזען אין דער פאַבריק. די מערסטע אַרבעטער האָבן זיי גאָר־ניט געקאָנט. דערפאַר האָט מען אָבער גוט געקאָנט דעם הויפּט־מענ־עדזשער פון פאַבריק, מיסטער גרעיבער, אַ ביטערער דייטשוק.

דער מיסטער גרעיבער איז געווען אַן אָנפירער פון אַ סטרייק־ברעכע־רישער אַגענטור, אויך אַ געוועזענער דעטעקטיוו. ער האָט דאָס איינגע־פירט אין שאַפּ די מעטאָדן, וואָס האָבן געמאַכט אויפצושווידערן די, וועלכע האָבן וועגן דעם געהערט.

אַן ענעקס צום דאַווענען און פאַרברענגען מיט פרויען

דער שאַפּ פון די מאַנטלען, וואָס די פירמע האָט געהאַט אויפ׳ן צענטן פלאָר פון דער געביידע, איז געווען אַ גאַנצער בלאָק די גרויס, דערצו נאָך מיט אַן „ענעקס״ פון דער זייט. דער „ענעקס״ איז געווען אויסגעפּוצט מיט פאַרמאַכטע צימערן און פיינע מעבל. ווען די עלטערע אידן פון שאַפּ האָבן געוואָלט האָבן אַ מנין צו זאָגן קדיש, אָדער צו האַלטן אַ יאָרצייט, פלעגן זיי קאָנען דאַווענען אין „ענעקס״.

מיסטער גרעיבער האָט אָבער דעם „ענעקס״ אויך באַנוצט פאַר נאָך אַ צוועק. דער „ענעקס״ איז געווען דער פּלאַץ, וואו „באַיערס״, מיט וועלכע די פירמע האָט געטאָן ביזנעס פלעגן אָפּט קאָנען פאַרברענגען מיט שיינע מיידלעך, וואָס זיינען געווען צווישן די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי דער פירמע.

ווי גיך דער „באַיער״ איז אַרויפגעקומען, האָט מיסטער גרעיבער אים אַרומגעפירט צווישן זיינע „אָנגעשטעלטע״ פרויען, אויסצוקלייבן איינע פון זיי. ווען דער „באַיער״ האָט באַשטימט, וועלכע ער וויל האָבן, דאַן איז גרעיבער צוגעקומען אָפּן און פרעך, אין געגנוואַרט פון אַלע אַרבעטער, ער פלעגט אַ פייף טאָן מיט צוויי פינגער אין מויל און אָנרופן די פרוי ביים נאָמען: עמיצער וויל דיך זען דאָרטן אין „ענעקס״ . . .

ווען די פרוי פלעגט אַוועקגיין און דערנאָך קומען צוריק, האָט דער סאָב־קאָנטראַקטאָר סעם דינער, שטענדיג געהאַט עפּעס צו מאַכן אַ ציניש־ באַמערקונג. מאַנכע אַרבעטער האָבן געלאַכט פון די בילי‍גע חכמות און מאַנכע האָבן זיך באַגראָבן פון שאַנדע.

אין דעם שאַפּ האָט די אַמאַלגאַמעיטעד באַשלאָסן דורכצופירן אַ גרויסן אָרגאַניזיר־קאַמפּעין. איז פאַר דער יוניאָן געוואָרן אַ פּראָבלעם ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן דעם שאַפּ פון קאָהן און לענג און דאָרט איינפירן מענטש־לעכע באַדינגונגען.

האָט מען דעמאָלט באַשטימט, אַז אַ גרופּע אַרבעטער, מיין וויניגקייט

צווישן זיי, זאָלן זיך אַריינקריגן צו דער אַרבעט אין דעם שאָפּ.

דזשאָזעף קרוגמאַן, אַ „וואָקינג"־דעלעגאַט פון יענעם דיסטריקט, האָט געפונען אַ מענטשן, וואָס זאָל מיך באַקענען מיט דעם סעם דינער, וואָס איז געווען אַ סאַב־קאָנטראַקטאָר אין יענעם שאָפּ.

פאַרשטעלטע „סקעבס"

מיט דעם סעם דינער'ן האָב איך זיך געטראָפן אַ שבת בייטאָג אין אַ רומענישן רעסטאָראַן אויף דער איסט־סאַיד, ביי איינעם שאַפּירא.

די דריטע פּערזאָן האָט געבעטן דינער'ן מיך אַרויפצונעמען צו דער אַרבעט אין קאָהן און לענג'ס שאָפּ. מען האָט אים דערפאַר פאַרזיכערט, אַז אויב עס וועט זיין אַ סטרייק, וועל איך אים העלפן קריגן „סקעבס" . . .

מיר האָבן אָפּגעגעסן אַ גוטן סטעיק, פאַרטרונקען מיט וויין און גלייך אין מיין געגנוואַרט האָט סעם דינער אָפּגערופן מיסטער גרעיבער'ן און אים געלאָזט וויסן, אַז ער האָט פאַר אים אַזאַ מענטשן, וואָס וועט אין פאַל פון אַ סטרייק קאָנען דינען אַלס אַ „גוטער סקעב" . . . גרעיבער האָט גלייך געענטפערט: ברענג אים צו דער אַרבעט.

זונטאָג פרי בין איך אַרויפגעקומען צו דער אַרבעט. אין דעם שאָפּ האָט מען דעמאָלט געאַרבעט זיבן טעג אַ וואָך. גרעיבער האָט מיך זייער פיין אויפגענומען. ווען די אַרבעטער האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי פאַר־שטאַנען, אַז איך האָב דאָ עפּעס אַ „פּול" . . .

אייניגע פון די אַרבעטער האָב מיך דערקאַנט אַלס אַ טוער פון דער יוניאָן. און אַזוי ווי צווישן זיי זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען נאָך אין דער יוניאָן געווען זייער וויניג פאַרליבט, איז מען געלאָפן צום מענעדזשער מיט אַ מסירה, אָבער סעם דינער האָט פאַרזיכערט גרעיבער'ן, אַז יענע זיינען דאָס אָט־די מענטשן, וואָס ברענגען אַריין אין שאָפּ די ליפּלעטס, וועלכע מען געפינט אַלע טאָג צווישן די באַנדלעך און אַז יענע זיינען דאָס די, וועלכע קלייבן זיך צו דערקלערן אין שאָפּ אַ סטרייק.

מיט דער הילף פון אָט־דעם סאַב־קאָנטראַקטאָר און סקעב־אַגענט סעם דינער האָבן מיר דעמאָלט אין שאָפּ שוין געהאַט אַרויפגענומען צו דער אַרבעט אַ גאַנצע ריי אַקטיווע יוניאָן־טוער פון יענער צייט און זיי קאָלאָ־ניזירט אין יעדן דעפּאַרטמענט פון שאָפּ.

ווען די רייד וועגן אַ מעגלעכן סטרייק זיינען צווישן די אַרבעטער אין גאַס געוואָרן שטאַרקער, איז מיסטער גרעיבער אַרומגעגאַנגען אַ צופרידע־נער, פול מיט זיכערקייט, אַז זיין שאָפּ וועט מען ניט דערגרייכן. ער האָט אַלע טאָג איינגעלאַדן עמיצן פון אונז צו גיין מיט אים עסן און פאַר־

ברענגען. און מיר האָבן אַלעמאָל געדאַרפט האָבן אַ פּאַרטיגן תּירוץ פאַר־וואָס מיר קאָנען ניט גיין. די תּירוצים זיינען מערסטנס געווען, אַז מיר דאַרפן אויסגעפינען צי דער אָדער יענער אַרבעטער גייט ניט אין דער יוניאָן.

ערב די טעג פונ׳ם סטרייק האָט דער סאַב־קאָנטראַקטאָר סעם דינער זיך געכאַפּט, אַז מיר פירן אים אין באַד . . . ער האָט געפּאַקט אַ פּעקל מיט ליפּלעטס און געהאַלטן דאָס צו באַוויזן גרעיבער׳ן, ווער מיר זיינען. אָבער איידער ער האָט עס באַוויזן צו דערציילן, איז שוין גרעיבער געווען ביי זיין ראָק און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט די ליפּלעטס — גאָר פון זיינע קעשענעס . . . גרעיבער האָט דעמאָלט גלייך, אָן צערעמאָניעס, אַרויסגע־וואָרפן דעם סאַב־קאָנטראַקטאָר פון שאָפּ. ער האָט אים אפילו ניט געוואָלט אויסהערן. זייער שטאַרק האָט אין דעם אַרויסגעהאָלפן דאָס, וואָס אין שאָפּ זיינען פון אונז פאַרשפּרייט געוואָרן שטילע קלאַנגען, אַז סעם דינער איז שוין גאָר אַליין געוואָרן אַ יוניאָן־מאַן . . .

ווען דער סטרייק איז געקומען

ווען עס איז געקומען דער טאָג ווען די יוניאָן האָט געזאָלט דערקלערן דעם סטרייק, זיינען אַלע אין שאָפּ און אַרום שאָפּ אַרומגעגאַנגען מיט אַ פראַגע אויף די ליפּן: וועט געלונגען אַראָפּצונעמען די אַרבעטער פון קאָהן און לענג אין סטרייק, אָדער ניט?

גרעיבער איז יענעם טאָג אַריינגעקומען אין שאָפּ פריער ווי אַלע מאָל. אַלע ווייליע האָט ער אַריינגערופן אין אָפיס איינעם פון אונז, און זיך מישב געווען, וואָס צו טאָן אין אַזאַ און אַזאַ פאַל.

מיר זיינען געוואָרן אַביסל אומגעדולדיג, דערשראָקן, ניט געוואוסט געצוי, וואָס גרעיבער וועט טאָן. וועט ער רופן פּאָליציי? וועט ער באַנוצן דעם רעוואָלווער, מיט־וועלכן ער פלעגט זיך אַלעמאָל גרויסן?

דער זייגער איז געווען אַ מינוט צו צען. האָבן מיר זיך אַלע אָנגע־שטרענגט צו זיין אויף אונזערע פּאָזיציעס. מיר האָבן אַלע אָנגעגרייט פּייפלעך אין די קעשענעס, אַזוי אַז דער פּייף זאָל קומען פון אַלע דע־פּאַרטמענטס מיט אַמאָל. דער אָפּמאַך איז געווען, אַז אַלע זאָלן אויפהויבן זייערע מענטשן פון די שטולן אַזוי שנעל ווי דער פּייף וועט זיך דערהערן איבער׳ן שאָפּ.

מיטאַמאָל האָט אַ פּייף פאַרהילכט דעם שאָפּ פון אַלע זייטן. מ׳האָט זיך גענומען שטעלן אויף די פיס. עס איז געוואָרן אַ טרעוואָגע.

אין צווייטן ברעג שאָפּ האָבן אַ פּאָר פון די פּרעסער זיך אַזוי גיך

ניט געגומען אַנטאָן. זיינען מיר צוגעקומען זען וואָס דאָרטן קומט פאָר. דאָן איז גרעיבער צוגעלאָפן, געכאַפּט אַ גרויסן שרויפן־ציער און זיך פאַרמאָסטן אויף איינעם פון אונז.

די אַרבעטער זיינען אָבער געווען ווי אַן אייזערנער רינג אַרום אונז. אַלע ווי איינער זיינען אַרונטער אין סטרייק.

קאַפּיטל 36

מאָדנע סקעבס

ווען די אַרבעטער פון דער גרויסער קליידער־פירמע קאָהן און לענג זיינען אין די ערשטע יאָרן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד אַלע אַרונטער אין סטרייק איז דאָס סיי פאַר די באַלעבאַטים און סיי פאַר די אַרבעטער פון די שניידער־שעפער געווען אַ גרויסע איבעראַשונג.

מיסטער גרעיבער, דער דייטשער מענעדזשער פון דעם קאָהן און לענג שאַפּ, האָט זיך געפילט זייער דערשלאָגן.

האָט ער, אַלס געוועזענער דעטעקטיוו, זיך גענומען אויסצונוצן זיין טאַלאַנט אויף דער אַרבעט פון אַ סקעב־אַגענט.

דורך הערמאַן גאָלדשטיין, אַ פאָרמאַן פון דעם קאַטינג־דעפּאַרטמענט, וואָס איז געווען פּאַראינטערעסירט, אַז מ׳זאָל פּטור ווערן פון גרעיבער׳ן אַלס מענעדזשער, האָבן די קאַטערס זיך דערוואוסט, אַז אַרבעט פון דער קאָהן און לענג פירמע ווערט אַרויסגעשיקט אויסער ניו־יאָרק.

האָבן מיר זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ פּאָר עקס־פּרעסלייט און זיי פלעגן אַלע ביינאַכט איבערגעבן פאַר אונז ביי אַ סטענד די אַדרעסן, וואו די אַרבעט איז געשיקט געוואָרן.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער פלעגן שוין די קאַסטנס מיט אַרבעט קומען צוריק, ווייל די קאָנטראַקטאָרס אויט־אָוו־טאַון, וואו מען פלעגט עס שיקן, האָבן שוין אויך געהאַט דעם סטרייק ביי זיך.

מיר פלעגן נאָכגיין די צוריקגעקומענע קאַסטנס ווי נאָך אַ לויה . . .

גרעיבער האָט זיך דאַן גענומען צו שיקן די קאַסטנס צו די באַן־סטאַנציעס אָן אַדרעסן. ער פלעגט שיקן אַ מענטשן אָנצושרייבן די אַדרעסן דאָרטן אין סטאָק־רום, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט וויסן וואו די אַרבעט ווערט געפירט.

האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ קאָמיטעט און זיך געווענדעט צום סטעישאָן־מייסטער ביי דער באַן. מיר האָבן אים דערקלערט וועגן סטרייק און וואָס

די קאָהן און לענג פירמע טוט כדי אונזער סטרייק צו ברעכן.

דער סטעישאָן־מייסטער האָט אונז זייער פריינטלעך דערקלערט, אַז ער וועט אונז העלפן.

אויף מאָרגן האָט ער צו אונזער קאָמיטעט איבערגעגעבן די אַדרעסן פון שעפער אין ניו־דזשוירזי צו וועלכע די קאַסטנס זיינען געשיקט געוואָרן. מיר האָבן אים געוואָלט געבן אַ מתנה אויף ציגאַרן, האָט ער אונז פיין באַדאַנקט און דערקלערט, אַז ער איז זייער צופרידן וואָס ער קאָן מיט עפּעס באַהילפיג זיין אַרבעטער, וועלכע קעמפן פאַר בעסערע לעבנס־באַדינגונגען.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער זיינען די קאַסטנס ווידער צוריקגעקומען און די אַרבעטער האָבן ווידער געפּראַוועט אַ „לויה״ . . .

אַ נייע „בשורה״

איין טאָג האָבן מיר דערהערט אַזאַ נייעס, וואָס האָט אונז ווי אַ דונער געטראָפן.

אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעטער האָט ביי אַ שאַפּ־מיטינג איבערגעגעבן, אַז אַ פּרעסער האָט אים שפּעט אין אָוונט געזען שפּאַצירן אויף בראָדוועי, וואו דער קאָהן און לענג שאַפּ האָט זיך געפונען, און ער האָט אים געוויזן ווי אין שאַפּ פון קאָהן און לענג ברענט ליכט, וואָס מיינט, אַז מען אַרבעט דאָרט ביינאַכט, אַז סקעבס סקעבן.

מיר זיינען געבליבן זיצן פאַרטשמעליעט. מיר האָבן די אַרבעטער דערקלערט, אַז מיר וועלן שוין נאָכזוכן דעם ענין און אַז אויב עס וועט נויטיג זיין צו פּיקעטן אַ גאַנצע נאַכט וועלן מיר דאָס טאָן.

די סטרייק־קאָמיטע האָט אָבער באַשלאָסן אָנצוּווענדן אַ נייעם קונץ, כדי אויסצוגעפינען ווער עס געפינט זיך ביינאַכט אין שאַפּ.

מען האָט זיך געווענדעט צו די עלעוועיטאָר־לייט פון דער געביידע, דזש. פרידמאַנ׳ס שאַפּ, וואָס איז געשטאַנען אַריבערן וועג פון דעם קאָהן און לענג שאַפּ און מיר האָבן זיי געבעטן זיי זאָלן אַרויפפירן אונזערע אַ קאָמיטע פון דריי מענטשן אויפ׳ן דאַך און זיי דאָרטן לאָזן נעכטיגן. פון דעם דאַך פון יענער געביידע האָט מען פונקט געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אויפ׳ן צענטן פלאָר אין קאָהן און לענג׳ס שאַפּ.

זיבן אין אָוונט האָבן די עלעוועיטאָר־לייט אַרויפגעפירט די דריי פּיקעטס, געוויזן זיי די פּאָזיציעס וואו צו זיצן און זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך ניט רירן פון אָרט צוליב די עלעקטרישע דראָטן וואָס האָבן זיך געפונען אויפ׳ן דאַך. די עלעוועיטאָר־לייט זיינען אַרונטער און פאַרשלאָסן

די געביידע.

אויפ׳ן דאַך האָבן זיך גענומען ציען די מינוטן ווי יאָרן. דער זייגער איז געוואָרן אַכט און ניין, דערצו אַביסל קאַלטלעך. די שטאָק־פינצטער־ניש האָט אָנגעוואָרפן אַ מאָדנעם אומעט. און איבערן וועג, אין קאָהן און לענג׳ס שאַפּ איז גאָר געווען פינצטער, ווי דער אַרום.

געפּאַקט די „סקעבעריי״

נאָר מיטאַמאָל האָט זיך איבערגעריסן די שטילקייט און פינצטערניש. אין קאָהן און לענג׳ס שאַפּ איז פּלוצלינג געוואָרן ליכטיג.

מיר האָבן דערזען ווי עס שפּאַנט אַרום מר. גרעיבער, דער מענעדזשער. מיר האָבן דערזען אויך די שטענדיג פּאַרפּוצטע שיינע מערי, אַן איטאַליע־ניש מיידל, אַ בוכהאַלטערין פון שאַפּ. זי האָט ווי אַ שלענגעלע זיך אַרומ־געדרייט און געוואָרפן איר גראַציעזע פיגורקעלע.

מר. גרעיבער האָט צוגעטראָגן אַ גרויסן ראָל סחורה צום קאַטער־טיש און דאָס צעוואָרפן איבער דער לענג פון טיש. אונז האָט גענומען וואַרפן אַ צאָן אַן אַ צאָן.

אונזער קאָמיטע האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער אין דער שטיל: ווי עס ווייזט אויס ווערט טאַקע אין שאַפּ געסקעבט.

נאָר אָט האָבן מיר דערזען ווי אַרומשמייענדיג איבערן שאַפּ האָט גרעיבער זיך באַגעגנט מיט מערי׳ן. זי האָט זיך ווי אַריינגעוואָרפן אין זיינע הענט אַריין. זיי זיינען געבליבן שטיין צוזאַמען אַרומגענומען. נאָך דעם האָט ער זי אויפגעהויבן, זי אַרויפגעזעצט אויפ׳ן טיש און מען האָט זיך דאָרט ביידע געהאַלטן אין ניט קיין פיינער פּאָזיציע . . .

מיר האָבן אין דער שטיל זיך צעלאַכט פון דעם נייעם סאָרט סקעבעריי.

זיי האָבן זיך נאָך דעם ווידער אַביסל אַרומגעדרייט איבערן שאַפּ, דערנאָך זיך ווידער צוגעפּוצט און אויסגעלאָשן דאָס ליכט. די צוויי „סקעבס״ זיינען אַרונטער . . .

מיר זיינען געבליבן זיצן ווי פאַרשעמטע, לאַכנדיג אין זיך: אַזעלכע פאַרדאַמטע סקעבס! . . . מיר האָבן אָבער אויפן דאַך שוין געמוזט זיצן ביזן גרויען פרימאָרגן, ווען מען האָט פאַר אונז געעפנט די טיר און מיר האָבן געקאָנט אַרונטערגיין.

ביים שאַפּ זיינען דאָס מאָל געשטאַנען מערער פּיקעטס ווי ווען ניט איז פריער. זיי האָבן ניט געוואוסט גענוי וואו מיר זיינען געווען, אָבער אַלע האָבן דערוואַרטעט אַ באַריכט צו וויסן אויב מען סקעבט טאַקע אין שאַפּ אָדער ניט.

די נייעס פון דער „סקעבעריי״, וואָס מיר האָבן אויסגעפונען איז נאָך דעם זייער שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די אַרבעטער.

אַ סך אַרבעטער פון אַנדערע שעפּער זיינען געקומען צום מיטינג אין מאַנהעטן לייסעאום, אויף דער 4טער גאַס, צו הערן דעם באַריכט וועגן דעם שטיקל דעטעקטיוו־אַרבעט, וואָס די סטרייק־קאָמיטע האָט דורכגעפירט.

אַלע זיינען געווען נייגעריג צו וויסן, צי אַרבעט מען טאַקע אין שאָפּ, צי עס זיינען פאַראַן אַ סך סקעבס, צי מ׳שנײַדט און מ׳נייט ? . . .

ביים שאָפּ־מיטינג האָבן מיר דערוויילט אַ קאָמיטעט צו גיין צו דער באָאַרד אָוו העלטה און דאָרט דערציילן וועגן דעם שמוץ, וואָס גרעיבער פירט אָן אין שאָפּ. מיר האָבן אויך געלאָזט וויסן מר. קאָהן, דעם באָס פון דער פירמע, אַז מיר וויסן פון די שיינע מעשים וואָס זיין מענעדזשער דערלויבט זיך אָנצופירן אין שאָפּ.

גלייך נאָך דער פּאַסירונג האָט קאָהן צום ערשטן מאָל איינגעלאַדן אַ קאָמיטע פון די סטרייקער מיט אַ ריי יוניאָן־פירער צו זיך. נאָך עטלעכע קאָנפערענצן איז געקומען די נייעס, אַז דער שאָפּ פון קאָהן און לענג ווערט אַ יוניאָן־שאָפּ. אַלע יוניאָן־פּאָדערונגען זיינען דאָרט געוואונען געוואָרן.

קאַפּיטל 37

דער סוף פון אַ סקעב־אַגענט

ווען די אַמאַלגאַמעיטעד האָט דורך דעם סטרייק געבראָכן די געוועזענע אַנטי־יוניאָן פעסטונג פון דער דעמאָלסדיגער גרויסער קליידער־פירמע קאָהן און לענג, און מיר זיינען אַהין אַריין זיגרייך צוריק צו דער אַרבעט, האָט אין שאָפּ אַלץ אויסגעקוקט עפּעס זייער ניי און זייער מאָדנע.

אַ סך אַרבעטער פון שאָפּ האָבן זיך אָנגעקוקט איינע די אַנדערע און געטראַכט : ווי אַזוי וועט זיך דאָ איצט אויפפירן דער פאַרביסענער יוניאָן־פיינטלעכער מענעדזשער פון שאָפּ מיסטער גרעיבער ? ווי אַזוי וועט ער איצט קוקן אויף די אַרבעטער ווען ער וועט אַריין אין שאָפּ ?

נייגעריגע בליקן האָבן זיך געוואָרפן פון איינעם צום צווייטן, פון די אַרבעטער־פּלעצער צום אָפיס און פון אָפיס צום עלעוועיטאָר. מען האָט געקוקט : וואו איז דער מיסטער גרעיבער און וואָס וועט ער איצט טאָן ?

נאָר אָט האָט זיך געעפנט די טיר און מיסטער גרעיבער איז אַריין אין שאָפּ, ווי עס וואָלט גאָר ניט פּאַסירט.

ער בלייבט שטיין אַ ווײַלע, קוקט זיך אַרום, און וויל אַריינגיין אין

אַפּיס. דער ערשטער שאַפּ־טשערמאַן, וואָס איז דערוווילט געוואָרן ביי אַ מיטינג פון די אַרבעטער, כאַפּט אַ קוק אויפ׳ן זייגער. עס איז פּונקט אַכט. נעמט ער אַרויס דעם פּייפל און דערלאַנגט אַ פּייף, דעם ערשטן פּייף פאַר יוניאַן־שטונדן, דעם ערשטן פּייף פאַר מענטשלעכע באַהאַנדלונגען.

איז דאָ גרעיבער באַלד געוואָרן ווילד ווי אַ חיה און זיך צעשריען אויף די העכסטע טענער: „גאַד־דעמעט, געט־אוט אָף מאַי שאַפּ!" (גאָט־פאַר־דאַמטער, אַרויס פון מיין שאַפּ!).

זיין שלאַנקע פיגור האָט זיך דערביי פּלוצלינג אויך צוזאַמענגעדרייט און ער איז אַנידערגעפאַלן אויפ׳ן דיל, ווי ער וואָלט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע.

אין עטלעכע מינוטן איז שוין געווען אַ דאָקטאָר מיט אַן אַמבולאַנס. מען האָט אים אונטערזוכט און פעסטגעשטעלט, אַז פון כעס און ערגערניש האָט׳ער געקראָגן אַ „פּאַראַליז סטראָק". מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל.

הערמאַן גאָלדשטיין, דער פאָרמאַן פון איינעם פון די דעפּאַרטמענטס, איז דעמאָלט געוואָרן דער מענעדזשער פון שאַפּ.

גאָלדשטיין האָט אָנגעפירט מיט׳ן שאַפּ זעקס חדשים צייט. ער איז ניט געווען אַזוי פאַרביסן געגן די אַרבעטער און זיי זיינען געווען צופרידן. מען האָט אין שאַפּ געאַרבעט רואיג און אָפּגעהיט די יוניאַן־באַדינגונגען.

ברוך הבא, דער שלאַק איז ווידער דאָ

איין פרימאָרגן האָט אונז גאָלדשטיין געלאָזט וויסן, אַז גרעיבער פילט שוין בעסער און אַז ער קומט ווידער אַריין צו מענעדזשן דעם שאַפּ.

פאַרשטייט זיך, אונז איז דאָס ניט געווען געפעלן, נאָר מיר האָבן זיך אָבער גאָר ניט געקאָנט העלפן.

אויף מאָרגן, אַרום צען אַזייגער פרי, האָט זיך באַוויזן דער מיסטער גרעיבער און איז אַריין צו זיך אין אָפּיס. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ צעבראָכענעם שאַרבן, אונטערגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. אייניגע אַרבעטער האָבן צווישן זיך אין דער שטיל אַ זאָג געטאָן: „דער הונט איז ווערט דעם שטעקן".

מיט אַמאָל איז גרעיבער אַרויס פון אָפּיס און זיך גענומען אַרומשפּאַנען מיט׳ן שטעקן איבער׳ן שאַפּ. ער איז געגאַנגען פון דעפּאַרטמענט צו דע־פּאַרטמענט, ביז ער איז צוגעקומען צום טיש פון די אָפּערעיטערס. דאָ איז ער אַ ווילע געבליבן שטיין, זיך געשאָקלט איבער׳ן שטעקן און מיט אַמאָל ווידער דאָס אייגענע, ווי מיט זעקס חדשים צוריק:

„געט־אַוט אָוו מאַי שאָפּ!"

גרעיבער איז געוואָרן געל און בלוי. באַלד האָט ער זיך ווידער צו־זאַמענגעדרייט ווי אַ קנויל און איז אַוועקגעפאַלן. ער האָט געקראָגן אַ נייע אַטאַקע און מען האָט אים ווידער צוגענומען אין שפּיטאָל.

הערמאַן גאָלדשטיין איז דעמאָלט ווידער געוואָרן מענעדזשער אין שאָפּ און די פירמע קאָהן און לענג האָט אויפגעהערט צו חלום'ען, אַז זי וועט קאָנען האָבן אַן אָפּן־שאָפּ מיט גרעיבער'ן.

דער שאָפּ פון קאָהן און לענג איז געוואָרן אַ מוסטער פון אַ יוניאָן־שאָפּ. אַ סך אַרבעטער האָבן זיך געוואונטשן צו קענען קריגן אַ דזשאָב אין דעם דאָזיגן שאָפּ.

שפּעטער צו, ווען דער שאָפּ־טשערמאַן איז געוואָרן אַביסל צו „פריינד־לעך" מיט די באַלעבאַטים און מיט'ן מענעדזשער גאָלדשטיין איז אונז שוין ווידער אויסגעקומען אָפּט צו קעמפן פאַר באַדינגונגען אין שאָפּ.

קאַפּיטל 38

אַ קאַמף פאַר מענטשלעכע טאָילעטס

אַ צייט שפּעטער האָט מען אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָיר־קערס יוניאָן" געהאַט באַשלאָסן, אַז פיליפּ ווינער און איך זאָלן אָנגע־שטעלט ווערן פאַר אָרגאַנעיזערס אין דער יוניאָן. ביי אייניגע פירער פון די ניו־יאָרקער שניידער איז דערביי געווען אַ רעכענונג, אַז אויב מיר וועלן זיין באַצאָלטע באַאַמטע, וועלן די פּראָגרעסיווע אפשר ניט זיין אַזוי שאַרף אין זייער קריטיק און אַביסל שוויגן וועגן דער קאָרופּציע, וואָס האָט זיך אין יענער צייט גענומען אַנטוויקלען אין אייניגע שעפּער און לאָקאַלן.

אויף דער אידישער גאַס האָט מען דעמאָלט אויך געהאַט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן דעם „קאַמף", אַ אידישע פּראָגרעסיווע וועכנטלעכע צייטונג אין אַמעריקע. איך און פיליפּ ווינער, האָבן גענומען אויף זיך צו שאַפן אַ סומע געלט פאַר די ערשטע נומערן, כדי צו האָבן אַ צייטונג פאַר די פּראָגרעסיווע אידישע אַרבעטער.

אַזוי שנעל ווי עס איז באַריכטעט געוואָרן אין ערשטן נומער „קאַמף", אַז איך האָב אַריינגעבראַכט קאַרגע פיר הונדערט דאָלאַר און פיליפּ ווינער דריי און ניינציג דאָלאַר, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סומאַטאָכע.

די געלטער האָבן מיר געזאַמלט צווישן פּראָגרעסיווע שניידער. מיר האָבן זיי קלאָר געזאָגט דעם צוועק פאַרוואָס דאָס געלט ווערט געשאַפן.

האָט מען אָבער שבת ביי דער „אַמאַלגאַמעיטעד דזשאָינט באָארד" אַריינ־געבראַכט אַ קלאָגע געגן אונז. עס האָט זיך שטאַרק געקאָכט, באַזונדערס איינער, אַ פינישער מיט׳ן נאָמען ראַפּאַפּאָרט, וועמען די שניידערס פלעגן רופן „מוירפּי". דעם דאָזיגן נאָמען האָט ער געקראָגן דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ פּראָסטער יונג, אַ ביליגער פּאָליטישאַן, און אַזעלכער וואָס האָט ווי טעמעני׳ס „באָס" מוירפּי ליב געהאַט צו באַסעווען אין דער יוניאָן. ער האָט אין זיין קלאָגע אויך גע׳טענה׳ט, אַז איך בין אַ „וואָבלי". אַ סימן — איך פאַרשפּרייט אין די שעפּער ליטעראַטור פון די „אינדוסט־ריעל וואָירקערס אָוו די וואָירלד".

דער קאָמיטעט וואָס איז דערווילט געוואָרן צו אונטערזוכן און האַנד־לען וועגן דער קלאָגע איז געקומען צו אַ שלוס, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט די ליטעראַטור, איז דאָס געווען כשר׳ע ליטעראַטור. דאָס איז געווען אַ בראָ־שור פון יוסף שלאָסבערג, סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער אַמאַלגאַמעי־טעד, וואָס האָט געהייסן „פאַרוואָס אינדוסטריעל יוניאָניזם ?"

אָבער וועגן די געלט־זאַמלונגען פאַר דעם וואָכנבלאַט „דער קאַמף" איז שוין דער באַשלוס געווען אַן אַנדערער.

דאָ האָט שוין די קאָמיטע באַשלאָסן, אַז איך און ווינער דאַרפן אָפּ־נעמען דאָס געלט פונ׳ם „קאַמף" און דאָס איבערגעבן צו דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי. אויב ניט, האָט די קאָמיטע געזאָגט, וועט מען אונז אָנ־קלאָגן ביי דער באָארד אָוו דירעקטאָרען.

איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז דאָס געלט וואָס איך האָב גע־זאַמלט בלייבט פאַר׳ן „קאַמף", פאַר וועלכן די אַרבעטער האָבן דאָס גע־געבן. וואָס אָנבאַלאַנגט מיין אַמט גיב איך גלייך אַריין אַ רעזיגנאַציע און גיי צוריק אין שאַפּ אַריין. פיליפּ ווינער האָט אָבער צוגעזאָגט אָפּצונעמען צוריק דאָס געלט און דאָס איבערגעבן צוריק צו די אַרבעטער. און אַזוי האָט ער דאָס טאַקע געטאָן.

ווינער איז דעמאָלט פאַרבליבן אַלס ביזנעס־אַגענט. אָבער פאַר אַ נעקסטן טערמין האָבן די אָפּערעיטאָרס פון לאָקאַל 5 אים שוין מער ניט נאָמינירט פאַר קיין אַמט און ער איז אַוועק צוריק אַרבעטן אינ׳ם שאַפּ פון קאָהן און לענג.

אין שאַפּ האָט ער אָבער אויך אָנגעהויבן שפּילן אַ דאָפּלטע ראָלע און מיט דער הילף פון אַ פּאָר מענטשן אין שאַפּ איז ער געוואָרן שאַפּ־טשערמאַן.

זיינע אויפפירונגען אין שאַפּ זיינען די אַרבעטער נישט געווען געפעלן.

די אַרבעטער האָבן גענומען אויסזעצן געגן אַ ריי ערגערע באַדינ־גונגען, וואָס די באַלעבאַטים האָבן גענומען איינפירן.

איין טאָג האָבן די אַרבעטער זיך געכאַפּט, אַז אין די טאַילעטס פון שאָפּ זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן די טירלעך. מען האָט די טירלעך אַראָפּגענומען, כדי די פּאַרלייט זאָלן קאָנען זען, צי אימיצער רויכערט דאָרט אַ סיגאַרעט אָדער צי מען רוט דאָרט גלאָט זיך אָפּ אַ פּאָר מינוט צייט.

ווינער, דער שאָפּ־טשערמאַן, האָט פאַר זיך בשותפות מיט די פּאַרלייט, גענוצט אַ טאַילעט אַ פאַרמאַכטן, וואו עס איז געווען ריין, אויך אַ שפּיגל מיט הענגערס. דאָ פלעגט ווינער אַלע טאָג אַריינגיין — אויך כדי דאָרט זיך איבערצוטאָן. דאָרט פלעגט ער אויפהענגען זיינע געפּרעסטע הויזן און אָנטאָן די אַרבעטס־הויזן.

דער שאָפּ איז פול געוואָרן מיט כעס פון די אַרבעטער אויף דעם פאַר־רעטערישן שאָפּ־טשערמאַן, ווי אויף דער האַנדלונג פון דער פירמע.

אָפּגעֿטובל׳ט די פלודערן

איין פרימאָרגן, ווען ווינער האָט ווי שטענדיג זיך איבערגעטאָן און אַרויס פון טאַילעט, האָט איינער, דזשעק סטייק, אַ פּאַקעטמאַכער, זייער אַ הויך־געוויקסיגער, זיך אַריבערגעכאַפּט איבער׳ן ווענטל פון דעם קבצנ׳ישן טאַילעט צו דעם פיין־פאַרפּוצטן טאַילעט פון די פּאַרלייט און באַלעבאַטים און אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל:

ער האָט גענומען ווינער׳ס הויזן, אויף וועלכע עס איז געהאַנגען צו־געטשעפּעט זיין זייגער, דעם זייגער אַראָפּגענומען, און די הויזן אַריינ־געלייגט אין וואַסער־טאָפּ.

אַביסל שפּעטער, ווען ווינער האָט זיך געכאַפּט וואָס די אַרבעטער האָבן אים אָפּגעטאָן, איז געוואָרן אַ טרעוואָגע איבער׳ן שאָפּ. דער פאַר־מאַן גאָלדשטיין, איז אַרומגעלאָפן און זיך געבעטן ביי אַלעמען: גיט אָפּ ווינער׳ן דעם זייגער.

אויף מאָרגן האָט דער פאַרמאַן זיך דערוואוסט, פאַרוואָס מען האָט אָפּגע׳טובל׳ט ווינער׳ס הויזן, האָט מען אויפגעהאַנגען צוריק די טירלעך אין די טאַילעטס און ווינער האָט זיין זייגער געפונען אין דעם באַנדל אַרבעט ביי אים אויפ׳ן טיש.

ווינער האָט דערנאָך אַרומגעשפּאַנט איבער׳ן שאָפּ און מיט אַן אומ־שולדיגער מינע געזאָגט צו די אַרבעטער: איר האָט דאָך מיר גלייך געקאָנט זאָגן, אַז איר ווילט די טירלעך, וואָלט איר דאָס גלייך געהאַט. איר ווייסט דאָך, אַז איך קאָן אַלץ אויספירן. איך בין דאָך עפּעס אייער שאָפּ־טשערמאַן.

אויף מאָרגן אין דער פרי, האָט דער דערמאָנטער דזשעק סטיין אויך

אָויסגעשטעלט ביי ווינער׳ן אויף דער מאַשין אַ ראָל טאָילעט־פּאַפּיר מיט אַן אויפשריפט: „אַנערקענונג פאַר דיין גוטער אַרבעט״ . . .

דער סוף פון אַ געשלאָגענעם הונט

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער גיי איך איינמאָל פאַרביי בראָדוועי און ספּרינג סטריט, דערהער איך ווי מען שרייט צו מיר, דריי איך אויס מיין קאָפּ און דערזע אַ באַקאַנטן מענטשן שטיין אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן אין טיר פון אַ קאַפעטעריע.

איך האָב זיך גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז גרעיבער. אויף אַ ווײַלע האָב איך זיך געפילט פאַרלאָרן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. נאָר גלייך האָב איך באַשלאָסן צוצוגיין צו אים. איך האָב געוואוסט, אַז דער הונט איז שוין אַן ציינער . . .

ער האָט זיך פריינטלעך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און מיך אַריינגערופן אין קאַפעטעריע.

— דאָס איז מיין פּלאַץ און פון דעם מאַך איך איצט אַ לעבן, — האָט ער דערקלערט. — און יאָ, איצט, — האָט ער געזאָגט, — מאַך איך אַן אָנשטענדיג לעבן און עס אַ ריינע שטיקל ברויט.

ער האָט געהייסן דעם „באָס־באָי״ צוצוברענגען צוויי קאַפּיס צום טיש. איך האָב געזען, אַז אים ווילט זיך עפּעס אַראָפּרעדן פונ׳ם האַרצן.

ער האָט גענומען מאַכן קאָמפּלימענטן דער יוניאָן און מיר געקלאַפּט אין פּלייצע: „יו געיוו מי עי גוד פאַיט״! (דו האָסט מיר געגעבן דעם ריכטיגן קאַמף).

ער האָט נאָך דעם זיך גענומען צו דערציילן, אַז עס לוינט זיך ניט און עס באַצאָלט זיך ניט צו זיין אַ סקאַנק (אַ טכויר).

זיינע רייד זיינען געווען:

— איך האָב אַלעס געטאָן פאַר קאָהן און לענג, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר זיך, געבראַכט זיי טרעיד, געשפּאָרט זיי געלט, אויפגעהאַלטן אַן אָפּען־שאָפּ און סיי קאָהן און סיי לענג האָבן דאָס שטאַרק געפאָדערט. דערפאַר בין איך געווען אַזוי איינגעשפּאַרט און ניט געוואָלט האָבן קיין יוניאָן. אָבער וואָס איז געווען דער סוף? מיסטער קאָהן אַליין האָט אונטערגע־שריבן אַ קאָנטראַקט מיט דער יוניאָן און האָט מיך געלאָזן ווי אַ „דעם־פול״ (אַ פאַרדאַמטן נאַר).

און נאָך מער, האָט ער ווייטער גע׳טענה׳ט: די גאַנצע צייט וואָס איך בין געלעגן קראַנק איז ניט קאָהן און ניט לענג געקומען מיך באַזוכן. די ערשטע צייט פלעגט מערי, די בוכהאַלטערין, מיר ברענגען די שכירות.

שפּעטער האָבן זיי דאָס אויך פֿאַרגעסן. איך האָב זיי איינגעלאַדן צו דער דערעפֿענונג פֿון דער קאָפּעטעריע, האָבן זיי ניט געענטפֿערט, ניט געשיקט קיין בלום און קיין בעזים. אָט וואָס באָסעס זיינען! — האָט ער אַ זאָג געטאָן אַזוי נאַאיוו, אומשולדיג, ווי אַ ניי געבאָרן קינד.

ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט האָט ער געהאַלטן אין איין איבער'חזר'ן: „עס באַצאָלט זיך ניט צו זיין אַ סקאַנק!"

קאַפּיטל 39

ווי אַזוי פּענצאַק איז געוואָרן אַ סוועט־שאַפּ קאָנטראַקטאָר

דער יוניאָן איז אויסגעקומען צו פירן אַ סטרייק ביי אַ סוועט־שאַפּ־קאָנטראַקטאָר מיט'ן נאָמען פּענצאַק, וואָס האָט געהאַט זיין שאַפּ אויף בעלמאָנט עוועניו, אין ברוקלין.

האָט מען אין יענעם סטרייק אויסגעפֿונען אַ טשיקאַווע מעשה ווי אַזוי אָט־דער קאָנטראַקטאָר איז דאָס געוואָרן אַ סוועט־שאַפּ־באַלעבעסל. געווען איז דאָס אַזוי:

פּענצאַק איז מיט אַ צייט פֿריער, פֿאַר 1917, אַרויס מיט זיין פֿרוי אויף בעלמאָנט עוועניו זוכן אַ דירה. ער האָט געוואָלט קריגן אַ וואוינונג, וואָס זאָל אים קאָסטן ווייניג רענט.

האָבן זיי אויף איין הויז דערזען אַ שילד, אַז דאָרט איז פֿאַראַן אַ וואוינונג פֿון פֿיר צימערן צו פֿאַרדינגען.

זיינען זיי אַריין צום דזשעניטאָר פֿון הויז און די ערשטע זאַך, וואָס מיסעס פּענצאַק האָט געוואָלט וויסן, איז געווען, צי די גאַס אַרום הויז איז אַ שטילע. זי האָט קליינע קינדער, האָט זי געזאָגט, דעריבער וויל זי, אַז איר דירה זאָל זיין אין אַ שטילן געגנט.

דער דזשעניטאָר האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז אַרום הויז איז שטענדיג שטיל ווי אויף אַ דאַטשע.

די פּענצאַקס האָבן געגעבן פֿינף דאָלער האַנט־געלט און געהייסן אויספֿאַרבן די צימערן.

אין עטלעכע טעג שפּעטער, ווען די מיסעס פּענצאַק איז אַהין געקומען נעמען אַ מאָס פֿון די פֿלאָרס צו לייגן אַ אויל־קלאָט איז איר פּינצטער געוואָרן אין די אויגן.

שעפּער, וואוינונגען און פּושקאַרט־פּעדלער — ווי'ם גראָפּער.

פריער, ווען זי האָט געדונגען די צימערן, איז דאָס געווען אין אַ שבת׳דיקן טאָג, האָט דעמאָלט די גאַס לעבן הויז אויסגעזען שטיל. איצט האָט זי פאַר זיך אַרום הויז דערזען אַ מאַרקעט מיט צענדליקער פוש־קאַרטס, אויך אַן אָפּפאַל פון גאַנצע בערג שמוץ.

איז זי געקומען צו לויפן צום מאַן און דערקלערט, אַז זי וועט ניט וואוינען מיט די קינדער אין אַזעלכע רומס. זי האָט געוואָלט ער זאָל שוין גיין און צוריק אָפּנעמען דעם דעפּאָזיט.

דער דזשעניטאָר האָט אָבער ניט געוואָלט צוריקצאָלן די פינף דאָלאַר דעפּאָזיט. האָט דער מיסטער פּענצאַק זיך מישב געווען, אַז אַזוי ווי ער טראָגט זיך שוין לאַנג אַרום מיט אַ פּלאַן צו עפענען פאַר זיך אַ שניידער־שאַפּקע וועט ער איצט אין אָט די רומס אָנפאַנגען זיין געשעפט.

ער האָט נאָך דעם גלייך געכאַפּט און אַריינגעשטעלט אין דער וואוינונג דריי מאַשינען, אַ פּאָר טישן, אויפגעקויפט „רעמנעטצעס״ און זיך גענומען צו פאַבריצירן ניפּענטס אין זיין שאַפּקע. אין דער פרייער צייט פלעגט ער דאָס פאַרקויפן טאַקע אויף בעלמאָנט עוועניו.

צו דער אַרבעט האָט ער אַריינגענומען אייניגע פון זיינע לאַנדסלייט, און זיך גענומען זיי צו עקספּלואַטירן אויפ׳ן שטאַרקסטן אופן.

די ביזנעס איז ביי אים אַוועק ניט שלעכט.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַ ריכטיגן לאָפט, טאַקע אויך אויף בעלמאָנט עוועניו. דאָ, אין אָט־דעם שאָפּ, האָט ער שוין אַריינגעשטעלט צוועלף מאַשינען.

שפּעטער האָט ער זיך אויך געקויפט אַ הויז אויף ראַקאַוועי עוועניו. אַ טייל פון זיינע אַרבעטער, די לאַנדסלייט, האָט ער אַהין אַריינגענומען פאַר טענענטס. אַלע חודש האָט ער פון זייערע שכירות אין שאָפּ אַראָפּגענומען דאָס דירה־געלט, וואָס זיי האָבן אים געדאַרפט צאָלן. און ווען ער פלעגט דערוואַרטן אַ סלעק פלעגט ער מיט וואָכן פריער פאַרהאַלטן אַ טייל פון די שכירות אויף דעם דירה־געלט, וואָס די אַרבעטער וועלן אים דאַרפן צאָלן אין די וואָכן פון סלעק.

ווען די אַמאַלגאַמעיטעד האָט זיך גענומען צו אָרגאַניזירן די ברוקלינער שעפּער איז מען אויך געקומען צו פּענצאַק׳ן.

האָט פּענצאַק געהאַלטן אַ דרשה פאַר די אַרבעטער און זיי דערמאָנט וועגן אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר זיי. ווען ניט ער, האָט ער גע׳טענה׳ט, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט געהאַט אויף קיין רענט... ווען ער גיט זיי ניט זיינע אַלטע קליידער וואָלטן זיי ניט געהאַט מיט וואָס שבת אין שול צו גיין. דעריבער טאָרן זיי גאָרניט טראַכטן וועגן אַ יוניאָן.

די אַרבעטער האָבן אָבער, ווייזט אויס, גוט אָפּגעשאַצט זיינע „טובות" און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן. אַ סטרייק איז דערקלערט געוואָרן אין אַלע בראַנזווילער שעפּער און די אַרבעטער פון פּענצאַק'ס שאָפּ זיינען געווען פון די בעסטע סטרייקער.

דער באָס קומט צו די סטרייקערס קאָלעקטן זיין רענט

ווען עס איז געקומען דער ערשטער פון חודש, האָבן די אַרבעטער דערזען ביי זייערן אַ שאָפּ־מיטינג ווי מיסטער פּענצאַק איז אַריינגעקומען.

האָבן זיך אַלע גענומען שושקען, אַז ער האָט שוין מסתמא איינגעזען, אַז מען דאַרף סעטלען און אַז דעריבער איז ער געקומען.

פּענצאַק האָט אָבער באַלד דערקלערט, אַז געקומען איז ער צו קאָלעקטן זיין רענט. און אויב איר וועט ביז איבערמאָרגן ניט ברענגען די רענט, האָט ער גע'טענה'ט, וועט איר אַלע ביי מיר שטיין אין גאַס.

אייניגע פון די אַרבעטער האָבן געענטפערט, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט ניט צאָלן קיין שכירות, וועלן זיי ניט האָבן און ניט צאָלן קיין רענט. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז פון די פאַרדינסטן ביז איצט איז אויך נישטאָ אויף קיין רענט און אַז יעדעס מאָל ווען ער האָט אַרונטערגענומען פאַר די רענט האָט אין הויז געפעלט ברויט.

פּענצאַק האָט פּרובירט זיך פאַרענטפערן, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געזשאַלעוועט קיין פּאָדעם, גאַז און שטונדן. נאָר די צרה איז וואָס מ'אַרבעט צו ווייניג שטונדן. און איצט, האָט ער מיט חוזק אויסגעשריען, וויל נאָך די יוניאָן מאַכן ווייניגער שטונדן.

די אַרבעטער האָבן אים אויסגעלאַכט און ער איז אַוועק אַ ברוגז'ער.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער אַרויסגעשטעלט עטלעכע פון זיינע אַרבעטער־סטרייקער פון זייערע צימערן אין גאַס אַרויס.

אַ פּרויען אָקזילערי פון בראַנזוויל האָט גלייך אָרגאַניזירט די טענענטס און מען האָט גענומען פּיקעטן דאָס הויז פון מיסטער פּענצאַק, וואו די בעבעכעס פון די אַרויסגעזעצטע אַרבעטער זיינען געלעגן אויפ'ן טראָטואַר.

פּענצאַק האָט גענומען טענה'ן צו די אַרומיגע שכנים, אַז ער קאָן ניט פאַרשטיין אַזאַ משוגעת: מען סטרייקט אין שאָפּ טאָ פאַרוואָס זאָל מען פּיקעטן זיין הויז?

אין פרימאָרגן, ווען די פּיקעטס זיינען צוגעקומען צום שאָפּ, זיינען זיי איבערראַשט געוואָרן ווען זיי האָבן דערהערט, אַז מענטשן האָבן געזען פאַרטאָג דעם פּרעסער ריווקין אַרויסגייענדיג פון שאָפּ.

האָט מען אָנגעהויבן פאַרשן און אויסגעפונען אָט־וואָס:

די ריווקינס, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעשטעלט אין גאַס, האָבן צייט־ווייליג זיך אַריינגעקליבן צו אַ שוואָגער אויף טשעסטער סטריט. נאָר אַזוי ווי די שוועגערין איז געלעגן געוואָרן און מען דאַרף פּלאַץ אין הויז פאַר דער וואָרטספּרוי, איז ריווקין אַוועק שלאָפן אין שאַפּ, וואו דער וואָטשמאַן איז זיינער אַ גוטער ברודער.

יעדנפאַלס, ער האָט נאָך דעם ווידער געפּיקעט דעם שאַפּ פון מיסטער פּענצאַק זיין באָס, און זיין פרוי האָט געפּיקעט די הויז פון מיסטער פּענצאַק דעם לענדלאָרד.

קאַפּיטל 40

אַמאָליגע אַנטי־יוניאָן פעסטונג

אין דער קליידער־אינדוסטריע איז געווען אַ גרויסע פירמע, פּרוהאָף בראָדערס, וואָס האָט געהאַט אַ שם. די פירמע האָט געהאַט איר שאַפּ אויף 14טער גאַס און 8טע עוועניו און זי האָט באַשעפטיגט עטלעכע הונ־דערט אַרבעטער.

דער פּרוהאָף־שאַפּ האָט פּראָדוצירט איינעם פון די סאַמע טייערסטע סאָרטן מענער־קליידער פון יענער צייט. הונדערט דאָלאַר פאַר אַ גאַרמענט און מער איז אין דעם פּרוהאָף שאַפּ ניט געווען קיין נייעס. דערפאַר זיינען אָבער די באַדינגונגען פון די אַרבעטער דאָרטן געווען ערגער ווי אין דעם ערגסטן סוועט־שאַפּ.

די פּרוהאָף ברידער זיינען געווען פיר. זי האָבן אויך געהאַט אַן אַלטן טאַטן פון אַרום נייַנציג יאָר. ער פלעגט אַרומשפּאַנען איבער׳ן שאַפּ און כלומרשט קלייבן די שטריקלעך — נאָר דער צוועק דערפון איז געווען צו לאָזן אויך אים האַלטן אַן אויג אויף די אַרבעטער.

די פאַמיליע פּרוהאָף האָט געשטאַמט פון די ערשטע דייטשן. זיי זיינען פאַרבליבן עקשנות׳דיג אין שניידער־טרעיד אפילו נאָך דעם, ווי די גאַנצע אינדוסטריע האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די דייטשע הענט.

די פּרוהאָף בראָדערס האָבן פאַר זייערע ביזנעס אויך אַרויסגעגעבן אַ פירמע־צייטונגל. זיי פלעגן דאָס פאַרשפּרייטן און פאַנאַנדערשיקן צו אַלע זייערע קאָסטימערס.

איינער פון די ברידער איז געווען אַן איינגעשוואָרענער שעריף. דאָס האָט אים געגעבן אַ רעכט אַרומצוגיין מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער. אויך

די אַנדערע דריי האָבן ניט אויסגעזען ווי מפּיל־קינדער . . .

ווען די אַמאַלגאַמעיטעד האָט גענומען טראַכטן וועגן אָרגאַניזירן די שניידער שעפּער, וואָס געפינען זיך אַריבער דער 14טער גאַס, האָט מען זיך געוואונטשן, אַז דעם פּרוהאָף־שאָפּ זאָל מען כאָטש קריגן אויפ׳ן צעטל פון די „פּרעפערענשאָל־שעפּער״, וואָס אין פּשוט׳ן אידיש האָט עס גע־מיינט: אַ יוניאָן שאָפּ אין נאָמען, אָן באַדינגונגען.

אויף מיין וויניגקייט איז געפאַלן דער גורל, אַז איך זאָל אַהין אַרויפ־גיין צו דער אַרבעט און העלפן די אַרבעטער זיך אָרגאַניזירן.

אַדאַנק איינעם פון די נייע פּאַרלייט, מיסטער פּיין, וועלכער איז געווען אַ מוזיקאַלישער מענטש (ער פלעגט שפּילן אויף וויין־גלעזער) האָט מען מיך אַרויפגענומען אין שאָפּ. אַחוץ מיר זיינען אַהין אַרויף נאָך עט־לעכע אַקטיווע יוניאָן־טוער.

אין שאָפּ איז געווען גרינג צו טאָן די אַרבעט פאַר דער יוניאָן. די באַדינגונגען זיינען דאָרט געווען שרעקלעכע. די אַרבעטער האָבן געקוקט אויף די באַלעבאַטים ווי אויף פּאַראַזיטן. אפילו די סאַב־קאָנטראַקטאָרס האָבן ניט געהאַט קיין גרויס ליבע פאַר זיי. נאָך מער, די סאַב־קאָנטראַק־טאָרס האָבן געהאָפט, אַז אויב עס וועט זיין אַ שטיקל יוניאָן וועלן זיי אפשר אויך אויפגעריכט ווערן צו אַרבעטן ווי מענטשן.

אין פּרוהאָפ׳ס שאָפּ האָבן שוין אין יענער צייט אויך געאַרבעט פרויען ביי די מאַשינען.

איז אונז צוהילף געקומען אַ ליבע מיידל מיט׳ן נאָמען אסתר, וועלכע איז געקומען פון שיקאַגאָ און איז פון עמיצן רעקאָמענדירט געוואָרן צום פאָרמאַן, ער זאָל זי אַרויפנעמען אין שאָפּ.

יוניאָן־פּראָפּאַגאַנדע אין די וואַש־צימערן

דאָס האָט אונז געהאָלפן באַזאָרגן, אַז אויך אין די פרויען דרעסינג־רומס און וואַש־צימערן זאָלן דערגרייכן די יוניאָן בלעטלעך און אַ גוט וואָרט פאַר דער יוניאָן.

צווישן אַ צאָל ניי־אַרויפגעקומענע אַרבעטער אין שאָפּ איז געווען איי־נער פּאָול, אַן איטאַליענער, אַ געוועזענער פּרייז־פאַיטער. ער איז געקומען דורך אַ סאַב־קאָנטראַקטאָר זיך לערנען פאַר אַן אונטערפּרעסער. ער איז אָבער אין שאָפּ באַלד געוואָרן איינער פון די בעסטע מיטהעלפער אין דער אַרבעט צו אָרגאַניזירן דעם שאָפּ.

איין אויף דער נאַכט האָבן מיר באַשטימט צו רופן אַ שאָפּ־מיטינג צו באַשטימען אַ סטרייק.

דער מיטינג איז גערופן געוואָרן אין אַסטאָריא האָל, אויף דער פּער־טער גאַס.

אייניגע באַאַמטע פון דער יוניאָן האָבן אויף דעם געקוקט זייער סקעפּטיש. עס האָט זיך זיי ניט געגלויבט, אַז צום שאַפּ־מיטינג וועלן קומען אַן אָנגעזעענע צאָל אַרבעטער פון שאַפּ.

ווי איבעררעאַשט זיינען אַלע געווען ווען דער האָל איז געוואָרן אי־בערגעפּאַקט.

צווישן די אַרבעטער האָבן מיר אויך באַמערקט אַ צאָל סקעב־אַגענטן פון׳ם שאַפּ.

צווישן די פּאַר וועמען די אַרבעטער האָבן זיך געשראָקן איז געווען אַ פּרעסער מיט׳ן נאָמען טאָני, אַ שטאַרקער, וואָס פלעגט אָפט „בולדאָזן" יעדן איינעם.

ביים שאַפּ־מיטינג איז אויפגעדעקט געוואָרן די ראָליע פון יעדן איינעם אין שאַפּ און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו דערקלערן אַ סטרייק.

די עטלעכע שטאַרקע און באָס־אַגענטן זיינען גלייך געווען אויף די פיס און געגומען טעראָריזירן מיט מעסערס און שטעקנס די אַרבעטער.

פּאול, דער געוועזענער פּרייז־פּאַיטער און איצטיגער אונטערפּרעסער, איז געזעסן ביים סאַמע טיר. אָבער ווען ער האָט דערזען וואָס די פּרוהאָף־געננסטערס ווילן טאָן, האָט ער ווי אַ קאַץ אַ שפּרונג געטאָן פון זיין פּלאַץ. אין אַ סעקונדע האָט ער צעגומען אַ שטול וואו ער האָט שוין געהאַט אין זיינע הענט צוויי פיסלעך. גלייך האָבן די גענגסטער געגומען לויפן דורך טיר און פענצטער. אויך טאָני איז אַרויסגעשפּרונגען דורכ׳ן פענצטער מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז די 14טע גאַס געווען שוואַרץ. די פּרו־האָפּס האָבן שוין געהאַט אַ באַריכט פון׳ם מיטינג און זיי האָבן ביי זיך צוגעגרייט פּאָליציי.

ווען די אַרבעטער זיינען צוגעקומען צום שאַפּ האָבן די פּרוהאָפּס פּרובירט זיי אַריינגאַרן אין שאַפּ אַריין. אָבער די אַרבעטער זיינען גע־בליבן אין דרויסן.

אַ גרויסע הילף איז געווען דאָס, וואָס אויך די עלעוועיטאָר־לייט האָבן באַשלאָסן ניט צו פירן קיין סקעבס. עס האָט דעם שעריף פּרוהאָפּ׳ן ניט געהאָלפן זיין אַרומשפּאַנען מיט׳ן רעוואָלווער אין קעשענע און מיט׳ן „בעדזש" אויפ׳ן ברוסט. פּרוהאָפּ׳ס שאַפּ איז געגומען געוואָרן!

נאָך צוויי טעג סטרייק, האָט די פירמע געסעטלט מיט דער יוניאָן, איר שאַפּ זאָל זיין איינער פון די „פּרעפערענשל שאָפּס". אָבער איינע

פון די וויכטיגע פאָדערונגען האָט די פירמע געמוזט נאָכגעבן. דאָס איז געווען צו באַצאָלן די אַרבעטער פאַר די צוויי טעג סטרייקן. דאָס געלט האָבן די אַרבעטער באַשלאָסן צו געבן אויף רעליף צו די מלחמה־געליטענע.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען זיגרייך אין שאַפּ, האָט דער אַלטער טאַטע פון די פּרוהאָפ׳ס, וועלכער האָט געהאַט אַ „האָבי״ צו קלייבן שטריק־לעך פון פלאַר, אַ זאָג געטאָן צו איינעם פון זיינע זין:

ווען איך וואָלט געווען אינגער וואָלט איך זיך בעסער אויפגעהאַנגען אויף די שטריק איידער זיי נאָכצוגעבן אַ יוניאָן אין אונזער שאַפּ.

קאַפּיטל 41

חלומות פון אַנטי־יוניאָן באַלעבאַטים

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָבן אַ צאָל באַלעבאַטים פון מענער־קליידער שעפּער אין ניו־יאָרק אָנגעהויבן צו חלום׳ען וועגן אַרויסדרייען זיך פון די יוניאָן באַדינגונגען, וואָס די אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס־יוניאָן האָט שוין ביז דעמאָלט געהאַט באַוויזן צו געווינען.

די גרויסע פירמע „פּרוהאָף בראָדערס״, וועלכע מען האָט דורך אַ סטרייק געהאַט געצוואונגען איינצוגיין כאָטש אויף אַן אָפּמאַך פאַר אַ „פּרעפערענשעל״ יוניאָן־שאַפּ, האָט זיך גענומען צו טראַכטן ווי אַזוי אפילו דערפון זיך אויך צו באַפרייען.

די הונדערטער אַרבעטער פון פּרוהאָפ׳ס שאַפּ האָבן שוין אָבער אין דער זעלבער צייט געהאַט דערפילט דעם אמת׳ן זין פון יוניאָן און זיי האָבן גענומען פאָדערן מער רעכט, אַ ריכטיגן יוניאָן־שאַפּ און ניט קיין סקעלעט פון אַ יוניאָן־שאַפּ.

זיי האָבן אָנגעהויבן פאָדערן, אַז ווען די פירמע דאַרף אַרבעטער, זאָל זי זיך ווענדן צו דער יוניאָן. זיי האָבן מער ניט געוואָלט דערלאָזן אַזאַ צושטאַנד, אַז די פירמע זאָל זיך קאָנען וואַרפן מיט די אַרבעטער. די אַרבעטער זיינען באַשטאַנען אָפּצושאַפן די סיסטעם פון סאַב־קאָנטראַק־טינג און אָפּצוהיטן די ריכטיגע שטונדן פון אַרבעט.

איך בין אין יענער צייט געווען דער טשערמאַן פון דעם שאַפּ.

אַ פּלאַן פון גרעפּט, וואָס האָט נישט געאַרבעט

איין פאַרנאַכט רופט מיך אַריין איינער פון די פיר פּרוהאָף ברידער

אין אָפיס. ער פֿאַנגט אָן צו רעדן וועגן שאַפּ און מיט אַמאָל גיט ער אַ לייג אַרויס אויפ׳ן טיש אַ פּעקל מיט געלט און רופט אויס: „העוו סענס מאַי באַי, ענד יו וויל געט שערס אין דהי ביזנעס טו“ (האָב שכל מיין בחור, און דו וועסט אויך קריגן אַ חלק אין געשעפט).

איך בין געוואָרן אַזוי דערשראָקן, אַז איך האָב גענומען שרייען אויפ׳ן קול: מיך קאָן מען ניט קויפן! איך בין ניט קיין גרעפטער! און ווען איך בין אַרויסגעלאָפן פון אָפיס אויפ׳ן שאַפּ, איז שוין געשטאַנען אַ דע־טעקטיוו ביי דער טיר און געוואַרט. ער איז אָבער געבליבן אַנטוישט. דער „דזשאַב“ איז ניט געלונגען.

די אַרבעטער האָבן אָבער מורא געהאַט מיך צו לאָזן גיין אַליין. האָבן צוויי אַרבעטער פון שאַפּ: פּאול, דער געוועזענער פּרייז־פּאַיטער, וואָס איז געווען אַן אונטערפּרעסער אין שאַפּ, און בעני לעדער, אַן אַקטיווער טוער פון שאַפּ, זיך גענומען אַרגומענטירן מיט׳ן דעטעקטיוו.

די מיידל אין אָפיס האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם טעלעפאָן צו רופן פּאָליציי. איז לעדער צוגעשפּרונגען און פּרובירט אַ ריס טאָן דעם טעלעפאָן, האָט זיך צוזאַמען מיט׳ן טעלעפאָן איבערגעריסן די פאַרבינדונג פון דער עלעק־טריק און אין שאַפּ איז געוואָרן פינצטער. אַ קאָמיטע פון שאַפּ האָט מיך דאַן אַ נעם־געטאָן פאַר דער האַנט און מיר האָבן אַזוי אַראָפּגעשפּאַנט די טרעפּ פון שאַפּ און אַוועק אין אָפיס פון דער דזשאָינט באָאַרד, צו א. שיפּלאַקאָף, וואָס איז דעמאָלט געווען איר מענעדזשער.

האָט אונז שיפּלאַקאָף אויסגעזאָגט אַ סוד, אַז די פירמע פאַרלאַנגט מען זאָל צונעמען דעם שאַפּ־טשערמאַן פון דעם שאַפּ און אַז אַלץ זאָל דער־לייידיגט ווערן דורך דעם אָפיס פון „אומפּאַרטייאישן טשערמאַן“. שיפּלאָ־קאָף האָט אונז דערביי פאַרזיכערט, אַז די יוניאָן וועט זיך לאָזן קאָסטן פופציג טויזנט דאָלאַר אין אַ קאַמף מיט דער פּרוהאָף־פירמע און וועט ניט דערלאָזן, מ׳זאָל מיך אַוועקשיקן פונ׳ם שאַפּ.

פאַר מאָרגן אין דער פרי, האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז אַ קאָמיטע זאָל מיך אָפּוואַרטן ביים הויז און מיר זאָלן צוזאַמען גיין אין שאַפּ.

עס איז געווען ווינטער־צייט און זייער קאַלט. בין איך געקומען אין הויז אויף ראַקאָוועי עוועניו, ברוקלין, מיט אַ שטאַרק פאַרקילטן האַלז. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן מיט קאָמפּרעסן.

אינמיטן פון דער נאַכט, טרעפט אַזאַ געשיכטע, וואָס האָט אַלעמען איבערגעשראָקן אויף טויט: מ׳האָט גענומען קלינגען און קלאַפּן אין טיר, דערביי האָט מען געשריען: „סעם! סעם!“.

אַלע אין הויז דערשראָקן, האָבן געפרעגט, וואָס זאָל מען טאָן.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט מיט מיין פּאַרקילטן האַלז, און זיי געראָטן רופן דורכ'ן פענצטער נאָך הילף און דערביי עפענען די טיר, צו זען ווער איז דאָס.

ווען מ'האָט אָ עפן געטאָן די טיר האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ שכן, ביי וועמען ס'האָט געפּלאַצט אין הויז אַ רער פון די וואַסער, און ער זוכט דאָס אַרום דעם פּלאָמבער סעם צו פאַרריכטן, און דורך אַ טעות האָט ער דאָס אָנגעקלאַפּט אין דער טיר . . .

אין דער פרי זיינען צו מיר אַרויפגעקומען די אַקטיווע טוער בעני לעדער, גלאַס, דזשאָו, פּאָול און אַנדערע און מיך גענומען קראַנקערהייט אין שאַפּ אַריין.

מיר האָבן געוואוסט, אַז דער שאַפּ וועט שוין ניט אַרבעטן, ווייל די אַרבעטער זיינען געווען שרעקלעך אויפגעבראַכט געגן דער חוצפּה'דיגער פאָדערונג פון די באַלעבאַטים. די אַרבעטער האָבן אינסטינקטיוו גע־פילט, אַז אויב דער פירמע וועט געלינגען פּטור צו ווערן פונ'ם שאַפּ־טשערמאַן, דאַן וועלן אַלע געווינסן גאַרניט מיינען.

מיר האָבן ווידער די הונדערטער אַרבעטער פון שאַפּ געטראָפן ווי אין דעם סטרייק, וואָס מיר האָבן דאָרט פריער געפירט ביים אָרגאַניזירן די יוניאָן.

ווי גיך איך בין צוגעקומען צום שאַפּ, האָט פּרוהאָף מיט'ן „בעדזש" אויפ'ן לאַץ אַ רוף געטאָן איינעם פון זיינע שטאַרקע און אָנגעוויזן אויף מיר: „דאָס איז ער, נעם אים אַוועק פון דאַנען. איך וויל אים ניט אַריינ־לאָזן צו מיר אין שאַפּ".

בעני לעדער און פּאָול, האָבן ווידער פאַרהאַלטן דעם שטאַרקן. לעדער, וועלכער איז הויך־געוויקסיג, האָט אים אונטערגערוקט די האַנט אונטער דער מאָרדע און אים ניט צוגעלאָזן נאָענט צו מיר.

עטלעכע אַרבעטער האָבן מיך אַריינגעוואָרפן אין אַ טעקסי, אויס־רופנדיג צו די אַנדערע אַרבעטער: אַלע צו אַ שאַפּ־מיטינג אין מאַנהעטן לייסעאום, אויף 4טער גאַס!

אַרבעטער האָבן באַשלאָסן איין זאַך און געגן זייער ווילן האָט מען געטאָן אַן אַנדער זאַך

ביים שאַפּ־מיטינג בין איך געלעגן אויף אַ באַנק פול מיט פיבער און זיך צוגעהערט, ווי נעכטיגע סקעבס, סאַב־קאָנטראַקטאָרס און גלאַט שקלאָפן האָבן גערעדט מיט רעספּעקט פאַר דער יוניאָן.

איינער, אַ געוועזענער סאַב־קאָנטראַקטאָר פון די לאַיבינג־מאַכער,

מר. רייך, האָט גערעדט און געוויינט מיט בלוטיגע טרערן: פאַרלאָזט אונז ניט! איך וויל ניט זיין מער קיין אָנטרייבער! מיין קינד האָט זיך צוגעוואוינט איצט מיך צו זען אַלע אָוונט אין הויז!

אַ פינישער, לעווין, האָט געשילדערט, ווי ער האָט געוואָלט גיין צו אַ רב פרעגן צי מעג ער מחלל שבת זיין און גיין אַרבעטן שבת, צוליב דער ווייב און פינף קינדער, און ווי אַזוי די ווייב, האָט אים ניט געלאָזט גיין און אַליין גע׳פסק׳נט, אַז ער מוז אַרבעטן. איצט, האָט ער געשריען, איז דאָך די יוניאָן מיין הייליגער שבת. לאָזט ניט פאַרשטערן מיין שבת!

שיפּלאַקאָף האָט ביים מיטינג געהאַלטן אַ רעדע און געגעבן אַ הונ־דערט פּראָצענטיגע פאַרזיכערונג, אַז די באַלעבאַטים וועלן שוין ניט דער־לעבן צו האָבן אַ שאַפּ אָן אַ יוניאָן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, ווען איך האָב שוין געפילט בעסער און געקומען צום שאַפּ, האָט מען מיר געלאָזט וויסן, אַז שיפּלאַקאָף וויל מיך זען אין אָפיס פון דער יוניאָן, בין איך אַוועק אין אָפיס.

נאָך עטלעכע חניפה־ווערטער און לויב־געזאַנגען פון אים, זאָגט ער מיר אָן, אַז ער האָט געסעטלט דעם סטרייק און נאָכגעגעבן דער פירמע ניט צו האָבן מער קיין שאַפּ־טשערמאַן אין שאַפּ, נאָר אַלץ דערליידיגן ביים „אומפּאַרטייאישן טשערמאַן״.

דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די פּרוהאָפּ׳ס האָבן שוין מער ניט צוגעלאָזן קיין יוניאָן ביי זיך אין שאַפּ. זיי האָבן זיך אַזוי געראַנגלט אַ לענגערע צייט, ניט וועלנדיג דערלאָזן מער צו אָרגאַניזירן זייער שאַפּ, זיינען זיי ווי אַרונטער פון דער מאַפּע.

קאַפּיטל 42

מ׳הערט אונז ווי אין „טראָק״

די פירער אין דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג האָבן אין די יאָרן פון אַרום 1918 זיך נאָך אַלץ געהאַלטן אָן דער גאָמפּערס פּאָליסי פון „נאָ פּאָליטיקס אין יוניאָן״, נאָר כלומרשט באַשטראָפן די שלעכטע און באַ־לוינען די גוטע.

די „אַמאַלגאַמעטיעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן״ האָט גלייך אָנגע־נומען אַ פּראָגרעסיוון בליק אויף דעם ענין און האָט אינגאַנצן אַנדערש רעאַגירט. די פירערשאַפט האָט פון דעם ערשטן טאָג פון איר גרינדונג באַשלאָסן זיך צו באַטייליגן אין פּאָליטישע וואַלן ניט בלויז מיט גוטהייסן

אין קאַנדידאַט און צוריקווייזן אַ צווייטן, נאָר, טאַקע אָנפירן אַן אַקציע אַ קלאַסן־קעמפערישע (אַזוי איז אויך געווען אין „פּרימבל״ פון דער ערשטער אַמאַלגאַמעיטעד קאָנסטיטוציע), אַ יוניאָן פון אַרבעטער געגן די באַסישע פּאַרטייען.

די ברייטע מאַסן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, האָבן שוין געוואוסט מער־ווייניגער פון דעם פּאַרוואַסערטן סאָציאַליזם פון דער ס. פּ. און טראָץ דעם, וואָס יוסף שלאָסבערג, האָט פּרובירט ציען די מאַסן צו דער סעקטאַנטישער ס. ל. פּ. האָט דאָך דער „פּאָרווערטס״ און אַ ריי פון די פירער און טוער אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד״ זיך נאָך געהאַלטן מיט ציין און נעגל אָן דער ס. פּ. (סאָציאַליסטישע פּאַרטיי).

וועט געוויס זיין אינטערעסאַנט איצט, מיט יאָרן שפּעטער, צו וויסן ווי אַזוי אַ וואַל־קאַמפּאַניע איז דאַן געפירט געוואָרן, און טאַקע ווי קאָמיש און לעכערלעך די פירונגען זיינען געווען אין דער ס. פּ. דאָס וועט עטוואָס געבן אַ באַגריף פאַרוואָס די ס. פּ. איז דערטרונקען געוואָרן אין איר אייגענעם וואַסער און בלאָטע . . .

איך, ווי אַ סך יונגע איינגלעך אין דעם פּראָגרעסיוו לאָקאַל 156, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם וואַל־קאַמפּעין פאַר מאיר לאָנדאָן, דזשעיקאָב פּענקין, מ. הילקוויט און אַנדערע. מיר האָבן געקוקט אויף דער אַר־בעט צו אַגיטירן פאַר סאָציאַליזם, ווי אויך אַ הייליגקייט, סיי אַלס טרעיד־יוניאָניסטן און סיי אַלס מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

אונזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרשפּרייטן ליטעראַטור און אין רעדן אויף די גאַסן־מיטינגען פאַר די אידישע מאַסן, אָרגאַניזירן „וואָ־טשערס״ (היטער אין טאָג פון די וואַלן). גאַנץ אָפט פּשוט שטיין און היטן די קאַנדידאַטן, אַז די גענגסטערס און „באָמס״ פון די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער זאָלן זיי ניט אַרונטערשלעפּן פון דער פּלאַטפאָרמע, ווען זיי פּלעגן רעדן פאַר׳ן עולם.

די אַמאַלגאַמעיטעד העדקוואָרטערס פאַר די וואַלן האָט זיך געפונען אויף דעלענסי סטריט. אַלע אויף דער נאַכט נאָך דער אַרבעט פּלעגן מיר קומען אין אָפּיס און פון דאָרט פלעגט מען אַרויסשיקן רעדנער אויף אויטאָמאָבילן צו פאַרשידענע גאַסן מיט אינסטרוקציעס צו דעקן עטלעכע מיטינגען. צווישן די רעדנער האָבן זיך געפונען: דוד אשינסקי, ל. האָלענדער, לעווענטהאַל, ב. וואולף, ברוינשטיין, און נאָך אַ גאַנצע ריי אַקטיוויסטן מיט מיין ווייניגקייט.

אַרויספאָרנדיג אַזוי עטלעכע טעג האָב איך באַמערקט, ווי די מאַכערס פון׳ם וואַל־קאַמפּעין ברענגען אונז צום קאָרנער, שטעלן אַראָפּ די פּלאַט־

פּאָרמע, וואַרפן אַראָפּ די ליטעראַטור מיט די פּלאַקאַטן און אַליין פאָרן זיי אַוועק פאַרברענגען ערגעץ אין אַ קאַבאַרעט.

מיר האָבן דעם ענין אויפגענומען ביי דער „דזשאָינט באָארד" און אָנ־געוויזן, אַז אַנשטאָט אויסגעבן געלט אויף אויטאָמאָבילן, קאָן מען די אַרבעט דערגרייכן מיט אַ סך ווייניגער אויסגאַבן, ווען מ׳זאָל נעמען אַ פערד און וואָגן, דערצו וועט דער פערד און וואָגן קאָנען בלייבן ביז נאָכ׳ן מיטינג און צוריקפירן די פּלאַטפאָרמע און אויך די פאַרבליבענע ליטעראַטור און אַזוי אַרום פאַרשפּאָרן דערנאָך דאָס צו שלעפּן אויף די הענט אין אָפּיס אַריין.

אויפ׳ן צווייטן טאָג, ווען מיר זיינען ווידער געקומען אין די העד־קוואַרטערס צו קריגן אונזערע אָנווייזונגען וואו צו רעדן, האָט מען אַלע־מען צעזעצט אין די אויטאָמאָבילן, נאָר פאַר מיר און דוד אַשינסקי׳ן איז געווען צוגעגרייט אַ טראָקל, ס׳הייסט אַ פערד און וואָגן, וואו מ׳האָט אונז אָנגעוויזן אַריינצוגיין און דעקן אַ ריי גאַסן אויף דער איסט־סאַיד.

ווען איך האָב זיי געפרעגט, וואָס הייסט דאָס? האָבן זיי ציניש גע־ענטפערט: מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שכל, דאַרפן פאָרן מיט פערד, און אונזערע טענות האָבן זיי געהערט ווי אין טראָק...

מיר קריגן אַ „וואָסערדיגע" רעדע

גאַנץ אָפט פלעגט דער „פאָרווערטס"־פּויק נעמען קלאַפּן מיט באַ־רימערישע אויסגעשרייען: טויזנטער בירגער לאָזן ניט שלאָפן מאיר לאָנדאָנ׳ען; זיי וועקן אים אויף אינמיטן נאַכט און ער מוז אַרויסקומען האַלטן אַ רעדע אויפ׳ן פייער־עסקייפּ...

אָט מיט אַזעלכע און ענלעכע נייעס, פלעגט דאָס דער „פאָרווערטס" וועקן די סאָציאַליסטן צו קומען שטימען פאַר דער ס. פּ.

איין אָוונט זאָגט אונז אָן דער קאַמפּעין־מענעדזשער פון אַ צווייטן קאַנדידאַט, אַז שבת נאַכט, ווען די מיטינגען וועלן פאַרענדיגט ווערן, וועלן אַלע זיך פאַרזאַמלען אויף איסט בראָדוועי און קלינטאָן סטריט, פון דאָרט וועלן מיר דורכפירן אַ דעמאָנסטראַציע ביים הויז פון דעם גע־נאָסע — — ער האָט געגעבן די אינסטרוקציעס ווי אַזוי נאָך 12 ביי־נאַכט זאָל מען גיין מיט די פּלאַקאַטן איבער די גאַסן, וואַרפן לאָזונגען און רופן דעם נאָמען פון קאַנדידאַט. ווען מיר וועלן צוקומען צום הויז און אים רופן, וועט ער אַרויסקומען און האַלטן אַ רעדע פאַר אונז.

מיר האָבן דורכגעפירט דעם באַשלוס. 12 ביינאַכט, האָבן מיר אַר־

גאַניזירט אַלע קליינע מיטינגען אין איין גרויסן און זיך אַרויסגעלאָזן מיט די נויטיגע אויסרופן און געשרייען.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום אָנגעגעבענעם אַדרעס און גענומען געוואַלדעווען און רופן דעם קאַנדידאַט, האָט זיך געעפנט אַ פענצטער, פאַרשטייט זיך, אַז די געשרייען און אפּלאָדיסמענטן זיינען געוואָרן נאָך העכער. נאָר, ווען אַלע האָבן מיט באַגייסטערטע אויגן אַרויפגעקוקט אין דער הויך, האָט געגומען פליען אין אונז פלעשער מיט וואַסער און אַן וואַסער, פאַרשידענע מיסט און שאָלעכצן, דערצו טויטע קללות אויף אונז מיט׳ן קאַנדידאַט צוזאַמען.

מיר זיינען זיך צעלאָפן שרעקלעך אַנטוישט און אויף מאָרגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אונזער „וועג־וויזער״ האָט ניט געהאַט דעם ריכטיגן אַדרעס. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס דער קאַנדידאַט האָט אויף מאָרגן געהאַט אַ טענה צו אונז. ער איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און געווארט מ׳זאָל אים אַרויסרופן אין די פּאַדזשאַמעס צו האַלטן אַ רעדע אויפ׳ן פייער־עסקעיפּ . . .

מ׳ציילט ציין אָנשטאָט באַלעטס

אַ שיינע מעשה האָט אויך פּאַסירט מיט דער „וואַטשערס״־קאָמיטע, וועלכע האָט געדאַרפט אַכטונג געבן, אַז „טעמעני״ זאָל ניט באַ׳גנב׳ענען די וואַלן פון די סאָציאַליסטן.

אין „פּאַרוועדטס״ האָט מען געשריבן, אַז אַלע שאָפּ־טשערלייט און קאָמיטעס וואָס ווילן העלפן היטן ביים ציילן זאָלן קומען אויף פאַרסייט סטריט, אין אַ האַל, און דאָרטן וועלן שוין זיין אַ ריי טוער פון די געווערקשאַפטן און אַרבעטער־רינג, וואָס וועלן אָנפירן מיט דער אַרבעט און גיין מיט די קאָמיטעס אין די „פּולינג־פּלעצער״.

מיר זיינען געקומען אין דער פרי און וואַרטן. דער זייגער רוקט זיך, פון פינף ווערט זעקס, פון זעקס זיבן און קיינער איז ניטאָ פון דער קאָמיטע.

מיר נעמען רופן אַהער און אַהין, ביז מיר האָבן אויסגעפונען, אַז זיי זיינען געגאַנגען שלאָפן אין אַ באָד טאַקע אויף פאָרסייט סטריט, כדי זיי זאָלן ניט פאַרשפּעטיגן און זיין אין צייט. אָבער אין באָד האָבן זיי זיך געטראָפן מיט נאָך גענאָסן און מ׳האָט צוזאַמען געשפּילט אַ פּויקער. די שפּיל האָט זיך פאַרענדיגט מיט דעם, אַז צוויי האָבן געוואונען אַ סך געלט ניט אויף קיין ערלעכן וועג, האָט מען זיך צעקריגט און צע׳הרג׳עט, אַזוי אַז אָנשטאָט ציילן די שטימען האָט מען געציילט די ציין וואָס האָבן געפעלט אין מויל . . . און, נאַטירלעך, פאַרשלאָפן די וואַלן . . .

אויף מאָרגן, ווען די צייטונגען האָבן געמאָלדן וועגן די רעזולטאַטן פון די וואַלן האָט איינער אַ ציניקער פון די געווערקשאַפטן, וועלכער האָט געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט אין קאָרטן, זיך געקיבעצט: נו, מילא, מיר האָבן פאַרלוירן אין די וואַלן, דערפאַר האָבן מיר אָבער געוואונען אין פּויקער...

קאַפּיטל 43

ווען אַ פרוי האָט איר מאַן, אַ סקעב, געפּאַקט מיט אַ געליבטער

אין 1920 האָט די מאַנופאַקטשורערס אַסאָסיעישאָן פון מענער־קליי־דער באַשלאָסן אויסצופּרובירן איר מזל דורך אויפנעמען אַ קריג געגן דער אַמאַלגאַמעיטעד, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט געהאַט צעוואַקסן אי־בערן לאַנד.

די שווערע לאַגע ביי די שניידער גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט זיי דערמוטיגט אַרויסצושטעלן פאָדערונגען צו דער יוניאָן. זיי זיינען דאָן אַרויסגעקומען מיט אַ פּראָגראַם פון זיבן פּונקטן, וואָס האָט פאַר די שניידער פּאַקטיש געמיינט זיך אומצוקערן ווידער צו דער סוועט־שאַפּ סיסטעם.

כדי דאָס אויסצופירן האָבן זיי געמאַכט אַ לאָקאוט געגן די אַרום זעכציג טויזנט אָרגאַניזירטע שניידער אין ניו־יאָרק. זיי האָבן אין דעם לאָקאוט באַנוצט „אינדזשאַנקשאַנס“, אויך אַ גאַנצע ריי גענגסטערס.

די יוניאָן האָט אויף דעם לאָקאוט געענטפערט מיט אַ סטרייק, וואָס איז געווען איינער פון די פאַרביטערסטע אין דער קליידער־אינדוסטריע.

איז אין יענער צייט אויף ברום סטריט געווען אַ קליידער שאַפּ, וועגן וועלכן מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אַ צאָל פון די אַרבעטער, וועלכע פּי־קעטן דאָרט בייטאָג, גנב'ענען זיך אַליין אַריין אין אָוונט אין שאַפּ און סקעבן.

איז אַ קאָמיטע געקומען אין אָוונט צום שאַפּ, פּרובירט עפענען די טיר, אָבער עס איז נישט געלונגען. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן און מען האָט נישט געקאָנט אַריין צו זען וואָס דאָרט טוט זיך.

איז מען געפאַלן אויף אַזאַ פּלאַן:

מען איז געקומען צו אַ פרוי פון איינעם אויף וועלכן מען האָט גע־

האָט אַ חשד, אַז ער איז איינער פון די סקעבס און מען האָט איר גע־זאָגט, אַז איר מאַן האָט אַ געליבטע אין שאַפּ און אַז דערפאַר קומט ער אַהין אין אָוונט און אָפט בלייבט ער דאָרטן בעכטיגן.

איז די פרוי אין אָוונט געקומען אויסצוגעפינען וואָס איר מאַן טוט אין שאַפּ. אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן האָט דערביי געוואָרט צו זען, וואָס עס וועט געשען.

ווען זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט דער וואָטשמאַן, וועלכער איז געווען אַ נייער מענטש, פאַרשלאָפענערהייט אַ עפן־געטאָן די שטאָבע. איינער פון דער קאָמיטע איז דאַן גלייך געווען אויפ׳ן אָרט און האָט אַריינ־געשטעלט אַ פוס אין טיר. אַלע זיינען אַריין און אויך די פרוי.

מיטגלידער פון דער קאָמיטע זיינען געווען אונטערן איינדרוק, אַז די מעשה, אַז דער מאַן פון דער פרוי האָט אין שאַפּ אַ געליבטע איז אינ־גאַנצן אַן אויסגעטראַכטע. האָט זיך אָבער גראָדע אַרויסגעוויזן דאָס פאָלגנדיגע:

אַזוי שנעל ווי די קאָמיטע איז אַריין און זיך אַ לאָז געטאָן איבערן שאַפּ, האָט מען באַמערקט ווי אין אָפיס האָט עמיצער אויסגעלאָשן אַ לעמפּל. האָט זיך איינער אַריבערגעכאַפּט איבערן ווענטל און אַן־עפן געטאָן די טיר.

צו אַלעמענ׳ס איבעררעשונג איז דאָרט געשטאַנען איר מאַן, אין אַן אומבאַקוועמע לאַגע. אַ פרוי איז פון אָפיס אַרויסגעלאָפן אַ צעשראָקענע מיט אירע קליידער אויף דער האַנט.

דער וואָטשמאַן, אַן אַלטער קריסט, האָט זיך פאַרענטפערט און דער־ציילט, אַז ביז צען אַזייגער האָט מען אין שאַפּ געאַרבעט. דערנאָך האָט דער מאַן אים געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָ דער פרוי זיינער אויספּיטן אַ סוט, וואָס ער מאַכט אויף אין שאַפּ . . .

די פרוי פון דעם סקעבאָטש, האָט איר מאַן שוין געגעבן אַ סוט . . . זי האָט אים געשלאָגן מכות־רצח. די סטרייק־קאָמיטע איז געשטאַנען און געקוקט, אָן אַ שטאָך אַרבעט . . .

די הילף פון אַן אָרון קודש מיט אַ פּרוכת

געווען איז דעמאָלט אויך אַזאַ פאַל:

מען האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ גרופּע אַרבעטער צוזאַמען מיט זייער קאָנטראַקטאָר פלאַנירן צו עפענען אַ שאַפּ אין וואודבעין, ניו דזשוירזי.

דער באַלעבאָס האָט אָפּגערעדט מיט די אַרבעטער צו טרעפן זיך ביי אים אין שולכל, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ האָל אויף איסט בראָדוועי,

און ער האָט פאַרזיכערט, אַז דער דעזאַינער און מענעדזשער פון זיין פירמע וועלן דאָרט אויך זיין.

די סטרייק־קאָמיטע האָט זיך באַרעכנט, אַז גלאַט צעשטערן דעם מיטינג וועט ניט ברענגען קיין רעזולטאַטן, נאָר פאַרקערט, זיי לאָזן האָבן דעם מיטינג און אויסגעפינען זייערע פּלענער.

אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס?

האָט שוין דאָ אַרויסגעהאָלפן איינער אַ מענדל, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַ גייענדיגע אינפאָרמאַציע ביוראָ.

דער מענדל איז ניט געווען קיין רעדנער, ער האָט אָבער געהאַט אַ גוטן „שמעקער". ווען ער האָט איינמאָל געוואָלט זיין ביי אַ קליקע־מיטינג פון אַ געוויסער יוניאָן, איז ער צום מיטינג אַריין מיט אַ פּעקל „פאָרוואַרטס'ן" אונטערן אָרעם, כלומרשט צו פאַרקויפן, און איז אַזוי פאַרבליבן ביים מיטינג.

פאַר דעם מיטינג וואָס די דערמאָנטע גרופּע סטרייק־ברעכער האָט געזאָלט אָפּהאַלטן אין שולכל, האָט מענדל אויסגעאַרבעט אַזאַ פּלאַן:

ער איז אַוועק פאַרנאַכט אין שול אַריין מיט אַ סענדוויטש אין קעשענע און שטילערהייט האָט ער זיך אונטערגעשאַרט אין ווינקל, וואו עס איז געשטאַנען דער אָרון קודש. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַן אָרט וואו פון איין זייט האָט ער זיך פאַרשטעלט מיט'ן פּרוכת און פון דער צווייטער זייט ביי דער וואַנט, האָט ער געהאַט אַ פענצטער צו קאָנען אָטעמען און כאַפּן אַביסל לופט.

זיבן אַזייגער זיינען אַריינגעקומען דער באָס, דעזאַינער, מענעדזשער און אַלע סקעבס. זיי האָבן אויסגעאַרבעט זייער פּלאַן, אָפּגעמאַכט די פּרייזן און אַראַנזשירט ווי אַזוי זיי זאָלן אַלע טאָג קאָנען זיין אין די סטרייק־האָלס צו אָפּקלאַפּן די קאַרטלעך און אפילו צו קאָלעקטן סטרייק־בענעפיט, און דערנאָך קומען סקעבן אין אַ נייעם שאָפּ, אין וואודבעין, ניו־דזשוירזי.

ווען די חברה סקעבס האָט פאַרענדיגט דעם מיטינג, פאַרלאָשן דאָס ליכט און אַרויס פון שול, איז מענדל אויך אַרויסגעקראָכן פון זיין באַהעלטעניש און זיך געלאָזט גיין. נאָר ווען ער האָט פּרובירט עפענען די טיר האָט ער געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן.

נאָך אַ ביסל קלאַפּן, האָט דער סופּעראינטענדענט אים אויפגעשלאָסן די טיר און זיך געוואונדערט:

— ווי אַזוי ביסטו דאָס געבליבן דער לעצטער אין אַ פאַרשלאָסענער שול?

האָט מענדל אים דערקלערט, אַז ער האָט זיך פאַרשלאָפן און אַז דערווייל זיינען אַלע אַרויס פון שול און פאַרהאַקט די טיר.

יעדנפאַלס, מיט זיין הילף און מיט דער הילף פון דעם אָרון קודש מיט׳ן פּרוכת איז שוין דעמאָלט דער דערמאָנטער פּלאַן פון סקעב־אַרבעט אין וואודבעין, ניו דזשוירזי, צעשטערט געוואָרן.

קאַפּיטל 44

אַ מעשה מיט אויל־קלאָט, גרעפּט און פאַלשע באַלעטס

די שניידער זיינען שטענדיג געווען פאַרנומען אין קאַמפּף, סטרייקס, דערגרייכונגען פאַר דער יוניאָן פון פאַרשידענע סקעב־נעסטן איבערן לאַנד. אָבער אויך אַ סך פלעקן האָבן זיך געגומען באַוויזן, וואָס האָט ניט געשאָפן קיין כבוד דער „אַמאַלגאַמעיטעד״.

צופיל צייט איז אויסגעקומען צו פאַרנעמען ביי דער דזשאָינט באָארד די דאָזיגע פלעקן אויסצורייניגן און גאַנץ אָפט, צום באַדויערן, פלעגט מען דאָס מוזן פאַרלאַטען, פאַרדעקן און „צופּרעסן״ . . .

עטלעכע אַזוינע פאַלן וועט זיין אינטערעסאַנט צו דערציילן.

מ׳האָט געקויפט אין ברוקלין אַ געביידע פאַר אַן אָפיס פון דער יוניאָן, דעם עריאַן האָל. די שניידער זיינען געווען זייער צופרידן, ווען מ׳האָט דעם האָל איבערגעבויט און זיך אַריינגעקליבן. ביי דער פינאַנץ־קאָמיטע איז אָבער געוואָרן אַ סאַמאַטאָכע וועגן די אויסגאַבן וואָס געגאַנסע פּיטער מאַנאַט, דער סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער דזשאָינט־באָארד און אַ מאַכער אין „פאָרווערטס״ — האָט אויסגעגעבן. אויף די אַלע איינריכ־טונגען, איבערהויפּט האָט זיך געטומלט און אפילו צווישן אַ ריי גענאָסן, וועגן דעם „ביל״ פאַר אויל־קלאָט אויסצולייגן אין די אָפיסעס. איינער פון דער פינאַנץ־קאָמיטע, האָט גע׳טענה׳ט, אַז מ׳האָט געקאָנט פאַר׳ן געלט קויפן אויל־קלאָט צו באַדעקן דעם גאַנצן ברוקלינער בריק. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז גענוג פאַר אַלע שניידער שעפער צו דעקן די פאָדלעגעס, מ׳זאָל ניט דאַרפן שטיין אויף דעם שמוץ אין שאָפּ.

די פאַרטיידיגער פון גענאָסע פּ. מאַנאַט האָבן אָבער געזאָגט, אַז די אויפדעקונגען און פּראָטעסטן פון פּ. מאַנאַט׳ס אייגענע גענאָסן נעמט זיך פון אָט־דעם, וואָס זיי האָבן אויך געוואָלט שטיקלעך אויל־קלאָט פאַר

זייערע היימען און פאַר אַלעמען איז ניט געווען געגוג...

אין פאַרבינדונג מיט דעם האָט פּאַסירט אַזאַ שפּאַס, וואו ס'פּאַסט דאָס פאָלקס־ווערטל, אַז אין אַ פאַמיליע וואו איינער האָט זיך געהאָנגען, זאָל מען ניט רעדן פון שטריק...

אַן עלטערער איד, אַ שניידער, איז געקומען בעטן אויף רענט ביי דער פינאַנץ־קאָמיטע, זיין דערקלערונג איז געווען, אַז ער סטרייקט שוין אַכט וואָכן, מ'האָט אים אַרויסגעשטעלט פון דער וואוינונג, איצט האָט ער שוין אַ נייע דירה נאָר ער האָט ניט מיט וואָס זיך אַריינצוקליבן.

די קאָמיטע האָט באַשלאָסן אים צו געבן פינף און צוואַנציג דאָלאַר. איינער פון דער קאָמיטע איז גלייך אַרויס און אים אָנגעזאָגט פון דעם באַשלוס.

דער איד האָט זיך דערפרייט מיט'ן באַשלוס, נאָר באַלד האָט ער זיך געווענדעט מיט אַ צווייטער בקשה: אפשר קאָנט איר מיר אויך געבן אַ שטיקל אויל־קלאָט?

— אויל־קלאָט? — בלייבט שטיין דער קאָמיטע־מאַן, — וואו קאָנען מיר אייך נעמען אויל־קלאָט?

— וואָס הייסט, — זאָגט נאָאיוו דער שניידער, — איך האָב געהערט אונטער'ן טיר ווי מ'האָט גערעדט, אַז איר האָט אויל־קלאָט פאַר'ן גאַנצן ברוקלינער בריק, טאָ וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי אייך אַ שטיקל אויל־קלאָט פאַר מיין קיך?

דער קאָמיטעמאַן האָט גלייך צוריקגעכאַפּט דעם טשעק און אַרויסגעטריבן דעם שניידער פון אָפיס.

זאָגט אויס פון חדר...

אין דער זעלביגער צייט האָט מען אָנגעפאַנגען צו אונטערזוכן באַשולדיגונגען פון גרעפט און קאָרופּציע אין פאַרשידענע דעפּאַרטמענטס. איין טאָג ווער איך איינגעלאַדן פון אַ באַאַמטן, אַן אַסיסטענט־מענעדזשער פון דער דזשאָינט באָארד, צו זיין ביי אים זונטאָג אויף דינער (וועטשערע) צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע אַקטיווע טוער.

זונטאָג האָב איך געטראָפן ביי דעם באַאַמטן אין הויז די עקזעקוטיוו־מיטגלידער: פּאָלאַק'ן, לעדערער'ן און אַנדערע אַקטיווע טוער צוזאַמען מיט די פאַמיליעס.

די פרוי פון דעם באַאַמטן, ווייזט אויס, ניט קיין צואיבערגעשפּיצטע, האָט גלייך זיך גענומען באַרימען פאַר די פרויען און זיך אויספּיינען מיט די אַלע מתנות, וואָס זי האָט לעצטנס געקראָגן: איר זעט, ווייזט זי אַ

טייערן פרויען טייסטער, דאָס האָב איך געקראָגן צוגעשיקט פון דעם און דעם קאָנטראַקטאָר. דער און דער מאַנופעקטשורער האָט אונז אַריינגע־שיקט דעם „סעט סילווער", וואָס איר זעט דאָרט אויפ׳ן טיש . . . דער און דער מאַנופעקטשורער איז אַ גאָלדענער מענטש, ער האָט באַצאָלט פאַר מיין זיין צוויי וואָכן אין קאונטרי צוזאַמען מיט זיין פרוי, ער האָט גע־וואָלט איך זאָל שטיין אַ דריטע וואָך . . .

מיר זיינען געשטאַנען דערביי, זיך צוגעהערט און זיך איבערגע־וואונקען. די פרוי, אַ באַרעדעוודיגע, האָט געהאַלטן אין איין רעדן אויך פון אַנדערע באַאַמטע, ביז איר מאַן, דער אַסיסטענט־מענעדזשער, איז אַרויפגעקומען פון גאַס מיט נאָך פריינט וועמען ער האָט געבראַכט און איבערגעשלאָגן די רייד.

פאַרשטייט זיך, אַז דער ענין איז געקומען צו דער דזשאָינט באָארד, און ווי גיך דער באַאַמטער האָט זיך דערוואוסט, אַז די קלאָגן ווערן אונ־טערגעזוכט, האָט ער אַריינגעגעבן זיין רעזיגנאַציע אין דער יוניאָן און איז אַוועק אין ביזנעס, פאַרקויפנדיג דערביי אויך די יוניאָן . . .

ווען זיין פרוי האָט שפּעטער באַגעגנט איינע פון די פרויען צו וועמען זי האָט גערעדט און דערציילט די אַלע זאַכן, האָט זי זיך באַקלאָגט: אויך מיר אַ יוניאָן די אַמאַלגאַמעיטעד! זי נעמט זיך אָן די קריוודע פון די באָסעס. אַז מ׳נעמט אַ מתנה פון אַ באָס איז דאָס אירע ביזנעס. „אַי דאָנ׳ט לאַיק סאַטשי יוניאָנס" (אַזעלכע יוניאָנס האָב איך פיינט) . . .

נעכטן אַ דעלעגאַט — היינט אַ פאָרמאַן

ווען די „פאָרווערטס"־לייט האָבן דערזען ווי אַזוי די פּראָגרעסיווע שניידער פירן אַ קאַמף פאַר אַ ריינע, ערלעכע יוניאָן, האָבן זיי זיך פאַר־מאָסטן אין די וואַלן טאַקע אין דעם זעלביגן יאָר צו פאַרכאַפּן די מאַכט און באַזייטיגן אַלע לינקע, פּראָגרעסיווע, און אפילו אַזויגע טוער וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער ס. ל. פּ. ספּעציעל האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט, ווען סידני הילמאַן, דער פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמעי־טעד, איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַנ־דערע לענדער.

די וואַלן זיינען געווען זייער שטורעמדיגע, ספּעציעל איז געווען דער קאַמף גרויס צווישן ב. רייניש, אָן ס. ל. פ׳יניק, וועלכער איז געלאָפן געגן פּ. מאַנאַט פאַר סעקרעטאַר־טרעזשורער.

אין טאָג פון די וואַלן האָבן די „וואַטשערס" זיך דערוואוסט, אַז אַ גרופּע גענאָסן, „מאַנאַט׳ס פריינט, זיצן אין אַ הויז אויף 4טע גאַס און

מ׳צייכנט באַלאַטס. מ׳האָט גלייך געלאָזט וויסן ריינישן וועגן דעם, ער זאָל אָפּרופן דעם נאַציאָנאַלן אָפיס און דאָס לאָזן וויסן צו יוסף שלאָסבערג׳ן. רייניש איז אָבער געווען געשטראָפט פון דער נאַטור מיט דעם, וואָס ער איז געווען אַ זאַהיקער. ער האָט גענומען רופן אין אָפיס און פון אויפ־רעגונג איז אים געווען נאָך שווערער צו רעדן און צו פאַרשטיין זיך. דער סוף איז געווען, אַז איידער עמיצער איז געקומען, האָבן זיי שוין די קעסטל שטימען אָוועקגעפירט אין האָל אַריין.

אַזוי איז אויך געבראַכט געוואָרן פון נואַרק צוויי מאָל אַזוי פיל באַלעטס וויפיל ס׳איז געווען מיטגלידער אין דעם לאָקאַל. ווען די ציילער־קאָמיטע האָט פּראָטעסטירט, האָט דער נואַרקער קאָמיטעמאַן אַ זאָג גע־טאָן „אומשולדיגערהייט״: זע נאָר ווי זיי קרענקט אין ניו־יאָרק, וואָס אונזער יוניאָן וואַקסט אין נואַרק . . .

די שווינדלערישע וואַלן, האָט אַזוי אויפגערעגט די ניו־יאָרקער שניי־דער, אַז ביי אַלע מיטינגען איז באַשלאָסן געוואָרן בטול צו מאַכן די וואַלן און מ׳האָט פאַרלאַנגט די רעזיגנאַציע פון די פירער.

די באַאַמטע האָבן אַריינגעגעבן די רעזיגנאַציעס, וואָס איז גלייך אָנ־גענומען געוואָרן און ס׳איז באַשטימט געוואָרן צו האָבן נייע וואַלן.

אינטערעסאַנט איז, אַז די אַלע באַאַמטע וועלכע זיינען דורכגעפאַלן, זיינען ניט געגאַנגען צוריק אין שאַפּ אַרבעטן, נאָר אַלע פון זיי האָבן געהאַט אָנגעגרייט דורך זייערע פאַרבינדונגען מיט די באַלעבאַטים שוין פון פריער, ווער אַ פאָרמאַן־דזשאָב, ווער אַ שותּף צום שאַפּ און ווער ס׳האָט פאַרקויפט צו די באַלעבאַטים „טרימינג״ מיט יוניאָן . . .

אַ שיינער שפּאַס איז געווען, ווען אין אַ צייט אַרום איז אַרויפגעשיקט געוואָרן אַ שניידער אין אַ שאַפּ צו דער אַרבעט. ווי גיך ער האָט גע־עפנט די טיר, האָט ער ד ע ר פאַרמאַן אויפ׳ן פלאָר אייזענבערג׳ן, זיין געוועזענעם ביזנעס־אַגענט און מיטגליד פון זיין לאָקאַל וועמען ער, דער שניידער, האָט שטאַרק באַקעמפט. דער שניידער האָט זיך אויסגע־דרייט און גענומען קליגען פאַר׳ן עלעוועיטאָר אַרונטערצופאָרן צוריק. דאָ איז דער פאָרמאַן צוגעלאָפן און אים פאַרהאַלטן.

— דאַרפסט, — זאָגט ער, — זיך ניט שרעקן. איך וועל דיר גאַנץ פיין צונעמען צו דער אַרבעט. און דערביי, ציניש, האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַז די אַנדערע זאָלן הערן: אויב איך האָב דיר ניט געקאָנט שינדן די הויט אין דער יוניאָן, וועל איך דאָס טאָן אין שאַפּ . . .

קאַפּיטל 45

רעקעטירער פאַראייניגן זיך

אין אַ צייט ווען אין מאַרקעט האָט זיך באַוויזן אַביסל אַרבעט אין דעם שניידער־טרעיד, האָט דאָס אויך געגעבן אַ געלעגנהייט די שניידער יוניאָן, „אַמאַלגאַמעיטעד״, זיך איינצופונדעווען אין ניו־יאָרק ווי איבערן לאַנד.

די באַלעבאַטים האָבן דערפילט, אַז די יוניאָן איז געקומען צום לעבן, האָבן זיי גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי צו דיסקרעדיטירן די יוניאָן און טעראָריזירן די אַרבעטער אין די שעפּער.

די אַרבעטער האָבן דערפילט דעם כוח פון יוניאָן און זיי האָבן עקשנות׳דיג געקעמפט. טאָג־טעגלעך פלעגן אויסברעכן סטרייקס און סטאָפּעדזשעס, איבערהויפּט אין די קליינע סוועט־שעפּער, וועלכע האָבן ניט באַגריפן, וואָס עס מיינט פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו באַדינגונגען און צו אַן אָפּמאַך.

די גרויסע פירמעס ווידער, אַזעלכע ווי דזש. פרידמאַן, באַשאַוויטש, ביג־סיקס, קאָהן און לענג, וו. פּ. גאָלדמאַן, קעלסאָן, וויטי בראָדערס, קו־לאַק׳ס און אַנדערע האָבן גענומען זוכן מיטלען ווי אַזוי אָפּצונאַרן די יו־ניאָן און אויפמאַכן זייער אַרבעט אין בוטלעג שעפּער. מאַנכע ביי קאָנ־טראַקטאָרס אין ניו־יאָרק, ספּעציעל איז געווען פאַר זיי אַן עיר־מקלט אין בוש־טערמינאַל אין ברוקלין, וואו ס׳איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען צו די אַרבעטער, רעדן צו זיי און זיי אָרגאַניזירן, און די הויפּט זאַך, האָבן די פירמעס אַראַנזשירט אַ קייט פן סוועט און סקעב־שעפּער אוט־אָוו־טאַון, געשאַפן אַ שטענדיגע קאָנקורענץ צווישן די יוניאָן־שעפּער אין ניו־יאָרק און די סקעבעריי אין די קאַונטרי שטעט.

אין דער סקעבעריי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַ ריי פירער פון דער יוניאָן, צוזאַמען מיט אַ צאָל געוועזענע באַאַמטע, וועלכע האָבן גע־שפּילט אַ ראָלע אין די אָרגאַניזירטע אַסאָסיעישאָנס, טאַקע דורך דער יוניאָן אָרגאַניזירט פון די מאַנופעקטשורערס און קאָנטראַקטאָרס. אַ ריי באַרימטע גענגסטערס זיינען געוואָרן שטילע שותפים אין די פאַבריקן און פאַרקויפט פּראָטעקציע געגן דער יוניאָן.

אין די אוט־אָוו־טאַון שעפּער האָט מען געאַרבעט בחצי־חנם. און אַ צאָל פירער אין דער יוניאָן, אַנשטאָט צו אָרגאַניזירן די אַרבעטער, וועלכע זיינען מערסטנס געווען פרויען און פאַרמער־קינדער, האָבן גאָר אָנגע־נומען באַשליסן, אַז פרויען טאָרן ניט אַרבעטן ביי די מאַשינען און גע־

מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי וועלן פאַרניכטן די שעפּער אין דער קאַונטרי, און דער בעסטער מיטל, האָבן זיי געשריען, איז אויסצוקאָנקורירן די פּרייזן, אַרבעטן ביליגער, פון שטיק, לענגערע שטונדן און נאָך אַזעלכע בעלעמער מעטאָדן . . . מ׳פלעגט אפילו באַשטראָפן פאַר בעטן אַ רעיז, אָדער פאַר וועלן בייטן אַ שאַפּ.

די פירער, פאַרשטייט זיך, זיינען גאַרניט געווען אַזעלכע נאַראָנים. דאָס האָבן זיי פּרובירט די שניידער מאַכן צום נאַר. אַליין האָבן זיי גע־נומען פון די פירמעס ריזיגע סומען גרעפט. זיי פלעגן אייַנקאַסירן פון יעדער פירמע, צו 10 סענט פאַר יעדער וועסט אָדער קני־פּענטס, צו 15 סענט פאַר יעדער פאַר הויזן און 25 סענט פאַר יעדן ראָק וואָס די פירמע האָט אַרויסגעשיקט צו מאַכן אין די סקעב־שעפּער אויט־אָוו־טאַון. די גענגסטער, פאַרשטייט זיך, פלעגן העלפן די באַלעבאַטים מיט אַלץ וואָס ס׳איז פאַר זיי געווען נייטיק . . .

די קאָטערס פון לאָקאַל 4 האָבן אין יענער צייט, וואו די בעקערמאַן־גענג האָט געוועלטיגט, זייער פיל בייז געטאָן צו די שניידער. זיי האָבן געקראָגן גוטע שכירות אויף דעם רעכענונג, וואָס זיי פלעגן מאַכן אַ שוויַיג, ניט נעמען קיין שטעלונג, ווען די שניידער לאָקאַלן פלעגן שרייען נאָך הילף.

די גרעפט, קאָרופּציע און רעקעטירינג איז געווען אַזוי אָפן, אַז פאַר־מיליע ברידערלעך פלעגן אַראַנזשירן צווישן זיך: איין ברודער זאָל ווערן אַ פירער אין דער יוניאָן און דער צווייטער ברודער זאָל עפענען אַ שאַפּ, אָדער ווערן דער גרעפט־קאָלעקטאָר. געווען אַ פאַל ווען דריי ברידער, איטאַליענער, האָבן געשפּילט אַזאַ „טריא״: איינער איז געווען מענעדזשער אין דער יוניאָן, אַ צווייטער ביזנעס־אַגענט און דער דריטער ברודער האָט געהאַט אַ סקעב־שאַפּ אין קאָנעקטיקוט סטייט. האָט פּאַסירט איין מאָל, ווען מ׳האָט פּרובירט אָרגאַניזירן דעם שאַפּ אויט־אָוו־טאַון, האָט דער מענ־עדזשער געשיקט אַ קאָמיטע פון ניו־יאָרק דעם שאַפּ אַרונטערצונעמען אין סטרייק. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאָמיטע האָט גע־סקעבט אין שאַפּ פון׳ם ברודער און די יוניאָן האָט זיי געצאָלט וועכנט־לעך די שכירות פאַר׳ן סקעבן.

ווען איך האָב אויפגענומען דעם קאַמף ביי די לאָקאַלן און ביי דער דזשאָינט באָאַרד וועגן די פאַררעטערישע מעטאָדן פון די אַזוי־גערופענע פירער, און ווי אַזוי דער גענגסטעריזם האָט זיך איינגעגאַדזשעט ניט נאָר ביי די באַלעבאַטים, נאָר פאַנגט אָן צו שפּילן אַ ראָלע אין דער יוניאָן, האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע:

איין טאָג, אַרום 2 אַזייגער, ווער איך פּלוצלונג גערופן פון פ. מאנאט׳ן, דעם סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער דזשאָינט באָארד, דורכן טעלעפאָן, איך זאָל גלייך קומען צו אים אין אָפיס. איך האָב דאַן געאַרבעט פאַר „ווייטי בראָדערס״ קליידער־געשעפט. אַריינקומענדיג אין אָפיס האָב איך געפילט אין מאנאט׳ס רייד, אַז עפּעס פּלאָנטערט ער מיט די צונג, ציט סטעגנגעס און זוכט בלויז צו פּטר׳ן צייט. האַלב נאָך פינף אַזייגער, זאָגט ער מיר, אַז ער דאַרף גיין צו אַ מיטינג, איז ער מיט מיר אַרונטער, צוגעפירט צום קאַר און איז אַליין אַוועק.

גאָר אינגיכן האָט מיר פּיני פעסיקאָף, דער פאַרשטאַרבענער פּראָגרעסיווער טוער, וועלכער איז דאַן געווען אָרגאַנייזער אין דער אַמאַלגאַמעיטעד, פאַרטרויט דאָס פאָלגנדיגע געשיכטע: די גענג האָט באַשלאָסן מיר אָפּצואוואַרטן לעבן שאָפּ און זען מיר אַוועקצושיקן אין אַ שפּיטאָל. זייער פּלאַן איז „אויסגערונען״ און ווען פּאסיקאָף האָט זיך דערוואוסט פון דעם איז ער אַוועקגעלאָפן צו מאנאט׳ן מיט אַ געוואַלד, אַז דאָס וועט אויפרודערן די שניידער און עס וועט ווערן אַ סקאַנדאַל. פ. מאנאט האָט שוין אָבער די „באָיעס״ ניט געקאָנט קריגן, צוריקצוציען דעם באַפעל... דערפאַר האָט ער דאָס מיר גערופן אין אָפיס, כדי די גענגסטער זאָלן מיר ניט טרעפן ביים שאָפּ. ווען זיי זיינען געקומען „דיסאַפּאָינטעט״ אין אָפיס האָט מען זיי שוין אָנגעזאָגט צו בייטן די פּאָליסי, און אַזוי בין איך געבליבן מיט גאַנצע ביינער...

„אַ שיינע ריינע כפּרה ...״

אין יענער צייט האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין טרעיד די פיר קופער ברידער. איינער איז געוואָרן אָרגאַנייזער און מענעדזשער פון דער עקספּרעס־יוניאָן אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד״, די אַנדערע דריי ברידער האָבן אָרגאַניזירט אַן עקספּרעס קאָמפּאַני צו פירן די געשניטענע אַרבעט.

אין אַ קורצער צייט איז די יוניאָן און דער שיקזאַל פון די שניידער געלעגן אין די הענט פון די קופער־ברידער. זיי האָבן געגעבן די אַרבעט וואו זיי האָבן געוואָלט און וועמען זיי האָבן געוואָלט.

און געוואָלט האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, אַרויספירן וואָס מער אַרבעט „אוט אָוו טאַון״. עס איז געקומען צו אַזאַ צושטאַנד, אַז די שניידער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין גרויסע קאָמיטעס און איבערגעקערט די גרויסע טראָקס מיט אַרבעט פאָרנדיג אויפ׳ן וועג צו פּאַסייק. שפּעטער האָבן זיך שוין די טראָקס באַשיצט ניט נאָר מיט געגנסטער, נאָר מיט מאַשין־ביקסן.

די פּאַרקויפטע פּירער אין דער יוניאָן, אַנשטאָט העלפן די שניידער אויף דעם גרינגסטן און בעסטן וועג, גאָר פּשוט, ניט לאָזן די קאַטערס שניידן אַרבעט, וואָס ווערט געפירט פון דער גענג אין די סקעב און סוועט־שעפּער, אָדער זיך נעמען ריכטיג צו אָרגאַניזירן די שעפּער „אוט אָוו טאַון" — איז מען געקומען מיט אַזאַ משוגע'נעם פּלאַן, דאָס הייסט, פאַר דער „גענג" איז ער גאָרניט געווען משוגע.

דער פאָרשלאַג איז געווען, אַז „מ'זאָל ביי דער קאַץ צונעמען דעם לייטער". אין פּשוט'ע ווערטער: אָפּקויפן די טראָקס פון די קופּער ברידער, און דאַן, הייסט דאָס, וועלן די קופּער ברידער אַריין מיט'ן געלט אין אַן אַנדער סאָרט געשעפט און ניט פירן מער קיין אַרבעט „אוט אָוו טאַון".

די יוניאָן האָט זיי באַצאָלט דרייצן טויזנט דאָלאַר פאַר די אַלטע טראָקס. אַ צאָל פּירער מיט דער גענג האָבן צוזאַמען געפּרעסן און געטרונקען, געפּייערט דעם „זיג" . . .

אין אַ וואָך אַרום איז קלאָר געוואָרן דער „דיל". די קופּער־ברידער האָבן פאַר'ן געלט זיך איינגעקויפט נייע און בעסערע טראָקס, דערצו נאָך פאַרגרעסערט זייערע פינאַנציעלע געשעפטן אַרויסצופירן די אַרבעט פון ניו־יאָרק.

איין טאָג, לאָזט מיר וויסן „דזשעק נאָהי", איינער פון דער בעקערמאַן גענג, אַז ער וויל מיר טרעפן אין אַ סאַלון אויף בראָדוועי און 14טע גאַס (וואו ער וועט זיין מיט נאָך צוויי פריינט). איך האָב זיך דורכגערעדט מיט אַ רײ טוער און באַשלאָסן צו גיין אים זען, אויסגעפינען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, ווייל „דזשעק נאָהי" איז אויך געווען אַ פּירער אין דעם קאַטער לאָקאַל 4, מיט געגאָסע בעקערמאַנ'ס הילף.

איך בין אַריין אין סאלון און געטראָפן ביי אַ טישל זיצנדיג „דזשעק נאָהי" מיט אַ צווייטן גענגסטער „פרענטשי", וועלכער איז געווען באַקאַנט אין די שניידער־קרייזן פאַר זיין רעקעטירינג, און אַ דריטן, וועמענס נאָמען איך האָב ניט געוואוסט און זיי האָבן מיר ניט געזאָגט. איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז דאָס איז געווען לעפּקע, דאַן נאָך ניט אַזוי באַרימט . . .

דזשעק נאָהי האָט קורץ און שאַרף גענומען רעדן: הער זיך איין, סעם, מיר וויסן, אַז דו ביסט אַ „גוד־באָי", אַן אידעאַליסט, אָבער אַ יאָלד . . . איצט איז די צייט צו מאַכן אַ דאָלער. אַלע מאַכן . . . מיר ווילן אַז איר זאָלט אויפהערן שטערן און לאָזן איינפירן שטיק־אַרבעט, איר, זאָלט אויפהערן צו מאַכן טומל ביי דער דזשאָינט־באָאַרד וועגן דער עקספּרעס־פּירער־יוניאָן און די „אוט אָוו טאַון" אַרבעט. אויב דו וועסט אָבער ניט פאָלגן,

קאָן איך דיר זאָגן איין וואָרט: „אַי עם סאָרי פאָר יו״ (ס׳איז אַ רחמנות אויף דיר)...

זיי האָבן געשטעלט ביר מיט שנאַפּס אויפ׳ן טיש. איך האָב זיך אָבער אויפגעהויבן און זיי געענטפערט: „מיר שרעקן זיך ניט איבער פאַר׳ן בול־דאָזן. איר קאָנט טאָן וואָס איר ווילט, מיר וועלן אַנווענדן אַלע מיטלען אין אונזער קאַמף פאַר די שניידער־אַרבעטער, צו פאַר־בעסערן זייער לעבן, אָבער ניט פאַררערגערן״, און איך בין אַוועק.

אין אַ וואָך שפּעטער, ווען איך בין אַרויס אויף 14טע גאַס פון דער סאָבוועי, האָב איך געטראָפן אַ רעדל מיט מענטשן, איינער פונ׳ם רעדל, אַן אַלטער שניידער, איז צו מיר צוגעלאָפן און אַנגעזאָגט אַ פריילעכע נייעס: „דזשעק באָהי״ איז איצט דערשאָסן געוואָרן פון זיינע אייגענע געגנסטער, וועלכע האָבן זיך ניט געקאָנט צעטיילן ריכטיג מיט׳ן גרעפּט פון זייער גרויסן רעקעט אַרום די שניידער־שעפּער. איך האָב צו זיך אַ זאָג געטאָן: „אַ שיינע ריינע כפּרה״.

קאַפּיטל 46

אַמאַלגאַמעישאָן און „אַלגאַמעישאָן״

אַט אַזוי האָבן די שניידער דורכגעמאַכט זייער אַ שווערע צייט. די באַלעבאַטים האָבן אויף דער אַמאַלגאַמעיטעד געמאַכט איין אַטאַקע נאָך דער צווייטער. אָבער ערגער פון אַלץ איז געווען אַ ווילדע צעטיילונג און קאָנקורענץ, וואָס איז אַנגעגאַנגען צווישן אַ צאָל באַזונדערע לאָקאַלן פון ניו־יאָרק, ברוקלין און בראָנזוויל און וואָס איז שטאַרק אויסגענוצט גע־וואָרן פון די באַלעבאַטים פון די קליינע סוועט־שעפּער.

די דזשאָינט באָאַרד פון דער אַמאַלגאַמעיטעד איז טאַקע געווען אַן אַזוי־גערופענע צענטראַלע קערפּערשאַפט, אָבער יעדער לאָקאַל איז געווען אַ קעניגרייך פאַר זיך אַליין און אַזעלכע לאָקאַלן זיינען געווען אַ סך.

די קאָנקורענץ צווישן די לאָקאַלן איז געווען אַזאַ ווילדע, אַז ווען איין לאָקאַל האָט געהאַט איין פּרייז פאַר אַריינגעמען נייע מיטגלידער, האָט אַ צווייטער לאָקאַל געהאַט אַ צווייטן פּרייז, האָט איינער באַשטראָפט פאַר איין און דעם זעלבן פאַרברעכן געגן דער יוניאָן מילד, האָט אַ צווייטער לאָקאַל צו׳להכעיס באַטראָפט שווער.

געווען איין מאָל אַ פאַל ווען אַן אָפּערעיטאָר האָט ביי אַ מיטינג פון אַ „גריוועגס באָאַרד״ אין ניו־יאָרק געהאַט אַזאַ טענה:

— סטייטש, וואו איז יושר? פאַר אַרבעטן שבת דאָ אין ניו־יאָרק האָט איר מיך באַשטראָפט מיט פופצן דאָלאַר. אָבער ווען איך האָב געוואוינט און געאַרבעט אין בראַנזוויל האָב איך געטאָן ערגערע זאַכן און מען האָט מיך קיינמאָל ניט באַשטראָפט מער ווי מיט פינף דאָלאַר...

די קאָנקורענץ איז אפילו אָנגעגאַנגען צווישן די ביזנעס־אַגענטן. יעדערער האָט געוואָלט קריגן וואָס מער באַנדלעך פאַר זיין לאָקאַל אין זיין געגנט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אויך געמיינט קאָנקורירן מיט פרייזן.

עס זיינען דערפאַר אויך פאָרגעקומען קאָמישע פּאַסירונגען מיט טרויעריגע רעזולטאַטן.

למשל, אין אַ שאַפּ וואָס האָט זיך אַריבערגעקליבן פון ניו־יאָרק קיין ברוקלין, האָט מען צוריקגעבראַכט פון ווערהויז אַ מאַנטל וואו דער אַרבל איז ניט געשטאַנען ריכטיג און מען האָט דאָס געדאַרפט איבערשטעלן. האָט דער אָפּערעיטאָר זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. „איך וועל ניט פאַר־ריכטן קיין אַרבעט פון אַ ניו־יאָרקער קאָליקע", האָט ער געשריען צום באַלעבאָס. ערשט ווען דער שאַפּ־טשערמאַן האָט זיך אַריינגעמישט האָט דער אָפּערעיטאָר אונטער צוואַנג געמוזט פאַרריכטן די אַרבעט.

„מיסעס שלמה"

מ'פלעגט אַ סך לאַכן צווישן די שניידער, ווען מ'האָט געהערט רופן איינעם אַ פינישער מיט'ן נאָמען „מיסעס שלמה". דעם צונאָמען האָט ער געקראָגן דורך אַזאַ פּאַסירונג:

שלמה איז געווען אַ מיטגליד פון דעם בראַנזווילער לאָקאַל 214. אין זיין שאַפּ, אויף סוטער עוועניו, אין בראַנזוויל, וואו ער האָט געאַרבעט, איז געוואָרן סלעק. איז ער געקומען זוכן אַ דזשאָב אין אַ ניו־יאָרקער שאַפּ.

שלמה האָט אָבער געוואוסט, אַז מ'וועט קוקן קרום אויף אים אין לעיבאָר־ביוראָ און אפשר וועט מען אים אינגאַנצן ניט געבן קיין אַרבעט אין ניו־יאָרק. איז ער אַוועק און אויסגעבאָרגט אַ יוניאָן־ביכל ביי זיינער אַ שוועגערין, וועלכע האָט געאַרבעט אַלס פינישערין אין אַ ניו־יאָרקער שאַפּ. ער האָט, ווייזט אויס, אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז אויפ'ן ביכל איז צו־געשריבן דער נאָמען צו וועמען דאָס ביכל געהערט.

דער קלוירק אין לעיבאָר־ביוראָ האָט גוט געקאָנט שלמה דעם פיני־שער. איז ווען ער האָט אָן עפּן געטאָן דאָס ביכל און דערזען דעם נאָ־מען פון אַ פרוי, האָט ער אַ געשריי געטאָן אין אַלעמענס געגנוואַרט: מיסעס שלמה, ווי קומט צו אייך אַ פרעמדער ביכל פון אַ פרוי?

דאָס ביכל האָט מען דעמאָלט פאַרהאַלטן אין אָפיס. שלמה׳ן האָט מען גאָרניט געקאָנט טאָן פאַר דעם. ווייל אָנקלאָגן אים אין ניו־יאָרקער לאָקאַל איז ער דאָרט ניט קיין מיטגליד, און אין בראָנזווילער לאָקאַל האָט מען ניט געוואָלט אָננעמען קיין ניו־יאָרקער קלאָגע. דער סוף איז געווען, אַז שלמה׳ס שוועגערין איז באַשטראָפט געוואָרן אין ניו־יאָרק פאַר אויס־באָרגן איר ביכל צו אַ „קאָנקורענט" פון בראָנזוויל און ביי שלמה׳ן איז פאַרבליבן דער צונאָמען „מיסעס שלמה" דער פינישער . . .

ביר און בראָנפן אַן אַרגומענט געגן אַמאַלגאַמעישאָן

די אַלע צרות און שוועריגקייטן האָבן די פּראָגרעסיווע כוחות פון אַלע לאָקאַלן שטאַרק געטריבן צו קעמפן פאַר דער אַמאַלגאַמירונג פון די לאָ־קאַלן. מ׳האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו שאַפן איין לאָקאַל מיט איין „גריוונעס באָארד" און איין מעמבערשיפּ־קאָמיטע.

דער אָפּערעיטאָר לאָקאַל 156 איז געווען דער איניציאַטאָר און גע־נומען פירן פאַרהאַנדלונגען מיט די אַנדערע לאָקאַלן כדי דורכצופירן דעם אַמאַלגאַמעישאָן פּלאַן.

אין געוויסע לאָקאַלן זיינען אָבער געווען אַזוינע לאָקאַלע פּאָליטישנס און פּאַטריאָטן פון זייער לאָקאַל נומער, וואָס האָבן שטאַרק געקעמפט געגן דעם. אייניגע פון זיי האָבן דאָס וואָרט אַמאַלגאַמעישאָן פאַרגרייזט אויף „אַלגאַמישאָן". זיי ווילן ניט קיין „אַלגאַמעישאָן", האָבן זיי געשריען.

איינער אַ פּרעסער מיט׳ן נאָמען קאַלושקין, האָט איינמאָל ביי אַ מי־טינג געוואָלט באַווייזן די מיטגלידער, ווי שלעכט עס וועט זיין אַזאַ פאַר־אייניגונג. האָט ער געשריען באָמבאַסטיש:

— ווייסט איר, ברידער, וואָס עס מיינט „אַלגעמעישאָן"? „אַלגעמעי־שאָן", ברידער, איז ווי איר וואָלט געטרונקען ביר מיט שנאַפּס אויסגע־מישט. דער קאָפּ ווערט פאַרדרייט און איר מוזט דאָס דערנאָך אָפּגעבן צוריק. געדענקט, ברידער, ביר איז ביר, און שנאַפּס איז שנאַפּס!

די גרויסע מיטגלידערשאַפט האָט אָבער מיט פאַרגעניגן געשטיצט די אַרבעט פון די פּראָגרעסיווע און פרישע כוחות אין דער אַמאַלגאַמיטעד און מען האָט די אַמאַלגאַמעישאָן דורכגעפירט.

דער אָפּערעיטאָרס לאָקאַל 156 פון ניו־יאָרק איז געווען דער ערשטער דורכצופירן די פאַראייניגונג מיט די לאָקאַלן 259 פון ברוקלין און 215 פון בראָנזוויל. אין דעם פאַראייניגטן לאָקאַל האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן דער קענוועס און פּעד מאַכער לאָקאַל 153 און אויך די פּאַלם־ביטש אַרבעטער. פון דעם איז אַרויסגעקומען דער לאָקאַל 5. פון דער צווייטער זייט האָבן

די שניידער פון ברוקלינער לאָקאַל 213 און פון בראַנזווילער לאָקאַל 214 זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם ניו־יאָרקער לאָקאַל 25. פון דעם איז שפּעטער אַרויסגעקומען דער איצטיגער פאַראייניגטער לאָקאַל 25 פון אָפּערעיטאָרס און שניידער.

ווען מ'האָט ביי די דערמאָנטע געגנער (פון „אַלגאַמעישאַן") שוין אויך גע'פועל'ט דורכצופירן די פאַראייניגונג, האָט אַ קאָמיטע באַשלאָסן, אַז די צערעמאָניע פון אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך זאָל דורכגעפירט ווערן ביי אַ שמחה אין אַ רעסטאָראַן. געטראָפן האָט מען זיך אין אַ רומענישן רעסטאָראַן אויף פאָרסאַיט סטריט.

אין פאַרלויף פון דער דיסקוסיע האָט מען דאָרט דערלאַנגט צום טיש עסן און טרינקען. די עטלעכע, וועלכע זיינען געווען געגן האָבן אויסגע־מידן צו רעדן. זיי האָבן זיך בעסער אָפּגעגעבן מיט'ן עסן און טרינקען.

ווען די דיסקוסיע האָט זיך צעוואָרעמט, און אַזוי אויך דאָס ביר מיט'ן בראָנפן, איז איינער, דער אַלטער קרייצער מיטאַמאָל אויפגעשפּרונגען האַלטנדיג אין איין האַנט אַ פּערטל קאַטשקע, אין דער צווייטער אַ פּערטל טשיקן, און ע ר האָט געגומען שרייען:

— ברידערלעך, זאָל לעבן די „אַלגאַמעישאַן"! איר, חברה, האָט שכל. עס איז גוט. לחיים, ברידערלעך!

ווען מיר האָבן ענדלעך אונטערגעשריבן דעם אַמאַלגאַמעישאַן־אָפּמאַך און צוזאַמענגעלייגט דעם קאָנטראַקט אויף איבערצוגעבן דאָס אין נאַציאָ־נאַלן אָפיס פון דער אַמאַלגאַמעיטעד דאָס דורכצופירן, האָט איינער פון די געוועזענע געגנער, דער אַלטער מעש, זיך דערפילט שלעכט. ער האָט, ווייסט איר, צופיל געטרונקען. האָט ער גענומען דאָס „אָפּגעבן" צוריק . . .

איז קרייצער אויפגעשפּרונגען, אַביסל וואַקלדיג און גענומען וויינען:

— נו, ברודער מעש, איך האָב דיר געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין דער סוף פון דער „אַלגעמעישאַן". איצט זעסטו שוין?

איך קריג באַלוינט . . .

מיין ווייניגקייט האָט נאָך דעם געהאַט דעם כבוד, וואָס לאָקאַל 5 האָט אַראַנזשירט פאַר מיר אַ באַנקעט, אָנערקענונג פאַר דער אַרבעט. און דער „פאָרטשריט", אָרגאַן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד האָט געשריבן: אַז דער באַנקעט איז אַראַנזשירט געוואָרן אויסצודריקן אָנערקענונג צו ברודער סעם ליפּצין פאַר זיין ענערגישער און איבערגעגעבענער טעטיגקייט. ברודער סעם ליפּצין, אָבוואָל ניט פון די עלטסטע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַ־ציע, איז אָבער איינער פון די טעטיגסטע, וועלכער האָט זיך אַקטיוו באַ־



די עקזעקוטיוו־באַארד פון לאָקאַל 5 (גרעסטער לאָקאַל אין א. ק. וו. אָוו א.), וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן און רעאָרגאַניזירט געוואָרן פון נאַציאָנאַלן אָפיס פאַר׳ן קאַמף געגן דעם „בעקערמאַניזם“, שטיק־אַרבעט און פאַר דעמאָקראַטיע אין דער יוניאָן. 1) דער מחבר, ס. ליפצין, פּאָרזיצער, 2) פיני פעסיקאָף, פּראָגרעסיווער טוער, געשטאָרבן דעם 19טן אַפּריל, 1939. ערע זיין אָנדענק!

טייליגט אין דעם לעבן פון דער אָרגאַניזאַציע זינט עס האָט זיך גע־גרינדעט די „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָדינג וואָירקערס יוניאָן". ער איז אויך געווען איינער פון די וויניגע אין דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מיט דער גאַנצער ענערגיע געאַרבעט פאַר דער פאַראייניגונג פון די באַזונדערע לאָקאַלן אין איין לאָקאַל און די אַרבעט איז אין דער ריכטונג געקרוינט געוואָרן מיט אַ פולשטענדיגן דערפאָלג . . . זיין לויבנסווערטע טעטיגקייט איז אויסגעדריקט געוואָרן אויך מיט דעם, וואָס ברודער סעם ליפּצין איז פּרעזענטירט געוואָרן פון דעם לאָקאַל מיט אַ „לאָווינג־קאַפּ" און אויך פּרעזידענט הילמאַן האָט פּרעזענטירט מיט 10 באַנד פון דער וועלט־גע־שיכטע אין אידיש, פּערזענלעך אויטאָגראַפירט".

ווען מ'האָט מיר שפּעטער אויסגעשלאָסן פון דער יוניאָן פאַר אויפ־דעקן די גרעפט און רעקעטירינג פון דער בעקערמאַן־געגנג, וועלכער האָט געוועלטיגט אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד", האָב איך געהאַט גענוג צייט אַריינ־צוקוקן אין דער וועלט־געשיכטע, הילמאַנ'ס מתנה . . .

קאַפּיטל 47

געסט אויף פּסח . . .

ווען איינער האָט געזאָגט אויף דער שניידער־בירזשע, אַז ער „אַרבעט פאַר פּרעה'ן", האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס מיינט פאַר דעם קאָנ־טראַקטאָר לייב גוזיק, אויף טשערי סטריט.

לייב גוזיק איז אין שניידער־פאַך באַקאַנט געווען ווי אַן אַלטער קאָנ־טראַקטאָר. קיינער האָט ניט געהאַט צופיל חשק אַרויפגיין אין זיין שאָפּ צו דער אַרבעט. ער האָט זיך טאַקע געמעגט באַרימען מיט פּרומקייט. נאָר אַלע האָבן אים געקענט פאַר אַן אכזר, אַ ביטערן עקספּלואַטאַטאָר.

פלעגט זיך ווער פאַר אים באַקלאָגן, אַז ער טרייבט די אַרבעטער יונגער־הייט אין דר'ערד און עס בלייבן אלמנות און יתומים, האָט ער רואיג גע־ענטפערט: „איך בין פּרעזידענט פון דער יתומים־הויז און עס קאָסט מיר גענוג געלט זיי אויסצוהאַלטן" . . .

האָט זיך ווער באַקלאָגט, אַז ער האָט שוין ניט קיין כוחות מער צו אַרבעטן, פלעגט לייב גוזיק מיט חוזק אַ זאָגט־טאָן: „קאָנסט צוגיין אין שפּיטאָל און זיי זאָגן, אַז דו אַרבעטסט פאַר מיר, וועט מען שוין דיר אַריינגעמען, איך גיב דאָרט גענוג צדקה, איך בין אויך דאָרטן אַ וויס־פּרעזידענט" . . .

לייב גוזיק, איז אָבער געווען אַ בעל־צדקה ניט נאָר אויף יענעמס בייטל, נאָר אויך אויף יענעמס טאָרבע. ווען זיינע אַלע אַכציג אַרבעטער האָבן געהונגערט, געליטן און פּשוט געמוזט אָנקומען צו טשאַריטיס און רעליף־אָרגאַניזאַציעס, האָט ער זיך אַלץ מער אויסגעפּיינט און געשפּילט אַ ראָלע ביי זיינע לאַנדסלייט, פאַר זיין „ברייטער האַנט“ . . .

שבת, האָט מען אין גוזיק׳ס שאָפּ ניט געאַרבעט, פלעגט ער פאַררופן זיינע גוטע ברידער אויף ברכה, נאָכ׳ן דאַוונען, צו זיך אין הויז. די שול איז געווען ניט ווייט פון זיין רייכע היים אויף בעדפאָרד עוועניו, אין ברוקלין.

אויפ׳ן טיש איז שטענדיג געווען צוגעגרייט די אמת גוטע משקה, מיט קיכל, די פיינע פיש מיט חלה. דערצו פלעגט נאָך גוזיק׳ס ווייב, זיך אַלע מאָל אַרויסשטעלן מיט איר פּעטשאַ, מאַרינאַט, און אַנדערע גוטע זאַכן.

מאָנטאָג אין דער פרי, פלעגט גוזיק זיך באַרימען אין שאָפּ, ווער ס׳איז אַלץ געווען ביי אים שבת אויף קידוש, און געמאַכט אַ „לחיים“. האָט אים איינמאָל יאָשע דער פּרעסער, וואָס איז געווען ערלעך פרום אַזוי געזאָגט: שבת גיט איר אייערע געסט אין הויז „לחיים“ און אונז, די אַר־בעטער, גיט איר אַ גאַנצע וואָך למות . . .

דערפאַר פלעגט זיך גוזיק צעלאָזן אַלע מאָל אין אַ ערב יום־טוב, פאַר זיינע אַרבעטער אין שאָפּ. ער פלעגט אָנשטעלן טישן מיט טאָרטן, בראָנפן און פאַרשידענע נאַשערייען צוגעפּאַסט צום יום־טוב. שבועות, פלעגט זיין ווייב ברענגען אַ גרויסן בעקן מיט בלינצעס און קרעפּלעך. ערב יום־כיפּור אַ גרויסע באַבקע און אַ חלה „מיט אַ לייטערל צום הימל“. פּורים זיינען אַרויסגעלייגט געוואָרן אויף די טישן די דריי שפּיציגע המן־טאַשן.

גאָר גרויס האָט גוזיק, פּרובירט זיך אַרויסווייזן פאַר פּסח. שוין פון וואָכן פאַראויס, פלעגט ער אויסהענגען אַ שילד ביים אַריינגאַנג פונ׳ם שאָפּ: „כל דיכפין ייתי ויכול“, לייב גוזיק גיט זיינע אַרבעטער מצה, ווין, מעד און חרוסת, פריי!“ . . .

חוץ פאַר די אַרבעטער אין שאָפּ פלעגט ער אויך טיילן אין שול און ביי די לאַנדסלייט אין סאָסייעטי מעות־חיטים.

איינמאָל, ווען גוזיק האָט פאַר די אַרבעטער געגומען אויסרעכענען, וויפיל ער האָט דאָס אַלץ צעטיילט אויף פּסח, אַז אידן זאָלן ניט עסן קיין חמץ, האָט שיע דער שניידער אַ גלעט געטאָן זיין שניי־ווייסע באָרד, און — ווי צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: ווען לייב גוזיק, פרעגט מיך, וואָלט איך אים געזאָגט, אַז ס׳איז אַ גרעסערע מצווה צו געבן אַ גאַנץ יאָר דעם שאָפּ־אַרבעטער — גענוג ברויט, ווי געבן אויף עטלעכע טעג פּסח מצות“...

שיע׳ס זאָגעלע, איז געווען פאַר גוזיק׳ן, ווי אַ בליץ פאַר אַ דונער . . .

ווי איבערראַשט איז טאַקע געווען גוזיק, ווען עטלעכע טעג פאַר פסח, ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט טיילן מעות־חיטים האָט אויסגעבראָכן אַ סטרייק ביי אים אין שאַפּ. צום ערשטן מאָל האָט מען אָרגאַניזירט די אַרבעטער און זיי אַרונטערגענומען.

אַלע, אַלע, זייַנען אַרונטער פון שאַפּ, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, פרומע און פרייע — אפילו הירשקע, דער פרעסער, אויף וועמען גוזיק האָט געהאַט אַן איינפלוס און פלעגט אַלע מאָל מיט אים איינ־טענה׳ן, אַז רייַכקייט ווי אָרעמקייט איז אַ גאָט־זאַך, און, אַז די וועלט איז גאָרניט, די הויפּט־זאַך — איז יענע וועלט . . .

גראָד טאַקע הירשקע האָט גע׳טענה׳ט, ביי דעם ערשטן שאַפּ־מיטינג: אויב ס׳איז ריכטיג ווי גוזיק זאָגט, אַז די וועלט איז גאָרניט, נאָר — די הויפּט־זאַך איז יענע וועלט, טאָ זאָל ער טאַקע זיין אַזוי פיין און מיר אויסבייטן עטלעכע יאָרן יענע וועלט, אויף עטלעכע לייטישע יאָרן, טאַקע דאָ אויף דער וועלט . . .

דער סטרייק האָט אויפגערודערט די אַרבעטער. מ׳האָט גענומען רעדן האַרטע רייד, אַז ס׳איז שוין צייט איין מאָל פאַר אַלעמאָל צו „כשר׳ן דעם שאַפּ״, „אויסקערן דעם חמץ״, „פרעגן די אמת׳ע קשות״ און אַרויסזאָגן דעם ריכטיגן „שפוך חמתך״, ווען אפילו דאָס זאָל ברענגען צו „חד־גדיא״ . . .

לייב גוזיק האָט גלייך אַרייַנגעגעבן אַן אַנאָנס אין די צייטונגען צו קריגן סקעבס, נאָר יודל פיין, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן פאַר פאַר־שטייער פון שאַפּ, איז אויך ניט געשלאָפן. ער האָט געהאַט דעם פולן גלויבן, אַז די שקלאַפן אין דעם שאַפּ פון דעם „מאָדערנעם פרעה״ וועלן זיך מוזן באַפרייען ווי די אידן פון דעם אַמאָליגן פרעה אין מצרים . . .

ערב פסח האָבן זיך געמאָלדן צו גוזיק׳ן אין שאַפּ עטלעכע סקעבס, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן, אַז זיי קומען פון אויסער שטאָט און זייַנען גרייט צו אַרבעטן . . .

גוזיק, האָט אויפגענומען זייער וואַרעם די „אורחים״ . . . געבעטן זיי בלייבן צו די סדרים, און — גלייך נאָך יום־טוב, זאָלן זיי זיך נעמען צו דער אַרבעט.

דער סדר, ווי שטענדיק, איז ביי די גוזיק׳ס געווען צוגעגרייט, רייך מיט אָנזען, די היסה־בעט איז געווען אויסגעפוצט ווי אַ קעניגלעכע שטול, דער טיש דעקאָרירט מיט אַלץ וואָס איז נויטיג צום סדר. די פלעשער וויין, שליוואָוויטץ, מעד, האָבן געפינקלט אין די פיינע קרישטאָלענע קאַראַפינקעס.

ווען גוזיק איז אַריין אין הויז מיט די אורחים צום סדר, האָט גלייך

געגומען בליצן די קאַמערע, וואָס איינער פון דער פאַמיליע האָט געהאַט מיט זיך, כדי צו נעמען פאָטאָגראַפישע בילדער.

מ׳האָט אויפגעמישט די הגדה — און, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשעמט די כוסות. דער האָט געטרונקען ווייז, יענער — מעד, אַ דריטער — בראַנפן. גוזיק איז געווען אַביסל בייזלעך, וואָס די „אורחים״ לאָזן זיך אַזוי וואוילגיין, האָט ער אַ מאַך געטאָן צו זיי: „אויב איר קאָנט אַזוי אַרבעטן ווי טרינקען, וועט אייך זיין וואויל ווי די וועלט״ . . .

און דאָ האָט ער זיך שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן, און געכאַפּט אַ שמועס וועגן שאַפּ. דערביי האָט ער געוויזן די „אורחים״, אַז ער האָט שוין אפילו אַן „אינדזשאַנקשאַן״ געגן די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן זיך ניט טאָרן געפינען לעבן שאַפּ און זיך ניט דערוועגן צו פּיקעטן.

איינער פון די „אורחים״ האָט ווידער אָנגעגאָסן די גלעזלעך, און אויסגערופן: „אויב אַזוי, איז טאַקע נאָך אַמאָל אַ לחיים״.

גוזיק האָט אַ בורטשע געטאָן און פאַרגעזעצט צו זאָגן די הגדה, געפּראָוועט די אַלע צערעמאָניעס, ביז — ער האָט אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייב: „עפן די טיר פאַר אליהו הנביא״.

נאָר דאָ, ווי גיך די מרס. גוזיק האָט אַ עפן געטאָן די טיר און גוזיק האָט זיך אויפגעשטעלט מיט׳ן כוס אין האַנט און די קאַמערע האָט גענומען בליצן, האָבן גענומען אַריינשפּאַנען די סטרייקער אין הויז איינער נאָכ׳ן אַנדערן. די „אורחים״ האָבן זיך אויפגעשטעלט מיט די כוסות אין האַנט און באַגריסט: „לחיים, אליהו הנביא!״ . . . זיי האָבן דערביי אַרויסגעשלעפּט דעם „אינדזשאַנקשאַן״ פון אונטער דעם היסח־בעט וואו גוזיק האָט עס אַרונטערגערוקט, און דערלאַנגט צו די סטרייקער.

די סטרייקער האָבן דעם „אינדזשאַנקשאַן״ צעריסן אויף פּיצלעך, געוואָרפן די שטיקלעך פּאַפּיר גוזיק׳ן אין פּנים אַריין און געשריען: „דם, צפרדע, כינים״ . . .

באַלד נאָך פּסח איז באַקאַנט געוואָרן אויף דער שניידער בירזשע, אַז אויך גוזיק האָט שוין אַ יוניאָן שאַפּ. זיינע שקלאַפן זיינען אַרויס פון מצרים . . .

קאַפּיטל 48

מיין ברודער כאַפּט קלעפּ פאַר מיר

ווי געוויינלעך זוכן שטענדיג באַלעבאַטים מיטלען צו צעטיילן אַרבעטער אין באַזונדערע גרופּן. דאָס מאַכט פאַר זיי גרינגער צו עקספּלואַטירן די אַרבעטער.

האָבן די שניידער־באַלעבאַטים פאַר דעם צוועק אויסגענוצט די געלעגנהייט, וואָס אין דער אַמאַלגאַמעיטעד זיינען געווען צעטיילט צוויי באַזונדערע יוניאָנס. איינע איז געווען די יוניאָן פון מענער קליידער־אַרבעטער און די צווייטע איז געווען די יוניאָן פון די אַרבעטער פון קינדערשע קליידער.

אַ גרויסע הילף פאַר די באַלעבאַטים איז אויך געווען די קאָרופּטע מאַשין פון הערי קאָהן, דעם דעמאָלסידגן מענעדזשער פון די „טשילדרען דזשעקעט־מאַכער", און פון מענדל יודעלעוויטש פון די ניפּענטס־מאַכער.

די מאַנופעקטשורערס פון מענער־קליידער פלעגן גאַנץ אָפט אַרויסשיקן אַזעלכע סאַיזעס רעק, ווי פערציגער און אפילו פיר־און־פערציגער אין „טשילדרען קלאָדהינג שעפּער". אַזוי האָט מען אויך געשיקט הויזן, זעקס־און־דרייסיגער און אַכט־און־דרייסיגער אין ניפּענטס־שעפּער. די קאָהנס האָבן אין דעם, פאַרשטייט זיך, אַ סך מיטגעהאָלפן.

ווען די מכה פון גרעפט האָט שוין צופיל אָנגעריסן, האָט מען אין דעם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער אַמאַלגאַמעיטעד באַשלאָסן אויפצונעמען אַ קאַמף געגן הערי קאָהן און זיין מאַשין.

אברהם שיפּלאַקאָף, וועלכער איז דאַן געווען אַביסל קידער־ווידער מיט׳ן „פאָרווערטס" האָט געראַטן, אַז אַ קאָמיטע פון שניידער זאָל אַרויפגיין זיך זען מיט ראגאָפ׳ן אין „פאָרווערטס"־רעדאַקציע, ווייל אויך ראגאָף איז דאַן געווען ניט אַזוי שוה־בשוה מיט דער „פאָרווערטס"־מאַשין, וועט ער אפשר קאָנען עפּעס אַריינשמוגלען געגן הערי קאָהנ׳ען.

ראָגאָף האָט אונז פיין אויפגענומען און צוגעזאָגט צו שרייבן וועגן דעם ענין אַזוי גיך ווי מיר וועלן אים צושטעלן פאַקטן וועגן דער קאָרופּציע. אָבער אויף מאָרגן, ווען מיר האָבן אים איבערגעגעבן די פאַקטן, האָט ער אונז דערקלערט, אַז הערי קאָהן האָט אין „פאָרווערטס" אַ שטאַרקן צד, וואָס וועט ניט דערלאָזן קיין קאַמף געגן אים, איבערהויפּט ווען הילמאַן און שלאָסבערג זיינען ניט זייער באַליבט אין „פאָרווערטס".

אַ טאָג שפּעטער, ווען מיר זיינען ווידער געקומען צו ראָגאָפ׳ן האָבן מיר טאַקע געטראָפן ביי אים זיצן הערי קאָהנ׳ען. ער איז געקומען ווירקן, אַז מ׳זאָל וועגן אים ניט שרייבן.

יוסף שלאָסבערג האָט מיר דאַן פאָרגעשלאָגן אָנצושרייבן אַ פּאָר אַר־טיקלען וועגן דעם ענין. ער האָט זיי רעדאַקטירט און איבערגעגעבן צו דוד פּינסקי׳ן, וועלכער האָט זיי געדרוקט אין דער צייטונג „די צייט“, וואָס איז דאַן דערשינען. שלאָסבערג אַליין האָט אָנגעשריבן זייער אַ שאַרפן עדיטאָריעל אין „פאָרטשריט“, אָרגאַן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד. שלאָס־בערג האָט דאַן געשריבן, אַז אַ יוניאָן איז ניט קיין סאַלון וואו יעדער אויסוואורף קאָן אַריינקומען שכור׳ן און שפּייען. מיר מוזן האַלטן די יוניאָן ריין, און פאַרטרייבן די הערי קאָהנס, צוזאַמען מיט די אַלע גרעפטערס. אַ יוניאָן מוז זיין אַ טעמפּל, אַ מקום־קדוש.

ווען איך בין אין דער זעלביגער וואָך געקומען רעדן צו די „טשילדרען קלאָדהינג“ אַרבעטער ביי אַ מיטינג אין ברוקלין, האָט הערי קאָהנ׳ס אַ חברה מיך אָפּגעוואַרט ביי די טרעפּ פונ׳ם אַריינגאַנג און מיך שטאַרק צעשלאָגן. מ׳האָט מיך פון דאָרט אַוועקגענומען אין שפּיטאָל.

מיינער אַ ברודער, וועלכער האָט געאַרבעט אין טרעיד אַלס לאָפּעל־מאַכער, און איז זייער ענלעך צו מיר אין אויסזען, איז גאָרניט געווען ענלעך צו מיר אין דער באַוועגונג. ער איז אָבער געקומען מיך באַזוכן. און מיטוואָך איז ער אַוועק צום מיטינג אויסגעפינען צי עס איז טאַקע אמת, אַז זיי, אין דער יוניאָן, האָבן מיך צעשלאָגן און ווי דאָס האָט פּאַסירט.

דער מיטינג איז ניט געווען פון זיין לאָקאַל און דאָרט האָט מען אים ניט גוט געקאַנט.

איז אַזוי שנעל ווי ער איז צוגעקומען צום טיר, האָבן די שטאַרקע זיך צעלאָזט: „ער איז שוין ווידער דאָ? דערלאַנגט אים!“

מיין ברודער האָט גענומען שרייען: „וואָס ווילט איר פון מיר? איך בין דאָך ניט ער, איך בין גאָר אַ רעכטער“. האָבן זיי זיך שטאַרק צע־לאַכט: „אַ רעכטער?“ און מ׳האָט געגעבן רעכטע קלעפּ . . .

ווען מיין שוועגערין האָט מיך באַזוכט און מיר דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט, ווי אַזוי מ׳האָט מיין ברודער צעשלאָגן, מיינענדיג אַז דאָס בין איך, האָב איך שוין אין שפּאַס געזאָגט צו אים: ניט אמת, מסתמא האָסטו זיך אַליין אָנגעקלאַפּט די בלויע אויגן.

אָט־די שלאָגנדיגע אַרגומענטן האָבן אים אפשר אַביסל געעפנט די אויגן . . .

שלאָסבערג׳ס אַ חרטה

דעם הערי קאָהן און אַ סך פון זיינע קליקע־מענטשן האָט מען דאָן פאַר אַ שטיקל צייט פאַרטריבן פון דער יוניאָן. אָבער זיינע „גוטע בע־טער" האָבן ניט גערוט, ניט אין דער יוניאָן און ניט אין „פאָרווערטס" און געמאַכט צוריק אַ וועג פאַר אים אַריינצוקומען אַלס מענעדזשער. אַ סך פון זיי האָבן פאַר דעם גענוצט דעם צאַצקעדיגן אַרגומענט: ווען הערי קאָהן וועט זיין אינעווייניג וועט ער ניט קאָנען אַזוי פיל מאַנעווערירן געגן דער יוניאָן פון דרויסן . . .

ווען איך בין נאָך דעם איין מאָל געקומען צו אַ מיטינג, וועלכן הילמאַן האָט גערופן אין נאַציאָנאַלן אָפיס, האָב איך דערזען אַ זאַך, וואָס איז פאַר מיר אינגאַנצן געווען אַן איבעראַשונג.

ווען איך האָב געעפנט די טיר האָב איך דערזען אַ ריי פירער וועמען מען זעצט אויס צו נעמען אַ בילד. דער פאָטאָגראַפער איז געווען פון „פאָרווערטס".

אין דער ערשטער ריי האָט מען אַוועקגעזעצט הערי קאָהן און לעבן אים פון דער רעכטער זייט, יוסף שלאָסבערג.

איך בין אַרויס אין אַ צווייטן צימער און דורכ׳ן טיר אַ רוף געטאָן צו שלאָסבערג׳ן: „געגנאָסע שלאָסבערג, מען רופט אייך צום טעלעפאָן".

ווען שלאָסבערג איז אַריין אין צווייטן צימער, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: „באַגרייפט איר כאָטש, וואָס דאָס מיינט פאַר אייך און פאַר די אַרבעטער אין די שעפער, ווען מען וועט אייך דערזען אויף אַ בילד צו־זאַמען מיט דעם גרעפטער און רעקעטיר הערי קאָהן?

שלאָסבערג איז געבליבן שטיין פאַרלאָרן און אומשולדיג, מיט פאַר־גלאָצטע אויגן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „אָבער וואָס קאָן איך איצטער טאָן, מ׳נעמט אים דאָך אַריין צוריק אין דער יוניאָן!"

— פאָלגט מיך, זאָג איך, פאַרט אַראָפ מיט׳ן עלעוועיטאָר אין אַ צווייטן אָפיס, און איך וועל אַריינגיין זיי זאָגן, אַז זיי זאָלן נעמען דאָס בילד אָן אייך, ווייל איר האָט געמוזט ערגעץ גלייך אַוועקגיין.

ער האָט אַזוי געטאָן, זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון צימער, אַראָפ מיט די טרעפ אויף אַן אַנדער פלאָר.

אויף מאָרגן איז אין „פאָרווערטס" געדרוקט געוואָרן דאָס בילד פון אַ גאַנצע ריי אַמאַלגאַמעיטעד־פירער צוזאַמען מיט הערי קאָהן, נאָר אָן שלאָסבערג׳ן.

קאַפּיטל 49

אַ יאַריד אין אַ קליידער־שאַפּ

אויף דער דריטער גאַס איז געווען אַ שאַפּ, וואָס האָט געהערט צו וואַל און רובאַק.

אין דעם שאַפּ, האָט מען אויפגעמאַכט מענערשע און קינדערשע קליי־דער, וואַרעמע העמדער, פוטערלעך, און אויך אַנדערע מלבושים, נאָר — קיין לעבן מאַכן האָבן דאָרט די אַרבעטער ניט געקאָנט. נו, האָבן זיי געזוכט אַ זייטיגע פּאָר סענט ערגעץ צו פאַרדינען.

דערפאַר האָט זיך איבער'ן שאַפּ אין דער פרייער צייט, שטענדיג גע־טומלט ווי אויף אַ יאַריד.

און עס איז טאַקע געווען אַן אמת'ער יאַריד.

הערי, אַ פינישער, פלעגט נאָך דער אַרבעט אַרומגיין איבער די רעס־טאָראַנען צו פאַרקויפן נאַז־טיכלעך, שלייקעס, קעמעלעך, שקאַרעפּעטקעס, שפּאָנקעס, טייסטערלעך, און נאָך צענדליגער זאַכן. פלעגט ער דאָס מיט זיך אויך ברענגען אין שאַפּ.

אַ צווייטער פינישער, פינקעל, פלעגט געבן אויף אָפּצאָלן רינגלעך, זייגערלעך, בראַסלעטן, דימענט־שטיינדלעך, לייכטער, אַלץ וואָס מען האָט נאָר געוואָלט אויף אָפּצאָלן, אפילו קעש־געלט אויך, אויב עס איז נאָר געווען אַ גוטער פּראָצענט דערביי.

און אויך ער האָט זיין געשעפט געהאַט מיט זיך אין שאַפּ.

אויב ער, פינקעל, האָט עפּעס געדאַרפט און דאָס ניט געהאַט ביי זיך אין שאַפּ, האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרטוך, איז צוגעלאָפן צו זיין שוואָגער אויף גרענד סטריט און געבראַכט דעם אַרטיקל אין שאַפּ אַריין. דער שוואָגער האָט געהאַט פון אַלץ אין דער וועלט, וואו פעדלער פלעגן קריגן אויף אָפּצאָלן.

עליקס, אַ סליוומאַכער, טאַקע פינקעל'ס אַ פריינט, פלעגט אויך נע־מען ביי זיין שוואָגער זאַכן צום פאַרקויפן אויף אָפּצאָלן. ער פלעגט פאַר־קויפן טישטוכער, סערוועטקעס, פאַרהאַנגען, בלוזקעס, קליידלעך.

מאיר־לייב דער פּרעסער פלעגט פאַרקויפן שנאַפּס און וויין פאַר קידוש און הבדלה. און ווען ערגעץ אין אַ פאַמיליע איז פאָרגעקומען אַ חתונה, אַ ברית, איז מאיר־לייב געווען דער צושטעלער פון די געטראַנקען.

אין דער פרייער צייט פלעגט זיך אין שאַפּ טאָן אויף טיש און אויף בענק. און פרייע צייט איז געווען גענוג. אין שאַפּ פלעגן אויך אַרויפקומען אַרבעטער פון אַנדערע שעפער זיך איינצוקויפן זאַכן.

זייער צופרידן פון דעם יאַריד איז געווען איינער פון די באַלעבאַטים פון דעם שאַפּ — דער מיסטער רובאַק. זיין צופרידנקייט איז געווען באַזונדערס צוליב דעם האַנדל מיט׳ן שנאַפּס, וואָס מאיר־לייב האָט אַנגעפירט. רובאַק האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און ער האָט געקאָנט גוט אַריינגיסן.

אין שאַפּ פלעגן אויך אַריינקומען די פּעדלער, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ קאָשעקל שפּייז צום פאַרקויפן און אויך מיט אַ פלעשל שנאַפּס. מאיר־לייב איז דאָס געווען דער גייענדיגער שענק. די גאַלענס מיט בראָנפן, וואָס ער פלעגט ברענגען פלעגט ער אַריינשטעלן ביי די באַלעבאַטים אין אָפיס. ביי זיך האָט ער שטענדיג געהאַט אַ פלעשל מיט אַ גלעזל אין דער הינטערשטער הויזן־קעשענע.

מאיר־לייב אַליין פלעגט זעלטן מאַכן אַ שנאַפּס. ער האָט אָבער אַ הנאה געהאַט ווען אַנדערע האָבן געטרונקען, אפילו ווען מ׳האָט אים אָפּגענאַרט און ניט באַצאָלט.

און חוץ ניט באַצאָלן פלעגט מען אים אָפט אויך אָפּטאָן שטוקעס, שוין ניט רעדנדיג פון דעם, וואָס דער באָס, מיסטער רובאַק, פלעגט זיך אָפט גוט אָנזשליאָקען אין אָפיס מיט דעם שנאַפּס פון די גאַלענס און זיי דערגיסן צוריק מיט וואַסער . . .

איינמאָל האָבן חברה אין שאַפּ פאַרביטן מאיר־לייב׳ן אַ גאַלען שנאַפּס אויף אַ גאַלען פּשוט׳ע וואַסער. ער האָט עס נאָך דעם צוגעשטעלט צו אַ חתונה, וואו ער האָט געקראָגן אַ באַשטעלונג אויף אַ גאַלען בראָנפן. און פון דעם וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן ווען די מחותנים האָבן זיך גענומען צו גיסן גלעזלעך וואַסער אָנשטאָט שנאַפּס, האָט מאיר־לייב קיין נחת ניט געקאָנט האָבן.

איינמאָל איז דער גוטמוטיגער מאיר־לייב געוואָרן אַזוי אין כעס פאַר איינער פון די שטוקעס, אַז עס איז געקומען צו אַ געשלעג ביים פּרעסערטיש. דער „וואָקינג־דעלעגאַט״ האָט אים דערפאַר נאָכדעם שטרענג אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל מער ניט ברענגען קיין שנאַפּס אין שאַפּ אַריין. דערצו האָט ער אים איינגעלאַדן צו דער „גריוועגס־באָארד״ פאַר ברענגען צו אַ געשלעג.

אָבער אויף מאָרגן איז מאיר־לייב געקומען אַ צופרידענער אין שאַפּ אַריין: אַלץ האָט זיך „אויסגעפּרעסט״, האָט ער מיט פרייד אָנגעזאָגט די פּרעסער ביים טיש. געווען צווישן די פּרעסער איינער אַ שטאַרקער „אַריינגיסער״, וועמען מען האָט גערופן „זעקלביינער״. האָט מאיר־לייב דערציילט מיט שמחה, אַז ער האָט געגעבן דעם „זעקל ביינער״ אַ גאַלען

שנאַפּס און ער האָט שוין אַלץ געמאַכט עס זאָל זיין לחיים ולשלום . . .

אַ יאַריד אויף אין אַ סטרייק האַל

אין די אָפּטע קאַמפּן און סטרייקס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין טרעיד, האָט מען ענדלעך אויך אָפּגעשטעלט דעם שאַפּ פון וואָל און רובאַק.

די אַרבעטער זיינען גערופן געוואָרן צו אַ מיטינג אין אַסטאָריאַ האַל, אויף 4טער גאַס. זיינען אַלע אַרבעטער געקומען צום מיטינג און צוזאַמען מיט זיי — איז אַהין אויך געקומען דער יאַריד . . .

אַזוי ווי אין אַסטאָריאַ האַל זיינען געווען אַ סך אַרבעטער־סטרייקער, אויך מיטגלידער פון אַנדערע יוניאָנס, וועלכע זיינען געקומען צו שאַפּ־מיטינגען, האָבן דאָרט די „געשעפטס־לייט" פון וואָל און רובאַק׳ס שאַפּ אויסגעלייגט זייער סחורה און צעעפנט דעם יאַריד. אַלע האָבן געטאָן פיינע געשעפטן. נאָר אָן אויסנאַם איז שוין דאָ געווען מאיר־לייב, אים האָט מען פאַרבאָטן צו פאַרקויפן שנאַפּס אין קאָרידאָר פון דעם האָל און אַוודאי ניט אין האָל.

אין פרימאָרגן איז אין האָל געוואָרן אַ גרויסע „ביזי" ביי פינקעל׳ן אין „געשעפט" . . . איינע נאָך די אַנדערע זיינען געקומען שאַפּ־אַרבעטער קויפן ביי אים. איינער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף אַ רינגל פאַר אַ טאָכ־טער, אַ צווייטער האָט גענומען אַ זייגער פאַר אַ זון, אַ דריטער אַ בראַסלעט, אַ מתנה פאַר דער ווייב צו איר געבורטסטאָג . . . זיי האָבן דאָס אַלץ גענו־מען ביי פינקעל׳ן אויף אָפּצוצאָלן, נאָר דערווייל האָבן זיי דאָס אַריינגע־טראָגן אין „פּאָון־שאַפּ" און גענומען וויפיל עס האָט זיך געלאָזט צו קאָנען דורכשטופּן די צייט ווען קיין שכירות האָט מען ניט געקראָגן.

אין עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט דער שאַפּ פון וואָל און רובאַק גע־סעטלט מיט דער יוניאָן. עס האָבן אַזוי געסעטלט אויך עטלעכע אַנדערע שעפּער פון דער זעלביגער געבײדע.

ווען די אַרבעטער זיינען אַרויף אין שאַפּ, האָט רובאַק געהייסן מאיר־לייב׳ן ברענגען אַ גאַלען שנאַפּס און מען האָט געמאַכט אַ לחיים. אָבער פינקעל איז דעמאָלט געשטאַנען שטאַרק פאַרזאָרגט איבער דעם, וואָס ער האָט צעגעבן אַזוי פיל סחורה אויף אָפּצאָלן און מען האָט עס געטראָגן אין די פּאָון־שעפּער, אַז ער אַליין דאַרף שוין אָנקומען צו אַ פּאָון־שאַפּ . . .

קאַפּיטל 50

ווי ער „סטרייקט" אויס צו קריגן אַ יוניאָן־ביכל

אין די ערשטע יאָרן פון דער שניידער־יוניאָן, איז צו מיר געקומען מיינער אַן אָנקל בעטן אַ טובה. די טובה וואָס ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט איז געווען אַ קליינינקייט. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל העלפן אונזערן אַ לאַנדסמאַן און אַ שטיקל קרוב, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אָנגעקומען פון איראָפּע, ער זאָל ווערן אַ יוניאָן־מאַן אין דער אַמאַלגאַמעיטעד.

ווען איך האָב געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם „גרינעם", ווערמענס נאָמען עס איז געווען וועלוול, האָב איך אויסגעפונען, אַז ער איז שוין אַ מיט־גליד פון דעם שניידער־פאַראיין נאָך פון דער היים און אַז ער איז אַ פולער בעל־מלאכה.

איך האָב אים דערקלערט, ווי אַזוי די אַרבעט איז דאָ צעטיילט אין באַזונדערע טיילן און ווי אַזוי יעדער טייל ווערט קאָנטראָלירט פון אַ באַזונדער לאָקאַל־יוניאָן.

אַזוי ווי ער איז געווען היבש פּעטלעך, האָט ער באַשלאָסן צו ווערן אַ פּרעסער, ווייל אַ פּרעסער קאָן שטיין ביי זיין אַרבעט, ער דאַרף ניט זיצן איינגעדרייט ווי אַ שניידער אָדער אַן אָפּערעיטאָר.

איך האָב גראָדע פּרובירט אים אָנווייזן, אַז אויך בושלערס, פּיטערס, באַגראַדערס און קענוועס־בייסטערס, קאָנען טאָן זייער אַרבעט שטייענדיג. אָבער ער איז געבליבן ביי זיינס צו ווערן אַ פּרעסער, ווייל זיינע אויגן האָבן אים צו גוט ניט געדינט.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך געווענדעט צו איינעם פון די טוער ביי די פּרעסערס, אַז מ׳זאָל העלפן דעם גרינעם, איז מיין אָנקל אַוועק מיט וועלוול׳ען צו דער מעמבערשיפּ־קאָמיטע.

איינער פון דער קאָמיטע, האָט אין קאָרידאָר אים גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער: וואָס מאַכט איך צו וועלן זיין אַ פּרעסער? האָט דער גרינער וועלוול אָפּגעהאַרציג אים דערקלערט: איך בין אַ שניידער פון דער היים, נאָר איך וויל בעסער זיין אַ פּרעסער, ווייל דאָס איז אַן אַרבעט וואו מען דאַרף ניט זיצן איינגעדרייט.

דער עקזעקוטיוו־מאַן פון דער מעמבערשיפּ־קאָמיטע, האָט גענומען מאַכן חוזק פון דעם גרינעם: אויב איר ווילט ניט קיין זיצנדיגע אַרבעט, קאָנט איר ווערן אַ בריוו־טרעגער, אַ קאָנדוקטאָר, אַ פּאָליסמאָן. צום סוף

האָט ער אים אַ זאָג געטאָן: איר זיינט אַ היימישער שניידער, באַלאַנגט איר צום שניידער לאָקאַל.

אין דער זעלביגער געביידע, נאָר אין אַ צווייטן צימער, האָבן זיך געפונען די מיטגלידער פון דער שניידער מעמבערשיפּ־קאָמיטע. דער אָנקל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם גרינעם, ניט צו פאַרשפּעטיגן און זיך גע־וועגדעט צו די שניידער פאַר מיטגלידערשאַפט.

דאָס אייגענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויך דאָרט. ס'איז אַרויסגעקומען איינער פון דער קאָמיטע און גענומען דעם גרינעם מאַטערן מיט פראַגן: ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איר דאַרפט ווערן אַ שניידער? פון וואַנען ווייסט איר, אַז איר וועט קאָנען די אַרבעט?

דער גרינער, וועלוול, האָט גענומען דערקלערן: איך בין אַ שניידער פון דער היים, איך קאָן מאַכן אַ גאַנצע שטיקל אַרבעט. מיין געניי האָבן געטראָגן פריצים, אַדוואָקאַטן, גענעראַלן. איך קאָן מאַכן די פיינסטע מונ־דירן, סורדוטן, הויזן, וועסטן.

דאָ האָט אים דער קאָמיטע־מאַן איבערגעשלאָגן: פאָלגט מיך: נעמט מיין עצה און ווערט אַ פּענטסמאַכער. אויב ס'איז ניטאָ קיין אַרבעט ביי פּענטס, קריגט איר אַרבעט ביי ניפּענטס. ער גיט אים דערביי גוט־ברו־דעריש אַ קלאַפּ אין פּלייצע: אַלע גרינגע פאַנגען אָן צו אַרבעטן ביי ני־פּענטס, איר פאַרשטייט?

עס איז שוין געוואָרן שפּעט די צייט, דער אָנקל איז געקומען אַהיים מיט'ן גרינעם ניט האָבנדיג קיין זאַך דערגרייכט.

קומענדיגע וואָך, איז דער אָנקל ווידער אַוועק מיט דעם גרינעם וועלוול צו מאַכן אים פאַר אַ יוניאָן־מאַן. ביי די פּענטסמאַכער האָט מען אים געשיקט צו די וועסטנמאַכער. די וועסטנמאַכער האָבן אים געשיקט צו קאָסטום־שניידערס.

ביי די קאָסטום־שניידערס, האָט אים ווידער איינער גענומען אויפ'ן צימבל: וואָס פאַרלאַנגט איר?

— אַ יוניאָן־ביכל, פאַר דעם גרינעם, — האָט דער אָנקל געענטפערט.

דער קאָמיטע־מאַן האָט וואויל־יונגעריש אַ שפּאַס געטאָן: גוט וואָס ניט קיין באַנק־ביכל.

נאָך אַ ריי פראַגן, האָט מען באַשטימט פאַר אים, אַז ער דאַרף ווערן אַן אָפּערעיטאָר.

ביים אָפּערעיטאָרס לאָקאַל, וואָלט איך שוין אפשר געקאָנט עפּעס טאָן פאַר אים צו ווערן אַ מיטגליד, אָבער צוליב זיין פּעטקייט האָט ער גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו זעצן זיך ביים מאַשין.

וואָכן לאַנג האָט דער גרינער וועלוול זיך געמאַטערט ביי פאַרשידענע אַרבעטן. דער אָנקל האָט שוין אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו קאָנען אים העלפן ווערן אַ מיטגליד אין דער יוניאָן פון זיין פאַך.

חדשים שפּעטער האָט די יוניאָן דערקלערט אַ סטרייק געגן עטלעכע גרויסע מאַנופעקטשורערס. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ קאָמיטע אָפּצושטעלן זייער אַרבעט ביי די קאָנטראַקטאָרס. דערביי האָבן מיר געזוכט זייער אַרבעט אין אַ ריי קליינע שעפּער, וועלכע פלעגן נאָר וואַרטן אויף אַזאַ געלעגנהייט זיך אַריינצוכאַפּן ביי אַ גרויסער פירמע צו אַרבעטן פאַר איר, אין צייט פון אַ סטרייק.

איין טאָג האָבן מיר אויסגעפונען דורך אַ קאַטער, אַז אַרבעט ווערט געמאַכט אין אַ אָפּען־שאָפּקע ביי גראַס און מינץ, אויף מאָנראָו סטריט. מיר האָבן די שאָפּקע אַרונטערגענומען אין סטרייק און געבראַכט די אַרבעטער צו אַ מיטינג אויף איסט בראָדוויי.

ווען איך בין געשטאַנען אַזוי ביים מיטינג און גערעדט צו די אַר־בעטער, דערזע איך ווי וועלוול דער גרינער מאַשטשעט זיך איין הינטער אַ סלופּ אין מיטינג־רום, ער זאָל ניט דאַרפן זיצן אַנטקעגן מיר פאַר די אויגן.

ווען איך האָב פאַרענדיגט רעדן ביים מיטינג, בין איך צוגעגאַנגען צו וועלוול'ען און אים אַ פרעג געטאָן: ווי קומסטו דאָ? אַרבעסטו אין דעם שאָפּ?

וועלוול האָט מיט טרערן אין זיינע רויטלעכע אויגן גענומען דער־קלערן: איך בין די וואָך אַרויף דאָ אַרבעטן, איך בין דאָ אַרויף „סקעבן" כדי צו קאָנען ווערן אַ יוניאָן־מאַן... אין דער היים בין איך שוין געווען אַ יוניאָן־מאַן פון 17 יאָר אָן. איך האָב זיך נאָך געלערנט, ווען איך האָב נאָך געטראָגן פּאַמאַיניצעס. איצט זייענדיג אַ גוטער אַרבעטער, טרייבט מען מיך פון לאָקאַל צו לאָקאַל, מ'מאַכט חוזק פון מיר, ווייל איך בין אַ גרינער.

איך בין געבליבן שטיין פאַרטשמעליעט און פּרובירט פאַרענטפערן די לאָקאַלן און די אַלע אַנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען.

וועלוול האָט געהאַמערט אויף דער פראַגע: די יוניאָנס רופן דאָך „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך!" קומט אַן אַרבעטער און בעט זיך, וואָך־איין וואָך־אויס, איך וויל אַרבעטן, אָבער ווי אַ יוניאָן־מאַן, גיט מיר אַ ביכל, לאָזט מיך אַריין אין דער יוניאָן. טרייבט מען מיך פון איין קאָמיטע צו דער צווייטער, ביז — — —

אָבער ווי קומסטו צו סקעבן? האָב איך אים איבערגעשלאָגן: דו ווייסט, וואָס עס קאָן פּאַסירן אין אַזאַ פאַל?

— איך ווייס, זאָגט ער, אויב מען לאָזט נישט ווערן קיין יוניאָן־מאַן מיט גוטן, ווערט מען מיט בייזן . . .

ביים צווייטן שאָפּ־מיטינג האָט יוסף קרוגמאַן, דער דעמאָלסדיגער „וואָקינג־דעלעגאַט" אַנאָנסירט, אַז אַלע וועלכע זיינען ניט גוט־שטייענדיג אין דער יוניאָן, אָדער זיינען נאָך אינגאַנצן ניט קיין מיטגלידער, דאַרפן איינצאָלן פינף דאָלאַר מיט צען סענט און זיי וועלן ווערן יוניאָן־לייט.

וועלוול איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם פּרעסערס לאָקאַל. ווען דער קלוירק האָט אים אָפּיס אַרויסגעגעבן די ביכלעך, האָט דער גרינער וועלוול געקושט דאָס יוניאָן־ביכל, ווי אַ פרומער איד אַ ספר . . .

קאַפּיטל 51

פאַרוואָס אַ „וואָקינג־דעלעגאַט" האָט געכאַפּט קלעפּ

אין 1922, גלייך נאָך אַ קאָנווענשאָן, וואָס די „אַמאַלגאַמעיטעד קלאָ־דהינג וואָירקערס יוניאָן" האָט אָפּגעהאַלטן אין שיקאַגאָ, האָט מען באַ־שלאָסן צו רופן אַ גענעראַל־סטרייק פון שניידער אין ניו־יאָרק. דעם 15טן יוני 1922 זיינען אַרויס אין סטרייק 10 טויזנט „טשילדרען־קלאָדהינג" אַר־בעטער און אַ וואָך שפּעטער זיינען אַרויס נאָך 50 טויזנט מענער־קליידער אַרבעטער.

אין דעם סטרייק איז געהאַנגען אויפ'ן וואָג־שאָל דער שיקזאַל פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד". טאָקע נאָר אַדאַנק דעם באַוואוסטזיין פון די טויזנטער שניידער, זייער אָפּערוויליגקייט צו ליידן און קעמפן איז מעגלעך געוואָרן צו געווינען דעם סטרייק.

עס זיינען אָבער אין דעם סטרייק אויך פאָרגעקומען אַ סך קאָמישע פּאַסירונגען און עס איז כדאי כאָטש אייניגע פון זיי צו פאַרצייכענען:

אַרום בראָדוועי און ספּרינג סטריט זיינען געווען אַ סך שניידער־שעפּער וואו מען האָט געסטרייקט.

דער טשערמאַן פון דער פּיקעט־קאָמיטע אַרום יענער בילדינג איז געווען איינער אַ לעף. ער איז געווען אַזאַ מענטש, וועלכן מען האָט ניט געקאָנט באַשולדיגן, אַז ער איז צו אַרנטלעך צו די אַרבעטער . . . דער „ביזנעס"־אַגענט פון יענעם דיסטריקט איז געווען איינער קלמן פרידמאַן. דאָס איז געווען אַ פּשוט'ער איד, וואָס האָט ניט געקאָנט לייענען און

שרייבן. ער האָט אויך ליב געהאַט צו מאַכן אַ „לחיים". אָבער דאָס וואָרט „יוניאָן" איז ביי אים געווען זייער טייער.

איינמאָל קומט ער מיט אַ טענה, אַז די „פיקעט" קאָמיטע פון אַרום דער דערמאָנטער בילדינג אַרבעט ניט ריכטיג און אַז דער טשערמאַן לעפּ בלאָפט אונטער. אַנשטאָט צו זיין 5 פּאַרטאָג אַרום די שעפּער, איז ער קיינמאָל ניטאָ פריער ווי צען אַזייגער. און אַזוי שוין עטלעכע טעג ווי ער זעט סקעבס אַרויפגיין אין אַ שאָפּ און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי אָפּשטעלן.

אויפ׳ן צווייטן טאָג, ווען פרידמאַן איז ווידער געקומען פיגף אין דער פרי אַרום די שעפּער און איז זיך אַזוי געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אָן אַ וואַנט איז אים אַריינגעפלויגן אַ פּלעם אין פּנים פון דעם לעפּ׳ן. פרידמאַן האָט גענומען שרייען, נאָר לעפּ האָט זיך צעלאַכט: איר וועט מיר אַנטשול־דיגן, איך האָב געמאַכט אַ טעות, כ׳האָב געמיינט דאָס וואָרט אַ סקעב. אָבער איצט, פרידמאַן, האָט ער גנב׳יש אַ וואונק געטאָן, וועט איר שוין ניט קאָנען זאָגן, אַז איך טו גאָרניט און אַז איך לאָז דורכגיין סקעבס צו דער אַרבעט?

צוויי ברידער מיט צוויי באַזונדערע וועגן

אַ מאָדנער צופאַל איז פאָרגעקומען אין דעם שאָפּ פון סטיין און ליוואַי אויף קריסטי סטריט.

אין דעם שאָפּ האָבן געאַרבעט צוויי ברידער לאַדקען, איינער אַ גוטער יוניאָן־מאַן און דער צווייטער אַ פאַרקויפטע נשמה.

ווען דער סטרייק איז גערופן געוואָרן איז דער יוניאָן־מאַן לאַדקען געוואָרן זייער אַקטיוו, געגאַנגען אין קאָמיטעס אַרונטערצונעמען שעפּער, געווען אַלע טאָג אויף דער „פּיקעט־לאַין". זיין ברודער האָט מען אָבער זעלטן אָנגעזען פאַר די אויגן.

ווען די אַרבעטער פלעגן פרעגן אויף אים, האָט אים דער גוטער יו־ניאָן־ברודער פאַרטיידיגט: ער פילט ניט גוט, די פרוי איז קראַנק. גאַנץ אָפט פלעגט ער נאָך פאַר דעם ברודער, אין זיין אָפּוועזנקייט, דורכלעכערן, מאַכן אַ צייכן אין דעם „סטרייק־קאַרד", אַז ער איז געווען.

אין טאָג האָט דער ברודער לאַדקין, דער גוטער יוניאָן־מאַן, זיך דערוואוסט פון זיין שוועגערין, אַז זיין ברודער סקעבט ערגעץ אונטער. האָט ער אָנגעפאַנגען מיט אים פירן אַ קאַמף. ווען די אַרבעטער האָבן זיך דער־וואוסט, אַז לאַדקין די פאַרקויפטע נשמה סקעבט אונטער, האָט ער שוין געמוזט קומען אַליין אָפּקלאַפּן דאָס סטרייק־קאַרטל, נאָר דאָס האָט ניט

געהאָלפֿן. מען האָט אויסגעפֿונען, אַז ער אַרבעט ערגעץ גאַנצענע נעכט.

דעם גוטן יוניאָן־מאַן לאָדקין האָט דאָס זייער געקרענקט, וואָס ער האָט אַזוי פֿיל שאַנדע פֿון זיין ברודער, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט עטלעכע פֿון דער פּיקעט־קאָמיטע, אַז זיי זאָלן אָפּוואַרטן זיין ברודער דעם סקעבבאַטש ביים הויז, ווען ער גייט ביינאַכט צו דער אַרבעט, און אים גוט אָנשרעקן. ער האָט דערביי געבעטן ניט צו לייגן חלילה אויף אים אַ האַנט.

דער סקעבבאַטש, ווידער, האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר די וועלכע פֿלעגן אים קומען נעמען צו דער אַרבעט און ברענגען צוריק, אַז זיין ברודער, דער יוניאָן־מאַן, דערגייט אים די יאָרן און מאַכט אַ בייז לעבן צווישן אים מיט זיין פֿרוי. ער האָט זיי דערקלערט, אַז ס׳וואָלט געווען ניט שלעכט ווען זיי קלאַפּן אים אונטער אַ פֿוס, ער זאָל מוזן ליגן אַ פּאָר וואָכן אין בעט און ניט שטערן אים צו סקעבן.

איין אויף דער נאַכט האָט די סטרייק־קאָמיטע גענומען דעם אַדרעס אָפּצוּוואַרטן דעם סקעב לאָדקין. זיי האָבן אים געטראָפֿן אַרויסגייענדיג פֿונ׳ם הויז. נאָר אָנשטאָט ער זאָל זיך דערשרעקן האָט ער גאָר זיי גע־סטראַשעט און גענומען רופֿן פּאָליציי.

ווען די סטרייק־קאָמיטע איז אָפּגעלאָפֿן אַביסל פֿונ׳ם הויז האָט זי באַשלאָסן אַרויפֿצוגיין צום יוניאָן־מאַן לאָדקין און אים דערציילן ווי פֿרעך זיין ברודער, דער סקעב, האָט גערעדט צו זיי און אפילו גערופֿן פּאָליציי.

ווען די מיטגלידער פֿון דער קאָמיטע זיינען אַריין אין הויז, דערציילט זיי לאָדקינ׳ס אַ קינד, אַז מ׳האָט איצט דעם טאַטן צוגענומען אין שפּיטאָל. עמיצער האָט אים אָפּגעוואַרט ביים הויז און דערלאַנגט מיט אַן אייזן איבערן פֿוס.

ווען דער סטרייק איז געוואונען געוואָרן האָט מען אָנגעקלאָגט אַ צאָל אַרבעטער פֿאַר סקעבן, פֿאַר אַרויסנאַרן אומזיסטע סטרייק־בענעפֿיטן, פֿאַר טאָן שטערערישע אַרבעט. איינער פֿון די אָנגעקלאָגטע האָט זיך מודה געווען אין סקעבן און פּרובירט זיך רייטוואַשן, אַז לאָדקין דער סקעבבאַטש האָט אים פֿאַרפֿירט און אפילו אַליין געמאַכט דעם פּלאַן ווי אַזוי מ׳זאָל זיין ברודער צעברעכן אַ פֿוס.

אינטערעסאַנט איז, אַז דער גוטער יוניאָן־מאַן לאָדקין האָט אַפּעלירט פֿאַר זיין ברודער ביי דער „גריוועַנס־באָאַרד“, אַז מ׳זאָל אים ניט צו־שווער באַשטראָפֿן פֿאַר׳ן סקעבן. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט דאָס צוגעזאָגט צו טאָן דער אַלטער מאַמען, וועלכע איז געקומען אַפּעלירן פֿאַר׳ן סקעב, און וואָס טוט מען ניט פֿאַר אַ מאַמען? האָט ער געזאָגט.

קאַפּיטל 52

אַ מעשה וועגן צוויי פינגער מיט אַ פייג

דער לאָקאוט און סטרייק פון שניידער, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1922 האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרמעסט פון די באַלעבאַטים צו פאַרניכטן די יוניאָן. די פּאָליציי איז אין יענעם קאַמף געווען זייער ברוטאַל אין אירע אַטאַקעס אויף די סטרייקערס.

לעבן אַ גרויסן שאַפּ אויף בראָדוועי און 4טע סטריט פלעגן אַלע טאָג אויסברעכן געשלעגן צווישן געדונגענע געגנסטער פון די באַלעבאַטים מיט די שניידער־פּיקעטס.

אין מאָנטאָג אינדערפרי ווען פּאָליציי האָט אַריינגעפירט אַ גרופּע סקעבס, האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג ביים אַריינגאַנג. אַ פּאָליסמאַן האָט מיט׳ן קלאָב צעעפנט דעם קאָפּ פון אַן איטאַליענישן אַרבעטער מיט׳ן נאָמען טאָסקאַ. זיין פרוי, וועלכע האָט זיך אויך געפונען אויף דער פּיקעט־ליין האָט דערזען ווי דער פּאָליסמאַן ממית׳ט איר מאַן, איז זי צוגעלאָפן אים אָפּרייסן און שלעפנדיג אים פאַר׳ן בלויען ראָק האָט זי דערווייל צעריסן אָדער צעטרענט דעם נאָט פון זיין מונדיר. דער פּאָליסמאַן איז געבליבן שטיין מיט אַ נאַקעטער פּלייצע אין דרויסן.

איז אַ צווייטער פּאָליסמאַן גלייך צוגעלאָפן און האָט אויך גוט צעשלאָגן די פרוי. נאָך דעם האָט ער זי נאָך אויך אַרעסטירט.

אין קאָורט איז די פרוי באַשטראָפט געוואָרן מיט פופציג דאָלער און עטלעכע טעג פּריזאָן. האָט זי זיך צעשריען פאַר אַלע אָנוועזנדיגע אין איר איטאַליענישן ענגליש: „פאָני דזשאָסטיס״! ווען ער, דער פּאָליסמאַן, האָט מיין מאַן צעשפּאָלטן דעם קאָפּ איז דאָס גאָרניט, נאָר אַז איך האָב ביים פּאָליסמאַן בלויז צעטרענט אַ נאָט, האָט מען מיך באַשטראָפט.

די פרוי האָט דערביי דורך פינגער־צייכנס געוואָלט באַווייזן ווי דורך דער איינציגקייט פון ריכטער און פּאָליסמאַן, ווערט דער אַרבעטער דערשטיקט. האָבן אָבער אירע פינגער־צייכנס אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט דעם ריכטער געוויזן אַ פייג. האָט דער ריכטער גלייך אַ קלאַפּ געטאָן מיט׳ן האַמער און איר צוגעלייגט נאָך אַ טאָג צו זיצן אין פּריזאָן...

פאַרוואָס אַ באַלעבאָס האָט געמוזט קויפן אַ קלייד

אַ צווייטער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין יענעם סטרייק איז געווען דער פאָלגנדיגער:

אין פרענקל׳ס שאַפּ, אויף האוסטאָן סטריט, האָט געאַרבעט אַ פרוי,

רעבעקא גוטשטיין, אַלס פינישערין. אַחוץ דעם האָט זי דעם באַלעבאָס אויך געהאָלפן אין אָפּיס פירן די ביכער און אויסמאַכן די שכירות אַלע וואָך.

רעבעקא גוטשטיין האָט זייער נויטיג געדאַרפט די עקסטרע פּאָר דאָלער, וואָס זי האָט געקראָגן פאַר דער אָפּיס־אַרבעט. דער שאַפּ־טשער־מאַן און „וואָקינג״־דעלעגאַט האָבן איר דאָס דערלויבט צו טאָן. זיי האָבן געוואוסט, אַז איר מאַן איז אַ טובערקולאָזיס קראַנקער און געפינט זיך אין ליבערטי סאַניטאַריום.

צוליב איר שווערער לאַגע האָט די סטרייק־קאָמיטע איר דערלויבט ניט צו קומען אויף דער פּיקעט־לאַין, נאָר גיין זוכן אַרבעט.

רעבעקא האָט גלייך געקראָגן אַרבעט אין אַ נייַ דערעפנטער קאַפע־טעריע אויף דעלענסי סטריט. זי האָט דאָרט געקראָגן אַן אַרבעט ביים קאונטער.

איין פרימאָרגן איז מיסטער פרענקל, איר באָס, וואו זי האָט גע־סטרייקט, אַריינגעקומען אין קאַפעטעריע פאַר ברעקפעסט. ווען ער איז צוגעקומען צום קאונטער פון דער קאַפע און דערזען ווי רעבעקא שטייט און אַרבעט, האָט ער פאַרפירט מיט איר אַ קריגעריי, דערביי אַ כאַפּ גע־טאָן אַ הייסן טעפּל קאַווע און איר אַ גאָס געטאָן אין פּנים אַריין . . . ער האָט איר דערמיט שטאַרק צעבריט דאָס פּנים און אויך פאַרגאָסן און פאַרפלעקט אירע קליידער.

רעבעקא האָט זיך גלייך צעשריען. די באַלעבאַטים פון קאַפעטעריע האָבן אויף גיך געכאַפּט, זי אַרומגעווישט און עפּעס אויך אַרויפגעלייגט אויף די בראַנד־וואונדן, וואָס זי האָט געקראָגן. אייניגע מענטשן האָבן דעם באָס פרענקל פאַרהאַלטן און גערופן אַ פּאָליסמאַן ער זאָל פרענקל'ען אַרעסטירן.

דער פּאָליסמאַן האָט זיך אָבער מיט פרענקל'ען גאָר אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַ באַקאַנטן. דער סוף איז געווען, אַז אַנשטאָט אים צו אַרעסטירן האָט מען געלאָזט וויסן דעם אייגנטימער פון קאַפעטעריע, אַז רעבעקא איז אַ סטרייקערין און ער האָט זי דעריבער גלייך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

רעבעקא האָט שוין אַזוי מיט די וואונדן אויפ'ן פּנים געפּיקעט דעם שאַפּ ביז פרענקל האָט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען וועגן אַ סעטלמענט.

ווען די שאַפּ־קאָמיטע האָט זיך געטראָפן מיט פרענקל'ען האָט זי געשטעלט אַ פאָדערונג, אַז ער זאָל רעבעקא'ן העכערן די שכירות אַזוי, אַז דאָס זאָל אויך דעקן פאַר איר אָפּיס־אַרבעט, נאָר קיין צווייַ אַרבעטן זאָל זי מער ניט טאָן. דערצו האָט מען אים געזאָגט, אַז ער זאָל באַצאָלן פאַר 2 וואָכן אַרבעט, וואָס זי האָט פאַרלאָרן אין קאַפעטעריע און ער זאָל

איר אויך אָפּקויפן אַ נײַ קלייד, ווייל די אַלטע איז פּאַרפלעקט און צעריסן געוואָרן ווען פרענקל האָט זי אָפּגעבריט מיט דער הייסער קאַווע.

פרענקל האָט אויף אַלץ איינגעשטימט.

ווען די אַרבעטער האָבן זיך אומגעקערט צוריק אין שאַפּ אַריין, איז רעבעקא געקומען אין איר נײַער קלייד. אַלע פרויען האָבן אָפּזיכטלעך באַטראַכט דאָס קלייד, איר געוואונטשן דאָס צו טראָגן געזונט. אָבער פרענקל'ען האָט דאָס געקאָסט אַ שטיק געזונט. און נאָך עטלעכע טעג ווען ער האָט געזען ווי רעבעקא קומט אַלץ מיט דער נײַער קלייד אין שאַפּ אַריין, האָט ער געוואָרנט דעם „וואָקינג"־דעלעגאַט, אַז ער וועט ווידער אָפּשטעלן דעם שאַפּ.

דער „וואָקינג"־דעלעגאַט האָט אים אָבער געענטפערט:

— מיסטער פרענקל, אויב אייך געפעלט ניט דאָס קלייד וואָס רעבעקא טראָגט וועט איר דאַרפן קויפן אַ נײַע קלייד, אָבער צוזאַמען דערמיט וועט איר שוין טאַקע אויך דאַרפן אָפּקויפן אַ נײַעם פאַרטוך, ווייל רעבעקא'ס אַ פאַרטוך האָט איר אויך פאַרגאָסן, און זעט טאַקע, אַז זי זאָל מאָרגן האָבן אַ פאַרטוך צו דער אַרבעט . . .

קאַפּיטל 53

ווי צוויי קאָהנס האָבן אַ קאַהאַן באַזאָרגט מיט אַ זייגערל

אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד" זײַנען צוויי קאָהנס געווען „פּאָפּולער" צווישן די ניו־יאָרקער שניידער.

איינער איז געווען הערי קאָהן, וועמען מען האָט אַרויסגעוואָרפן פאַר רעקעטערינג, וואָס ער האָט איינגעפירט אין דעם „טשילדערן קלאָדינג טרעיד", און אַ צווייטער איז געווען אַלעקס קאָהן, אַ געוועזענער סעקרע־טאַר־טרעזשורער פון דער אַמאַלגאַמעיטעד דזשאָינט באָאַרד, וואָס איז דע־מאָלט באַזייטיגט געוואָרן פונ'ם אַמט אויך איבער שווערע קלאָגן.

די צוויי קאָהנס, זײַענדיג אויסער דער יוניאָן, האָבן אָנגעפאַנגען צו מאָביליזירן אַ דעמאָלסדיגע „פרעס און טרינק" חברה, וואָס איז געווען אין דער יוניאָן און אויסער דער יוניאָן און וואָס האָט געאַרבעט געגן דער דעמאָלסדיגער פּראָגרעסיווער פּאָליסי פון דער אַמאַלגאַמעיטעד.

אַ גוטע געלעגנהייט האָבן זיי געקראָגן ווען פּרעזידענט הילמאַן איז

אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ באַזוך אין אייראָפּע און אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

די צוויי קאָהנס האָבן זיך דעמאָלט געזען מיט אב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס", וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַ בייז האַרץ אויף הילמאַנ׳ען און דער אַמאַלגאַמעיטעד, און די צוויי קאָהנס האָבן זיך גענומען צו פֿאַרריכטן די מערכה, וואָס אב. קאַהאַן האָט געהאַט ביי די שניידער. מיט דער הילף פֿון פּ. מאַנאַט האָבן זיי אַראַנזשירט אַ באַנקעט, וואָס האָט געדאַרפֿט הייסן אַ „שניידערישער באַנקעט" לכבוד אב. קאַהאַנ׳ען. ביים באַנקעט האָבן די צוויי קאָהנס צוגעטראָגן דעם אב. קאַהאַנ׳ען אַ זייגער אַלס אַ מתנה.

אב. קאַהאַן האָט אין אַ רעדע באַדאַנקט פֿאַר׳ן זייגער און דערביי געזאָגט דאָס פֿאָלגענדיגע:

„דער זייגער וועט מיר אָפּט דערמאָנען צו זאָגן הילמאַנ׳ען, אַז עס איז שוין צייט אָדער צו גיין פֿון דער אַמאַלגאַמעיטעד, אָדער צו טאָן וואָס די גוטע שניידער הייסן."

די ווערטער וואָס איך ציטיר דאָ זיינען אַרויסגענומען פֿון דעם באַריכט פֿון דעם באַנקעט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז „די גוטע שניידער" האָבן ביי אב. קאַהאַנ׳ען געהייסן: הערי קאָהן, אַלעקס קאָהן, פּ. מאַנאַט און די אַנדערע אַראַנזשירער פֿונ׳ם באַנקעט.

גלייך נאָכ׳ן באַנקעט האָבן די דאָזיגע „גוטע שניידער" זיך גענומען צו דער אַרבעט. זיי האָבן געוואוסט, אַז די יוניאָן איז אָפּגעשוואַכט נאָך אַ סטאַפּעדזש, וואָס זי האָט געהאַט דורכגעמאַכט. די לאַגע איז געווען אַ שווערע סיי אין דער יוניאָן און סיי ביי די שניידער אין די שעפּער. האָבן זיי אַרויסגעלאָזט אַ ליפלעט מיט דער הילף פֿון עטלעכע חברה פֿון פּרעסערס לאָקאַל 3, אַז מ׳זאָל אויפהערן צאָלן דיוס. זייער פֿאָדערונג האָט פּאַקטיש געמיינט, אַז די צוויי קאָהנס זאָלן צוריק אַריינגענומען ווערן אין דער יוניאָן און ווידער ווערן די פֿירער.

צו דערגרייכן זייער צוועק האָבן זיי גערופֿן אַ מיטינג אין קופּער יוניאָן. אָבער צו זייער איבעררעשונג זיינען צום מיטינג געקומען ביין־און־ניינציק פּראָצענט פֿון די שניידער, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן אַ הערלעכע און ריינע יוניאָן און זיינען גרייט געווען די יוניאָן צו פֿאַרטיידיקן.

אַ צווייטע גרויסע איבעררעשונג איז פֿאַר זיי געווען דאָס פּלוצלימדיגע באַווייזן זיך פֿון פּרעזידענט הילמאַנ׳ען ביים מיטינג, גלייך אויף דער פּלאַטפֿאָרמע.

ווען זיי האָבן דערפֿילט, אַז זיי האָבן פֿאַרלאָרן און אַז זייער פּלאַן איז

צו־נישט געוואָרן, האָבן זיי אויסגעלאָשן די ליכט אין קופּער יוניאָן. היל־מאַן האָט אָבער באַוויזן זיי צו זאָגן, אַז עס איז שוין ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי ווילן אין דער פינצטער טאָן זייער אַרבעט . . . ער האָט גערעדט צו די שניידער און געוואָרנט די „טרויקע", די צוויי קאָהנס מיט קאַהאַנ׳עז, אַז זיי זאָלן בעסער אויפגעבן זייערע אינטריגעס געגן דער יוניאָן.

אַן איטאַליענישער „פאָרווערטס"־לייענער

אַן אינטערעסאַנטער עפּיזאָד אין פאַרבינדונג מיט דעם דעמאָנטן ליפּ־לעט וואָס די קאָהנס האָבן אַרויסגעלאָזט ניט צו צאָלן קיין דיוס צו דער יוניאָן, איז געווען אַזוי:

איינער פון זייערע אונטערשטיצער איז געווען אַן איטאַליענישער סקעב־אַגענט. האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און געעפנט אַ קאָר־פּערעישאָן שאַפּ אויף מאַלבארי סטריט.

צו זיין זיכער, אַז ער וועט דעם שאַפּ קאָנען אַנהאַלטן, האָט ער אין שאַפּ אַריינגענומען נאָר לאַנדסלייט און פריינט. די באַדינגונגען פאַר די געדונגענע אַרבעטער זיינען געווען שרעקלעך. צוליב די קאָרפּערעישאָ־ניקעס האָבן שוין אַלע געמוזט אַרבעטן אַן אַ צאָל שטונדן. שכירות האָט מען די געדונגענע אַרבעטער געצאָלט ווען די קאָרפּערעישאָניקעס האָבן געוואָלט.

ענדלעך איז איינמאָל געלונגען זיי אַראָפּצוברענגען צו אַ שאַפּ־מיטינג און אויפנעמען די פּראָבלעמען פון זייער שאַפּ.

ביים פאַרענדיגן דעם שאַפּ־מיטינג, האָט דער „וואָקינג"־דעלעגאַט גע־בעטן די אַרבעטער צו ווייזן די יוניאָן־ביכלעך. ווען ער האָט אַ קוק גע־טאָן אין די ביכלעך האָט ער אויסגעפונען, אַז קיינער פון זיי צאָלט ניט קיין דיוס.

דער „וואָקינג"־דעלעגאַט האָט פון־דאָס־ניי אָנגעפאַנגען צו רעדן צו זיי און געפרעגט: ווי קאָנט איר דערוואַרטן, אַז די יוניאָן זאָל אייך העלפן, אַז פאַקטיש זענט איר שוין גאָר ניט קיין יוניאָן־לייט? ווי קומט דאָס וואָס איר צאָלט שוין ניט אַזאַ לאַנגע צייט קיין דיוס צו דער יוניאָן?

איינער פון די איטאַליענישע פּרעסער האָט גלייך געבעטן אַ וואָרט און פּרובירט אויף זיין וועג זיך פאַרענטפערן:

„דאָנט יו נאָו? מיסטער „פאָרווערד" סעז נאָ מאָר פּעי דיוס יוניאָן" (ווייסט גאָר ניט? מיסטער „פאָרווערטס" האָט געהייסן מ׳זאָל מער ניט צאָלן קיין דיוס צו דער יוניאָן).

קאפיטל 54

אַ באָס וואָס איז אַנטלאָפן מיט דער קאַסע

צווישן די שניידער באַלעבאַטים איז געווען איינער אַ מר. גאַליק, וואָס האָט געהאַט זיין שאָפּ אויף וואָטער סטריט.

האָט ער געוומען איינרעדן זיינע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן פאַר זיך אין שאָפּ איינשטעלן אַ ליי־קאַסע, אפשר אויך אַ מין בענעפיט סיסטעם. הלוואי זאָל מען דאָס ניט דאַרפן, האָט ער גע׳טענה׳ט.

קאָהן דער באַגראַדער, וועלכער איז געווען מיט׳ן באָס, מר. גאַליק׳ן, ווי צוויי קלינגלעך פון איין שער האָט גלייך פאַרשטאַנען דעם וואונק און דאָס געמאַכט צום פאַרשלאַג.

אַ גרופּע פאַרשטענדלעכע אַרבעטער האָבן גע׳טענה׳ט, אַז עס קאָן גאָרניט שאַדן צו האָבן „אַן אַקציע״, אָדער אַ שאָפּ־סאָסייעטי פאַר בענע־פיטס, אָבער דאָס דאַרף גאָרניט האָבן צו טאָן מיט׳ן באָס.

מיסטער גאַליק האָט אָבער געלאָזט וויסן, אַז ער גיט די ערשטע הונדערט דאָלער צושטייער אויף איינצושטעלן אַזאַ ליי־קאַסע. האָט שוין קאָהן פאַר דעם פּלאַן געקראָגן אַ מערהייט צווישן די אַרבעטער.

מען האָט דאַן אויסגעקליבן אַ קאָמיטע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט אַ מין קאָנסטיטוציע. די קאָנסטיטוציע האָט געזאָגט, אַז אַ יאָר צייט זאָל מען קלייבן דעם פאָנד; די בוכהאַלטערין פון באָס זאָל אויף דעם אַלע וואָך אַראָפּנעמען אַ דאָלער פון יעדער אַרבעטער׳ס שכירות און דאָס אַריינ־לייגן אין באַנק. נאָכ׳ן יאָר זאָל יעדער אַרבעטער, וואָס וועט חלילה קראַנק ווערן קריגן פאַר אַ משך פון פיר וואָכן צו צען דאָלער אַ וואָך. אויב איינער פון די אַרבעטער וועט חתונה האָבן, זאָל ער קריגן פופציג דאָלער דרשה־געשאַנק. אויב אַ קינד פון אַן אַרבעטער וועט חתונה האָבן, זאָל דער אַר־בעטער קריגן אַ פינף־און־צוואַנציגער אַ מתנה. אויב איינער וועט אַוועק פון שאָפּ צוליב קראַנקהייט אָדער עלטער, זאָל ער קריגן צוויי הונדערט דאָלער.

די „אַקציע״ איז נאָך דעם געוואַקסן פון וואָך צו וואָך. אייניגע האָבן אָפּט אָנגעוויזן, אַז דער באָס, גאַליק, נוצט אין אמת׳ן דאָס געלט פאַר זיינע אייגענע געשעפטן, ווייל די קאָמיטע פון שאָפּ פלעגט דעם רעכענונג פון דער שפּאָר־און ליי־קאַסע זען בלויז אויף די ביכער פונ׳ם שאָפּ, אָבער ניט אין קיין באַנק־ביכל און ניט אין קיין אַנדערע רעקאָרדס איבער וועלכע די שאָפּ־קאָמיטע זאָל האָבן אַ דעה. אָבער אַנדערע האָבן געגלויבט, אַז אַלץ איז „אַלראַיט״ און זיי האָבן שוין געוואַרט פאַר דער געלעגנהייט צו

קאָנען מאַכן אַ נוץ פון דער „אַקציע".

משה'לע ווײַנטרויב, דער אַלטער פּרעסער, האָט געציילט די טעג צו קאָנען וואָס גיכער אויפגעבן דעם שאַפּ. זײַנע רומאַטיזירטע פיס האָבן אים געמאַטערט צום טויט. אָבער, ער איז געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט מיט'ן אײַזן אין האַנט און ווי גע'טענה'ט צו זיי: וואַרט פּיסעלעך, נאָך עטלעכע וואָכן, וועל איך קריגן מײַנע צוויי הונדערט דאָלער און דאַן וועט איר קריגן אײַער וואַקאַציע . . .

אַזוי האָט אויך גע'חלומ'ט הערי דער רעק־שטעפּער. ער איז געווען איינער פון דער שאַפּ־קאָמיטע, וואָס האָט געהאָלפן מאַכן די קאָנסטי־טוציע. הערי האָט זיך געקליבן אינגיכן חתונה צו האָבן. האָט ער אַזוי אויסגערעכנט, אַז די חתונה זאָל פאַרקומען דאַן, ווען ער וועט שוין זײַן באַרעכטיגט צום דרשה־געשאַנק.

דורך דער צײַט איז קאָהן דער באַגראַדער געוואָרן אַ שותף צום שאַפּ פון מיסטער גאַליק.

פּלוצלינג, אין איין אויף דער נאַכט האָט מיסטער קאָהן, גאַליק'ס שותף, געלאָזט וויסן די אַרבעטער, אַז דער שאַפּ וועט ניט אַרבעטן ביז קומענדיגן מאָנטאָג און אַז די וועמען עס קומט געצאָלט, וועלן טאָקע מאָנטאָג קריגן זייער שכירות.

אָבער מאָנטאָג פרי, ווען די אַרבעטער זײַנען אַרײַנגעקומען אין שאַפּ, האָבן זיי געטראָפן אַ בית־עולם. זיי אַליין האָבן דאַן אויך געקראָגן אַן אויסזען פון שטייענדיגע מתים.

דורך דעם מאַשיניסט, וועלכער איז געקומען אַרויסנעמען אַ מאָטאָר און עטלעכע אַלטע מאַשין־טישלעך, האָט מען אויסגעפונען, אַז דער שאַפּ האָט זיך אַרויסגעקליבן אין פּאָרט עמבאָי.

ווען אַ גרופּע אַרבעטער איז געקומען אין פּאָרט עמבאָי זוכן דעם שאַפּ, איז ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן אַ פּאָליסמאַן און זיי צו־געפירט צו דער באַן און געהייסן גלײַך פאַרלאָזן די שטאָט.

די אַרבעטער האָבן נאָך דעם זיך דערוואוסט, אַז הערי דער רעק־שטעפּער וועט חתונה האָבן אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. אַ פאַרדאַכט האָבן זיי גע־האַט, אַז הערי מוז געוויס אַרבעטן אין דעם נײַעם שאַפּ פון גאַליק און קאָהן אין פּאָרט עמבאָי.

ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די חתונה ווערט געפּראַוועט אין אַ שול אויף ריד סטריט, איז אַ גרופּע פון די אַרבעטער אַוועק צו דער חתונה. מיט זיי איז אויך מיטגעגאַנגען לייבעלע „ספּאַנדזש", אַ פּרעסער מיט, קיין עין־הרע, געזונטע ידים. אָן אַן אָפיציעלער אײַנלאַדונג האָבן זיי

אַרייַנגעשפּאַנט צווישן די מחותּנים.

לייבעלע „ספּאַנדזש" האָט דאָרט געמאַכט עטלעכע לחיים'ס. נאָך דעם האָבן זיי באַמערקט ווי דער מיסטער קאָהן פּרופּירט זיך אין אַ ווינקל אויס־באַהאַלטן הינטער זיין ברייטער אידענע.

איינער פון די אַרבעטער איז צו אים צוגעגאַנגען און געוואָלט וויסן: וואו איז דער שאַפּ און וואו איז זייער געלט פון דער אַקציע? האָט קאָהן גענומען שרייען „פּאָליס". אָבער ביז פּאָליציי איז געקומען האָט לייבעלע „ספּאַנדזש" אים אַרונטערגעצויגן דעם קאַפּעלוש איבער די אויערן און אָפּגעריסן אַ קליאַפּע פון דער טאַקסידאָ, וואָס ער האָט גענומען אויף פּראָקאַט צו דער חתונה. די אַרבעטער האָבן נאָך דעם געמוזט פאַרלאָזן די שול.

ווען די אַרבעטער האָבן זיך געטראָפן אין לעיבאָר ביוראָ צו הערן אַ באַריכט פון דער „חתונה" האָבן זיי זיך מיט צאָרן געוויצלט:

אַנשטאָט צו פּראַווען אַ יום־טוב צו דער דערעפענונג פון זייער ליי־קאָסע דאַרפן זיי גאָר פּראַווען אַ יאָרצייט נאָך זייערע אָרעמע פּאָר דאָלער.

קאַפּיטל 55

אַ שאַפּ אין אַ פינגערהוט . . .

אין דעם שניידער־שאַפּ פון קאָסאָווסקי און פרידזל אויף מאַרקעט סטריט, איז אַרויפגעקומען אַרבעטן אַן אָפּערעיטאָר מיט'ן נאָמען פייוול פּוזי.

פּוזי, ווייזט אויס, איז געווען ביי אים אַ צונאָמען, ווייל ער האָט געהאַט, ווי די שניידער פלעגן זאָגן, אַ פּאָר היימישע פּאַמפּושקע באַקן מיט רויטע עפּעלעך אויף זיי.

אין דעם שאַפּ האָט מען געמאַכט זייער אַ ביליגע לאַין קליידער. די פּאַרדינסטן זיינען געווען קלאָגעדיגע. און פייוול פּוזי האָט גראָד געהאַט אַ גאַנץ פיינעם אַפּעטיט. פון זיינע פאַרדינסטן האָט ער דעם אַפּעטיט קיינמאָל ניט געקאָנט געבן צו דער האַנט . . .

אין זעלביגן שאַפּ האָט אויך געאַרבעט אַ פרוי בערטאַ, אַן אלמנה. עס האָט דאָרט אויך געאַרבעט איר טאָכטער סערע. די מאַמע איז אַלט געווען אַרום פערציג יאָר און די טאָכטער אַרום צוואַנציג יאָר.

בערטאַ די אַלמנה האָט אויף איר אַרבעט געקוקט ווי אויף אַ צייט־ווייליגער זאַך. זי האָט געוואָרט אויף אַ געריכט־באַשלוס צו קריגן אַ

סומע געלט פון אַן אינשורענס־קאָמפּאַני, ווייל דער מאַן אירער איז גע־שטאָרבן אין אַן עקסידענט, איבערגעפאָרן געוואָרן פון אַ טראָק. אַחוץ דער אַרבעט האָט זי אויך געדאַרפט אַכטונג געבן אויף דריי קלענערע קינדער, וואָס דער מאַן האָט איר איבערגעלאָזט.

פּיוול פּוזי איז געווען אַ בחור פון אַרום 28 יאָר, האָט ער געוואָרפן אַן אויג אויף בערטאַ׳ס טאָכטער, גענומען זיך טרעפן מיט איר, ביז איין טאָג האָט די מאַמע, די אַלמנה, אים איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, אים געגעבן אַ פיינע וועטשערע. דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך שוין גאָר פאַרליבט ניט אין דער טאָכטער, נאָר אין דער מאַמען.

די טאָכטער האָט זיך דערפאַר באַקאַנט מיט אַ בחור פון איר עלטער און ביידע האָבן זיך אַזוי באַזאָרגט מיט שידוכים.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט פּיוול חתונה געהאַט מיט בערטאַ׳ן און זיך אַריינגעקליבן צו איר אין הויז. די טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט איר בחור און אים אויך אַריינגענומען אין דער זעלבער וואוינונג. זייער אַלעמענס רעכענונג איז געווען, אַז ווען בערטאַ וועט קריגן די „אינשורענס" וועט זי מיט דעם געלט קויפן אַ הויז, וואו עס וועט זיין מער פּלאַץ פאַר אַלעמען.

דערווייל איז פּונקט צום יאָר די פאַמיליע נאָך פאַרגרעסערט געוואָרן. די מאַמע מיט דער טאָכטער זיינען אין איין חודש ביידע געלעגן געוואָרן, און אין הויז איז נאָך ענגער געוואָרן.

די איינציגע פאַרדינער אין הויז זייענען דעמאָלט געווען — פּיוול און דער איידעם. פּיוול פלעגט מאַכן עטלעכע דאָלער אין שאַפּ און דער איידעם פלעגט מאַכן אַ פּאָר דאָלער פון פּעדלען מיט קלייניגקייטן אונ־טערן ברוקלין בריק.

ווען בערטאַ האָט ענדלעך געקראָגן די אינשורענס, אַרום פינף טויזנט דאָלער, האָט מען געקויפט אַ צוויי־פלאַמיגע הויז מיט אַ בעיסמענט, אויף קליימער סטריט, אַריבער ברוקלין בריק. באַשלאָסן האָט מען, אַז אויף אַ געוויסער צייט זאָל מען איין פלאָר פאַרדינגען, עס זאָל זיין גרינגער דאָס הויז אָפּצוצאָלן. אויף איין פלאָר זאָלן זיך „פאַמעשטשען" ביידע פאַמיליעס מיט די קינדער. און אין בעיסמענט זאָל מען עפענען עפּעס אַ שטיקל שאַפּקע אַליין צו אַרבעטן.

פּיוול פּוזי האָט זיך דעמאָלט גענומען איינהאַנדלען „רעמניצעס" (שטיקלעך סחורה). דער פּלאַן איז געווען, אַז דערפון זאָל מען זיך נעמען אויפצומאַכן ניפּענטס, וואַרעמע וועסטלעך און ביליגע הויזן. פּוזי זאָל דאָס אויפמאַכן אין די אָוונטן, ווען ער קומט פון שאַפּ. בערטאַ מיט די

קינדער זאָלן דאָס אין משך פון טאָג „אויספּעלן", איינבייען די קנעפּלעך און דער אײדעם זאָל דאָס נעמען צו פאַרקויפן אויף זיין פּושקאַרט אונ־טערן בריק.

דער פּלאַן איז אָבער אויך שנעל צעדרייט געוואָרן. די הויז האָט אַריינגעטריבן אין מער געלט ווי מ'האָט גערעכנט. האָט מען דעם פּלאַן געענדערט. מען האָט ביידע פלאָרס פאַרדונגען און ביידע פאַמיליעס מיט די קינדער האָבן זיך אַריינגעקליבן אין קעלער וואו עס איז געוואָרן נאָך פיל איינגער ווי פריער.

פּיזול פּוזי האָט אָבער נאָך דעם אויך געדונגען אַ צימער אין בעק פון אַ סטאָר אויף ריווינגטאָן סטריט. דער סטאָר איז געווען אַן אָפיס פון „ריעל עסטעיט". פּיזול האָט פאַר דעם צימער געצאָלט אַכט דאָלער אַ חודש. ווען ער האָט דאָס געדונגען האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָס בלויז אויף האַלטן דאָרט אַביסל סחורה און אַ פּאָר אַלטע מאַשינען, ניט זאָגנדיג קיין וואָרט וועגן אַרבעטן דאָרט.

אַזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר חדשים. דער „רעיל עסטייט" אָפיס פלעגט זיך אַרום זעקס אַזייגער אין אָוונט פאַרמאַכן און פּיזול מיט'ן אײדעם פלעגן נאָך דעם קומען און זיך זעצן אַרבעטן. מען פלעגט דאָרט אויפ־מאַכן אַרבעט און דאָס מיטנעמען אַהיים אין בעיסמענט אַריין. דאָרט פלעגט מען דאָס „אַרויספינישן" (פאַרענדיקן).

דער מאַן פון ריעל עסטייט אָפיס האָט נאָך דעם פאַרדעכטיגט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. ער האָט דערזען, אַז זינט ער האָט פאַרדונגען דעם צימער פון הינטן זיינען די געז און עלעקטריק בילס פאַרדרייפאַכט געוואָרן. די בילס האָבן באַטראָפן מער ווי די אַכט דאָלער רענט וואָס פּיזול פּוזי האָט אים געצאָלט.

איז ער איינמאָל שפּעט אין אָוונט געקומען, געעפנט זיין אָפיס און אַנ־געקלאַפּט אין צימער. האָט ער דערזען ווי פּיזול מיטן אײדעם אַרבעטן אויף די מאַשינען, אַ פּרעס־אייזן ברענט און אין דעם קליינקן צימער איז גאַנץ לעבעדיג.

דער ריעל־עסטעיט מאַן האָט דעמאָלט געגעבן אַ באַפעל, אַז פון דער שאַפּקע זאָל באַלד קיין זכר נישט בלייבן און אַזוי אַרום איז דאָס געווען. דער אײדעם האָט פאַרטאָג געבראַכט זיין פּושקאַרט און מען האָט זיך גע־נומען אַלץ אַרויסצופּעקלען. די פראַגע איז נאָר געווען: וואוהין פּעקלט מען זיך? האָט מען דעם דאָזיגן שאַפּ אויך אַריבערגעפירט צו זיך אין בעיסמענט.

דער בעיסמענט איז אַזוי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוידערלעכן גיהנום. נאָר איין אָוונט האָט געטראָפן אַ נס:

אין אַ מאָמענט ווען די גאַנצע פאַמיליע איז געזעסן און געאַרבעט און געאַרבעט און דאָס קליינוואַרג האָט זיך געוואָלגערט אויף די אָנגעוואָר־פענע שמאַטעס איז אַריין אַ קאָמיטע פון דער אַמאַלגאַמעיטעד און דער־קלערט, אַז דער דאָזיגער „שאַפּ" מוז אָפּגעשטעלט ווערן.

פּיזול פּוזי, וואָס איז גראָדע אין זיין בייטאָגדיגן שאַפּ געווען אַ גוטער יוניאָן־מאַן האָט דערקענט אייניגע מיטגלידער פון דער קאָמיטע. האָט ער גלייך אויסגעפונען, אַז עמיצער פון די שכנים האָט אין דער יוניאָן אַריינגעגעבן אַ קלאָגע, אַז אויף קליימער סטריט געפינט זיך אין אַ בעיס־מענט עפּעס אַ סקעב שאַפּקע וואו מען אַרבעט גאַנצע נעכט. דעם שאַפּ האָט מען דעמאָלט יעדנפאַלס שוין געמוזט אויפגעבן, נאָר דער בעיס־מענט איז נאָך אַלץ געבליבן ווי אַ לעבעדיגער קבר וואו עס האָבן זיך גע־שטיקט צוויי פאַמיליעס פון מענער און פרויען מיט אַ האַלבן טוץ קינדער.

קאַפּיטל 56

קרעפּט יוניאָניזם און גרעפּט מעטאָדן

אין די יונגע יאָרן פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד" זיינען נאָך געווען אַ סך שעפּער וואו יעדער סעקשאָן אין שאַפּ האָט געהאַט זיין אייגענעם פאַר־שטייער אים צו רעפּרעזענטירן. ספּעציעל אין די קליינע סוועט־שאַפּ־קעלעך, וואו דער „וואָקינג"־דעלעגאַט האָט געקאָנט האַנדלען אויף זיין אייגענע פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

האָט פּאַסירט, אַז אין שאַפּ פון לאַזאַרוס, אויף טשערי סטריט, איז אַרויפגעקומען דער „וואָקינג"־דעלעגאַט פון די לאַפּעל־מאַכער און אָפּ־געשטעלט זיין איינציגן אַרבעטער, צו סטרייקן פאַר אַ העכערונג אין די שכירות, איז דער באַלעבאָס ניט געווען פויל און זיך אַליין אָוועקגעזעצט ביים מאַשין און געמאַכט די אַרבעט פונ'ם לאַפּעל־מאַכער. איז דער „וואָקינג"־דעלעגאַט פון די לאַפּעל־מאַכער געקומען מיט אַ טענה צום „וואָקינג"־דעלעגאַט פון די אָפּערעיטאָרס און געבעטן זיין הילף.

דער „וואָקינג"־דעלעגאַט פון די אָפּערעיטאָרס האָט אַרגומענטירט: דו האָסט מיר ניט געפרעגט וועגן רופן דעם סטרייק, דאַרפסטו איצט ניט האָבן קיין טענות. דו ווילסט האַלטן דיין אַרבעטער אין סטרייק, טאָ האַלט אים.

דער סוף איז געווען, אַז דער „וואָקינג־דעלעגאַט פון די לאָפּעל־מאַכער האָט איינגעלאַדן דעם „וואָקינג״־דעלעגאַט פון די אָפּערעיטאָרס אין אַ רעסטאָראַן און זיי האָבן געשליכטעט דעם עסק . . . ער האָט אים גע־קויפט אַ מתנה זעקס העמדער און אַ הוט.

אויף מאָרגן האָבן שוין די אָפּערעיטאָרס אויך געסטרייקט. נאָר די פּרעסערס האָבן זיך אָנטזאָגט אַרונטערצוגיין אין סטרייק, ביז זייער לאָקאַל וועט ניט באַשליסן וואָס צו טאָן.

דער „וואָקינג״־דעלעגאַט פון די אָפּערעיטאָרס האָט ניט געוואָלט, אַז די פראַגע זאָל קומען צום לאָקאַל און ער האָט „געסעטלט״ מיט'ן פאָר־שטייער פון די פּרעסער: ער האָט אים געקויפט אַ מתנה אַ ווייך־סעט און באַצאָלט פופצן דאָלער.

אויף מאָרגן, ווען דער „וואָקינג״־דעלעגאַט פון די אָפּערעיטאָרס האָט אַרגומענטירט מיט'ן „וואָקינג״־דעלעגאַט פון די לאָפּעל־מאַכער, אַז זיין מתנה איז שוין צעקראָכן געוואָרן און ער האָט שוין גאָר דערלייגט געלט צום געשעפט . . . איז צוגעקומען אַ קאָמיטע־מאַן פון דעם שניידער־לאָקאַל מיט אַ געוואַלד: אויב ס'איז אַ סטרייק צוליב מתנות, טאָ וואו בין איך?

אינטערעסאַנט איז, אַז שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַ־לעבאָס האָט געגעבן אַ מתנה צו איינעם פון די אַסיסטענט־מענעדזשערס און דערפאַר האָט ער אַלעמען צוריקגעשיקט צו דער אַרבעט אויף די אַלטע באַדינגונגען . . .

געכאַפּט קלעפּ, נאָר מיט מזל . . .

אין אָנפאַנג פון 1923 איז דערקלערט געוואָרן אַ סטרייק געגן 18 מאַנופעקטשורערס. פאַר ניט אָפּהיטן די קאָנטראַקטן, פאַר אַרויסשיקן אַר־בעט „או אָוו טאַון״, און ביי מאַנכע מאַנופעקטשורערס איז אויך געפּאָ־דערט געוואָרן אַ העכערונג אין שכירות.

ווי שטענדיג האָבן די באַלעבאַטים זיך באַנוצט מיט פּאָליצײ און מיט שטאַרקע. איינער פון די אָרגאַנייזער אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד״ פון יע־נער צייט, פּיני פעסיקאָף, איז שטאַרק צעשלאָגן געוואָרן פון אַ באַס, מיט אַ שווערן אייזן, אין אַ שאַפּ אויף דער באַוערי.

שפּעטער, ווען דער באַלעבאָס איז געווען געצוואונגען צו שליכטן מיט דער יוניאָן, און ער האָט זיך געטראָפן פּנים־אל־פּנים מיט דעם צעשלאָ־גענעם אָרגאַנייזער פעסיקאָף, האָט דער באָס זיך קאַלטבלוטיג אַ זאָג געטאָן: „דאַנק גאָט, וואָס מיינע „באָיעס״ זיינען ניט געווען אין שטאָט און איך האָב אַליין געמאַכט דעם „דזשאָב״, וואָרום ווען מיינע „באָיעס״

מאַכן דעם „דזשאַב״, וואָלסטו נאָך איצט ניט אַרומגעגאַנגען . . . ״

באַנקירן אָן אַ פּעני געלט

אין דער זעלבער צייט האָט אויך פּאַסירט אַזאַ טראַגיש־קאָמישער שפּאַס:

שבת, דעם 14טן אַפּריל, 1923, איז דערעפנט געוואָרן די ניו־יאָרק באַנק פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד״. פאַרשטייט זיך, אַז די יוניאָן האָט גע־מאַכט די דערעפענונג גאָר יום־טוב׳דיג און מאַנכע שניידער האָבן זיך געפילט יום־טוב׳דיג, ווי גאַנצע באַנקירן . . .

זיינען די שניידער געשטאַנען אַרום באַנק און פּרובירט ספּעקולירן, וואָס זיי קאָנען דערוואַרטן פון אַן אייגענע באַנק. איינציגע האָבן געשפּאַסט אויף דעם רעכענונג. איין שניידער האָט געזאָגט: אַז ער גייט שרייבן די קינדער, אַז ער איז געוואָרן אַ באַנקיר . . . אַ צווייטער האָט זיך נאָכגע־פרעגט, צי אַלס באַנקיר, דאַרף ער אויך האָבן צוויי גוט־זאָגער צו באָרגן אַ פּאָר דאָלער? . . .

אַנדערע האָבן אָנגעוויזן גאַנץ ערנסט די נוצן, וואָס אַזאַ באַנק קאָן ברענגען פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען דאָס זאָל נאָר פאַרוואַלטעט ווערן מיט׳ן געדאַנק צו דינען די אַרבעטער.

אינמיטן דערינען האָט אַ גרופּע שניידער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, און געלאַכט האָט מען פון איינעם אַ פּרעסער, וועלכער איז געקומען אויס־געפּוצט צוליב דעם יום־טוב און אפילו זיך געקויפט אַ נייעם הוט.

אָבער אין דער צייט ווען די שניידער זיינען געשטאַנען ביי די ווענט פון דער באַנק, האָבן די פויגעלעך, וועלכע האָבן זיך געוואָרעמט אויפ׳ן געזימס פון דער באַנק ביי די פענצטער פונ׳ם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער אַמאַלגאַמעיטעד, „באַטרימט״ אַ צאָל היטלען . . .

דער פּרעסער האָט מיט שרעק אַראָפּגעכאַפּט זיין נייעם הוט פון קאָפּ און זיך צעשריען: אָט אַזאַ מזל האָבן מיר, אַרבעטער. פאַר די „מאַכערס״ זינגען זיי, די פויגעלעך, און אויף אונזערע קעפּ פאַלט אַלע צרות . . .

וועגן יענער צייט, דערציילט מיר אַ שניידער מיט׳ן נאָמען גאַרעליק, אַזאַ פאַל: אין מאַי 1923 איז פאָרגעקומען אַ סטאָפּעדזש פון אַלע שניי־דער אַרבעטער. ער האָט דאַן געאַרבעט פאַר אַ פירמע אויף בראָדוועי, וועלכע האָט געמאַכט אירע דעפּאָזיטס אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד באַנק״. דער באַלעבאָס פלעגט אָפט שפּאַסן צו די אַרבעטער: חברה, אַרבעט גיי־כער, ווען ניט וועל איך ניט האָבן וואָס צו דעפּאָזיטן אין אייער באַנק . . .

ווען דער „סטאָפּעדזש״ איז באַשטימט געוואָרן, האָט גאַרעליק גע־

קומט דעם באָס נײַנציג דאָלער, וואָס ער האָט געבאָרגט אין צײַט פון סלעק. דער באָס האָט געדאַרפט אַרונטערנעמען פינף דאָלער אַ וואָך. אָבער אַזוי ווי די אַרבעטער זײַנען אַרונטער אין „סטאָפּעדזש", האָט ער בײַ אַלע, וועלכע האָבן אים געקומט געלט, פאַרהאַלטן זייער לעצטע וואָך שכירות און אַרונטערגערעכנט פון חוב.

גאַרעליק'ן, ווי ער דערציילט, איז אויסגעקומען גלײַך די ערשטע וואָך „צו פעכנען אויפ'ן פּיסק". אין הויז איז ניט געווען קיין ברויט, און דאָ האָט נאָך זײַן ווײַב געדאַרפט זיך לייגן אין קימפּעט. ער האָט אויך געדאַרפט האָבן דירה־געלט. קומט גאַרעליק צום באָס און בעט זיך: גיט מיר די עטלעכע דאָלער. איר ווייסט דאָך, אַז איך בין בײַ אײַך אין די הענט. דער „סטאָפּעדזש" וועט דאָך מסתמא לאַנג ניט אָנהאַלטן, וועל איך ווידער אַרבעטן און אײַך אָפּצאָלן.

דער באָס האָט אים אויסגעהערט און זיך צעלאַכט: דאָס זאָגסטו אַזוי, אַז דער סטאָפּעדזש וועט לאַנג ניט אָנהאַלטן, אָבער דערווײַל בין איך באַלעבאָס און ניט דו. דער סטאָפּעדזש בײַ מיר וועט שוין גאָר לאַנג אָנהאַלטן . . .

איינער פון די אַרבעטער האָט געראָטן גאַרעליק'ן, אַז ער זאָל גיין אין דער באַנק און קריגן געבאָרגט הונדערט דאָלער, ווײַל ס'איז דאָ אַ וועג ווי אַזוי די מיטגלידער קאָנען באָרגן געלט.

ווען גאַרעליק איז זיך אַזוי געשטאַנען בײַ דער באַנק און זיך מישב געווען מיט זיך אַליין, וואָס ער זאָל טאָן מיט די הונדערט דאָלער, ווען ער וועט עס קריגן, וואָס ער דאַרף פריער און וואָס שפּעטער, איז אַרויסגעקומען זײַן באָס פון דער באַנק און זיך צערעדט מיט עטלעכע פון זײַנע אַרבעטער. אין די רייד גיט ער זיך אַזוי אַ זאָג וואָוויליונגעריש:

— איר זעט, — ווײַזט ער אָן אויף אַ פּעקל מיט געלט אין זײַן קעשענע, — איר זײַט די באַנקירן, נאָר צי מ'וועט אײַך באָרגן געלט, ווייס איך ניט. אָבער מיך, פרעגט מען ניט קיין פראַגן, אַבי איך לייג נאָר אַוועק מײַן ביכל מיט'ן כשר'ן נאָמען, ציילט מען מיר גלײַך די גרינע בלעטלעך . . .

אויף מאָרגן אין דער פרי, פאַרענדיגט גאַרעליק, ווען מיר זײַנען געקומען אויף דער פּיקעט־ליין, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די געננסטער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר אונזער באָס, האָבן אויסגעפונען, אַז ער האָט אַרויסגענומען פון דער באַנק פיר טויזנט דאָלער, אַריבערצומופן דעם שאָפּ אין נאָרוואָלק, און אַזוי וואָלט אויסגעקומען, אַז די געננסטער זאָלן בלײַבן „ברויטלאָז" . . . פּונקט ווי מיר, האָבן זיי אים אָפּגע־

וואָרט ביים שאַפּ, ווען ער איז געקומען מיט׳ן געלט דאָס אַריינלייגן אין קאַסע ביי זיך, האָבן זיי אים געזאָגט די ברכה „שאו ידיכם״ („הענדס־אַפּ״) און צוגענומען די פיר טויזנט קאַרבאַטשעס.

ער האָט שוין דעם שאַפּ ניט געמופּט. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער טאַקע געסעטלט. מיר האָבן אָנגעפאַנגען אַרבעטן און מיר האָבן שוין ווידער געהאַט וואו צו באַרגן געלט . . .

קאַפּיטל 57

אַ חתונה אין אַ „בוטלעגי״־שאַפּ

ביי קלעניצקי׳ן אין דעם שניידערשן קאָנטראַקטינג־שאַפּ, אויף די־וויזשאָן סטריט, האָט מען נאָך אין 1923 ניט געוואוסט פון קיין יוניאָן.

עטלעכע אַרבעטער האָבן דאָרט געאַרבעט שטענדיג. אָפט האָט דאָס געמיינט, טאָג און נאַכט, שבת און זונטאָג. אָבער די גרעסטע צאָל אַר־בעטער פון שאַפּ זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַנדערע שעפּער, נאָר ווי גיך זיי האָבן דאָרט געסטאַפּט אַ האַלבן טאָג, אָדער עס איז ניט געווען צו דער האַנט, אַזוי אויך שבת, זונטאָג און אין די אָוונטן, ווען מ׳האָט פאַרענדיגט די אַרבעט אין די יוניאָן־שעפּער פלעגן זיי זיך אַריינ־כאַפּן צו מאַכן אַביסל „בוטלעג״־אַרבעט ביי קלעניצקי׳ן.

און אַזעלכע אַרבעטער, וואָס זיינען געווען הונגעריג נאָכ׳ן דאָלער אָדער האָבן טאַקע פּשוט געדאַרפט דאָס זייטיגע פאַרדינסטל, זיינען געווען גענוג.

צווישן די שטענדיגע שווערע אַרבעטער אין שאַפּ איז געווען איינער אַן אָפּערעיטאָר, סעם רוטניק. ער האָט אַהין אויך אַרויפגענומען צו דער אַרבעט זיין טאַטן, דעם אונטערפּרעסער, סאָל רוטניק.

אין שאַפּ האָט אויך צווישן די שטענדיגע שקלאַפן געאַרבעט דעם באָס קלעניצקי׳ס אייגענע טאָכטער, סיידי.

סיידי׳ס הויפּט־אַרבעט איז געווען צו נייען די טיקעטס, אָבער חוץ דעם איז זי אין שאַפּ געווען די גאָלדענע האַנט אויף אַלץ. זי האָט געקאָנט מאַכן אַ גאַרמענט פון אָנפאַנג ביז׳ן סוף. וואו ערגעץ אין אַ ווינקל פון שאַפּ מען האָט געדאַרפט הילף, עפּעס צונייען, אָפּפּרעסן, פאַרגלייכן, פאַר־ריכטן, האָט מען געהערט איין געשריי: סיידי, סיידי!

מער פון אַלעמען פלעגט שרייען סעם רוטניק. פיל מאָל פלעגט ער דאָס מאַכן אין שפּאַס און פלעגט סיידי׳ן רופן גלאַט אין דער וועלט. אָבער

סיידי פלעגט גלייך צולויפן צו סעמ'ס טיש און כלומר'שט רעדן מיט אים וועגן דער אַרבעט.

עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען, און די אַרבעטער אין שאַפּ האָבן אויסגעפונען, אַז דאָ וועבט זיך אַ שידוך און אַז אין חודש יוני קלייבן זיך סיידי און סעם צו שטעלן אַ חופּה.

ווען מען האָט גענומען רעדן וועגן אָרגאַניזירן זיך אין דער יוניאָן, האָבן די מערסטע אַרבעטער פון שאַפּ ניט געהאַט קיין צוטרוי צו סעם רוטניק און זיין טאַטן. מאַנכע האָבן אפילו ניט געוואָלט רעדן אַ וואָרט וועגן דער יוניאָן אין זייער געגנוואַרט. צווישן די אַרבעטער איז שוין אפילו געשאַפן געוואָרן אַ ווערטל: מיט אַ מחותן איז גוט צו מאַכן אַ לחיים, אָבער ניט קיין יוניאָן . . .

אין אַ קורצער צייט אַרום איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז סעם רוטניק ניט זיין טאַטן סאָל זיינען זייער פאַראינטערעסירט צו שאַפן אַ יוניאָן אין שאַפּ. נאָך מער, אפילו סיידי האָט איר חתן און צוקונפטיקן שווער שטי־לערהייט אַרויסגעהאָלפן אין דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן זיך אין יוניאָן.

ווען די יוניאָן האָט אָפּגעשטעלט אַלע אָפּען־שעפּער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר אַ געוויסער סקעב־פירמע און צווישן זיי אויך קלעניצקי'ס שאַפּ, איז פאַר אים קלאָר געוואָרן וואו ער האַלט מיט זיין שאַפּ.

נאָך דעם ווי מ'האָט שוין ביי דער פירמע געהאַט געסטרייקט אַ פּאָר וואָכן, איז איין פרייטאָג אין דער פרי, אַ טאָג פאַר דער חתונה, סאָל רוטניק אַרעסטירט געוואָרן אויף דער פּיקעט־לאַין. ווען קלעניצקי האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט איז ווי פאַרביטערט ער איז ניט געווען אויף זיין מחותן, איז ער דאָך גלייך געלאָפן און געזען, אַז מ'זאָל סאָל רוטניק'ן באַפרייען, ער זאָל שבת קאָנען גיין אין שול אַנשטאָט צו זיצן אין חד־גדיא . . .

ביי דער חתונה זיינען אַלע מחותנים אַרומגעגאַנגען אַנגעצויגן ווי די סטרונעס ביי די כלי־זמר. יעדער איינער איז געווען אָנגעבלאָזן ביז צום פּלאַצן. די פריינט און געסט האָבן זיך גרופירט אין צדדים. ביי איין טיש האָט מען געטרונקען לחיים און געוואונטשן דעם צווייטן טיש למות און אַזוי פאַרקערט. קלעניצקי האָט פון עגמת־נפש געגאַסן אין זיך ביי אַלע טישן. ער האָט זיך אַזוי אָנגעטרונקען, אַז ער האָט שוין געמאַכט אַ טאוסט צום מחותן: לאַנג לעבן זאָל די יוניאָן . . .

ביי דער חופּה האָט מען זיך אַזוי אַרומגעדרייט מיט ברוגז'ע פּנימ'ער, ווי אַ פּיקעט־קאַמיטע וואָלט פּאַראַדירט געגן סקעבס . . .

דער חזן האָט דורכגעפירט די צערעמאַניע, די מוזיק האָט אַ שפּיל

געטאָן אַ פרייַלעכס: „חתן־כלה, מזל־טוב!" מ'האָט זיך גענומען טאַנצן און טאַנצן איינער מיט'ן צווייטן. קלעניצקי, וועלכער איז געווען בגלופנ־דיג, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפ'ן האַלז פון סאל רוטניק, דעם מחותן, און נאָר געוואַלט זיך מיט אים צעקושן.

סאל האָט אָבער אין דער שטיל אים עפּעס אַ זאָג געטאָן... האָט קלעניצקי אויפגעהויבן די האַנט און איז אים פאַרפאָרן איבער דעם צילענדער.

ווען דער חתן סעם רוטניק האָט דאָס דערזען, האָט ער אָן שום צערעמאָניעס דערלאַנגט דעם שווער קלעניצקי'ן אַ וואָרף אָן אַ זייט. די כלה, סיידי, איז צוגעלאָפן צו פאַנאַנדעררייסן דעם קנויל פון „קושן" און פּעטש, האָט מען איר איינגאַנצן אַראָפגעריסן דעם שלייער.

אויף נאָך דער חופּה איז געווען פּלאַנירט, אַז סעם און סיידי, דאָס יונגע פּאָרל, זאָלן זיין אין הויז פון קלעניצקי'ן ביז זייערע צימערן וועלן זיין פאַרטיג. האָט קלעניצקי זיי געלאָזט וויסן, אַז ביידע, דער חתן מיט דער כלה, זאָלן זיך ניט דערוואַגן צו קומען צו אים אין הויז. ער וויל אַזאַ טאָכטער מער ניט קאָנען.

אָבער נאָך דער חתונה האָט זיך דער סטרייק נאָך מער צעבערענט און די פירמע איז געווען געצוואונגען צו סעטלען. קלעניצקי האָט דאַן אויך געמוזט אָננעמען יוניאָן־באַדינגונגען.

נו, האָט שוין דער סעטלמענט אויך געבראַכט צו אַ שלום צווישן די מחותנים. דער ביזנעס־אַגענט, מיר דאַכט זיך, אַז עס איז געווען איינער אַ בעני קאהן, האָט זיך אַריינגעמישט און פאָרגעשלאָגן צו מאַכן אַ שאָפּ־פּאַרטי. די פאַרטי איז געווען לכבוד דעם יונגן פּאָרל סעם און סיידי, אויך לכבוד דעם סעטלמענט און אַחוץ דעם אויך לכבוד דעם נייעם שאָפּ־טשערמאַן — דעם מחותן סאל רוטניק.

קאַפּיטל 58

פוילע שטיק פאַר שטיק־אַרבעט

איזי גאַלאַנט, אַן אָפּערעיטאָר, האָט געאַרבעט ביים קאָנטראַקטאָר ווישנעווסקי אויף קריסטי סטריט. אַלע אַרבעטער פון ווישנעווסקי'ס שאָפּ האָבן געאַרבעט פון וואָך, נאָר גאַלאַנט האָט זיך געהאַט אַ יוניאָן פאַר זיך, האָט ער אָפּגעמאַכט מיט'ן באָס, מיט וועמען ער האָט זיך געהאַלטן גוט־ברודעריש, צו אַרבעטן פון שטיק.

אין יענער צייט זיינען אַ צאָל באַלעבאַטים מיט זייערן אַ פירער, מאיר שיינפעלד, אַ געוועזענער באַאַמטער פון דער יונאַיטעד גאַרמענט וואָיר־קערס יוניאָן, אַרויסגעקומען מיט אַ קאַמפּעין פאַר שטיק־אַרבעט.

דער מאיר שיינפעלד, זייענדיג אַ גוטער ברודער מיט די גענאָסן אין „פאָרווערטס", האָט לייכט גע׳פועל׳ט, אַז דער „פאָרווערטס" זאָל אונטער־שטיצן די קאַמפּאַניע. דער „פאָרווערטס" איז דאַן אַרויסגעקומען מיט דעם אמת׳ן פויק, אַז שטיק אַרבעט איז אַ גליק פאַר די שניידער.

דער „פאָרווערטס" האָט דעמאָלט אפילו געפונען פאַר נויטיג צו אָר־גאַניזירן אַ שניידער קאונסיל, וואָס זאָל רופן אַ מיטינג צו אַגיטירן פאַר שטיק־אַרבעט. דעם מיטינג האָבן זיי גערופן דורך טיקעטס צו זיין זיכער מיט זייער פּלאַן. און ווען איינער, אַ שניידער מיט׳ן נאָמען ס. סילבערבערג, אַ מיטגליד פון דעמאָלדיגן לאָקאַל 2, האָט דורך אַ טעות ביים טיר אַרויס־גענומען פון קעשענע זייער טיקעט צוזאַמען מיט אַ טיקעט וואָס ער האָט געהאַט צו אַ „פרייהייט"־קאָנצערט, האָט מען אים צעשלאָגן און אַרויס־געוואָרפן.

אָבער אפילו די „פאָרווערטסיסטן" האָבן ביים מיטינג פּראָטעסטירט געגן דעם, וואָס די גענאָסן העלפן די באַלעבאַטים איינצופירן שטיק־אַרבעט.

ווען מ׳האָט דעם אָפּערעיטאָר גאַלאַנט אָנגעקלאָגט ביי דער „גריוואַנס־באָארד" פאַר אַרבעטן פון שטיק, האָט ער זיך צעשריען: איך וויל פון גאָרניט וויסן, איך לייען דעם „פאָרווערטס" און אויב שטיק־אַרבעט איז גוט פאַר דעם „פאָרווערטס" איז עס אויך גוט פאַר מיר.

נאָר פאַרוואָס האָט גאַלאַנט אַזוי געוואָלט האָבן שטיק־אַרבעט?

איז דערביי געווען אַזאַ מעשה:

גאַלאַנט און זיין באַס ווישנעווסקי האָבן ליב געהאַט אַ קאָרטל.

אין דער זעלביגער בילדינג וואו ווישנעווסקי האָט אויפ׳ן דריטן פלאָר געהאַט זיין שאָפּ, איז אויפ׳ן אונטערשטן פלאָר געווען אַ רעסטאָראַן, וואו מ׳האָט געגעסן קאָרנאַצלעך, געטרונקען וויין און די הויפּט־זאַך — געהאַט אַ „געים".

איז ווען מען האָט דאָרט געשפּילט מיט אַ „הויכן לימעט", פלעגט ווישנעווסקי איבערלאָזן דעם שאָפּ אויפ׳ן פאָרמאַן און זיך אַרונטערכאַפּן אין רעסטאָראַן „נעמען אַ האַנט". אָבער ווען עס האָבן געשפּילט קבצנים אָדער פּאַיקערס, ווי זיי האָבן גערופן שפּילער מיט „קליינע לימיטס", פלעגט איזי גאַלאַנט, זיך אַראָפּכאַפּן זאָגן אַביסל „תהילים", ווי עס האָט ביי זיי געהייסן די קאָרטן־שפּיל.

ווי שפּעט איזי דער אָפּערעיטאָר זאָל בײנאַכט ניט האָבן געגאַנגען שלאָפֿן, פֿלעגט ער אַלע טאָג, ווען ס'איז נאָר געווען אַרבעט, אַרײַנקומען אין שאַפּ גאָר פֿרי און ביז דער שאַפּ־טשערמאַן פֿלעגט אַ פּיף טאָן פֿלעגט שוין איזי האָבן „אַרײַנגעשאָסן" אַ פּאָר שעה אַרבעט, עס זאָל ניט פֿעלן צו דער האַנט פֿאַר די אַרבעטער אין שאַפּ און ער זאָל אַלע מאָל קאָנען זײַן פֿרײַ זיך אַרײַנצוכאַפּן אין רעסטאָראַן.

אַ „שד" אין אַ פּעקל שפּײַז

איזי גאַלאַנט איז אַלע מאָל געווען פֿאַרשלאָפֿן.

איין פֿרימאָרגן האָבן די אַרבעטער ביי די מאַשינען דערהערט עפּעס אַ קלאַפּערײַ אין דעם פּעקל שפּײַז, וואָס איזי'ס ווײַב האָט אים מיטגעגעבן אין שאַפּ.

חברה אַרום די מאַשינען האָבן גענומען לאַכן. אײנער האָט געזאָגט, אַז אין פּעקל מוז זיצן אַן „אָפּערעיטאָרל" און אַרבעטן פֿאַר זיך. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז מסתמא האָט זיך אַהין אַ מײַזל אַרײַנגעכאַפּט.

די באַמערקונגען זײַנען איזי'ן אַרײַן אין דער נאָז. האָט ער פֿאַרזיכטיג ביים פֿענצטער גענומען אויספּאַקן זײַן מאָלצײַט.

צום אַלעמענס איבעראַשונג האָט מען אין פּעקל דערזען אַ וועק־זייגער. דאָס האָט איזי גאַלאַנט פֿאַרשלאָפֿענערהייט, אין דער היים אַליין אַרײַנגערוקט אין פּעקל דעם וועק־זייגער אָנשטאָט די שפּײַז וואָס זײַן ווײַב האָט אים צוגעגרייט.

געווען איז מיט אים אויך אַזאַ געשיכטע:

אײנמאָל, אַ מאָנטאָג נאָכט, איז זײַן פֿרוי געקומען מיט אַ קלאָג צו דער עקזעקוטיוו באָאַרד פֿון די אָפּערעיטאָרס. איר קלאָגע איז געווען געגן דער יוניאָן.

— וואָס האָט איר צו מײַנע יונגע יאָרן? — האָט זי ביטער געשריען, — און וואָס ווילט איר פֿון מײַן מאַן? ער איז דאָך אַ טאַטע פֿון פֿיר קינדער, פֿאַרוואָס נעמט איר אים אַוועק פֿון אונדז צוזאַמען מיט אונדזער שטיקל ברויט?

די מיטגלידער פֿון דער עקזעקוטיוו באָאַרד האָבן געקוועטשט מיט די פּלײצעס, ניט געקאָנט פֿאַרשטיין וואָס זי וויל. אייניגע האָבן געדענקט, אַז זי איז נישט ביים זינען.

דער פּאַרזיצער האָט געבעטן אײנעם פֿון דער עקזעקוטיווע אַרויסצוגיין אין קאָרידאָר און פּרובירן אויסגעפֿינען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. אײנער פֿון דער עקזעקוטיווע, טשאַרלס אײנגלאַנדער, איז אַרויס צו

כאַפּן מיט איר אַ שמועס. די פרוי האָט געהאַלטן אין איין טענה'ן: צי וואָס דאַרף די יוניאָן מיין מאַן טאָג ווי נאַכט? פאַרוואָס דאַרף מיין מאַן אויסגעבן אַזוי פיל געלט פאַר דער יוניאָן און די קינדער זאָלן ניט האָבן קיין שיכלעך?

— ווער איז אייער מאַן? — האָט שוין איינגלאַנדער אומגעדולדיג אַ פרעג געטאָן דער פרוי.

— וואָס איר קאָנט אים ניט? ווער קאָן ניט איזי גאַלאַנט, וואָס אַר־בעט ביי ווישנעווסקי'ן?

— איזי גאַלאַנט? — האָט זיך איינגלאַנדער צעלאַכט, — געוויס קאָן איך אים. קומט מאָרגן אָוונט אַרום אַכט־ביין אַזייגער, צו אונזערן אַ מיטינג, אין 98 פאָרסייט סטריט, וועל איך אייך וויזן וואו אייער מאַן איז אַקטיוו און וואו ער גיט אויס זיין געלט . . .

אויף מאָרגן איז די פרוי אַכט אַזייגער געווען לעבן האַל. איינגלאַנדער האָט זי דאַן גענומען און איז אַוועק מיט איר צום רעסטאָראַן וואו גאַלאַנט פלעגט שפּילן אין קאָרטן. דורכ'ן פענצטער האָט איינגלאַנדער איר אָנ־געוויזן: אָט דאָס איז אייער מאַנ'ס יוניאָן, דאָ הרג'עט ער אַוועק זיין פרייע צייט און זיינע שכירות.

ווען די פרוי איז אַריין אינעווייניג האָט איזי גאַלאַנט, אַביסל צע־שראָקן פון דעם פּלוצימדיגן גאַסט, אַ פרעג געטאָן: וואָס טוסטו עפּעס דאָ?

— איך בין געקומען דיר העלפן אין דיין „יוניאָן־אַרבעט", — האָט די פרוי מיט כעס אַ זאָג געטאָן און אַלץ אויפ'ן טיש האָט זיך איבערגעקערט.

נאָך דער סצענע האָט שוין איזי געפּאַדערט ביי זיין באָס ווישנעוו־סקי'ן וואָך־אַרבעט און אין רעסטאָראַן איז ער מער ניט אַריינגעקומען. ער האָט זיך געשעמט דאָרט צו וויזן.

קאַפּיטל 59

אַ קאַמף פאַר פרויען־רעכט

ביי סידלער און גלייזער אין שאַפּ, אויף לואיס סטריט, האָט מען זייער ווייניג געוואוסט פון יוניאָן־שאַפּ און יוניאָן־באַדינגונגען. דער שאַפּ איז געווען באַצייכנט אַלס אַ „מושב זקנים". ניט גערן פלעגן שניידער אַרויפגיין אין דעם שאַפּ צו מאַכן אַ טאָג אַרבעט. פון בלייבן אַרבעטן אינ'ם שאַפּ איז געווען אָפּגערעדט.

דער אמת איז געווען, אַז אין דעם „מושב זקנים" פלעגט מען מאַכן

אַ שווערן טאָג אַרבעט און די עלטערע שניידער פלעגן קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע, אַזוי אַז די באַנדלעך אַרבעט זיינען ווי פאַרברענט געוואָרן אונטער די הענט . . .

צווישן די פינישערס האָט מען אין קיין פאַל ניט געוואָלט צולאָזן אַ פרוי צו דער אַרבעט. ביי די אָפּערעיטאָרס און פרעסערס האָט זיך ניט געטאָרט ווייזן ביים טיש קיין יונגטלעכער.

דער אַלטער פינישער מלך פליישער האָט געהאַט זיין שטענדיגן אַרגומענט: „ביי מיר איז דער שאַפּ ווי די שול, איך זיץ ניט מיט קיין ווייבער“ . . . נאָר ווען ביי אַ צווייטן פינישער, אייק באָגוש, האָט געטראָפן אַן אומגליק אין דער פאַמיליע, עס איז געשטאָרבן זיין שוואָגער, האָט אייק געוואָלט אַרויפנעמען זיין שוועסטער, די אלמנה, צו דער אַרבעט, דאַן האָט אויסגעבראָכן אַ קאַמף.

די פרוי, די אלמנה, האָט געקאָנט די אַרבעט. זי איז אַלע יאָרן פאַר דער חתונה געווען אַ פינישערין און געאַרבעט אין די שעפּער ביי דעם פאַך.

אייק באָגוש האָט געכאַפּט אַ שמועס מיט דעם באָס גלייזער און ער האָט צוגעשטימט, אַז זי זאָל אַרויפקומען צו דער אַרבעט.

איין פרימאָרגן, ווען די פרוי האָט זיך באַוויזן אין שאַפּ אַרום דעם טיש פון די פינישערס, האָבן אַלע מענער־פינישערס, ווי זיך צוזאַמענגערעדט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די האַלבע פאַרטיכער און זיך גרייט געמאַכט צו אַרונטערגיין. אייק באָגוש איז געבליבן שטיין ווי צעטומלט און ניט געקאָנט באַשליסן ביי זיך וואָס צו טאָן: אַרונטערגיין מיט די פינישער אָדער זיך זעצן מיט דער שוועסטער ביי דער אַרבעט?

מיסטער סידלער איז גלייך צוגעלאָפן אויסצוגעפינען די באַדייטונג פון דעם „אויפשטאַנד“ . . . נאָך דעם ווי אייק באָגוש האָט אים דערקלערט וואָס דאָ קומט פאָר, אַז ער וועט דאַרפן אויסהאַלטן זיין שוועסטער, די אלמנה, בעת ער קאָן פון די פאַרדינסטן אפילו ניט אויסהאַלטן זיין אייגן ווייב און קינדער, האָט ער געבעטן גלייזער׳ן צו לאָזן איר אַרבעטן ביים טיש.

דער פינישער מלך פליישער האָט אָבער גע׳טענה׳ט, אַז מיר ווילן ניט קיין פרויען ביים טיש. זי איז אַן אלמנה, זאָל זי זוכן אַ מאַן און חתונה האָבן. מען האָט זיך גענומען אַמפּערן און דינגען ביז דער אָפּערעיטאָר ראָוז, וועלכער האָט געהאַט אַן איינפלוס איבער די אַרבעטער אין שאַפּ, האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די אלמנה זאָל קריגן אַרבעט, נאָר ביי אַ באַזונדערן טיש און זי טאָר ניט קריגן דעם זעלביגן פּרייז וואָס די מענער־אַרבעטער, נאָר דאַרף אַרבעטן מיט דריי דאָלער וויניגער.

ווען עס איז געוואָרן „סלעק" אין שאַפּ האָבן די באַלעבאַטים גאַנץ פיין אויסגענוצט, וואָס די אַלמנה אַרבעט פאַר ווייניגער און זי פלעגט קריגן דאָס ביסל אַרבעט וואָס איז געווען צו מאַכן. מר. גליזער פלעגט דערביי נאָך פאַרגלאָצן די אויגן און זאָגן: עס איז אַ מצוה צו געבן אַן אַלמנה פאַרדינען אויף ברויט . . .

דאָ האָבן מאַנכע פון די פינישערס זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן אַליין מיט זייערע אייגענע הענט אויסגעפלאָכטן אַ שטריק פאַר זיך און זיי האָבן גענומען פאָדערן, אַז פרויען זאָלן ניט טאָרן אַרבעטן פאַר אַ קלענערן פרייז, ווי די מענער.

אין דער זעלביגער צייט איז אין שאַפּ אויסגעבראָכן אַ סכסוך ביי די פרעסער אין זייער אָפּטיילונג.

דער פרעסער גוטמאַרק האָט אַרויפגענומען זיין זון צו לערנען זיך פאַר אַ פרעסער. אויך אין דעם פאַל זיינען די פרעסער געווען געגן אַרויפנעמען לערנער אין שאַפּ. אייזיק דער פרעסער האָט געשריען, אַז דאָ איז ניט קיין סקול און אַ צווייטער האָט פאַרגעשלאָגן, אַז גוטמאַרק׳ס זון זאָל זיך לערנען בעסער פאַר אַ פּרייז־פאַיטער. אָבער טראָץ דעם, וואָס גוטמאַרק איז שוין געווען אַ זיבעציגער, האָט מען מורא געהאַט פאַר זיין „מתנת יד" און דער זון איז געבליבן אַרבעטן.

נאָך דעם ווי דער זון אוירווינג האָט אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן און באַמערקט וואָס עס טוט זיך אין שאַפּ, האָט ער גענומען מאָנען אין דער יוניאָן, אַז עמיצער זאָל קומען רופן צו אַ מיטינג און איינשטעלן יוניאָן־באַדינגונגען.

ווען אוירווינג האָט געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער וויל גיין בעטן אַ העכערונג אויף די שכירות, ווייל ער מאַכט שוין מער אַרבעט ווי די אַנדערע פרעסער און אפילו בעסער אויך, האָט גוטמאַרק זיך צעשריען אויף זיין זון: „דו קריכסט שוין אויף די גלייכע ווענט? דאַנק גאָט, אַבי דו האָסט זיך אויסגעלערנט אַן אַרבעט און ער האַלט דיר אין שאַפּ".

אוירווינג האָט פּרובירט אויפקלערן דעם טאַטן: „אויב ער וועט מיר האַלטן, וועט ער אָבער סוף כל סוף ניט וועלן דיר האַלטן, ווייל זיי, די באָסעס, לוינט זיך בעסער צו האַלטן אַ יונגן שקלאַף ווי אַן אַלטן".

דאָ איז דער טאַטע גוטמאַרק געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער איז צוגעלאָפן צום באָס סידלער און געהייסן אָוועקשיקן דעם זון פון׳ם שאַפּ. ער האָט דערביי פשוט דעם זון פאַר׳מסר׳ט, אַז ער וויל שוין אַ רעיז. אין אַ צושטאַנד פון אויפרעגונג האָט גוטמאַרק זיך אַרויסגעכאַפּט: „אויב איר וועט אים האַלטן אין שאַפּ וועל איך אַרונטערגיין!"

דער צווייטער באָס, גליזער, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו דעם שמועס, איז צוגעקומען נעענטער און מיט אַ כעס אַ זאָג געטאָן צו גוט־מאַרק׳ן: „איר פירט ניט מיין שאַפּ. אויב איר ווילט גיין, קאָנט איר גיין!"

דער אַלטער גוטמאַרק האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַרטוך, אַ כאַפּ געטאָן דאָס רעקל אויפ׳ן האַנט און איז אַוועק.

אוירוויינג איז געשטאַנען אַ ווײַלע דערשראָקן ביז ער האָט אַ זאָג געטאָן צו די פרעסער, אַז ער גייט זען וואו עס איז אַוועק דער טאַטע.

אוירווינג איז אָבער אַוועק אין אָפיס פון דער יוניאָן און געבראַכט אין שאַפּ אַריין דעם „וואָקינג"־דעלעגאַט, וועלכער האָט שטרענג אָנגעזאָגט, אַז אין אַוונט מוזן אַלע זיין אין קאָלאָמביא האָל צו אַ שאַפּ־מיטינג, און דער וואָס וועט ניט קומען, וועט ניט קאָנען אַרבעטן.

אַ פרעסער איז גלייך אַוועק צו גוטמאַרק׳ן אין הויז און אים אָנגעזאָגט, אַז אויך ער, מוז זיין צום שאַפּ־מיטינג.

ביים שאַפּ־מיטינג האָט אוירווינג גענומען אַ געלעגנהייט צו נעמען אַ וואָרט און גערעדט האָט ער אַזוי, אַז אַלע זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און ביי דעם אַלטן גוטמאַרק׳ן האָבן זיך געקייקלט טרערן פון די אויגן.

אוירווינג׳ס טענה איז געווען, אַז אין הויז ביסטו דער טאַטע און איך דיין זון, אָבער אין שאַפּ דאַרפן מיר זיין צוויי גלייכע יוניאָן־ברידער, און אויב די באָסעס וועלן פילן, אַז אין שאַפּ זיינען אַלע גלייך, די מענער און פרויען, די יונגע ווי די אַלטע, די נעגער ווי די ווייסע, וועלן זיי ניט קאָנען מער אונז אויסניצן איינע געגן די אַנדערע.

ביי דעם זעלביגן שאַפּ־מיטינג איז אוירווינג באַשטימט געוואָרן צו ווערן דער שאַפּ־טשערמאַן.

די באַלעבאַטים האָט עס, פאַרשטייט זיך, ניט געשמעקט, אָבער זיי האָבן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

ביי דעם נעקסטן שאַפּ־מיטינג האָט זיך געווענדעט דער אַלטער גוט־מאַרק צו זיין זון פאַר אַ וואָרט און האָט אַדרעסירט: „ברודער טשערמאַן, אַ געזונט אויף דיר זונעלע..."

קאַפּיטל 60

מינעמט זיך צו די אַריסטאָקראַטישע שעפּער

דער „סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאַקשאַן", וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין „קלאָדהינג־טרעיד", האָט געבראַכט צו דעם, אַז די שניידער האָבן געשריען געוואַלד, כאָטש קיינער האָט זיך ניט צוגעהערט צו זייער געשריי.

די רענק און פּאַיל האָבן ביי די לאָקאַלע מיטינגען געשטורמט און גע־פּאָדערט, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן. זייער אַ סך האָפענונג איז געלייגט געוואָרן אויף דער קאָנווענשאַן, וואָס איז פאָרגעקומען אין מאַי 1924 אין פילאַדעלפיע. צו דער קאָנווענשאַן זיינען געבראַכט געוואָרן אַ ריי וויכ־טיגע רעזאָלוציעס פון די פּראָגרעסיווע דעלעגאַטן מיט׳ן צוועק אָפּצו־שאַפן אַ ריי איבלען, וואָס האָט פאַרפינצטערט דאָס לעבן פון די שניידער־אַרבעטער.

ווי אַן ענטפער אָפּצושאַפן דעם „סטאַנדאַרד אָוו פּראָדאַקשאַן", האָבן די מאַשין־מענטשן פאָרגעשלאָגן איינצופירן שטיק־אַרבעט אין „קלאָדינג־טרעיד".

דער קאַמף פון די פּראָגרעסיווע דעלעגאַטן געגן די רעזאָלוציעס און פאָרשלאָגן פאַר שטיק־אַרבעט האָט ניט געהאָלפן. אַזוי האָבן די מאַשין־דעלעגאַטן דורכגעוואָרפן אַ רעזאָלוציע פון די פּראָגרעסיווע איינצופירן אין דער „אַמאַלגאַמעיטעד" שאַפּ־דעלעגאַטן סיסטעם.

אין דער צייט וואָס די מאַשין־מענטשן האָבן זיך געפרייט מיט זייערע זיגן, האָבנדיק דורכגעוואָרפן אַלע רעזאָלוציעס אויף וואָס די שניידער האָבן אויסגעקוקט זייערע אויגן, האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעוואָלט אין די שעפּער, אין די „לעיבאָר־ביוראָס", ביי די לאָקאַלע מיטינגען, איבעראַל האָבן די שניידער גענומען פאָדערן אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע אין די שעפּער. איינמאָל פאַר אַלעמאָל מוז צוריק באַנייט ווערן דער קאַמף צו האָבן יוניאָן־באַדינגונגען.

פּונקט אַ חודש שפּעטער נאָך דער קאָנווענשאַן איז דערקלערט גע־וואָרן אַ גענעראַל־סטרייק אין ניו־יאָרק. דער סטרייק האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז ער האָט מיטגעריסן אַ גאַנצע ריי ניט־יוניאָן שעפּער, סקעב־נעסטן און אפילו שעפּער וואָס מ׳האָט ניט דערוואַרטעט, אַז עס וועט גע־לינגען זיי אַרונטערצונעמען.

די פירמע בוירגער־ראַפעל און ווייל, איז געווען באַטראַכט צווישן די שניידער ווי אַן „אַריסטאָקראַטישע" פירמע. די „אַריסטאָקראַטישקייט" איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס איז געווען אַ ניט־יוניאָן שאַפּ.

די פירמע האָט זיך דאַן געפונען אין סאַמע האַרץ פון נאָדל־טרעיד מאַרקעט אויף יוניווערסיטי פּלעיס און 11טע גאַס.

טראָץ דעם וואָס אין יענעם סטרייק איז געווען פאַרוויקלט דער גאַנ־צער פאַך פון מענער און קינדער־קליידונג און דער סטרייק האָט אויך אַנגערירט אַלע שעפּער אַרום ניו־יאָרק, ניו דזשורזי און פּענסילווייניאַ, האָט דער סטרייק אַרום דער „אַריסטאָקראַטישער" פירמע בורגער־ראַפּעל און וויל, זיך מער אָנגעזען ווי אין אַרום אַלע אַנדערע שעפּער.

דער סטרייק האָט זיך אָנגעזען ביי דער פירמע מער ווי איבעראַל, ווייל די פירמע האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום זאַך, כדי צו באַקעמפן די יוניאָן. דערצו האָט זי זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דעם, וואָס כמעט אַלע אַרבעטער, שניידער און קאַטערס זיינען אַרונטער מיט'ן ערשטן רוף אין סטרייק.

אין דעם ערשטן מאָמענט זיינען די באַלעבאַטים געבליבן פּריטשמע־לעט. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן זיי זיך גענומען צו צעברעכן דעם סטרייק. זייערע מעטאָדן זיינען געווען גאָרניט קיין „אַריסטאָקראַ־טישע". זיי האָבן געדונגען אַ כאַפּטע „שטאַרקע" און צוזאַמען מיט דער פּאָליציי, האָבן זיי אַריינגעבראַכט סקעבס אין שאָפּ.

אַלע טאָג פלעגט אויסברעכן געשלעגן, וואָס איז פּראָוואָצירט גע־וואָרן פון די פּראָפעסיאָנעלע סקעבס. אויך די פּאָליציי, האָט געוואָלט וויזן, אַז זיי פאַרדינען „כשר" זייער ברויט . . . דאָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די טויזנטער שניידער צו קומען אויף דער פּיקעט־לאַין.

איין טאָג האָט מען אַרעסטירט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער, צווישן זיי אויך די, וואָס זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן אַרום שאָפּ. מ'האָט אונז אַוועקגעפירט מיט די פּאַטרול־וועגענער און אַריינגעוואָרפן ווי די סאַרדינס אין איינגע קאַמערלעך פון דער טורמע.

זיצנדיג דאָרטן, זיינען איניגע געוואָרן פאַרצווייפלט, צוליב פאַמיליע. אַנדערע האָבן געפילט ווייטאָג פון די קלעפּ. ביי מיר אַליין איז געווען צעבלוטיגט אַ האַנט. איך האָב געפילט, אַז עפּעס מוז מען טאָן אויפצו־לעבן די שטימונג. האָב איך גענומען גלייך אין קעמערל אָנגעשריבן דאָס לידל אויף אַ באַקאַנטער מעלאָדיע און מיר האָבן גלייך גענומען זינגען:

סטרייק, סטרייק, סטרייק!

(מעלאָדיע פון „ראַז, דוואַ, טרי, רעביאַטישקי מי")

די שטונדע האָט געשלאָגן צו ענטפערן דעם רוף;

פון אַלע זייטן קלינגט שוין: אַרבעטער, שטייט אויף!

איינס, צוויי, דריי! שטעלט זיך אין דער ריי,
מיר מוזן זיך באַפרייען פון יעדער שקלאַפעריי!
סטרייק, סטרייק, סטרייק! צום קאַמף מיט נייעם מוט,
סטרייק, סטרייק, סטרייק! ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט!

מאַשינען זאָלן שווייגן, זאָל פּוסטעווען פאַבריק;
אָן יוניאָן, אָן קאָנדיציעס, מיר גייען ניט צוריק!

יעדער האָט געלערנט, פאַרשטייט איצט גוט דעם זין:
אַ סקעב צו זיין איז מיאוס, אַ סקעב דאָס איז אַ שפּין.

ניט שרעקן זאָל קיין גענגסטער, קיין קלאַב פון פּאָליציי.
זיין זאָל נאָר איין ענטפער, אין פּיקעט־לאַין איך גיי!

ס׳איז אמת, זיי פאַרמאָגן מיליאָנען אָן אַ שיער,
עס וועט זיי גאַרניט העלפן, די הענט — דאָס האָבן מיר!

די מעלאָדיע איז גלייך צעטראָגן געוואָרן איבער אַלע קעמערלעך. עס איז געוואָרן פריילעך, מ׳האָט שוין געזונגען.

ווען דער קעפּטן האָט זיך צעשריען מיר זאָלן אויפהערן זינגען, האָט מען אים געענטפערט: אויב דו גלייכסט ניט דאָס זינגען טאָ וואַרף אונז אַרויס . . .

מיט יעדן טאָג איז דער קאַמף געוואָרן בלוטיגער. די „שטאַרקע" און פּאָליציי האָבן זיך געוואָרפן אויף די פּיקעטס און געשלאָגן אומ־ברחמנות׳דיג. די באָסעס אַליין האָבן אויך צוגעלייגט אַ האַנט . . .

איינמאָל איז איינער פון די „שטאַרקע צוגעלאָפן צו איינעם פון די פּיקעטס, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שטאַרקן און אים דערלאַנגט מיט אַן אייזן איבער׳ן קאָפּ.

ווען איך האָב דערזען ווי דער מענטש איז אַוועקגעפאַלן אין אַ טייך בלוט, האָב איך אַרויסגעכאַפּט מיין טיכל פון קעשענע און געוואָלט פּרו־בירן פאַרהאַלטן דאָס בלוט, דערשיטערט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, אַז זיין שאַרבן איז צעשמעטערט.

אין דער זעלביגער מינוט, האָט געגומען קלינגען דער גלאָק פון אַן אַמבולאַנס, וואָס עמיצער האָט אָפּגערופן צו אַ צווייטן געשלעג אַרום דער געביידע.

איך האָב פּרובירט איינהאַלטן דאָס בלוט ביז דער דאָקטאָר איז צו־געקומען. ווען ער האָט אים אַרומגעווישט, האָב איך דערזען אַ שטיקל פּנים און זיך דערוואוסט ווער ער איז. אַ גרויל איז אַדורך דער פּיקעט־

לאַין, ווען די סטרייקער האָבן זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט אים זיין איי־גענער זון דערלאַנגט מיט׳ן אייזן.

ווען דער אַמבולאַנס האָט מיט זיין געקלאַנג זיך אַוועקגעלאָזט צום שפּיטאָל, האָבן דאַן די אַרבעטער איבערגעגעבן מער גענוי ווי דאָס האָט פּאַסירט און ווער ס׳איז דער צעשלאָגענער.

דער צעשלאָגענער איז אַן אָפּערעיטאָר פון שאַפּ. דער „שטאַרקער" איז געווען זיין אייגענער זון, וועלכער העלפט ברעכן דעם סטרייק. ער, דער „שטאַרקער", איז צוגעלאָפן דערלאַנגען אַ צווייטן, האָט דער טאַטע זיך איינגעשטעלט און אַזוי האָט ער געקראָגן אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן.

נאָך אַ סך ביטערע געשלעגן אַרום דעם שאַפּ, זיינען די „אַריסטאָ־קראַטישע" באָסעס סוף כל סוף געצוואונגען געוואָרן צו סעטלען און אָנ־ערקענען די יוניאָן, און צוזאַמען מיט „בוירגער־ראַפעל און ווייל" האָבן אַ סך פון די „אַריסטאָקראַטישע" פירמעס געמוזט זיך בייגן פאַר׳ן אָרגאַני־זירטן כוח פון די אַרבעטער.

מיט וואָכן שפּעטער, נאָכ׳ן סטרייק בין איך געגאַנגען באַזוכן דעם צעשלאָגענעם אַרבעטער אין זיין היים אין די בראָנקס.

אין דער היים, האָב איך ערשט געקראָגן אַ פולע בילד פון דער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער פּיקעט־לאַין.

דער טאַטע, נאָך ליגנדיג צום בעט, האָט מיר דערציילט אין געגנ־וואַרט פון זיין פרוי, ווי אַזוי דער זון איז געקומען צו דעם, צו ווערן אַ סטרייק־ברעכער.

ווען דער זון איז אַלט געווען ניינצן יאָר, האָט ער אין סקול מער ניט געוואָלט גיין. אין הויז איז געווען אַ ביטערע נויט, האָט ער, דער טאַטע, פאָרגעשלאָגן דעם זון אַרויפצונעמען אים אין אַ שאַפּ און לערנען אַן אַרבעט.

די פרוי זיינע, דאָס הייסט, די מאַמע, איז געווען דורכאויס דאַגעגן. זי וועט ניט לאָזן איר זון זיין קיין שניידער. פאַר אַ שטיקל צייט איז אים געלונגען איר איינצורעדן, אַז דער זון אַרבעט אַלס „שיפּינג־קלוירק" און דאָס איז ניט קיין שניידעריי.

פון אָנהויב איז איר דאָס וואָרט „קלוירק" געפעלן, ווייל זי האָט געהערט, אַז די וועלכע אַרבעטן אין באַנק, אין פּאָסט־אָפיס, רופן זיך אויך „קלוירקס". אָבער שפּעטער, ווען זי האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי שכנים און אויסגעפונען גענוי, אַז דאָס פּאַקט ער אין קליידער אַרויסצושיקן פון אַ שניידער־שאַפּ איז זי ווידער באַשטאַנען און געווירקט אויף אים ער זאָל אויפגעבן די אַרבעט.

דער זון האָט די אַרבעט אויפגעגעבן, זיך אַרומגעדרייט וואָכן און וואָכן אָן אַ סענט אין קעשענע.

אָבער ווען דער סטרייק איז דערקלערט געוואָרן, האָט די פירמע אַרויסגעשיקט בריוו אויף די אַלטע אַדרעסן רופנדיק אַרבעטער און זיי אָנגעבאָטן גוטע שכירות.

ער האָט דעם טאַטן קיין זאַך ניט געזאָגט. געדענקט האָט ער אים צו מאַכן אַ סורפּריז, אַז ער אַרבעט שוין ווידער, נאָר ווען ע ר איז אַרויפגעקומען אין שאַפּ האָט אים איינער פון די פּאַרלייט דערקלערט, אַזוי ווי קיין אַרבעט אין שאַפּ איז דערווייל ניטאָ, וועט ער קריגן באַצאָלט פאַר שטיין בלויז און היטן ביים אַריינגאַנג.

דער דזשאָב איז אים געוועז געפעלן, קריגן באַצאָלט און גאָרנישט טאָן . . . אָבער גלייך האָבן די „שטאַרקע" אים אַריינגעצויגן אין דער „געים" און דאָס האָט געפירט צו דער טראַגעדיע.

קאַפּיטל 61

יוניאָן צו פאַרקויפן . . .

אין דער צייט, וואָס די רענק און פאַיל שניידער־אַרבעטער האָבן געפירט אַ קאַמף געגן דעם „סטאַנדאַרד און פּראָדאַקשאָן", געגן דער מגפה פון סקעב־שעפּער אַרום ניו־יאָרק און פאַר איינשטעלן אַ צענטראַליזירטע קאַסע פון דער דזשאָינט־באָאַרד, צו פאַרקלענערן די אויסגאָבן און ניט דאַרפן מאַכן נייע טעקסעס און אַ העכערונג אין דער דיוס־אָפּצאָל — האָבן אַ צאָל באַאַמטע אָנגעפירט זייער אייגענעם „קאַמף" צווישן זיך, ווי אַזוי זיך צו באַזאָרגן פאַר אַ „רעגנדיגן טאָג" . . .

אַ צאָל ביזנעס־אַגענטן, קלוירקס און אויך מענעדזשערס האָבן זיך גענומען „אויסאַרבעטן" וואַרעמע ווינקלעך צווישן די באַלעבאַטים, זיי זאָלן קאָנען ווערן אַליין באַלעבאַטים, שותפים אָדער אַריין אין עפּעס אַ געשעפט, וואָס זאָל האָבן אַ שייכות מיט׳ן טרעיד, און אויף אַזאַ אופן, זיין אין אַ שטענדיגער פאַרבינדונג מיט דער יוניאָן.

אַזעלכע געשעפטן זיינען געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי אַ צאָל „פירער", ווי פאַרקויפן „טרימינג" פאַר די קליידער, פאַרקויפן מאַשינען און פּרעס־מאַשינען, „ספּאָנדזשינג", אַלערליי אינשורענס, דרוק־אַרבעט, פאַר באַלעבאַטים און פאַר דער יוניאָן.

אַלס רעזולטאַט פון דער גרויסער קאָנקורענץ, וואָס האָט זיך אָנגע־

קליבן צווישן די עקס־באַאַמטע און אַזעלכע, וועלכע זיינען נאָך געשטאַנען מיט איין פוס אין דער יוניאָן, זיינען אויך אַנדערע געשעפטן געוואָרן אַ קוואַל פון גרעפט און קאָרופּציע. אַזוי, צום ביישפּיל, איז געווען אַ פּאָפּולערער געשעפט אויף דעלענסי סטריט, וואו אַ געוועזענער יוניאָן־פירער און געגנאַסע פון „פּאַרווערטס״, האָט געהאַט אַ געשעפט פון העמדער און שניפּסן.

אין יענעם געשעפט פון העמדער, העטס און שניפּסן, פלעגט באַשטימט ווערן דער שיקזאַל פון אַ ריי פירמעס, ווער עס זאָל וואַקסן און ווער — עס זאָל אַרויס אַן אַ העמד...

אין יענער צייט, ווען צוויי קאָנטראַקטאָרס האָבן געכאַפּט אַ שמועס וועגן דער לאַגע אין טרעיד, און איינער האָט געפרעגט: ווי אַזוי ער קריגט די אַרבעט פון דעם און דעם מאַנופעקטשורער? האָט דער צווייטער געענטפערט: אַ שניפּס האָט מיר מיט זיי פאַרבונדן... וואָס דאָס האָט געמיינט, ער איז אַריין קויפן אַ שניפּס און באַצאָלט אַזאַ פּרייז, אַז ער האָט שוין געקראָגן די אַרבעט פון דער פירמע.

איינמאָל האָט אַ קאָנטראַקטאָר זיך באַרימט, אַז ער טראָגט אַ העמד פון אַזאַ באַרימטע סטאָר, וואו יעדער קנעפּל פונ׳ם העמד קאָסט אים אַ הונדערטער...

אַן אַנדער קאָנטראַקטאָר האָט זיך באַקלאָגט, אַז כדי צו ראַטעווען זיין שאַפּ, איז ער אַריין צו דעם געגנאַסע, דעם שוואַרץ־קינסטלער, קויפן אַ העט, האָט ער אים אַרויסגעצויגן פונ׳ם העט פינף הונדערט דאָלער...

ביי די באַלעבאַטים פלעגן ווידער די קאָרופּטע ביזנעס־אַגענטן קריגן זייער חלק אויף אַנדערע וועגן. באַלעבאַטים האָבן געוואָלט „אָווערטאַים״ אַרבעט, אַרונטערוואַרפן אַ שאַפּ־טשערמאַן, אַרויסוואַרפן אַ גוטן יוניאָן־מאַן פונ׳ם שאַפּ, מאַכן אַ רעדאַקשאַן, אַריינבנעמען נייע מאַשינען און פאַרקלענערן דעם שאַפּ.

די אַגענטן האָבן געהאַט אַזאַ סיסטעם, אַז זיי האָבן געקאָנט שווערן ביי ווייב און קינד, אַז זיי נעמען ניט קיין גרעפט.

זיי האָבן טאַקע ניט גענומען, ווייל זיין האָבן דאָס געפונען... און געפונען האָבן זיי דאָס אַזוי: ווען זיי זיינען אַריין אין שאַפּ האָבן זיי אויפגעהאַנגען זייער מאַנטל אָדער אָועקגעשטעלט זייער רעגן־שירעם אין אָפיס. נו, האָט שטענדיג פּאַסירט, אַז ווען ער איז אַרויס פון אָפיס, האָט ער געפונען אין קעשענע אַ פּעקל־געלט אָדער — ער האָט געוואָלט עפענען דעם רעגן־שירעם האָט פון אינעווייניג גענומען רעגענען מיט פינפערלעך... אַ צאָל אַרנטלעכע פירער האָבן זיך פשוט געשעמט צו

בלייבן אין אָפיס און זיי האָבן רעזיגנירט, ווי י. ראַבינאָוו, מ. מאַקאָווסקי, גראָס, שטיינבערג, גאָלדשאַל און אַנדערע.

דערציילט מיר אַן אַלטער אידישער שוישפּילער

אַ גאָר אינטערעסאַנטן איינפאַל האָט צוגעטראַכט אַ געוועזענער מעני־עדזשער פון דער ניפּענטסמאַכער יוניאָן. ער אַליין איז געווען פאַר אַ צייט אויך אַ מאַכער אַרום דעם אידישן טעאַטער.

זיין מעטאָדע פון נעמען גרעפט איז געווען באמת אָריגינעל, און ווען עס ווערט ניט אויפגעדעקט דורך אַ צופאַל דער גאַנצער ענין, וואָלט דאָס ביי אים געווען ווי אַ דערפאָלגרייכע „פּיעסע" . . .

אָט ווי אַזוי ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט: זייענדיג אַרום טעאַטער, האָט ער געקראָגן פון אַ קאַסע אַלטע בילעטן, ס'הייסט, פון פאַר־איאָרן. די בילעטן פלעגט ער ברענגען צו די באַלעבאַטים, דערלאַנגען זיי אַ פּעקל פאַר אַ הונדערט דאָלער, פאַר פופציג, פאַר פינף־און־צוואַנציג. עס האָט זיך געווענדט ווי גרויס עס איז געווען די טובה, וואָס ער האָט געטאָן פאַר'ן באַלעבאָס . . .

די באַלעבאַטים האָבן שוין געוואוסט, אַז די בילעטן דאַרף מען אַרויס־וואַרפן, ווייל זיי זיינען גאַרניט ווערט. זיי פלעגן דערביי אַ שפּאַס טאָן: „אָרעמע יתומים, אַדער אַ וויסטע קאַליקע מוז מען העלפן" . . .

איינמאָל האָט פּאַסירט וואו אַ קאָנטראַקטאָר האָט געוואָלט מאַכן חוזק פון אַן אָפּערעיטאָר אין שאָפּ. ער האָט אים כלומר'שט געפרעגט, צי ער וויל גיין אין טעאַטער, ווייל ער אַליין איז פאַרנומען דעם אָוונט.

דער אָפּערעיטאָר האָט זיך אָנגעכאַפּט און גענומען די בילעטן. ער האָט זיך אָבער אַליין ניט פאַרגונען צו גיין מיט'ן וויב אין טעאַטער. טרעפט ער אין אָפיס פון דער יוניאָן זיין ביזנעס־אַגענט און גיט אים אַ „טריט" צוויי בילעטן, דערקלערנדיג, אַז זיין לאַנדסמאַנשאַפט האָט אַ „בענעפיט".

דער ביזנעס־אַגענט האָט איינגעלאַדן זיינע אַ באַקאַנטע צו גיין זען די פאָרשטעלונג. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער טיר, האָט אים דער „אָשער" שטאַרק באַליידיגט פאַר ווען אָפּנאַרן דעם טעאַטער און ווען אַריינגיין אויף בילעטן פון פאַראַיאָרן.

פון גרויס כעס וואָס מען ברענגט אים צופיל פון די דאָזיגע בי־לעטן, האָט שוין דער „אָשער" אַרויסגעפּלאַפּלט ווער עס האָט גענומען די פאַראַיאָריגע בילעטן צו פאַרקויפן.

דער ביזנעס־אַגענט איז אַוועק מיט זיין באַגלייטערין שטאַרק באַ־

לײדיגט. און מאָנטאָג, איז ער אַרױף אין שאַפּ מיט אַ טענה צום אָפּע־רעיטאָר, פאַר מאַכן אים צו שאַנד און שפּאָט.

אַזױ איז אױפגעדעקט געװאָרן דער בילעטן־פאַרקויף פון יענעם חברה־מאַן, װאָס האָט זיך גערופן יוניאָן־פירער.

קאַפּיטל 62

פאַרבלאָנדזשעטע סקעבס און פּראָסטיטוטקעס

דאָס איז שוין געװען די דריטע װאָך פון דעם גרויסן גענעראַל־סטרײק, װאָס די „אַמאַלגאַמײטעד" האָט אַרױסגערופן אין ניו־יאָרק. אַ רײ פירמעס האָבן שוין געסעטלט, אַנדערע האָבן פאַרהאַנדלט מיט דער יו־ניאָן, אָבער טױזנטער שנײדער זײנען נאָך געװען אין גאַס.

דער גאַנצער קאַמף האָט זיך אָבער קאָנצענטרירט אַרום אַ צאָל גרויסע פירמעס, װעלכע האָבן אַרױסגעשטעלט אַ װידערשטאַנד און פאַר קײן פאַל ניט געװאָלט אָנערקענען די יוניאָן.

עטלעכע פון די־אַ גרויסע און אײנגעשפּאַרטע פירמעס האָבן באַ־שלאָסן זיך אַרױסצוקלײבן פון ניו־יאָרק און עפענען שעפּער „אױט אָװ טאָון".

אין אַ פּאָר װאָכן אַרום האָט מען זיך דערװאוסט, אַז אַ גרויסער שאַפּ איז געעפנט געװאָרן ניט װײט פון פילאַדעלפיע און האָט אַראַנזשירט מיט אַ ניו־יאָרקער סקעב־אַגענטור, מ'זאָל איר צושטעלן אַ צאָל אַרבעטער און שטאַרקע, װעלכע זאָלן היטן דעם שאַפּ.

אין פילאַדעלפיע גופא האָט די פירמע אױסגעזוכט װאו ס'איז נאָר געװען אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער, אַ סקעב, מ'האָט אױך אַרױפגענומען אין שאַפּ קאַדעטן און פּראָסטיטוטקעס.

װי גיך מ'האָט זיך אין ניו־יאָרק דערװאוסט װאו עס געפינט זיך דער סקעב־שאַפּ האָט מען אַרױפגעשיקט מענטשן סײ דורך דער אַגענטור סײ דורך װענדן זיך דירעקט אין שאַפּ צו דעם פאָרמאַן דע־לעטשי.

פון דעם דע־לעטשי, האָט מען זיך דערװאוסט, אַז ער איז אײנער פון די גרעסטע אױסװאורפן. ער װעט זיך ניט אָפּשטעלן פאַר קײן זאַך צו ברעכן אַ סטרײק. ער האָט אין דער זעלביגער געבײדע װאו דער שאַפּ האָט זיך געפונען, אױך פאַרװאַנדלט אײן פלאָר אין אַ האָטעל און קיך, װאו די סקעבס האָבן געמוזט עסן און שלאָפן.

פאַרשטײט זיך, אַז דאָס האָט שטאַרק געשטערט, אַז מ'זאָל קריגן די נױטיגע אינפאָרמאַציע, װאָס מ'האָט דערװאַרטעט צו קריגן פון די אײ־גענע „סקעבס", װאָס די יוניאָן האָט אַרױפגעשיקט. אױב עמיצער האָט

זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון דער געביידע, האָט ער שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט מער צו אַרבעטן און וויסן וואָס דאָרט טוט זיך.

אָבער טראָץ די שוועריגקייטן האָט דע־לעטשי געהאַט ווייניג נחת. עפּעס ווי פון זיך אַליין זיינען פאַרביטן געוואָרן קאָלירן, אָדער קיין זאַך פון די צייכנס אויף דער אַרבעט האָט ניט געשטימט. די „לייבלס" פון "סאַיז" 36, האָט זיך געפונען אויף „סאַיז" 40 און דאָס אייגענע פאַרקערט...

דע־לעטשי האָט ניט געמאַכט קיין צופיל טומל, ווען עפּעס איז ניט געגאַנגען גלאַט אין שאַפּ. ערשטנס, האָט ער געוואוסט, אַז דער עלעמענט, אַלענפאַלס די גרעסטע צאָל פון זיי, ווייסן ניט פון קיין שאַפּ־אַרבעט. צווייטנס, האָט ער ניט געוואָלט, אַז די יוניאָן זאָל זיך דערוויסן פון די צרות, וואָס ער האָט אויסצושטיין . . .

אין פרימאָרגן האָט זיך דער הויפּט־אָפּערעיטאָר עפּעס גענומען זיך גריבלען מיט אַ נומער, וואָס מ׳האָט ניט געקאָנט וויסן וואָס דאָס איז, ווייל עמיצער האָט דעם ציפער אַרונטערגעקראַצט. דע־לעטשי האָט דאָס פון דערווייטנס דערזען און געקראָגן אַ פאַרדאַכט אויף דעם אָפּערעיטאָר. איז ער צוגעלאָפן הינטן־אַרום, ווען יענער איז געווען פאַרטיפט אין „שטור־דירן" דעם נומער און דערלאַנגט אים מיט אַ פרעסער־ברעטל (אַזאַ מין פּראַלניק) איבערן קאָפּ.

איבערן שאַפּ איז געוואָרן אַ טומל. דער ספּעציעלער פּאָליציימאַן, וועלכער האָט זיך געפונען אַלעמאָל אַרום שאַפּ, האָט דעם אָפּערעיטאָר אַריינגעשלעפּט אין דעם האָטעל אָפּטיילונג, געבראַכט אַ דאָקטאָר און פּרו־בירט „אויספרעסן" דעם ענין . . .

אין אַזאַ פאַל, ווען דער שאַפּ איז געשטאַנען אויף די פיס, פלעגן שוין די פּראָפעסיאָנאַלע סקעבס אַראַנזשירן אַ קאָרט־פּאַרטי. גלייך איז שוין געלעגן די קאָרטן אויפ׳ן טיש, איינער האָט גענומען טאַשן די קאָרטן, אַ צווייטער „דזשיגן" און זינגען און אַזוי האָט מען פאַרטומלט די סקעבס צו וואַרטן, ביז מ׳האָט געקראָגן אַ נייעם סקעב צו דער אַרבעט.

אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, האָט דע־לעטשי געהאַט אין שאַפּ עטלעכע מאַנדאָלין־שפּילער. זיי פלעגן שפּילן און די פּראָסטיטקעס פלעגן טאַנצן און גאַנץ אָפט דורכפירן גאַנצע אָרגיעס. „סמאָוק און סטעג פּאַרטיס" צו פאַרווײלן די סקעבס.

אַיין אויף דער נאַכט זיינען געזעסן אַלע סקעבס און פּראָסטיטוטקעס אין רעסטאָראַן־צימער. ווי אַלע טאָג האָבן די מאַנדאָלין־שפּילער געשפּילט און די חברה סקעבס האָבן אונטערגעטאַנצט. מאַנכע פון זיי פלעגן פון לאַנגוויל און שרעק זיך אויך גלייך פון אָנפאַנג אָונט אָנטרינקען און אַזוי

זיינען זיי שוין פאַר׳שיכור׳טע אָפּגעזעסן דעם אָוונט און פון צייט צו צייט נאָך אַביסל צוגעגאָסן אין זיך דעם ביטערן טראָפּן...

די פּראָסטיטוטקעס האָבן אַ גאַנצן אָוונט געהאַט פּאַר׳ן אויג זייערע „ביזנעס״ . . . ווייל חוץ די שכירות, וואָס זיי האָבן געקראָגן פאַר דעם ביסל אַרבעט וואָס זיי האָבן געמאַכט, האָבן זיי שטענדיג אַכטונג געגעבן צו מאַכן אַ זייטיגן פאַרדינסט פון דעם הויפּט־צוועק, פאַר וואָס דער סקעב־אַגענט האָט זיי אַריינגענומען — צו פאַרווילן די סקעבישע נשמות . . .

אַרום צען אין אָוונט האָט איינע פון די פּראָסטיטוטקעס מיט׳ן נאָמען מאַרגאַ, זייענדיג היפּש שיכור׳לעך, זיך צעלאָזן אין אַ ווילדן הפקר׳דיגן טאַנץ.

די חברה סקעבאַטשעס זיינען געזעסן און געקוואַלן, דערביי צוגע־וואָרפן ווערטלעך וואָס זאָל איר דערמוטיגן צו טאַנצן נאָך הפקר׳דיגער . . .

מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און דע־לעטשי איז אַריינגעקומען מיט צוויי שטאַרקע, וועלכע האָבן געבראַכט אַ גרופּע סקעבס פון ערגעץ, און דאָ, אין רעסטאָראַן, האָט ער געוואָלט אויפנעמען די נייע געסט . . .

פלוצלינג ווערט אויפגערעגט איינער פון די נייע סקעבס און גיט אַ פרעג איינעם פון די באַטרונקענע, אָנווייזנדיג מיט׳ן פינגער אויף דער טאַנצנדיגער מאַרגאַ: ווער איז זי? וואָס טוט זי דאָ?

דער שיכור׳ער סקעב האָט אים געענטפערט פּראָסט און פּשוט: ׳אָ, זי? זי איז איינע פון די בעסט־באַצאָלטע פּראָסטיטוטקעס צווישן דער גאַנצער גרופּע״ . . .

דער נייער סקעב האָט זיך ווי פאַרלאָרן און מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן אויסגעשריען: „דאָס איז דאָך מיין וייב! מאַרגאַ!״

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פלאַש פון טיש און איר אַ זעץ געטאָן אי־בערן נאַקעטן אַקסל. זי איז געבליבן ליגן מאַכטלאָז אין דערמיט פונ׳ם טאַנץ־פּלאַץ.

אַלע סקעבס, דער פאָרמאַן, די פּראָסטיטוטקעס און „ספּעשלס״ — זיינען גלייך געווען אויף די פיס.

דער נייער סקעב, וועלכער האָט אין דעם טומל אַריינגעכאַפּט אַ היפּש ביסל קלעפּ פון די אַנדערע, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען פאַר איר, נאָך ניט ווייסנדיג ווער ער איז — איז געבליבן זיצן ביים טיש און זיך צעוויינט, גאָר ניט ווי קיין סקעב. ער האָט גענומען דערציילן וואָס עס קומט דאָ פאָר:

איך בין געווען אַ מיינער אין אַ סקרענטאָן קוילן־מיין. איך בין קראַנק געוואָרן און קאָן מער ניט ליגן אין דער מיין. אַזוי איז שוין זעקס חדשים.

מיין ווייב האָט גענומען די צוויי קינדער צו איר מאַמען, און זי האָט צו מיר געזאָגט, אַז זי גייט זוכן אַרבעט אין פילאַדעלפיע. היינט איז צו מיר געקומען דזשאו אין דער ביוראָ פאַר אַרבעטלאָזע און מיר פאַרגעשלאָגן צו לערנען זיך אַ נייעם פאַך . . . און איצט — איצט געפין איך אויס, אַז מיין פרוי, אַנשטאָט גיין אַרבעטן, ווי זי האָט געזאָגט, אין אַ רעסטאָראַן, איז זי גאָר געוואָרן אַ געמיינע פּראָסטיטוטקע . . .

ער האָט זיך געוואָלט לאָזן צום טיר און אַרויסגיין, האָבן די שטאַרקע אים פאַרהאַלטן. ער האָט זיך אָבער אַ וואָרף־געטאָן ווי אַ בייזער טיגער צום פענצטער, גענומען שרייען און אַלץ וואַרפן דורך די פענצטער אין גאַס אַרויס . . .

פּאָליציי איז גלייך אָנגעקומען, און אַזוי האָט זיך פאַרענדיגט דער ווילדער סקעב־טאַנץ, וואו מ׳האָט אָוועקגעפירט אַ פאַר־צענדליג סקעבס און פּראָסטיטוטקעס צו נעכטיגן אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. און צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער גוטער יוניאָן־מאַן, אַן אָפּערעיטאָר, וועל־כער האָט שפּעטער דעם שאָפּ אָרגאַניזירט, אַ סך פון די סקעבס געמאַכט פאַר גוט יוניאָן־לייט און דערציילט וואָס ער האָט דאָרט אַלץ געזען און געהערט.

קאַפּיטל 63

געהאַט צו זינגען און צו זאָגן

מיט קנאַפּע דרייסיג יאָר צוריק איז אין דעם שטעטל ראָוועי, ניו־דזשוירזי, געוואָרן אַן עיר־מקלט פאַר סקעב־שעפּער פון מענער־קליידער.

ווען די אַמאַלגאַמעיטעד האָט דערקלערט, אַז זי נעמט זיך אָרגאַני־זירן די „אוט אָוו טאַון" שעפּער, האָבן די סקעב־באַלעבאַטים פון אַלע פּאַכן אין ראָוועי באַשלאָסן צו פאַרמאַכן די טויערן פאַר דער יוניאָן.

דער דאָרטיגער „טשעמבער אָוו קאָמערס" האָט גענומען אויף זיך די פינצטערע ראָלע צו ווערן דער אָרגאַניזאַטאָר פאַר סקעבעריי, עקספּלואַ־טאַציע און פינצטערניש. די פּריסטער האָבן אין אַלע טשוירטשעס גע־פּרעדיגט געגן יוניאָן. אַזוי אויך אין דאָרטיגע צייטונגען. אפילו רבנים אין דאָרטיגע שולן האָבן אויך געפונען פאַר נויטיג צו וואָרנען געגן דער יוניאָן.

די הויפּט־פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער אין ראָוועי איז געווען, אַז די יוניאָן פון ניו־יאָרק וויל צונעמען פון זיי דאָס שטיקל ברויט; אַז די יוניאָן וויל גאָר ניט אָרגאַניזירן, נאָר פאַרמאַכן די שעפּער „אוט אָוו

טאָון" און לאָזן די אַרבעטער אויף הפקר.

די באַלעבאַטישע סקעב־אַגיטאַציע האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג, אַז אַ טייל פון די אַרבעטער האָבן זיך גענומען אָרגאַניזירן כדי צו באַשיצן די סקעבעריי ווי אַ מיטל פאַר זייער ברויט און פוטער...

עס איז געווען געגוג, אַז עמיצער זאָל אָנווייזן מיט אַ פינגער אויף אַ פאַרבייגייער, אַז ער קומט פון ניו־יאָרק און אַז באַלד זאָל אַרום אים זיין אַ רעדל מיט אַ פאַליסמאַן, וואָס זאָל אים פירן צו דער באַן־סטאַנציע מיט אַ באַפעל, אַז ער זאָל זיך שוין אָפּטראָגן.

זיינען אַרום דעם פאַרגעקומען אַ סך קאָמישע פאַלן און אָט איז איינער פון זיי:

אידן פון ראַוועי האָבן אַראַנזשירט אַ חזן פון ניו־יאָרק צו קומען קיין ראַוועי דאַוונען פרייטאָג נאַכט און שבת אין דערפרי.

פרייטאָג פאַרנאַכט איז דער חזן געקומען קיין ראַוועי.

איז ווי נאָר ער איז אַרונטער פון באַן, האָט עמיצער אָנגעוויזן אַ פאַליסמאַן, אַז דאָס איז אַ ניו־יאָרקער „סקעב"... וואָס איז מסתמא געשיקט געוואָרן פון דער אַמאַלגאַמעיטעד צו באַזוכן אינ'ם „וויק־ענד" די אַרבעטער אין די היימען און זיי אָרגאַניזירן אין דער יוניאָן.

האָט מען דעם חזן גענומען אויף דער העצקע און געהייסן באַלד פאָרן צוריק.

טענות פונ'ם חזן, אַז ער איז געקומען צו דאַוונען אַ שבת, האָבן ניט געהאָלפן. דער איירישער פאַליסמאַן האָט אפילו ניט פאַרשטאַנען די אַלע סימנים, וואָס ער האָט אים געוויזן. ער האָט דעם חזן געהאַלטן ביים אָרעם ביז עס איז אָנגעקומען אַ באַן, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגיין קיין ניו־יאָרק.

ערשט אין דער לעצטער מינוט איז צוגעלאָפן אַ סקעב־קאָנטראַקטאָר פון ראַוועי, וואָס פלעגט פאָרן אויף שבת צו זיך אַהיים אין ניו־יאָרק. דער קאָנטראַקטאָר האָט דעם חזן דערקאָנט אַלס חזן פון אַ שול אין בראָנזוויל, וואו ער פלעגט אַריינקומען זאָגן קדיש און אים הערן דאַוונען. האָט דער קאָנטראַקטאָר געבעטן דעם פאַליסמאַן ער זאָל דעם חזן בעסער גלייך אָוועקפירן אין שול אַריין און אַזוי איז דאָס געווען.

אין שול האָט ער זיי דערציילט, ווי ער האָט ביי דער סטאַנציע געהאַט צו זינגען און צו זאָגן...

קאַפּיטל 64

דער סוף פון אַ ביוראָקראַט און אַ קעמפער

אַ מאָדנער, ביטערער טיפּ איז געווען איינער, בעני ריינישׂ, אַן אַק־טיוועל טוער צווישן די שניידער. געווען אַ מיטגליד אין דער ס. ל. פּ. און ביי דער גרינדונג פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד“ אין 1914 האָט ער גע־שפּילט אַ ראָלע. ער האָט זיך גערופן אַ פּראָגרעסיווער, אָבער ער איז מער געווען אַ „קיקער“ ווי פּראָגרעסיוו. זיין כאַראַקטער האָט אים שטענ־דיג געבראַכט אין קאָנפליקט מיט די טוער אין דער באַוועגונג ווי מיט די מיטאַרבעטער אינ׳ם שאַפּ וואו ער האָט געאַרבעט.

איך בין געוואָרן נאָענט באַקאַנט מיט אים, באַטראַכטנדיג אים פאַר אַן אָרנטלעכן מענטש, ווען איך האָב געאַרבעט מיט אים צוזאַמען האַנט ביי האַנט אין „וויטי בראָס.“ שאַפּ.

טראָץ דעם וואָס ער איז געווען באַהאַוונט אין ליטעראַטור און אויך אַ ליבהאָבער פון מוזיק, האָט ער אָבער געהאַנדלט מיט די מיטאַרבעטער אין שאַפּ אַ סך ערגער ווי די סאַמע אומוויסנדיגע. טאָג־איין טאָג־אויס, האָט ער געהאַט צוזאַמענשטויסן און געשלעגן מיט די אַרבעטער. ער איז געווען פון דער נאַטור באַשטראָפט צו זיין אַ זאַהיקער, ספּעציעל ווען ער פלעגט ווערן אין כעס. דערפאַר האָט ער זיך באַזאָרגט מיט אַנדערע געווער. אויב אים האָט אויסגעפעלט אַ וואָרט אָדער אַ קללה אַרויסצוזאָגן, פלעגט ער זיך גלייך שפּייען און זיך וואַרפן שלאָגן.

איינמאָל האָט ער גראָדע אָנגעטראָפן אויף אַ פּרעסער אין שאַפּ אַ בורדילאַ, מיט׳ן נאָמען קאַנטער, וועלכער איז געווען אַ שלעגער און האָט שפּעטער זיך „דערשלאָגן“ צו ווערן אַ ביזנעס־אַגענט און דערנאָך אַ קאָנ־טראַקטאָר. אָט־דער קאַנטער האָט געמאַכט ריינישׂ׳ן אַ פּאָר בלויע אויגן און האָט אים אונטערגעקלאַפּט די גאַנצע רעפּוטאַציע . . .

מיט דעם ריינישׂ׳ן אַריינצוגיין אין אַ רעסטאָראַן איז באמת געווען אַ לעבנס־געפאַר. די וועיטערס פלעגן ציטערן פאַר אים. ווען ער פלעגט ניט קריגן די ברויטן אָדער פליישן וואָס ער האָט געבעטן, זיינען פאָרגעקומען גאַנצע סקאַנדאַלן. ער האָט איינמאָל אין אַ רעסטאָראַן, אויסגע־פּאַטשט מיט אַ פּערטל עוף אַ גאַנצע גרופּע פון די אַקטיווע טוער ביי די שניידער, בלויז דערפאַר ווייל איינער פון זיי האָט זיך דערלויבט צו נעמען פון פּאָלומעסעק די גרעסערע פּערטל עוף, וואָס ער, ווי ער האָט געשריען: „האָב גע־קו־קו־קוט אויף דע־דע־דעם“ . . .

אָט דעם טיפּ, אויף וויפיל ער איז געווען לאָיאַל צו יוסף שלאָסבערג׳ן,

איז ווי גיך ער האָט זיך פּאַראייניגט מיט דער פּינצטערער קליקע, איז ער רעקאָמענדירט און באַשטימט געוואָרן פון שלאָסבערג׳ן צו ווערן דער אָר־גאַניזער אויפ׳ן פּאַסיפישן קאָוסט פאַר דער „אַמאַלגאַמעיטעד״.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און רייניש האָט זיך „דערשלאָגן״ צו ווערן דער מענעדזשער פון די שניידער אין סאַן פראַנציסקאָ.

אין סאַן פראַנציסקאָ, פּונקט ווי אין ניו־יאָרק, האָט געוועלטיגט די סוועט־שאַפּ, מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין קאַליפאָרניע האָט מען גע־שוויצט אין צווייען: פון דעם וואַרעמען קלימאַט און פון דער שרעקלע־כער שקלאַפעריי.

די קליינע ווערעמדיגע באַלעבאַטים האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ שטאַרקן טעראָר געגן די שניידער, און מיט דעם קומען פון רייניש׳ן, האָבן די שניי־דער, אַנשטאָט צו געווינען הילף פון דעם אָרגאַנייזער, וואָס זיי האָבן מיט רעכט דערוואַרטעט, איז ער גאָר געוואָרן אַ פּינצטערע געציַיג געגן די אַרבעטער.

אויב ער איז געווען אַ כבוד־פּה אויף צו רעדן מיט און פאַר די שניי־דער, איז ער אָבער געוואָרן גאָר גיך דער „מאויטה־פּיס״ צו אָרגאַניזירן די באַלעבאַטים געגן אמת׳ע יוניאָן־באַדינגונגען.

ער האָט געשאַפן אַ שטאַרקע באָסעס אַסאָסיעישאָן אין סאַן פראַנ־ציסקאָ, און דאָס האָט אים געגעבן די פולע מעגלעכקייט צו קאָנען זיך איזדעקווען איבער די אַרבעטער.

אָט דער ב. רייניש, וועלכער האָט געקראָגן זיין דערציאונג אין דער ס. ל. פּ. און האָט אין די טעג פון דער גרינדונג פון דער „אַמאַלגאַמעיטעד״ בייז און ביטער באַקעמפט ביוראָקראַטן און גענגסטעריזם, האָט אַליין גענומען אָנווענדן די אייגענע מעטאָדן, ביז ער אַליין איז געפאַלן אַ קרבן פון זיין טעראָר.

פּאַסירט האָט אַזוי די טרויעריגע געשיכטע: אין איינעם פון די שעפּער, וואו ס׳האָט געהערשט אַ שרעקלעכע שקלאַפעריי, די באַדינגונ־גען זיינען געווען אומדערטרעגלעך, האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלט און די אַרבעטער זיינען אַרויס אין סטרייק. די באַלעבאַטים האָבן באַלד איינ־געזען, אַז די שפּיל איז פאַר׳ן פייער, האָבן זיי גערופן די קאָמיטע און געוואָלט פאַרהאַנדלען אַ סעטלמענט. דער מענעדזשער רייניש, איז אָבער געווען געגן וועלכע ס׳איז פאַרהאַנדלונגען, אָדער וואָס ס׳איז נאָכגעבן, ביז די אַרבעטער וועלן ניט צוריקגיין אין שאַפּ אַריין ווי געהאַרכזאַמע שאָף.

ביי אַ שאַפּ־מיטינג איז צוריקגעוויזן געוואָרן זיין „אוקאַז״ און ער האָט זיך גענומען צו רעאָרגאַניזירן דעם שאַפּ און צושטעלן סקעבס פון

דער יוניאָן. אַזוי האָט ער געבראָכן דעם סטרייק און געמאַכט אַ צאָל קרבנות, אַרויסגעשטעלט זיי אויף דער שוואַרצער ליסטע ביי זיך און ביי די באַלעבאַטים.

באַזונדערס האָט ער פּרובירט זיך אָפּרעכענען מיט איינעם אַן אַר־בעטער, וועלכער איז טאַקע געווען פריער נאָענט צו אים. דער אַרבעטער איז געווען אַ אַנאַרכיסט־סינדיקאַליסט און איז גראָדע געווען אויסגעהאַלטן אין זיין קאַמף פאַר די אַרבעטער און ער האָט שטאַרק באַקעמפט רייניש'עס פאַרראַט אין דער יוניאָן.

ב. רייניש האָט אים געוואָרפן פון אָפּיס, נישט צוגעלאָזט צו קיין אַר־בעט, אויב ער האָט שוין געוואָלט גיין אַרבעטן אין אַ צווייטן פאַך, האָט רייניש אָפּגערופן דעם באַלעבאָס און געלאָזט וויסן ווער דאָס איז.

אַ שרעקלעכע דראַמע מיט אַ שרעקלעכן סוף

איין פרימאָרגן האָט דער פאַרביטערטער אַרבעטער אָפּגעוואַרט רייניש'ן אין זיין אָפּיס. ער האָט זיך פאַרשטעקט הינטער אַ טיר און ווען רייניש איז אַריינגעקומען, האָט דער אַרבעטער מיט טרערן זיך געבעטן, אַז די יוניאָן (דאָס הייסט, רייניש) זאָל אויפהערן טעראָריזירן די גרופּע אַרבעטער, וועמען ער האָט באַזייטיגט פון דער אַרבעט און אַקטיוויטעט.

רייניש, אַנשטאָט זיך צוהערן צו די רייד, האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן צו זיין אַלטן מיטל: שפּייען און שלאָגן דעם אַרבעטער.

דאָ האָט דער אַרבעטער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און האָט מיט איין שאָס אַ סוף געמאַכט צו דעם ביוראָקראַט ב. רייניש.

די גאַנצע פּאַסירונג האָט געמאַכט אַ רושם אויף דער אַרבעטער־גאַס. די פּראָגרעסיווע באַוועגונג האָט שרעקלעך באַדויערט דעם אומגליק, וואָס האָט געטריבן צו אַזעלכע אַקטן און אַנגעוויזן, אַז ניט מיט אַ שאָס אויף איינעם פון די ביוראָקראַטן קאָן מען רייניגן יוניאָנס פון קאָרופּציע און טעראָר, וואו די אַרבעטער־ביוראָקראַטן אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די באַלעבאַטים.

גאַר מאָדנע דראַמאַטיש האָט זיך פאַרענדיגט דער לעצטער אַקט פון דער דראַמע, ווי ס'איז דערציילט געוואָרן אויפ'ן אַרבעטער־מאַרקעט אין סאַן פראַנציסקאָ:

דער אַרבעטער וועלכער האָט דערשאָסן ב. רייניש'ן איז אַנטלאָפן געוואָרן און זיך אויסבאַהאַלטן צווישן פריינט און לאַנדסלייט. ער איז גע־לעגן אַן עלנטער ערגעץ אין אַ צימער אָפּגעריסן פון לעבן מיט אַ וויטאָג

אין האַרצן אויף דער פּאַסירונג, אַז ער זאָל דאַרפן דערשיסן זיינעם אַ געווזענעם פּריינט.

טעג און נעכט האָבן זיך פּאַר אים געצויגן ווי דער טאַפּטשען זיך אַ לעבן אין בלאָטע. די פריינט זיינע האָבן אים פּאַרזיכערט, אַז זיי וועלן טאָן אַלץ אין דער וועלט, ער זאָל זיך קאָנען ראַטעווען.

ער איז געלעגן אין זיין פינצטערן ווינקל. דערביי האָט ער געוואָרנט זיינע פריינט, אַז ער וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט נאָר ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי און דאַרפן אַרויסטרעטן ווי אַ שונא פון זיין יוניאָן, וואָס איז אים אַזוי טייער און ליב.

די פריינט האָבן אים געטרייסט, אַז זיי טוען וואָס ס'איז נאָר מעגלעך אים צו באַפרייען.

יעדער טרייסט־וואָרט האָט אים דערמוטיגט, דערפאַר אויך יעדער שאָרך, האָט אים אַריינגעוואָרפן אין שרעק, טאָמער קומט אָן דער שונא זיינער.

אין איין שטילן פאַרטאָג, ווען ער איז געלעגן פאַרשלאָפן אויף זיין געלעגער, האָט ער אינסטינקטיוו דערפילט, ווי עמיצער דרייט זיך אַרום זיין טיר, און אָט הערט ער אַ שטילן קראַץ טאָן דעם פענצטער, אַ פּרוביר טאָן די קליאַמקע. ער איז פאַרציטערט געוואָרן פון דעם ביטערן סוף . . . ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון צוקאָפּנס זיין געלאָדענעם רעוואָלווער און מיט איין שאָס האָט ער געמאַכט אַ סוף פון זיין אייגענעם לעבן.

הינטערן פענצטער האָט זיך דערהערט אַ ביטערער געשריי און געוויין. דאָס איז גאָר געווען זיינער אַ פריינט, וועלכער איז געקומען פאַרטאָג אים אַריבערפירן אין אַ צווייטן מער זיכערן און באַקוועמערן פּלאַץ...

אָט אַזוי איז פאַרענדיגט געוואָרן אַ קאַפּיטל לעבן פון אַ ביוראָקראַט און פון אַ קעמפער — געגן סוועט־שאַפּ, קאָרופּציע און פאַר אַ ריינער יוניאָן.

קאַפּיטל 65

לעפקע — צאָלט לעפקע־געלט . . .

אין 1925 האָט זיך גענומען באַוויזן גרויסע ענדערונגען אין דער פּראָגרעסיווער אַמאַלגאַמייטעד. אַ צאָל פון די פירער האָבן נאָך אַרויסגעוויזן מיליטאַנטישקייט און געפירט אַ קאַמף אויף אַ גאַנצע רייע פראָנטן מיט די באַלעבאַטים און זייערע געגרינדעטע אַסאָסיעישאַנס, אויך געגן די

ניט־יוניאָן שעפּער און דעם קאָנקורענץ, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט אַרויס־פירנדיג די אַרבעט „אויט־אָוו־טאַון", אַזוי דעם שטענדיקן קאַמף, פאַר־שטייט זיך, מיט'ן „פּאַרוועוערטס" און גאָר אָפּט מיט שלעזינגער'ן פון דער „אינטערנעשאָנאַל", וועלכער האָט געקוקט מיט איפערזוכט אויף דער „אַמאַלגאַמייטעד". דערצו האָט געגומען בושעווען דער גענגסטעריזם, וועלכער האָט זיך איינגעווערימט מיט דער הילף פון אַ צאָל פירער און זיינען געוואָרן שותפים צו אַ גרויסע צאָל שעפּער, וואָס זייער אינוועסט־מענט איז באַשטאַנען אין געבן פּראָטעקציע צו קאָנען מאַכן די אַרבעט אין סקעב־שעפּער, וואו די יוניאָן פירער וועלן מאַכן אַ שוויג. ווייל זיי זיינען געווען פאַרבונדן מיט די צוויי גענגסטער, לעפּקע און גורא, און האָבן געקראָגן לעפּקע־געלט . . .

די רענק־און־פייל אַרבעטער, זיינען גרייט געווען צו קעמפן און העלפן די ערלעכע פירער. הונדערטער אַרבעטער פלעגן שטיין אויף די וועגן אָפּצוואַרטן די טראָקס מיט דער אַרבעט, וואָס מ'האָט געפירט אין די ניט־יוניאָן־שעפּער. עס זיינען פאָרגעקומען שרעקלעכע קאַמפן מיט די גענגסטער און רעקעטירער. טראָקס זיינען איבערגעקערט געוואָרן פון די פאַרביטערטע און פאַרהונגערטע שניידער, אָבער בעקערמאַן, צוזאַ־מען מיט דעיוויד וואָלפּ'ן און די הערי קאהנ'ס, וועלכע זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די גענגסטער און רעקעטירער, האָבן אויך געצוואונגען דעם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער „אַמאַלגאַמייטעד" צו בייטן סוף־כל־סוף זייער פּאָליסי און נעמען מאַכן קאָמפּראָמיסן . . .

אויגוסטא באַלאַנקא, דער הויפּט־פירער פון די איטאַליענישע אַר־בעטער אין דער „אַמאַלגאַמייטעד", וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ פּראָגרעסיוון, האָט איין פרימאָרגן מיר אָפּגערופן אין שאָפּ, איך זאָל קומען צו אַ קאָנפערענץ מיט אים אין יוניאָן־סקווער האָטעל, האָב איך גענומען אַ קאַמיטע און אַוועק זיך צו טרעפן מיט אים.

ביי דער קאָנפערענץ האָט באַלאַנקא פּרובירט פועל'ן ביי אונז, מיר זאָלן צושטימען צו שטיק־אַרבעט און העכערס די דיוס.

מיר האָבן זיך שטאַרק אַרויסגעזאָגט געגן זיין פאָרלאַנג, אָנווייזנדיג אים וועגן דעם טרויעריגן צושטאַנד אין דער יוניאָן, וואו די לעפּקע־גענגסטער האָבן גענומען שפּילן אַזא ראָלע. האָט ער פּרובירט שפּילן טעאַטער און זיך געמאַכט, אַז ער ברעכט צוזאַמען פון דעם, וואָס מ'גיט אים ניט נאָך. ער האָט געבעטן מ'זאָל אים גלייך ברענגען אַ גלאָז וואַ־רעמע מילך, האָבן מיר אָפּגערופן אונטן אין האָטעל און מ'האָט אים גלייך אַרויפגעבראַכט מילך, אָבער דעם פאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן צו־

שטימען איינצופירן שטיק־אַרבעט און די ניט־נויטיגע העכערונג אין דיוס, האָט ער פון אונז ניט געקראָגן.

אויף מאָרגן האָט סידני הילמאַן, אַליין געקומען זיך טרעפן מיט אונז אין דעם זעלביגן האָטעל. הילמאַן איז גלייך צוגעטראָטן צו „ביזנעס". ער האָט פּרובירט אונז באַווייזן, ווי אַזוי די „פאָרווערטס"־קליקע, ווייל דורכאויס צעברעכן די יוניאָן און אַזוי ווי זיי האָבן צוהילף דעם פאַר־רעטער מאיר שעינפעלד מיט אַ גאַנצער גענג אין דער יוניאָן אַנצופירן אַן אַגיטאַציע פאַר שטיק־אַרבעט, זאָלן מיר פאַרלויפן זיי דעם וועג און אַליין דאָס איינפירן.

דערפאַר, האָט הילמאַן פאָרגעשלאָגן, כדי צו געבן דעם „פאָרווערטס" אַ פּאַטש אין פּנים, וועט ער געבן דער פּראָגרעסיווער גרופּע דריי פּלע־צער אין דער „באָארד אָוו דירעקטאָרן" און מיין ווייניגקייט צוזאַמען מיט אַ צווייטן טוער, וועט ער באַשטימען פאַר אָרגאַנייזערס אין נאַציאָנאַלן אָפיס אין דער „אַמאַלגאַמייטעד".

דער ענטפער פון דער פּראָגרעסיווער גרופּע איז געווען אַ פעסטער „ניין! מיר וועלן זיך ניט פאַרקויפן פאַר „דזשאָבס"!

מיר קומען מיט פאַקטן

אַנשטאָט צו מאַכן „דילס" האָבן מיר צוגעשטעלט צו יוסף שלאָס־בערג'ן, דעם נאַציאָנאַלן סעקרעטאַר־טרעזשורער פון דער „אַמאַלגאַמיי־טעד", אַ ריי „אַפידעוויטס" מיט פאַקטן וועגן גרעפט, קאָרופּציע, וועגן אַרויסשווינדלען מתּנות ביי אַרבעטער און באַלעבאַטים. אויך ווי אַזוי פּירער פון דער יוניאָן זייענען שטילע שותּפים מיט די באַלעבאַטים אין שעפּער. מיר האָבן אָנגעוויזן, ווי אַזוי בעקערמאַן, אָרלאָווסקי, האָלענדער, דעיוויד וואולף, הערי קאהן, דזשעקסאָן און אַנדערע פון די פּירער, אַר־בעטן האַנט אין האַנט צו אונטערגראָבן די יוניאָן.

ווי אַזוי געוועזענע פּירער פון דער יוניאָן זייענען איצט באַלעבאַטים און אויך די פאַרשטייער פון די באַלעבאַטישע אַסאָסיעישאַנס — זייענען די גרעפט־פאַרמיטלער.

שלאָסבערג האָט מיט זיינע „פּרומע אויגן" דאָס אָנגעקוקט, צוגענומען די „אַפידעוויטס" פון אונז און באַדאַנקט שיין. אויף מאָרגן האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַנשטאָט אָנצוקלאָגן „נאָקאַוט" בעקערמאַן און די אַנ־דערע, ווען מיר גאָר דאַרפן אויספאָלגן זייערע באַשלוסן, ווייל דער נאַ־ציאָנאַלער אָפיס האָט באַשטימט צוזאַמען מיט דעוויד וואולף'ן דעם „נאָק־

אוט" בעקערמאַן, פאַר די פירער, און האַלענדער'ן פאַר זייער אונטער־שטופּער.

בעקערמאַן האָט זיך גלייך דערקלערט פאַרן דיקטאַטאָר פון דער יוניאָן, זיך גענומען דורכצופירן ביד־חזקה זיינע באַשלוסן, ספּעציעל געגן די פּראָגרעסיווע מיטגלידער אין דעם גרעסטן לאָקאַל 5 פון די אָפּערעיטאָרס.

הונדערטער אַרבעטער זיינען געוואָרן ברויטלאָז און דערשלאָגן. די פּרייזן האָט מען געשניטן, די סקעב און סוועט־שאָפּער האָבן ווידער גע־נומען בליִען.

ווען זיי האָבן פּרובירט מיך אַרונטערנעמען פון דער אַרבעט דורך די באַלעבאַטים, האָבן די אַרבעטער, אַלע ווי איינער, אין דעם גרויסן שאָפּ פון קאַהן און לעינג, זיך איינגעשטעלט פאַר מיר און ניט געלאָזן. אַזוי האָבן אויך געטאָן די אַרבעטער אין די אַנדערע שעפּער. האָט בעקערמאַן אַרויפגעשיקט צוואַנציג שטאַרקע און זיי האָבן דורכגעפירט אַ פּאָגראָם אין שאָפּ. דאָס אייגענע איז געווען מיט די אַנדערע טוער, וועמען זיי האָבן געמאַכט ברויטלאָז.

דער „פאָרווערטס" האָט געשטיצט און דערמוטיגט דעם גענאָסע בעקערמאַן. ב. וולאַדעק, דער „פאָרווערטס"־פאַרוואַלטער אין יענער צייט, האָט אים אפילו באַגריסט און געשריבן, אַז „מ'דאַרף בעקערמאַנ'ען וואַשן די פיס און טרינקען די וואַסער".

צי זיי האָבן געטרונקען די וואַסער, ווייס איך ניט, אָבער וואַשן אים, האָבן זיי געהאַט אַ שטענדיקע אַרבעט . . . זיי האָבן אים געהאַלטן אין וואַשן אפילו ווען בעקערמאַן האָט דערקלערט קריג דעם נאַציאָנאַלן אָפיס פון דער „אַמאַלגאַמייטעד", וואו ער האָט שפּעטער געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט און ווערן דער „פירער" (אַלאַ היטלער) מיט דער הילף פון די גענגסטער און רעקעטירער.

אינטערעסאַנט איז, אַז דאַן ווען די „אַמאַלגאַמייטעד" האָט אָנגעקלאָגט בעקערמאַנ'ען אין געריכט פאַר רעקעטירינג און ער איז געפונען געוואָרן שולדיג, האָבן די נאַציאָנאַלע פירער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד" זיך באַ־נוצט מיט די פאַקטן, וואָס מיר האָבן זיי איבערגעגעבן.

מער מזל האָט געהאַט האָלענדער צו ווערן באַשיצט אין דער „אַמאַל־גאַמייטעד", ווייל ער האָט קיינמאָל ניט פּרובירט זיך איינרייסן מיט'ן נאַציאָנאַלן אָפיס. ער איז אַלעמאָל פאַרלאָפן דעם וועג צו זיין אַ געטרייער „יעס־מען". ער האָט גוט אַכטונג געגעבן, אַז די פאַקטן וועגן אים און זיין ברודער זאָלן קיינמאָל ניט אויפגעדעקט ווערן.

עס איז ווערט צו דערמאָנען דעם פאַקט, אַז ווען אב. קאַהאַן האָט דעם

29טן יוני, 1938, אָפּגעדרוקט אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אַרטיקל אין דער „ניו־יאָרק טיימס" קעגן סידני הילמאַן, האָט גענאָסע האָלענדער אונטערגע־שריבן אַ סטעיטמענט צו פאַרדאַמען זיין פריינט און גענאָסע, דעם רע־דאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אַב. קאַהאַן, דערצו נאָך געצוואונגען דעם „פאָרווערטס" דאָס אָפּצודרוקן („פאָרווערטס", 4טער יולי, 1938):

„מיר זיינען אַנטוישט פון דעם וואָס אַב. קאַהאַן, אַלס רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", מאַכט יד־אחת און דערשיינט אַלס אַרויסהעלפער פון די אָפּענע און באַהאַלטענע פאַשיסטן, אָפּן־שאָפּערס און רעד־בעיטערס.

„אַב קאַהאַנ'ס דערקלערונגען וועגן פּרעזידענט הילמאַן זיינען שענד־לעכע ליגנס. די אָפּן־שאָפּ אונטערנעמער פון דער סאַוט וואָלטן צופרידן געווען צו באַצאָלן קאַהאַנ'ען אַן אוצר מיט געלט פאַר אַזעלכע סטעיט־מענטס. זיי וואָלטן אַזעלכע דערקלערונגען זייער גוט געקענט אויסנוצן (און האָבן טאַקע אויסגענוצט — ס. ל.), כדי צו אָפּשרעקן אומוויסנדיגע אַרבעטער אין די אָפּען־שעפּער געגנטן, וואו די יוניאָן פירט אירע אָרגאַ־ניזאַציע־קאַמפּעינס."

פאַרשטייט זיך, אַז לואיס האָלענדער האָט דאָס געטאָן צו באַשיצן זיך אין דער „אַמאַלגאַמייטעד", דאָס אייגענע וואָס ער זאָגט וועגן אַב. קאַהאַנ'ען איז ווי אָנגעמאָסטן אויך אויף אים אַליין.

גענאָסע „נאָקאַוט" בעקערמאַן און האָלענדער, האָבן זיך ניט באַ־נוגנט מיט מאַכן אונז ברויטלאָז, נאָר האָבן אויך באַשלאָסן אונז אויסצו־שליסן פון דער יוניאָן און אויך רעאָרגאַניזירן דעם לאָקאַל, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז דער לאָקאַל שטייט אייזן־פעסט מיט דער פּראָגרעסיווער פירערשאַפט.

אין יאַנואַר 1925 איז דער גאַנצער לאָקאַל אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער דזשאָינט באָאַרד און מיר, צוזאַמען מיט אייבראַמס'ן און נעלסאָנ'ען, האָט מען סוספּענדירט פון דער יוניאָן.

צוזאַמען מיט דעם קאַמף פון לאָקאַל 5 האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן דער גרויסער לאָקאַל פון די איטאַליענישע אַרבעטער, לאָקאַל 63, אויך די לאָ־קאַלן 24, 80 און 54. אַזוי זיינען מיר אויך געשטיצט געוואָרן פון די אַרבעטער אין די גרעסטע שעפּער ווי דזש. פרידמאַן, באַשאָוויץ, וו. פּ. גאָלדמאַן, קאָהן און לענג, אַקערמאַן, וויטי בראָדערס און צענדליגער אַנדערע.

עס זיינען אויך סוספּענדירט געווען די אַסיסטענט־מענעדזשערס זוט־קאָף און ווינער (דער אַנאַרכיסט פיליפּ ווינער, האָט גלייך שלום געמאַכט מיט בעקערמאַנ'ען און איז געוואָרן איינער פון זיינע אַדיוטאַנטן). אַזוי האָט מען אויך אַרויסגעוואָרפן אַ צאָל ביזנעס־אַגענטן פאַר זיין געגן די

גענגסטער מעטאָדן. אויך פון די ביזנעס־אַגענטן האָבן איינינע זיך שפּע־טער אונטערגעגעבן און אָנגענומען דעם בעקערמאַן־האַלענדער גלויבן . . .

דער ליטווינישער לאָקאַל, וועלכער האָט געשטיצט דעם קאַמף געגן גרעפּט, קאָרופּציע און טעראָר, האָט מען שטאַרק גע׳רודפ׳ט און אויס־געשלאָסן 9 פון זייערע טוער.

דער טעראָר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ווען לעבן דער לעיבאָר־ביוראָ אויף 10טער גאַס, זיינען געשטאַנען אַ גרופּע אַרבעטסלאָזע שניי־דער, דאָס איז געווען דער אַרבעטער־מאַרקעט פאַר אַ שטיקל צייט, האָט מען גלייך אָפּגערופן פּאַטרול־וועגענער און 24 שניידער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. די טענה אין געריכט איז געווען פון די קאָרופּטע פירער, אַז צופיל אַרבעטסלאָזע צוזאַמען קאָנען נאָך מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע געגן זיי. אינטערעסאַנט איז געווען דער טרויעריגער שפּאַס, אַז דורך אַ טעות האָבן זיי אויך אַרעסטירט אַ חזן, וואָס איז אַרויס דאָרט פון אַ שול ערגעץ.

אַזוי האָט מען פאַר דעם מינדעסטן וואָרט פון קריטיק ניט נאָר טע־ראָריזירט, נאָר בוכשטעבלעך באַנוצט זיך מיט שטאַרקע, ווי זיגמאַן און דובינסקי אין דער „אינטערנעשאָנאַל״, און קויפמאַן אַמאָל ביי די פאַריער.

אַזוי זיינען אויך צעשלאָגן און פאַרוואונדעט געוואָרן די אַרבעטער און אַקטיוויסטן: גראָסמאַן, קאָנטראָוויטש, ה. עווין, י. ראַבינאָוו, אברהם קאָלב, קאָווקאַ, לענשיטץ, קוויט, אייזן, ראָזען, סעם ראָפּ און אַנדערע.

די באַלעבאַטים האָבן געקראָגן אַ גוטע באַלוינונג פון די פירער פאַר העלפן זיי אין דעם פאַרראַט. שטיק־אַרבעט, רעדאַקשאָנס, סקעב־שעפּער איז צוריק אַריין אין דער מאָדע.

דעוויד וואולף, וועלכער איז צוריק געקומען פון די גאַראַדזש־ביזנעס אין די יוניאָן־ביזנעס, האָט צוזאַמען מיט הערי קאָהן, האַלענדער, בע־קערמאַן און מאַנאַט — אַנטוויקלט אַ פיינעם געשעפט . . .

קאַפּיטל 66

איך טראַכט פון אָנטאָן מיידלשע קליידער

ווען דעיוויד וואולף און בעקערמאַן האָבן גערופן אַ מיטינג אין עריאָן האָל גוטצוהייסן זייער האַנדלונג, און רעאָרגאַניזירן דעם לאָקאַל, האָבן מיר געוואוסט, אַז זיי פלאַנירן אונז, די אַקטיווע טוער, ניט אַריינצולאָזן. איז געווען אַ פּלאַן, אַז איך זאָל זיך אָנטאָן אין מיידלשע קליידער און אַזוי־אַרום זיך אַריינשמוגלען צוזאַמען מיט די מיידלעך פון די פאָלם־ביטש

אַרבעטער אינעווייניג צום מיטינג, און ווען עס וועט קומען דער פּאַסנדי־גער מאָמענט, זאָל איך נעמען אַ וואָרט און רעדן צו די מיטגלידער. מיר האָבן גוט געוואוסט, אַז ביים מיטינג האָבן מיר די אַרבעטער מיט אונז. אָבער אין לעצטן מאָמענט האָבן מיר געענדערט דעם באַשלוס, אַז די מיטגלידער זאָלן אינעווייניג פאָדערן דאָס רעכט פאַר אונז צו קאָנען קריגן דאָס וואָרט, ווייל דער מיטינג האָט ערשט געדאַרפט גוטהייסן זייער האַנד־לונג און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז איך גיי צום מיטינג ווי איך שטיי און גיי.

האָב איך אַרונטערגעוואָרפן די ווייבערשע קליידער און צוזאַמען מיט לואי נעלסאָנ׳ען, וועלכער איז דאַן געווען אין די פּראָגרעסיווע רייען פון די שניידער, טראָץ דעם, וואָס ער איז געווען אַנאַרכיסטיש געשטימט — אַוועקגעפאָרן צום מיטינג.

ביי דעם מיטינג זיינען געקומען די טויזנטער מיטגלידער. און כאָטש די ביוראָקראַטן האָבן זיך באַוואָרנט מיט גענוג גענגסטער און ספּעציעלע פּאָליציי, האָבן די אַרבעטער דורכגעבראָכן זיך אַ וועג, איבערהויפּט, ווען איינער פון זייערע שטאַרקע האָט מיר צעקלאַפּט, דערלאַנגט מיט אַ פאַונטנ־פּען אונטערן האַרץ, ווען איך בין געשטאַנען ביים טיר. דאָ האָבן די מאַסן זיך אַ לאָז געטאָן, דורכגעבראָכן די טיר און מיר בוכשטעבלעך אַריינגע־טראָגן אויף די הענט אין האָל אַריין. עס זיינען דאַן אויך צעשלאָגן גע־וואָרן פּאָלאָק, לעדער, נעלסאָן און אַנדערע.

די פירער פון דער דזשאָינט־באָארד, צוזאַמען מיט די גענגסטער, האָבן זיך אַזוי דערשראָקן פאַר׳ן צאָרן פון די מאַסן, אַז זיי האָבן גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער.

אין דער צייט, וואָס איך בין געלעגן באַוואוסטלאָז הינטער די קוליסן אויף דער בינע, האָט מען צוגערופן אַ דאָקטאָר. ווי גיך דער דאָק־טאָר איז אַריינגעקומען האָבן די חברה באַוויזן צו איבערשניידן די עלעק־טרישע דראָטן און ס׳איז געוואָרן פינצטער אין האָל. די קאָמיטע אונזערע האָט גלייך באַוויזן אַרויסצולויפן און קריגן ערגעץ ליכט, האָט מען אָנ־געצונדן די ליכט און ווייטער געפירט דעם מיטינג.

ווען איך בין געקומען צו זיך אַביסל, האָט מען מיר גענומען ליגנדיג נאָך אויפ׳ן באַנק און אַרויפגעפירט אַזוי אויף דער בינע מיר צו ווייזן, אַז מיר האָבן די מיטגלידער מיט אונז און מיר קאָנטראָלירן דעם מיטינג. אָבער זייענדיג נאָך אונטער דער ווירקונג פון די איינשפּריצונגען, וואָס איך האָב געקראָגן פון דאָקטאָר, האָב איך אויף דער בינע דערזען זיך, ווי איך ליג טויט און די ליכט ברענען אַרום מיר . . . האָב איך ווידער פאַרוואָרפן דעם קאָפּ און אַזוי האָט מען מיר אַהיים גענומען.

די מיטגלידער האָבן איינשטימיג צוריקגעוואָרפן די באַשלוסן פון דער בעקערמאַן־גענג, אָבער זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די מיטגלידער, ווי צום פאַראַיאָריגן שניי.

קאַפּיטל 67

אַ גענגסטער מיט אַ מאָראַל . . .

נאָך דעם ווי וואולף, בעקערמאַן און האָלענדער האָבן רעאָרגאַניזירט דעם לאָקאַל, האָט מען גענומען טעראָריזירן די מיטגלידער. די אונטער־וועלט האָט געבושעוועט סיי אין דער יוניאָן און סיי אין די שעפּער, הונ־דערטער אַרבעטער האָבן זיי געמאַכט ברויטלאָז.

די „מזוזה", יוסף שלאָסבערג, ווי די שניידער האָבן אים גערופן מיט חוזק, פאַר זיין רעדן מיט פרומע פאַרגלאָצטע אויגן, האָט לעגאַליזירט די גענגסטער. זיי פלעגן נאָך אַן אָנפאַל אויף עמיצן ווייזן אין געריכט זייערע געשעפטס־קאַרטלעך, אַז זיי זיינען שותפים צו דעם און יענעם שאָפּ. אַזוי זיינען די גענגסטער אַרומגעגאַנגען מיט אַ „כתב" פראַנק און פריי . . .

אין דעם קאַמף צו פאַרניכטן די פּראָגרעסיווע טוער, וועלכע האָבן אויפגעדעקט דורך מאַס־מיטינגען און אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע פון זייערע שענדלעכע האַנדלונגען, האָבן זיי באַשלאָסן אונז אַוועקשיקן אין שפּיטאָל פאַר עטלעכע חדשים.

איין טאָג איז געקומען אַ אונטערוועלט פּאַרשוין, וועלכער זיצט איצט צו לעבנס־לענגלעכע טורמע פאַר דערמאָרדן אַ צווייטן גענגסטער, און דערציילט נעלסאָנ׳ען, אַז מ׳האָט אים אָנגעבאָטן פינף הונדערט דאָלער פאַר צעשפּאַלטן אונז ביידע די קעפּ, אָבער אַזוי ווי ער ווייס, אַז מיר קעמפן פאַר אַן אידעאַל, האָט ער ניט קיין האַרץ דאָס צו טאָן, נאָר צו דער זעלבער צייט, האָט ער אויך ניט קיין האַרץ צו פאַרלירן אַזאַ „פאַרדינסטל" פון פינף הונדערט דאָלער. בעט ער אונז איין זאַך, מיר זאָלן זיך כלומרשט פאַרבאַנדזשירן די קעפּ און אַזוי זיך ווייזן אין גאַס, ביז ער וועט קריגן אויסגעצאָלט דאָס געלט.

אונזער ענטפער איז געווען, ניין! אָבער אַזוי ווי דער ענין איז שוין פאַר אונז געווען אויפגעדעקט, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן אַ „קאָמ־פּראָמיס". מיר זאָלן אַן אַנדערן כלומרשט פאַרבאַנדאַזשירן דעם קאָפּ און ער וועט זאָגן, אַז דורך ניט ריכטיגע אינפאָרמאַציע האָט ער געמאַכט אַ טעות און צעהאַקט דעם קאָפּ פון אַן אַנדערן פּראָגרעסיוון טוער. אַזוי

האָבן מיר אויסגעקליבן אַן אַנדערן פֿאַר דעם „קרבן“. ער האָט שוין געוואוסט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט זיך פֿאַרבאַנדאַזשירט דעם קאָפּ און דער גענגסטער האָט אַזוי געקראָגן אויסגעצאָלט פֿאַר זיין „בלוטיגער פּראַצע“ . . .

ווי גיך דער גענגסטער האָט געקראָגן די קעש, האָט ער איינגעלאַדן נעלסאָנ'ען צו געבן אים אַ „טריט“. נעלסאָן איז געגאַנגען מיט אים און געאָרדערט אין דעם רעסטאָראַן אַ „טי־באָן“ סטעיק. דעם ביין האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין קעשענע . . . אויף מאָרגן האָט ער געוויזן די חברה אַרום אָפּיס פֿון דער יוניאָן, אַז ער האָט ענדלעך אָפּגעלעקט אַביינדל פֿון האָלענדער'ן מיט בעקערמאַנ'ען . . .

קאַפּיטל 68

שיקאַגער „גענגי' גרייט זיך צו מאַכן אַ „קידנעפּינגי'

אויך אין שיקאַגאָ, ווי אין אַלע אַנדערע קליידער צענטערס, האָבן שטאַרק פּראָטעסטירט די אַרבעטער־מאַסן געגן דעם ווילקיר, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דער פּראָגרעסיווער „אַמאַלגאַמייטעד“. אויך דאָרטן האָבן גענגסטער און רעקעטירער געפּירט די גרענדע, עס האָבן געאַרבעט בשותפות די גרעפּטער, ביי די באַלעבאַטים און אין דער יוניאָן. אויך אין שיקאַגאָ האָבן זיי אויסגעשלאָסן 6 טוער, צווישן זיי דעם פּירער פּיליפּ אַרענבערג, און אַ גרויסע צאָל זייענען צעשלאָגן געוואָרן.

די פּראָגרעסיווע אַרבעטער האָבן געפּירט אַ פֿאַרצווייפֿלטן קאַמף. איין טאָג האָבן זיי מיר געלאָזט וויסן, אַז זיי האָבן אַראַנזשירט אַ מאַס־מיטינג אין טעמפּל האָל און איך דאַרף קומען רעדן צום מיטינג אין שיקאַגאָ.

ווען איך בין אָנגעקומען אין שיקאַגאָ, האָב איך אויסגעפֿונען, אַז זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט בעקערמאַנ'ען און זיי זיינען אַנטשלאָסן דעם מיטינג אָפּצוברעכן.

די שיקאַגער פּירער לעווין און ריסמאַן, וועלכע האָבן אויך געוואוסט, וואו מ'קאָן אויסגעפֿינען אַ פּאָר שטאַרקע אין שיקאַגאָ, האָבן זיך גאַנץ „שטאַרק“ אָרגאַניזירט . . .

אין אָוונט ווען מיר זיינען צוגעקומען צום האָל, האָט דער פֿאַר־וואַלטער געלאָזט וויסן דער פּראָגרעסיווער גרופּע, אַז זיי דאַרפֿן איינ־

לייגן פינף טויזנט דאָלער, אויב זיי ווילן דורכפירן דעם מיטינג, ווייל אַ „גענג" האָט אָפּגערופן און געסטראַשעט, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך אין האָל, פון אַ שטול ביז אַ שויב, וועט צעשמעטערט ווערן.

ווען די קאָמיטע האָט אַרגומענטירט, האָבן אַנדערע צוגעגרייט אַ צווייטן פּלאַץ. אַזוי האָבן אויך בעקערמאַן, ריסמאַן און לעווין, צוגעגרייט אַ צווייטן האָל פאַר זיך. די מאַסן האָבן זיך צעטיילט. די ביזנעס־אַגענטן מיט דער הילף פון דער פּאָליציי האָבן פּרובירט טרייבן דעם עולם צו זייער מיטינג, אָבער אויך אונזער מיטינג איז געווען געפּאַקט.

ווי גיך איך האָב פאַרענדיגט רעדן, זאָגט מען מיר, אַז עס וואַרט פאַר מיר הינטער די קוליסן, היימאַן שנייד, איינער פון די פירער אין דער „אַמאַלגאַמייטעד". אין יענער צייט איז ער אַלס פירער, געשטאַנען מיט די פּראָגרעסיווע, אַזוי אויך זיין פרוי. לאָזט ער מיר וויסן, אַז די „גענג" האָט באַשלאָסן מיך צו קידנעפּן, אַנטאָן אַ זאַק איבערן קאָפּ און אַראָפּלאָזן אין איינעם פון די שיקאָגער „לעיקס" . . .

ער האָט דערביי באַטאָנט, אַז זיי וואַרטן שוין פאַר מיר לעבן דעם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען.

איז וואָס טוט מען? האָט זיין פרוי מרס. שנייד פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל פאָרן צו זיי אין זייער היים און דאָרטן וועלן זיי באַשליסן וואָס ווייטער צו טאָן.

צוזאַמען מיט שנייד'ן האָבן מיר באַשלאָסן, אַז איך זאָל פאַרבלייבן נאָך עטלעכע טעג אין שיקאַגאָ. דורך דער נאַכט איז פאַרטיג געוואָרן אַ ליפלעט און גלייך אין דער פרי איז ע ר פאַרשפּרייט געוואָרן פון הונדער־טער שניידער און אַנדערע פּראָגרעסיווע אַרבעטער אַרום די שעפּער, וואו מ'האָט גערופן די אַרבעטער צו אַ צווייטן מיטינג.

דורך די פאַר טעג האָט די „גענג" דורכגעזוכט אַלע שיקאַגער האָטעלן, און אין דער צייט, וואָס זיי האָבן געהאַלטן גרייט אַ זאַק פאַר מיר, האָב איך רוהיג געשלאָפן ביי אַ פירער פון דער „אַמאַלגאַמייטעד", ביי שנייד'ן אין הויז . . .

נאָך דעם צווייטן מיטינג, האָט מען מיר פאַרטאָג אַרויסגעפירט מיט אַ מאַשין אין אַ דערבייאיגן שטעטל פון וואַנען איך בין אָפּגעפאָרן אין ניו־יאָרק.

איצט, ווען היימאַן שנייד איז געוואָרן אַ שרייפל פון דער מאַשין אין דער „אַמאַלגאַמייטעד", מוז איך זאָגן, אַז אַדאַנק אים, האָב איך זיך גע־ראַטעוועט אין שיקאַגאָ, און האָב איצט די מעגלעכקייט צו דערציילן דאָס שוואַרץ אויף ווייס . . .

קאַפּיטל 69

אַ נייע אַרבעט — זוכן אַרבעט...

די רעקטירער אין דער יוניאָן, צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים, האָבן איינגעשטעלט אַ „בלעק־ליסט”, ניט צוצולאָזן די פּראָגרעסיווע אַרבעטער צו קריגן אַרבעט אין שאַפּ.

ווען איך האָב זיך געווענדעט אין אָפּיס פון דער יוניאָן פאַר אַ דער־לויבעניש צו אַרבעטן אין טרעיד, נאָך אַזוי פיל יאָרן אַרבעט סיי אין דעם פאַך און סיי פאַר דעם אויפבוי פון דער יוניאָן, האָט האַלענדער געענט־פערט: אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט זיין אין אָפּיס, וועט ער זען, אַז איך זאָל ניט קריגן קיין אַרבעט. און אויף וויפיל ער איז געווען אויסגעבונדן און פאַרבונדן מיט די באַלעבאַטים, פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אים געווען גרינג דאָס דורכצופירן.

איך ווער אַן אַנדער מענטש...

איין טאָג איז צו מיר געקומען אַ שניידער און געלאָזט וויסן, אַז ער האָט פאַר מיר אַרבעט אין אַ פּאַסעיקער שאַפּ אין ניו־דזשוירזי. דאָס איז געווען כלומרשט אַ יוניאָן־שאַפּ, וואָס איז קאָנטראָלירט געוואָרן פון אַ ביזנעס־אַגענט מיט דער „גענג”, וואָס פלעגט ברענגען די געשניטענע אַרבעט פון ניו־יאָרק.

מאָריס נידעל, דער שניידער, וואָס האָט מיר אַרויפגענומען צו דער אַרבעט, האָט מיר דערקלערט, אַז קיין יוניאָן־ביכל דאַרף איך ניט. אין דעם שאַפּ פירט זיך, אַז דער באָס צאָלט פון יעדער „קאָפּ” אַ דאָלער אַ וואָך צום ביזנעס־אַגענט, און ער סעטלט שוין פאַר אַלעמען די דיוס אין אָפּיס... די איינציגע זאַך, האָט ער מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל אָנגעבן אַן אַנדער נאָמען און זיך היטן ניט רעדן צו קיינעם אין שאַפּ.

דעם נעקסטן טאָג בין איך געקומען צו דער אַרבעט. מ'האָט מיר גע־געבן אַ מאַשין און פאַרשריבן מיין נאָמען לואי סעמיועלס.

איך האָב אַזוי אָפּגעאַרבעט אינ'ם שאַפּ אַ צוויי וואָכן צייט.

איין טאָג, ווען איך בין אַרויפגעקומען פון מיטאָג עסן, אַ פּאָר מינוט פריער אין שאַפּ אַריין, זיינען נאָך די פּרעסער געשטאַנען צעוואָרפן אין פאַרשידענע ווינקלען און געשמועסט. ווען איך בין צוגעקומען צו מיין מאַשין זיך אויסטאָן דעם רעקל, גיט אַ פּרעסער צו מיר אַ געשריי: „האַלאָ, מיסטער ליפּצין, איר אַרבעט דאָ אין שאַפּ? גוט — — — —”

איך האָב מיין קאָפּ ניט אויסגעדרייט, נאָר איך הער ווי מאָריס נידעל,

זאָגט אים: „וואָס פאַר אַ ליפּצין? מאַכסט אַ טעות. דער מאַן הייסט גאָר מיסטער סעמיועלס."

דער פּרעסער שיסט אַרויס אַ געלעכטער: „גוטע יאָרן! ער גייט מיר זאָגן ווער דאָס איז. איך קאָן נאָך ליפּצינ׳ען פון גאָלדמאַנ׳קעס שאַפּ אין ניו־יאָרק . . .

אין די רייד האָט אַ פייף געטאָן, אַלע זיינען אַוועק צו דער אַרבעט אויף זייערע פּלעצער.

דער פּרעסער, האָט ווייזט אויס, ניט אויסן געווען מיר צו טאָן קיין שלעכטס, חלילה, נאָר פאַרקערט. ער איז געווען צופרידן פון מיין אַריינקומען אין שאַפּ. אָבער ווען ער האָט געמאַכט אַ באַמערקונג ביי דעם פּרעסער־טיש פון מיין אַרבעטן אין שאַפּ, איז דאָס גלייך געבראַכט געוואָרן צום באָס די נייעס . . .

פאַרנאַכט האָט דער באָס מיר צוגעבראַכט צום טיש אַ קאָנווערטל מיט די שכירות, באַמערקנדיג: „איך האָב מער קיין אַרבעט פאַר דיר . . ."

ווען איך האָב גענומען עפענען דאָס קאָנווערטל, האָב איך באַמערקט, אַז די שכירות איז שוין געווען אויסגעמאַכט אויף מיין „טריפ׳ענעם" נאָמען — סעם ליפּצין . . .

קאַפּיטל 70

ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל . . .

ווידער האָב איך אַן אַרבעט, אַרומצוגיין זוכן אַרבעט. אַזוי איז אויך געווען מיט די אַנדערע אויסגעשלאָסענע פון דער יוניאָן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער „בלעק ליסט" ביי האָלענדער׳ן און בעקערמאַן. זיי האָבן פאַרגעשלאָגן מיר זאָלן זיך פאַרקויפן צו זיי, ווי אַ צאָל „דזשאָב"־זוכער האָבן דאָס געטאָן. אַריינגעשפּיגן אין דעם וואַסער פון וואַנען זיי האָבן געטרונקען . . . איך האָב געענטפערט בעקערמאַנ׳ען, אַז ווען זיי וועלן זיין פאַרשפּיגן און אויף זיי וועט מען טייטלען אין גאַס מיט די פינגער, ווי אויף רעקעטירער און פאַררעטער, וועל איך זיך פילן שטאָלץ, וואָס איך וועל קאָנען ווייזן מיין פּנים אין גאַס און אין מאַרקעט צווישן די אַרבעטער.

מיר זינגען אין שטייג . . .

אין אַ פרימאָרגן, ווען איך בין צוזאַמען מיט נעלסאָנ׳ען, וועלכער איז

שפּעטער מיט זימערמאַנ׳ען און גיטלאָוו׳ן, אָווען צו די רעכטע — געגאַנ־גען זוכן אַרבעט ביי אַנדערע פּאַכן, האָט אונז באַגעגנט אַן אָפּערעיטאָר מיט׳ן נאָמען סינגער, וועלכער האָט אָנגענומען אַ קאָנטראַקט איבערצו־מאַכן פּאָליציייאישע יוניפאָרמס. מ׳האָט געדאַרפט מאַכן די קאָלנערס וועלכע פלעגן פריער זיין שטייענדיגע, אָפּגעלייגטע מיט קליאַפּן.

אַ פלאַץ אויף איינצוארדענען דעם שאָפּ, ס׳הייסט אריינשטעלן אַ פּאָר מאַשינען מיט אַ טישל צום פּרעסן, האָט ער געקראָגן אין דער בראָנקסער אַרמאָרי.

דאָ האָבן מיר געהאַט אַרבעט פאַר אַ לענגערע צייט און ניט שלעכט פאַרדינט.

איין זאַך איז נאָר געווען שלעכט, די מאַנאָטאָנקייט און דער אומעט פון די גרויסע פאַרצאַמטע ווענט און פענצטער, וואָס האָט דערמאָנט אָן אַ טורמע. דערצו דער שטענדיגער אַרומשפּאַנען פון אַן אַלטן סאָלדאַט, אַ וועכטער, וועלכער האָט געשפּאַנט מיטן ביקס אויפן פּלייצע אַהין און צוריק.

איינמאָל האָבן מיר פון לאַנגווייל ביי דער אַרבעט זיך צעזונגען אַר־בעטער־לידער. צווישן זיי: „און דו אַקערסט און דו זייסט״, פון הערוועג און י. שייפער.

„מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט !
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל —
שטייען אַלע רעדער שטיל !״

דער וועכטער, פאַרשטייט זיך, ניט וויסנדיג גענוי די ווערטער, האָט באַמערקט: „אַ וואונדערבאַרער מאַרש! אַ שאָד, וואָס איך האָב דאָס קיינמאָל ניט געהערט די סאָלדאַטן צו זינגען״ . . .

אין מיין געדאַנק האָב איך גערעדט צו זיך: עס וועט קומען דער טאָג ווען אַלע וועלן וויסן די באַדייטונג פון׳ם ליד און צוזאַמען זינגען. עס וועט קומען אַ צייט, ווען אַלע אַרבעטער וועלן וויסן דעם גרויסן כוח פון יוניאָן, פון אייניגקייט און צוזאַמען באַשיצן זייערע אינטערעסן געגן „סוועט־שאָפּ״, עקספּלואַטאַציע, רעקעטירינג און „לעיבאָר־פעיקערס״ — פאַר אַ וועלט געפירט פון די אַרבעטער פאַר די אַרבעטער!

***

מיט יעדן טאָג ווערט קלאָרער פאַר די אַרבעטער, אַז ווען זיי הויבן אויף די הענט, שטאַרקן זיך די באַדינגונגען, לאָזט דער אַרבעטער זיינע

הענט אַראָפּ, ווערט געשטאַרקט די רעאַקציע, דער באָס, דער לענדלאָרד און פּאָליטישאַן.

דער הערשנדיגער קלאַס האָט זיך „איינגעקויפט" אַ צאָל אַרבעטער־פירער, פּראָוואָקאַטאָרן, פאַררעטער, „דזשאָב"־זוכער, צי זיי זיינען יוניאָן־פּרעזידענטן, מענעדזשערס, ביזנעס־אַגענטן, צי גלאַט גרעפטער, רעקעטירער. זיי זיינען די לאַיערס פאַר׳ן באָס, וואָס לויערן אויף דעם אַרבעטער׳ס פרייהייט און ברויט.

דער אַרבעטער האָט בלויז קללות און פאַראַכטונג צו אָט די פאַררעטער און צו די געוועזענע „פּראָגרעסיווע", וועלכע האָבן ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האָבן זיך פאַרקויפט, אַוועק אויף קעסט צו די דינער פון דעם פּאַראַזיט און אויסבייטער. יעדער ערלעכער אַרבעטער וויס דאָס, אַז זייער ברויט שמעקט מיט בלוט פון עקספּלואַטאַציע, ווי דער נאַצישער זייף האָט געשמעקט מיט פעטס און ביין פון מענטשן־קינדער . . .

די צייט מוז און וועט ברענגען באַפרייאונג צום אַרבעטער פון אַלע פעלקער. דער אַטאָמישער כוח, די עלעקטריק, די זונען־שטראַלן, דער וויסן און געוויסן פון דער בעסערער מענטשהייט מוז איינגעשפּאַנט ווערן פאַר אַ פרייער וועלט, אָן מלחמות און פאַראַזיטן. דאַן וועט מען פון 4 שעה אַ טאָג אַרבעט געניסן די פולע פּרוכט, וואָס איז נויטיג פאַר אַ פרייער מענטשהייט.

די צייט קאָן אָבער ניט קומען פון זיך אַליין, אויך דעם זייגער מוז מען אָנשטעלן, אָנדרייען, ער זאָל וויזן די ריכטיגע צייט, ער זאָל אויפוועקן צום זונען־אויפגאַנג פאַרן ליכטיגן פרימאָרגן! . . .

עס וועט קומען דער טאָג, ווען די אַרבעטער, יונג און אַלט, וועלן דערציילן אין פריידן פון די בייזע טעג, וואָס — אַמאָל איז געווען . . .



אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער האָבן געשריבן וועגן סעם ליפּצינ׳ס ביכער:

מ. אָלגין (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״):

„סעם ליפּצין (אַנקל סעם), שאַפּ־אַרבעטער. איינער פון די באַליבטסטע פֿאָלקס־דערציילער און פֿאַרוויילער אויף׳ן פּראָלעטאַרישן פראָנט. אַ פּראָלעטאַ־ריער לויט זיין אָפּשטאַמונג, אַ רעוואָלוציאָנער לויט זיין וועלט־אַנשויאונג, אַ יוניאָן־טוער אין משך פון יאָרן, האָט זיך סעם ליפּצין גענומען אויספילן די פונקציע פון באַאיינפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן־גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילדלעך, שטיפעריין, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זיינען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און גערעכטן האַס צו די אונטערדריקער און מיט באַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שרייבן. ער איז ניט קיין אימיטאַטאָר. ער איז עכט. די מאַסן האָבן זיך אָפּגערופן. עדות — די גרויסע פֿאַרשפּרייטונג פון העכער אַ צענדליג ביכער און ביכלעך פון סעם ליפּצין.״

פּ. נאָוויק (אין זיין באַגריסונג, דעם 2טן מאַי, 1942):

„. . . איר, אַן אמת׳ער פֿאָלקס־שרייבער, האָט דעם יום־טוב האַרציג פֿאַרדינט. די קאָמפּלימענטן, וואָס ווערן אייך געגעבן, זיינען כשר פֿאַרדינטע — צוזאַמען מיט דער קריטיק. דאָס פֿאָלק האָט שוין לאַנג געגעבן זיין אורטייל איבער אייער שרייבן דורך העלפן אייך אַרויסגעבן 14 ביכער, דורך לייענען די ביכער.

„. . . איך האָב אַלע מאָל געזען און געפילט אין אייך דעם געטרייען אַרבעטס־מענטשן, וואָס ווייטאָגט כסדר איבער די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען געגן דעם אַרבעטער, ווייטאָגט מיט אַ וויץ אויף די ליפּן, מיט אַ שמייכל, און וואָס האָט אין די שווערסטע מאָמענטן ניט פֿאַרלאָרן די זיכערקייט אין דעם זיג פונעם אַר־בעטער־פֿאָלק.

„אייער איצטיגער בוך „קריג און זיג״ איז, חוץ אַנדערע זאַכן, אַ באַווייז, אַז ניט געקוקט אויף אייער שוואַכן געזונט, האָט איר ניט פֿאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט דער צייט, גייט אין די ערשטע רייען פון די קעמפער געגן דעם שונא פון אַמעריקע, געגן דעם שונא פון אידישן פֿאָלק — געגן דעם פֿאַשיזם. איר זייט אַ לעבעדיגער פֿאָלק־שרייבער, אין וועמענס אַרבעטן עס קלאַפּט דער פּולס פון דער צייט. אַ שרייבער, וועגן וועמען מען קאָן דאָס זאָגן, מעג זיך באמת איבערנעמען״.

ב. פענסטער (אין „סיגנאַל״):

„די פּאָפּולאַריטעט פון סעם ליפּצינ׳ס ביכלעך באַווייזט אונז — צי דאַרף מען דאָס נאָך באַווייזן? — אַז ניט קיין בעסער־געבונדענע ביכער נאָר זיין בעסער אויסגעבונדן מיט די מאַסן, מיט דער סביבה פֿאַר וועלכער מ׳שרייבט, איז דער וועג דורך וועלכן פּראָלעטאַרישע שרייבער קאָנען דערגרייכן מיט זייער וואָרט די מאַסן.״

דר. א. מוקדוני (אין „מאָרגן־זשורנאַל״):

„סעם ליפּצין איז אָבער אַריין אין פּאַרטייאישן לעבן מיט אַלע זיינע חושים און האָט די פּאַרטיי־מלחמות פֿאַרפֿאָלקסטימלעכט. ער האָט פון זיי אַראָפּגענומען די טיף־טעאָרעטישע הויט און האָט זיי געגעבן אַ לייכטע פֿאָלקסטימלעכע בייזקייט, וואָס איז אַ סך ליבער, נעענטער און טייער צום האַרצן. „ניטגעדאַיגעט״ הייסט דאָס בוך, און איך האָב באמת ניט קיין ביסל דאגה אויף אַ רפואה אין דעם דאָזיקן בוך ניט געפונען. האָפּערדיג, זיכער, גלויביג און צופרידן זיינען די מענטשן אין בוך, און דער מחבר, וואָס פירט זיי אַרויס. בין איך זיי מקנא די גרויסע זאָרגלאָזיגקייט.״

משה כיץ („מאָרגן־פרייהייט״, דעם 2טן מאַי, 1942):

„מיט וואָס צייכנט זיך אויס סעמ׳ס שרייבן? קודם כל מיט זיין אויפגע-לעבטקייט, מיט זיין אָפּטימיזם, מיט זיין קלאָרן ציל אַרויסצורופן אַ מוטיגן אָדער אַ טראָציגן שמייכל אויף אַ פאַרהאָרעוועטן פנים . . . די גאַנצע ריי נעמען ביז דעם לעצטן: „קריג און זיג״, דערציילט וועגן איין איינציגער גרונט-שטי-מונג, וועגן איין ליניע אין לעבן, וועגן אַ מענטש, וואָס בייגט ניט דעם קאָפּ און איז גרייט שטענדיג צו לאַכן . . . אַזוי איז געווען מיט 20 יאָר צוריק, ווען עס איז אַרויס פון דרוק זיין ערשטער בוך „אויף לייטיש געלעכטער״, — אַזוי איז עס אויך איצט, ווען ער האָט אָנגעשריבן אַ בוך פול מיט ברען פון אונזער צייט אונטער׳ן נאָמען „קריג און זיג״ . . . מיר דאַכט זיך, אַז ליפּצינ׳ס גע-לונגענסטער זשאַנר זיינען די מאָנאָלאָגן . . . אין זיינע מאָנאָלאָגן רעדט סעם ליפּצין מיט דער נאַטירלעכער שפּראַך פון דעם פּראָלעטאַריער-שרייבער.

„עטוואָס אַנדערש איז ער אין זיינע הומאָרעסקעס. מיר איז שוין נישט איינמאָל ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז ליפּצין האָט אַ שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת-קאָמישע סיטואַציעס אין געוויינטלעכסטע אומשטענדן, וואו אַן אַנדערן וואָלט גאָרניט איינגעפאַלן זיי צו זוכן.

„. . . סעמ׳ס איינאַקטערס זיינען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר קלובן: זיי זיינען לעבעדיג, פאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיג. . . סעמ׳ס לידער אויף פּאָ-פּולערע מאָטיוון האָבן אַלע מעלות פון זיין שרייבן: זיי זיינען פּשוט, לעבעדיג, זינגעוודיג, לאָזן זיך לייכט איבער׳חזר׳ן און זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַ גרויסן עולם״.

מ. ראַטושני („די פאָלקס־שטימע״, אַרגענטינע, 18טן אַפּריל, 1943):

„סעם ליפּצין, וועמענס באַליבטער פּסעוודאָנים איז „קוועקזילבער״, איז פאַר אונז ניט קיין פרעמדער נאָמען. עס האָט שוין לאַנג פון צפון-אַמעריקע קיין דרום-אַמעריקע אַריבערגעקלונגען זיין הילכיגער, לעבעדיגער און לוסטיגער גע-לעכטער, וואָס איז געווען „געקעמפּט און געלאַכט״.

„צולאַכעס די טרערן״ איז דער נאָמען פון דעם 15טן ביכל מיט אָריגינעלן הומאָר, וואָס ליפּצין האָט אַרויסגעבראַכט צו דער ליכטיגער שיין. דער מחבר מאַכט אַ ווערטער שפּיל און רופט עס „צע-לאַכ-עס די טרערן״, ווי ער וואָלט אונז גע-געבן די פאָרמולע ווי אַזוי די טרערן צו צעלאַכן, פאַרוואַנדלען אין געלעכטער.

„ער איז אַ שלום-עליכמ׳דיג, אַ „טונקעלערדיג״, אַ איינגנאַרטיג, „קוועק-זילבערדיג״, מיט אַזעלכע איינפאַלן ווי: „אַ דאַך אויפ׳ן קאָפּ איז שלעכט; אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ איז ניט שלעכט״. ביי אַזעלכע שטעלן ווייזט ער אַרויס אַ שלל מיט פאָלקסטימלעכקייט אין דער שפּראַך און אַמכאַדיגקייט אינעם סאָציאַלן אויס-טייטש פון די הומאָריסטישע איינפאַלן. ער איז איינער פון די פלינקסטע און שאַרפזיניגסטע פעליעטאָניסטן אויף אידיש ביי אונז זינט שלום-עליכמ׳ען. כ׳וואָלט זאָגן, אַז ער איז באַלד אַזוי אוניווערסאַל אין די הומאָרסקעס און פע-ליעטאָנען, אַז זיין מאָנאָלאָג „גוואַלד, מיינע קאָרטלעך״, וואָלט מען געמעגט אָנ-נעמען פאַר אַ בוענאָס-איירעסדיגן, לעבן דער ביורא פון נאַפט-פּאַרטייל, אָדער די איבעריגע זאַכן, צווישן וועלכע עס רירן ממש ביז טיפסטער עמאָציע דער „לודמילאַ, דאַוואַי רוטשקו״, „דער ערשטער מאַי וועט קומען״, אָדער דאָס קינ-דער-מעשה׳לע „דער וואָס לאַכט דער לעצטער״. נעמט אַראָפּ די אַנגליציזמען און לאָקאַליזמען און איר בלייבט ביי אַ מין קלאַסישן הומאָריסט פון דער צאַפּל-דיגער געגנוואַרט. דער איינאַקטער „טאַנקען״ אָטעמט ניט נאָר מיט היינט, נאָר אויך מיט נאָענטן און ווייטן ליכטיגן מאָרגן.

„דער עיקר, גיבן מיר צו, ער איז אַן עכטער פאָלקס-דיכטער, ווייל זיין הו-

מאָריסטישע און סאַטירישע אויפנעמען דאָס פּראָלעטאַרישע און בכלל דאָס יידישע מאַסן-לעבן, גיט ער איבער אין די האַרציגסטע ניואַנסן פון פאָלקסטימלעכער וואָרט-געשליפנקייט, געזאַנג, עמאָציע און פרייד".

י. ב. ביילין („מאָרגן־פרייהייט", 5טן נאָוועמבער, 1946):

„... סעם ליפּצינ'ס אַ הומאָריסטישע סצענקע איז ווי אַ העלער אויפריים אין אַ שווערן וואָלקן. יעדער פונק איז ווי לאַמטערן. זיין טראַגישע דערציילונג וועט רירן דעם פאַרהאַרטעוועטן, פאָרמאַזאָליעטן אַרבעטער און אַרויסרופן אין אים אַ נייעם צאַפּל פון געפילן און געדאַנקען. זיין אַפאָריזם וועט אים אויפטשוכען, זיין וויץ וועט אים דורכדרינגען. ער איז פאָלקטימלעך און פאַרדיילעך.

„... ליפּצין האָט אונז אויך געגעבן אַ בוך, וואָס באַקענט אונזערע קינדער מיט די שאָטנהאַפטיגע, ווי אויך ליכטיגע, זייטן פונ'ם אידישן אַרבעטער-לעבן."

פּ. קאַטאָווסקי („היינט", אַרגענטינע, 11טן דעצעמבער, 1949):

„... סעם ליפּצין איז זיך נישט מתבודד, ער איז זיך נישט מתיחד. ער איז אויסגעקאָכט מיט'ן מענטשן פון דער גאַס און דאָרט לערנט ער זיך שרייבן, לעבן און פון דאָרט שעפּט ער די אינספּיראַציע.

„... און דאָס דערגרייכט דער שרייבער אויפ'ן בעסטן אופן. דער בוך איז אַ קוואַל פון מאַטעריאַל פאַר שוישפּילער און דראַמקרייזן, ער איז אַ מזל-ברכה פאַר רעציטאַטאָרס און קולטור-אונטערנעמונגען. עס איז פּאַרטיקער מאַטעריאַל, וואָס בעט זיך ממש: נעם און רעציטיר מיך! ס'איז לעבעדיג און שפּילעוודיג. ס'איז קרומער שפּיגל. דער עולם וועט לאַכן — אָפּטמאָל פון זיך אַליין און — נישט'קשה — אויך עפּעס לערנען.

אויך שרייבער וואָלטן געמעגט עפּעס לערנען פון סעם ליפּצינ'ען, נישט צו זוכן קיין טעמעס אויפ'ן הימל, צי אין דער וויטער פאַרגאַנגענהייט, צי ערגעץ אין דער פאַנטאַזיע, נאָר נעמען די טעמעס וואָס ליגן אַזוי נאָענט, ביי דער האַנט, די טעמעס פון דער גאַס, פון דער אַרבעט, פון פאַראיין צי קולטור-צענטער, פון דער רעדאַקציע, אומעטום וואו דער שרייבער קומט. שרייבן וועגן דער אייגענער סביבה. דאָרט איז פאַראַן געגוג שטאָף, דאָרט איז פאַראַן לעבן, דאָרט — צווישן פאָלק — געפינסטו די קערנדיקע שפּראַך, דאָס זאַפטיקע פאָלקס-ווערטל, הומאָר, אָפּטימיזם, חכמה, נאַרישקייט און דאָרט איז אַלץ צאַפּלדיק, פריש און אַקטועל.

„דאָס זיינען די קוואַלן פונוואַנען סעם ליפּצין שעפּט זיין טעמאַטיק. דערפאַר איז ער שטענדיק אַקטועל, און כאָטש לאָקאַל-אַמעריקאַניש, דערקענען מיר אין זיין קרומען שפּיגל אויך קליינע מענטשעלעך פון אַנדערע לענדער, פון אונזער געזעלשאַפט, וואָס ליידן אויף די זעלבע מיחוש'ן און האָבן ענלעכע שוואַכקייטן."

כאַווער־פּאַווער (אין דער „מאָרגן־פרייהייט"):

„... איך האָב שטאַרק הנאה פון סעם ליפּצינ'ס מעשה'לעך, זיי זיינען אַזוי פּשוט, פאַרכאַפּנדיג ... זיי האָבן אַ גרויסן ווערט, ווייל דאָס זיינען שאַפּ-מעשיות, וואָס קיינער האָט זיי נאָך נים באַרירט אויף אַזאַ אופן ווי ליפּצין טוט דאָס."

„... סעם ליפּצין איז דער ערלעכער האַרעפּאַשניק מיט דעם טאַלענט פון אַ פאָלקס-זאָגער, אַ פריילעכער פאָלקס-זאָגער, פון דער משפחה הערשעלע אסטראָפּאָליער, וועלוול זבאַרזשער, און אַנדערע.

„ער לעבט אין אַ צייט פון גאַזעטן און ביכער, דרוקט מען אָפּ דאָס וואָס ער זאָגט. וואָלט ער געלעבט אין אַ צייט אָן גאַזעטן און ביכער, וואָלטן שוין אַנדערע איבערגעזאָגט דאָס וואָס ער זאָגט.

און כדי צו זיין אַ פֿאָלקס-זאָגער, מוז מען פֿאַרמאָגן אַ סך וואַרעמשאַפֿט און ליבשאַפֿט פֿאַר׳ן פֿאָלק, און ליפּצין פֿאַרמאָגט דאָס. מיט וואַרעמשאַפֿט, מיט ליבשאַפֿט, מיט שפּאַסיגקייט און שטיפֿערישקייט, קומט ער צו אונז און זאָגט זיך זיינע זאָגעכצן, און ער לאַכט צוזאַמען מיט אונז, און פֿרייט זיך צוזאַמען מיט אונז.״

יעקב מעסטל (אין „יידישע קולטור״, מערץ, 1949):

„. . . סעם ליפּצין איז דער עכטער „פּען-און-ביקסלער״, פֿון די געטרייעסטע פּראָלעט-פּעניקעס, און ער וואָלט, דאַכט מיר, קיין זאַך ניט אָנגעשריבן גלאַט לשם הומאָר. „ווען מען לאַכט בלויז פֿון מיין וויץ״, — האָט ליפּצין אַמאָל זיך אויסגעדריקט, — „פֿאַרדריסט מיך.״ אַלץ, וואָס ער שרייבט, מוז שטיין אין דינסט פֿון געזעלשאַפֿטלעכן קאַמף. שוין אַ טייל טיטלען פֿון זיינע פֿריערדיגע זאַמלונגען (און ער האָט שוין אויף זיין חשבון אַ קיימאַלן פֿון צוויי צענדליג ביכער!) זאָגן עדות דערויף: „קאַמפּסלוסטיג״, „קריג און זיג״, „מיט געזאַנג אין קאַמף״, „געקעמפֿט און געלאַכט״ און אַנדערע.

„סעם ליפּצינ׳ס פֿאַך איז הומאָר. אָבער דער עכטער קאָמיקער, האַלטן טעאַטער-מענטשן, איז אויך צוגלייך אַ טראַגיקער. טרעפֿט איר צווישן זיינע לייכטע שפּילערייען פֿיגורלעך און סיטואַציעס, וואָס רירן אייך מיט זייער טראַגיקאָמיק ביז וויטיג. אין זיין שרייבן, ווי אין זיין נאַטור, ליגט אַ ניצוץ פֿון אַ סאַטיר — האַלב-ערנסט, האַלב-שפּאַסיג. ליפּצין איז שטענדיג אַ שמייכלדיגער; אָבער אין זיין שמייכל טליעט ערגעץ-וואו אַ פֿאַרבאָרגענער צער. איז זיין הומאָר שטענדיג אַדורכגעזאַפּט מיט עפּעס אַ טיפֿן ערנסט, ווי ער וואָלט וואַרענען: ניט שטענדיג קאָן מען לאַכן! . . . אַזוי פֿאַרשטייט ער אויך אַריינצובריענגען אין זיינע ערנסטע סקיצן אַ מין „קאָמיק רעליף״ (אַ לייכטע קאָמישע סצענע אין אַ דראַמע), וואָס באַרואיגט אייך מיט אַ שמייכל. מעגלעך דערפֿאַר זיינען זיינע זאַכן אַ דאַנקבאַרער שטאָף פֿאַר פֿאָרלייענער און רעציטאַטאָרס, מיט וועלכן זיי באַנוצן זיך אָפֿט ביי זייערע אַרויסטריטן. ער שרייבט ניט נאָר פֿון און וועגן פֿאָלק, נאָר קודם כל פֿאַרן פֿאָלק. ריכטיג האָט זוני מאָוד (אין זיין פֿיינער שער-בלאַט-צייכענונג) קאַריקאַטורירט ליפּצינ׳ען דורך אַ סימבאָל פֿון אַן אויג, אויער און נאָז. ליפּצין קוקט זיך אַריין אין דער מאַסע, הערט אונטער אירע שמועסן, דערשמעקט וואָס עס טוט זיך ביי זיי אויף דער נשמה, און גיט עס דערנאָך איבער אויף זיין אופֿן, אָבער מיט די קניטשן פֿון דעם פֿאָלקס-לשון. ער טוט דאָס — ניט מעשה „קינסטלער״, וואָס קוקט אויף זיי פֿון אויבן אַראָפּ. ער איז פֿלייש פֿון זייער פֿלייש, ביין פֿון זייער ביין. ער און זיינע „העלדן״ און זיינע לייענער זיינען איינס. דעריבער הערן זיי זיך איין און באַנעמען אים. זיין אויפֿנעם-פּראָצעס איז אַ דירעקטער און זיין ווירקונג אויפֿ׳ן לייענער איז אַ דירעקטע.״

ב. ד. („ליטעראַרישע העפֿטן״, קאַליפֿאָרניע, 1950):

„. . . איך לייען סעם ליפּצינ׳ס „שפּיל צום ציל״. ליפּצין האָט אידעאָלאָגיע, וואָס ס׳זאָל די טעמאַטיק ניט זיין . . .״

„. . . אין וואָסערע אידעאָלאָגיע אַ איד זאָל זיך ניט פֿעלצן, דערקענט מען אַ אידישע נשמה, דאָס פֿאַרפֿאָלגטע אידישע נשמה, וואָס זוכט גערעכטיגקייט פֿאַר זיך, זוכט ער אויך גערעכטיגקייט פֿאַר זיין שונא, און אויסגלייכן פֿאַרביידן אַ שענערע, אַ גערעכטערע וועלט. אין זיינע סאַטירישע און הומאָריםטישע דערציילונגען געפֿינט מען פֿאַרגעניגן אין לייענען, הגם עס האָט אין אַלץ אַ טענדענץ . . .״